STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11747

# SHPENDLEKH FUN A TEYVE

Mosheh Efrati

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מ. סמבטיון
משה אפרתי



# א שפּעטער באַגינען

ראָמאַן

ISBN:0-657-11747-1

745
n.1 4111

# שפּענדלעך פון א תּיבה

# שפּענדלעך פון א תיבה

# שפענדלעך פון א תיבה

מ. סמבטיון
(משה אפרתי)

# שפענדלעך פון אַ תיבה

## ראָמאַן

אַן עפּאָפּייע וועגן לעבן פון די יידן
אין ראַטנפאַרבאַנד און אין ישראל
נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פארלאג „מפרץ" תל־אביב
תשכ״ז — 1967

דער נאָמען פונעם ראָמאַן אויף עברית:
„תהום אל תהום קורא"

I

*

©
נאָכדרוק אפילו טיילווייז פֿאַרווערט

*

הילע געצייכנט פון ש. בן־דוד

*

Printed in Israel, 1967

דפוס „אורלי", תל־אביב, טל. 32062

ערשטער באנד:

# א שפעטער באגינען

# ערשטער טייל

# קאפיטל I

טויזנט ניין הונדערט אַכט און פערציק...
...וישבו שלוש שנים אין מלחמה...

איבער דעם האַלב־חרובן כדור־העולם האָט פּאַרזיכטיק געשוועבט דאָס דריטע יאָר נאָך דער שוידערלעכער בלוט־באָד, וואָס אירס גלייכן אויף דער זינדיקער ערד איז נאָך נישט געווען, לא נהיתה ולא נראתה, למן היום הווסדה —

די וועלט איז איינגעטיילט צווישן צוויי וועלט־מאַכטן. ולאום מלאום יאמץ. אפילו אין די ווייטסטע עקן פון דעם אומענדלעך־ברייטן ראַטנפאַרבאַנד האָט מען גוט געוווסט און גוט פאַרשטאַנען, אַז כל זמן דאָס ווייסע הויז אין וואַשינגטאָן וויל נישט רויט ווערן, איז מען נאָך גענוג געווייט פון דעם „אחרית הימים״ און פון דעם „לא ישא גוי אל גוי חרב״. דער בלאָטער איז אַ בלאָטער, בעינו הוא עומד ובחזקתו הוא עומד, און ביום מן הימים וועט ער מוזן פּלאַצן! צי ער וועט אויפרייסן אויף דעם פלאַץ, ווו די אָנצינדונג געפינט זיך איצט, אָדער דער אייטער וועט זיך אַריבערוואַרפן אויף אַן אַנדער פּלאַץ פונעם קערפּער, — למעשה איז דאָס קיין שום נפקא־מינה נישט! מלאך־המוות, מה לי הכא, מה לי התם? דער חולה, ווו מען זאָל אים נישט לייגן, איז ער אַ חולה! דאָ צי דאָרט, סדנא דארעא חד הוא, אָבער איינס איז זיכער: אייטער, באשר הוא שם, מוז ער זיך דורכשלאָגן אַ וועג, אויפרייסן, אַרויספּלייצן אויף דעם אויבערפלאַך... דער גורלדיקער צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי ריזן איז אומפאַרמיידלעך...

אָבער לעת־עתה איז נאָך צו פרי צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. אין דער לופט שוועבט נאָך אַרום דער עכאָ פון די אומאויפהערלעכע

קאַנאָנאַדעס; עס שטייען נאָך אין חלל־העולם די הוראַ־אויסגעּ שרייען פון דער גאַנצער באַפעלקערונג צום סוף פון דער קריג; ביי די פירערס פון די פעלקער זענען נאָך פייכט די ליפּן פונעם קושן זיך אין די פּיסקלעך אויף די חורבות פון בערלין... ניין, ניין, ביז עפּעס וואָס גייען אָן די כללים: כל דאלים גבר; המוציא מחברו עליו הראיה און — שאַ! ס׳איז נאָך, לכל הדעות, צו פרי צו רעדן וועגן רעגולירן די חשבונות צווישן די צוויי וועלט־טיטאַנען... וועגן רויט־מאַכן דאָס ווייסע הויז אָדער ווייס מאַכן די רויטע ציגל פונעם קרעמל —

...שלוש שנים יהיה לכם ערלים, לא יאכל...

קינד און קייט, אין די ווייטע אַמעריקעס, ווייסט גאַנץ גוט, אַז אין דער וועלט־קריג איז נאָר פאָרגעקומען אַ הפסקה: אויף פינף יאָר אָדער אויף פינף און צוואַנציק אָדער אפשר אפילו אויף גאַנצע פופציק, — ביז אַ נייע גענעראַציע וועט אַריינקריכן אין מונדיר אַריין, — אָבער נישט מער ווי אַ הפסקה, אַ לאַנגער אָטעמצוג. ווייל כל זמן דער פּיסק פונעם רוסישן טאַנק שטייט אָן אָפענער כמעט אין אַלע עקן פון אייראָפּע און די לאַנגע שוחטישע פינגער פון די רויטע מושלים זענען בודק די ריאות פון אַלע איבעריקע וועלט־ טיילן מיט אַלע זייערע אונות און סמפונות און ער איז — דער פאַרבאַנד — אין רוב פאַלן נוטה צו פסקענען: אין לה תקנה, — דער וועלט, — אלא הסכין, קען נישט זיין קיין רייד וועגן קיין קשר של קיימא, וועגן אַ סיסטעם פון: אהבה ואחווה ושלום וריעות... אלא וואָס דען,ביידע קעמפנדיקע צדדים זענען נאָך מיד פונעם לאַנגיערן בלוטיקן פאַרמעסט, דאַרף מען אָן אָטעמצוג, אַ לענגערן אָטעמצוג, — אפשר אפילו אויף אַ דור די לענג, און לעת־עתה זענען ערשט בסך־הכל פאַריבער געציילטע דריי יאָר —

... שלוש שנים אות ומופת ...

— — — — — — — — — — — —

אין דער שמאָלער קאָרעטע פון דער צעמענטענער, פּאַראַגראַ־טעווער פענצטער־לאָך, איז געשטאַנען אַ קלאָרע זילבערנע לבנה מיט פולע באַקן. ווען דער לאַגערניק פון דעם קעגנאיבערדיקן בעטל האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט און צופע־ליק געעפנט די אויגן, האָט זיך אים אויף אַ ווײַלע אַ דאַכט געטון, אַז דאָס פענצטער איז נישט קיין פענצטער, די גראַטעס — נישט קיין גראַטעס און די לבנה — נישט קיין לבנה, דאָס שטייט גאָר אַ שיין יונג מיידל מיט אַ זיס ליכטיק פנימל און מאַכט חנדעלעך קעגן שפיגל... יאָ, יאָ, אַזוי איז עס! אַ שיין מיידל, וואָס דרייט זיך קעגן שפיגל און איז מיט איר גאַנצן וועזן אַריינגעטאָן אין רעפּעטירן פאַרשידענע ניואַנסן פון אירע קאָקעטישע תנועות און מאַניערן, האָט זיך דאָ גיכער אַריינגעפּאַסט פאַר אַ המשך פון זיין זיסן, פּסחדיקן חלום...

אַ מינוט, צוויי, אין אַ האַלב שלאָפנדיקן צושטאַנד, האָט ער געפּרוּווט אַליין, מיט זיין שטאַרק־אַנטוויקלטן כח־הדמיון, צו דער־וועבן דאָס אידעלע געוועב פון דעם איבערגעריסענעם גאָלדענעם חלום:

... און דאָס מיידל, וועלכע מען רופט מן הסתם טאַני, גייט אַוועק פונעם שפיגל, קוקט זיך איך אין אים, זי קוקט אַזוי און קוקט, באַטראַכט אים מתוך כובד־ראש פונעם קאָפּ ביז די פיס, און מיט אַ מאָל טוט זי אַ פּליעסק מיט די הענט און שרייט אויס אויף אַ קול:

— „זעט נאָר, ווער ס'איז געקומען! דאָס איז דאָך יוסף, יוסף כאַדאַ־בולאַקער, כ'מיין יוסף סוליקאַמסקער!" אין שטוב ווערט אַ בהלה, אַ צעמישעניש: ווער איז? ווער איז עס געקומען? יוסף? וועלכער יוסף? וואָס רעדט איר, — יוסף גאָרדאָן? איי, אַ גאַסט! אור־וואָ אַ גאַסט! ...

פון דעם פערטן בעטל אויף לינקס, איז דער שטאַל־רייניקער גראַבאָווסקי דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן צימער שלעפנדיק די איבער־

געטרוקנטע לאַפּטיעס פון גראָז אויף דעם באָרוועסן פוס און איז פאַרשווונדן געוואָרן אין באַראַקישן קלאָזעט. קיינעם אין באַראַק האָט נישט אויפגעוועקט דאָס הילכיקע שליאָנדרען פון די ברעטל־דיקע פּאָדעשוועס פון די פּאַראַיאָריקע לאַפּטיעס. אַרעסטאַנטן, קאָנצלאַגערניקעס, זענען נישט געגליכן צו קיין שפּיטאָל־חולים, וואָס פאַר זיי איז געגוג, אַז אַ קאַץ זאָל דורכלויפן דעם קאָרידאָר, אַזוי כאַפּן זיי זיך גלייך אויף. ניין, ניין! אַ קאָנצלאַגערניק, נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעאַרבעט זיינע פערצן שעה און דורכגעשטופּט דורכן האַלדז זיין „פּאַיאָק",* ווערט ער אַנטפאַלן ווי אַ סנאָפּ, ווי אַ יאַטקע־קלאָץ, דו קענסט אפילו שיסן פון האַרמאַטן און ער וועט נישט דערהערן. גראַבאָווסקי האָט זידלענדיק זיך אַ זעץ געטון מיט דער טיר פונעם קלאָזעט און זיינע לאַפּטיעס, מיט דעם זעלבן ריפּען און סקריפּען, האָבן אים דערפירט ביז צו זיין בעטל און ווידער איז די קאַמער פאַרזונקען געוואָרן אין שווערן, מידן שלאָף פון אוממענטשלעך־מידע לאַגערניקעס. ווידער האָט יוסף זיך איבערגעדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער; ווידער האָט ער באַמערקט „דאָס מיידל מיטן שניי־ווייסן פּנימל, וואָס דרייט זיך אַזוי קאָקעטיש קעגן שפּיגל" און האָט אַן אַנטשלאָסענער געעפנט ביידע אויגן. ער האָט זיך שווער איבערגעדרייט אויפן רוקן און האָט זיך אויסגעגלייכט די פאַרהילצערטע גלידער. ניין, ס'האָט נישט קיין זינען מער צו חלומען אויף דער וואָר, אַלץ איינס וועט ער שוין אַזוי גיך נישט אַנטשלאָפן ווערן, און אפשר גאָר וועט ער שוין היינט אין גאַנצן מער נישט שלאָפן. דעם אמת גערעדט איז דאָך גאָר אַן עוולה צו פאַרשלאָפן אַזאַ טייערע נאַכט — ליל שמורים! און די לבנה איז אויך אַ פּסחדיקע! אַ ווערטעלע אויסצורעדן — אַ סדר נאַכט! טאַני פלעגט פון אים לאַכן, אָבער ער האַלט זיך ביי

---

* חלק, פּאָרציע.

זיינעם — אין די סדר־נעכט ווערט אין הימל אויפגעהאַנגען גאָר אַן אַנדער לבנה; ווי שטייט דאָרטן אין דעם ביכל, וואָס שלמה האָט אים אַ מאָל געגעבן צו לייענען: „ליל בהיר בשחקים... ירח יקר הולך...״ למאי ער געדענקט נאָך... הם! וואָס ער האָט נעכטן געגעסן וועטשערע, צום „סדר״, הייסט עס, געדענקט ער שוין נישט, און מאַפּו׳ס מליצה דווקא יאָ... גירסא דינקותא לא משתכחא... אָט דעם מאַפּו׳ן איז אַ פּנים גרינג געווען צו שרייבן מליצות מיט פּאָעזיעס מיט פּאַרשידענע שעלעמויזן. ער איז זיך געזעסן אין אַ ליטוויש שטעטל ווייט, ווי אַ פּריץ אין זיין גוט, און האָט געשוועבט אין די וואָלקנס. ער וואָלט אַ בעלן געווען, יוסף, צו זען, וואָס פאַר אַ מין „אהבת־ציון״ ער וואָלט אָנגעשריבן, אָט דער באַזונגענער מאַפּו, זיצנדיק אָט דאָ, אין שכנות מיט דעם פינצטערן לאַגערנע עולם... דאָס דאָזיקע ביכל, וואָלט שוין זיכער נישט געווען אַזוי צוקערזיס... חן מקום על יושביו... ערגעץ־ווו זיצן נאָך איצט יידן ביי די סדרים. אוי וויי, וויפל סדר־נעכט עס שטופּן זיך ביי אים איצט אין זכרון, אָבער אַמשאַרפסטן האָט זיך אין זיין זכרון פאַר־קריצט און איינגעקאַרבט אין זיין נשמה מיט בלוט און מיט אייטער די כאַדאַבולאַקער „סדרים״... אין קאַרצער... גרייטנדיק זיך אין דער פרי אויפצונעמען פאָלישטשוקס פּאַרציע „אָוושאַרקע״*... ער גיט מיט די מאָזאָליעדיקע פינגער אַ פאָר איבערן שטערן — נישט כדאי אויפצומישן אַזעלכע „פריילעכע״ זכרונות... אין בין שבת ליום־טוב אלא אוכל־נפש בלבד... שבת היא מלזעוק... און צו וואָס זאָל ער זיך עס אָנהייבן גריבלען אין די אַלטע ווונדן? עס גיט עפּעס? עס קען עפּעס זיין אַ נוצן דערפון? ווייס איך, מה שעבר אין... היינט לעבט ער דאָך שוין ווי אַ מענטש... ער קען זיך דאַכט זיך אויף זיין גורל נישט באַקלאָגן... חוץ זיין שאָדן, אויף אַלע

---

* דרעסירטע יאַגד־הינט.

יידישע אַרעסטאַנטן געזאָגט געוואָרן... און פּאָנאָמאַרענקאָ איז דען נישט איינער פון די חסידי אומות־העולם? ער אַליין, יוסף, קען דען האָפן אויף אַזאַ חלק לעולם־הבא, ווי דער נאַטשאַלניק פון זיין לאַגער, סערגיי איוואַנאָוויטש פּאָנאָמאַרענקאָ?

און ער דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ער איז אין יענעם פאַרנאַכט, פּורים־צייט, נאָכגעגאַנגען דעם נאַטשאַלניק זיינעם, ווען יענער איז געגאַנגען צו זיין אויטאָ, און ער האָט נישט דרייסט אַרויסגעשטאַמלט:

— בירגער נאַטשאַלניק, איך קען אייך פאַרהאַלטן אויף צען מינוט?

— און דאָס איז דען אומבאַדינגט נייטיק דווקא היינט? איך האָב בילעטן אין טעאַטער אַריין —

— ניין, עס קען זיין מאָרגן.

— נו, טאָ קום אַריין צו מיר מאָרגן פאַרן מיטאָג־איבעררייס. איך וועל אָנזאָגן דעם נאַטשאַלניק פון דער לאַגער־וואַך, אַז מען זאָל דיר נישט מאַכן קיין שוועריקייטן —

און ווען ער האָט אויף צו מאָרגנס נאָר אַריבערגעטראָטן די שוועל פון נאַטשאַלניקס קאַבינעט, האָט יענער אים באַגעגנט מיט זיינע טיפע און ערנסטע אוקראַינישע אויגן:

— איצט זאָג מיר, גאָרדאָן, וואָס האָסטו געוואָלט בעטן ביי מיר?

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך וויל עפּעס בעטן?

— ס׳איז געווען גענוג אַ קוק צו טון אויף דיר... ביי דיר איז אַלץ אָנגעשריבן אויפן פּנים...

— יאָ, איך האָב צו אייך, בירגער נאַטשאַלניק —

— דאָ, אונטער פיר אויגן, קענסטו מיך רופן סערגיי איוואַ־נאָוויטש... איך בין דאָך דאַכט זיך נישט מיט קיין הערנער, האָ?

— בירגער נאַטש... כ׳מיין סערגיי איוואַנאָוויטש, נישט נאָר,

וואָס איר זענט אָן הערנער, נאָר איר זענט צו מיר בעסער ווי אַן אייגענער ברודער —

— אַלזאָ —

— אַלזאָ... אין עטלעכע וואָכן אַרום איז ביי אונדז פּסח...

— ביי אונדז אויך! איז וואָס זשע איז?

— דאַרפן מיר פאַסטן אַכט טעג נאָך אַ נאַנד —

— כ׳פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט —

— איר דערלויבט מיר אייך אַרויסצולייגן אַלץ?

— אַלץ, אַלץ לייג אַרויס, ווי פאַר דעם „באַטיושקאַ״!*

— אַ מענטשן, כ׳מיין אַ יידן, וועלכער היט אָפּ זיין רעליגיע אין בוכשטעבלעכן זינען פון וואָרט, איז פאַרווערט צו עסן ברויט... און בכלל אַלץ... וואָס איז נישט פּסחדיק... מילא, ווייסן מיר שוין, אַז מען וועט מוזן אויסקומען מיט דער פאָרציע צוקער און מיט וואַסער. דאָס איז שוין ביי אונדז כמו ווי אַ רגילות אַזאַ. אָבער איין זאַך פון דעסט וועגן וואַגן מיר יאָ צו בעטן ביי אייך —

דער נאַטשאַלניק איז געזעסן אומבאַוועגלעך, די רעכטע באַק אונטערגעשפּאַרט מיטן קולאַק און האָט עקשנותדיק געשוויגן.

— מיר ווילן בעטן ביי אייך, איר זאָלט אונדז אַלע צוזאַמען אַרויסגעבן איין און איינציקע קילאָ מעל און אונדז געבן אַ מעגלעכ־קייט זי אַליין אָפּצובאַקן... אויף אונדזער שטייגער זי אָפּצובאַקן... דאַן וועט דאָס געבעקס זיין כשר לפּסח... דאָס איז ביי אונדז אַזוי חשוב... אַזוי חשוב... ממש ווי די פרייהייט... כמעט כמעט ווי די פרייהייט...

פאָנאָמאַרענקאָ האָט לאַנג און דורכדרינגענדיק געקוקט אויף אים. ענדלעך האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ הייזעריקלעכער שטימע:

— ערשטנס... יאָ! זאָג מיר נאָר, דו האָסט דאָ עטלעכע מאָל

---

* אַ גלח, פאַר וועלכן מען איז זיך מתוודה.

איבערגעחזרט: „מיר”, „מיר”... ווער איז דאָס דער „מיר”? ס׳איז זיך אַליין אירצסטו עס?

— ניין, בירגער נאַטשאַלניק, מיר זענען דאָ אין לאַגער זעקס מענטשן אַזעלכע —

— האַ?

און נאָך אַ שווערער פּאַוזע:

— אַן אומלעגאַלע סעקטע, הייסט עס? אַן אָרגאַניזאַציע?

— קיין שום אָרגאַניזאַציע! דאָס זענען די זעלבע מענטשן, וועלכע בייטן זיך אויף שבת מיט די וואַכטעס... מיט אייער נישט אָפיציעלער דערלויבעניש... סערגיי איוואַנאָוויטש, איך גיב אייך מיין ערנוואָרט —

— גיי איצט צו דער אַרבעט און מאָרגן אין דער זעלבער צייט ברענג מיר אַ ליסטע פון דיינע מענטשן און אַ ליסטע פון די פּראָדוקטן, וועלכע איר מעגט אין אייער „פּאַסקאַ” יאָ עסן! נאָר אייך זאַך געדענק, זהיר וזהיר, — קיינעם ני גור־גו! *

יאָ, סערגיי איוואַנאָוויטש איז אין סוליקאַמסקער לאַגער געווען אַ פּנים־חדשות. ער האָט נישט געקענט געדענקען פון די פריערדיקע יאָרן, וואָס גאָרדאָן מיט זיינע מקורבים מעגן עסן אום פּסח און וואָס זיי טאָרן נישט. דער געוועזענער נאַטשאַלניק איז שוין געווען אַ בקי אין דער אייגנאַרטיקייט פון יעדן יידישן יום־טוב באַזונדער. ער האָט טאַקע מיטן בעסטן ווילן איבערגעגעבן פּאָנאָמאַרענקען זיין פּאָסטן — צוועלף יאָר אויף איין אָרט איז איבער גענוג! — דאָס האָט ער טאַקע אים בסוד מודיע געווען, אַז מיט אָט דעם גאָרדאָנ־טשיקן דאַרף מען זיך באַגיין אַ ביסל אַנדערשער, ווי מיט אַלע איבעריקע לאַגערניקעס. אַז אָט דער גאָרדאָן, דאָס איז אַזאַ פייער, אַזאַ ברען, וואָס קען ממש באַווייזן וווּנדער, וואָס קען פאַרשטעקן

* כמו: קיינעם קיין רמז נישט! פּתח שין — שאַ!

אַלע בריגאַדירן מיט אַלע סטאַכאַנאָווצעס אין איך בוזעמטאַש; אָבער אים נאָך איבערגעבן גענוי, וואָס גאָרדאָנען איז דערלויבט צו עסן פּסח און וואָס נישט — האָט ער „פאַרגעסן"...

גאָרדאָן דערמאָנט זיך, מיט וואָס פאַר אַן אומגלויבן ער האָט געטראָגן די ליסטע צום נאַטשאַלניק. ווען נישט די מצוות־עשה פון „מצות תאכלו", ווען נישט דאָס וואָס ס'איז מדאורייתא צו האָבן אַ כזית אויף „אכילת מצה", וואָלט ער צו אַ פרעמדן מענטשן גאָר נישט געגאַנגען מיט אַזאַ ווילדער בקשה, ווי: צושטעלן זיי מעל, דערלויבן זיי צו מאַכן אַן אייגענע בעקעריי... אַזאַ אַבסורד אין אַ סאָוויעטישן קאָנצלאַגער ראַצט דאָך ממש די אויערן...

און וואָס איז טאַקע געוועזן דער סוף? אליהו הנביא האָט זיך צו זיי באַוויזן אין דער געשטאַלט פון אַ נאַטשאַלניק און שוין! אפילו ער, יוסף גאָרדאָן, מיט זיין משוגענער פאַנטאַזיע, האָט נישט געקענט אויספאַנטאַזירן אַזאַ ישועה אויף יידן. נישט אַנדערש טאַקע, נאָר אָט דער כלומרשטער פאָנאָמאַרענקאָ איז אַ פאַרשטעלטער מלאך פון זיין ליבן נאָמען, וועלכער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין אָט דעם עמק הבכא ספּעציעל מיט ד ע ר שליחות: פאַרגרינגערן יידן צו בלייבן ביי זייער ביסל יידישקייט!

קודם האָט דער נאַטשאַלניק זיך געזען מיט דעם הויפּט־דאָקטער פונעם לאַגער. פון זייערע פאַרשידענע קאָרפּוסן זענען אַרויסגערופן געוואָרן די אָנגעגעבענע אויף דער ליסטע זעקס מענטשן און מען האָט זיי גלייך פונעם ערשטן קוק אַנערקענט פאַר „אָרעמבלוטיקע לויט דער ערשטער קאַטעגאָריע". אויפן צווייטן טאָג האָט יעדער פון זיי באַקומען אַן אָרדער אויף דער באַזע. יעדער האָט באַקומען צוגעטיילט טאָג־טעגלעך אַ ביסל ציבעלעס, קאַרטאָפל, בורעקעס און אַ פּאָר מאָל אויף יעדן „קאָפּ" אַ דיניע'קעלע, די גרייס ווי אַ באַר. אָט די גאַנצע קראָם פלעגט אין משך פון דריי וואָכן צונויפגעטראָגן ווערן צו אים, גאָרדאָנען, אין סקלאַד אַריין. דאָרט, אין

אַ פאַרוואָרפן ווינקל, איינגעדעקט מיט אַ ראַגאָזשע, האָט זיך גע־קליבן אָט דער אוצר לכבוד פסח. איצט האָבן זיי אַ „קעלער" מיט קאַרטאָפּליעס און מיט ציבעלעס און מיט שאר־ירקות, — אויף אַלע יידישע באַלעבאָסטעס געזאָגט געוואָרן נישט ערגער! מילא בעסער האָט דאָך נישט קיין שיעור... מען קען די אַכט טעג פסח עסן אויףביידע באַקן און עס זאָל נאָך אַלץ איבערבלייבן אַ גוזמא מיט פּראָדוקטן! אין דער לעצטער וואָך פון ערב־פסח האָט אים דער נאַטשאַלניק געהייסן אים דערלאַנגען אַ ראַפּאָרט, אַז דאָס אויפגע־עפנטע פעסל אָכרע* איז אַזוי שיטער, אַז ס'איז אוממעגלעך מיט דעם זיך צו באַנוצן אין דער אַרבעט. דעם נאַטשאַלניקס רעזאָלוציע אויף דעם ראַפּאָרט איז געווען: „אין סקלאַד פון די שפּייז־פּראָ־דוקטן! אַרויסגעבן צען קילאָ מעל אויף צומישן צו דער פאַרב"... די מעל האָט מען באַהאַלטן פון אַ שלעכט אויג אין אַ ליידיק קעסטל פון טשוועקעס, אויסשפּרייטנדיק אין דעם פריער אַן אַלט העמד, און דריי נעכט נאָך אַ נאַנד האָט ער מיט זיין חבריא געבאַקן מצות. פאַר אַלע לאַגערניקעס האָט עס געהייסן, אַז נאָך די אַרבעטס־שעהן מאַכט מען אָרדענונג אין סקלאַד, — עס גייט דאָך עפּעס דער ערשטער מאַי! — אָבער אין דער אמתן האָט מען אין אַ וויטן ווייטן הינטער־די־טרעפּ־ווינקל אויסגעגראָבן אַ היפּש גריבל; מען האָט פון אַ בויגן צינקענעם בלעך אָפּגעשפּאַלטן אַ גענוגנדיקן פּירעק און מען האָט געבאַקן מצה מיט אַלע הידורי־מצווה: מיט מים שלנו, מיט הלל זאָגן און מיט געוויין... דער עיקר טאָקע: מיט געוויין... מיט אַ ים פון טרערן... ער, יוסף, איז צווישן זיי דער זקן־הדור; אָפּגעפינצטערט כמעט פולע צען יאָר! און זיי זענען נאָך יונגינקע: ווער פינף יאָר, ווער זיבן און איינער, ס'איז פּשוט אַ בזיון צו דערציילן, — בסך הכל קאַרגע דריי יאָר... האָט מען אים, יוספן,

---

* ביליקע געלע פאַרב.

מקנא געווען, וואָס ער פּראַוועט שוין דעם לעצטן סדר הינטער גראַטעס און מען האָט נאָך שטאַרקער געוויינט: — ווער וועט זיי שוין איבער אַ יאָר מזכה זיין מיט מצות? און ער אַליין, יוסף, האָט אויך פאַרלוירן אַ טרער... צען יאָר איז נישט קיין טאָג! צען יאָר איז אַ גאַנץ לעבן! ניין, צען לעבנס!

אַזוי, צי אַזוי — מצות האָבן זיי, ברוך השם, בשפע, — אַ ווער־טעלע אויסצורעדן: צען קילאָ מעל! — כאָטש אַ פאָלק סאָלדאַטן אָנצוהאָדעווען... דעם ערשטן סדר האָבן זיי געפּראַוועט ביי אים אין באַראַק ביז האַלב צוועלף. מען האָט געמאַכט קידוש אויף מצה, געזאָגט שטיקער „הגדה" בעל פּה, געזאָגט „שפוך חמתך", געזאָגט „נשמת", אפילו געזונגען „חד גדיא", בכלל אַלץ וואָס איז נאָך נישט אָפּגעווישט געוואָרן פונעם זכרון. אויף צו מאָרגנס איז אַ ביסל פאַרשטערט געוואָרן זייער שמחה. דער נאַטשאַלניק האָט אים געשיקט רופן צו זיך, און שטרענג, ווי נאָך קיין מאָל נישט ביז אַהער, געוואָרנט:

— ווען נישט דו, נאָר אַ צווייטער פּראַוועט ביי זיך אַזאַ „וועטשערינקע",* ווי דו האָסט נעכטן געפּראַוועט, ווערט ער שוין אָפּגעשיקט אין קאַרצער אַריין אויף אַ וואָך צייט! ווער פּראַוועט עס אַזעלכע אָרגיעס אין אַ סאָוויעטישן קאָנצענטראַציע־לאַגער? איך זאָל מער נישט הערן פון אַזאַ הפקרות, דו הערסט? 9³⁰ אויף דער נאַכט דאַרף דער גאַנצער לאַגער שלאָפן מיט אַ שווערן אַרעס־טאַנטן־שלאָף. מען טאָר אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער נישט זען קיין לעבעדיקן נפש חוץ אין די צעכן און די וועכטער! פאַר־שטאַנען? אָט דאָס דינט איר מיר אַזוי אָפּ פאַר מיין זיין גוט צו אייך?

דינא דמלכותא דינא! איז מען שוין צום צווייטן סדר „געזעסן"

* אַ הוליאַנקע, אַ רווישיקע מסיבה.

נאָר ביז האַלב צען... אין דעם „זאָגעכטס“ האָט מען געמאַכט „אַ שטאָך און אַריבער“ און צען איז ער שוין געשלאָפן און איצט, קוים האָט ער זיך שוין אויפגעכאַפּט, וועט ער שוין מן הסתם צוריק נישט אַנטשלאָפן ווערן...

יוסף גאָרדאָן האָט זיך ווידער אומגעקוקט אויף דעם „שיינעם מיידל מיט די קאָקעטישע מאַניערן, וואָס דרייט זיך קעגן שפּיגל פון יענער זייט גראַטעס“ און האָט זיך אַזש אויפגעזעצט פאַר איבערראַשונג — „דאָס מיידל“ האָט פאַרדרייט איר זיס פּנימל פון אים. קוים־קוים וואָס מען האָט נאָך געקענט באַמערקן אַ קליין, פּיצעלע אויערל... אַך! — האָט יוסף אַ שטילן קרעכץ געטאָן — שוין באַלד פאַריבער אויף די צווייטע סדר־נאַכט... ער פילט, אַז שלאָפן וועט ער שוין היינט זיכער נישט, וואָלט ער כאָטש אַרויסגעגאַנגען אין הויף אַריין, זיך צוגעזעצט אויף אַ טרעפּ און סתם אַזוי אַ ביסל געקוקט אויף דער פּסחדיקער לבנה, — טאָר מען דאָך נישט! ביז 5³⁰ טאָר קיין לעבעדיקער נפש זיך נישט געפינען אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער, חוץ אין די צעכן און די וועכטער! פאַרפאַלן! וועט ער שוין אַזוי מוזן ליגן — אַן אַנדער ברירה האָט ער? כיוון דדש דש...

נאָך דעם, ווי די לבנה האָט אָפּגעקערעוועט איר ליכטיקע צורה פונעם שמאָלן פענצטער־חלל, איז אין באַראַק געוואָרן ימש־חושך. די שלאָפנדיקע אַרעסטאַנטן האָבן פונקט ווי תחילת־נאַכט שווער און פיינלעך געשנאָרכט מיט די נעזער און אָנגעפילט דעם ענגן צימער מיט אַ מאָנאָטאָנעם אומהיימלעכן ניגון. גאָרדאָן האָט זיך אָפּגעוואָרפן צוריק אויף דעם שטרויענעם מאַטראַץ און האָט געפּרווט אַ ביסעלע פאַרקוקן אין זיין נאָענטן עתיד. עפּעס אַ שפּאַס אַ זאָג צו טון — דער צענטער פּסח אונטער דער ביקס! אָבער מיט גאָטס הילף אויך דער לעצטער. זעלבסטפאַרשטענדלעך — אויב ער וועט זיך פאַר די דריי חדשים, וואָס זענען אים נאָך איבערגע־

בליבן, נישט פאַרזינדיקן... אָבער שטותים! אויב ער האָט ניין יאָר מיט ניין חדשים אַראָפּגעפּטרט אָן זינד, קען מען שוין שטעלן אויף דער חזקה, אַז ער וועט שוין איצט אויך נישט קאַליע מאַכן... דערצו איז די גאַנצע נאַטשאַלסטווע גוט צו אים. אמת, ער איינער אַליין אַרבעט פאַר צען, ער איז די נשמה פונעם גאַנצן לאַגער. די אַרבעטער זענען זיך שואל־עצה ביי אים גיכער ווי ביי זייערע נאַטשאַלניקעס... הייסט עס, נאָך אַ קנאַפּע מאה טעג און „אַהיים, אַהיים, צו דער מאַמעניו"... און וואָס עפּעס נאָר צו דער מאַמען? און ווו איז דער טאַטע זאָל לעבן? און די שוועסטער זאָל געזונט זיין? היינט — טאַניטשקאַ? זיין ליבע און טייערע טאַניושאַ?

ער גיט אין געדאַנק אַ וואָרף איבער דעם חשבון: אים האָט מען צוגענומען מיט אַ יאָר פּ אַ ר איר; זי האָט אָבער באַקומען נישט קיין צען, נאָר אַכט יאָר — מיט צוויי יאָר ווייניקער פון אים, היוצא לנו מזה, אַז זי איז שוין אַ גאַנץ יאָר אין דער היים און רוט זיך אויס די זיסע ביינדעלעך... כאָטש דעם אמת גערעדט, אַז מען האָט אַ פּאַראַליזירטע מאַמע און דאָס עניות אין שטוב בלאָזט אַריין דורך אַלע שפּאַלטן און פייפט אין אַלע ווינקעלעך קען מען זיך צו פיל נישט אָפּגעבן מיט דעם רועניש... קען נישט זיין די „מנוחה שלמה שאתה רוצה בה"... ביי אים איז פעסט באַשלאָסן געוואָרן: נישט אָפּגעבן זיך מיט אָט די פוילע נאָכווייעניש, ווי: זיך אָפּרוען און אויסרוען, זיך אַרומקוקן און אויסקוקן, זיך צוהערן און איינהערן און דערווייל גייט אַוועק אַ שאָק מיט חדשים, — ניין! ער האָט פיינט פוילע שטיק! ביז אַ וואָך נאָך זיין קומען מוז ער קריגן אַ פּאָסטן און ביז צוויי וואָכן — שטעלן אַ חופּה! סיי ער, סיי טאַני האָבן פאַר די לעצטע יאָרן געענוג זיך אָנגעליטן, און ס'איז שוין טאַקע צייט צו האָבן אַן אייגן ווינקעלע. זיי זיינען שוין נישט קיין פּיצעלעך קינדערלעך, ווען ס'איז שנים כתקונם וואָלטן זיי שוין געקענט האָבן אַ טאָכטער צו לייטן... ער זאָגט דערפאַר אַ טאָכטער,

נישט קיין זון, ווייל אַ מיידל מאַכט מען פרי חתונה... ער האָפט שטאַרק, אַז אַ פּאָסטן וועט ער לייכט קריגן... נאָך אַזאַ בלוטיקער מלחמה איז מן הסתם אַ היפּשער מאַנגל אין מענטשן... און ער איז דאָך עפּעס נישט פון די לעצטע... ער קען אפילו לכתחילה מסכים זיין אויף אַ נידעריקן געהאַלט און דערנאָך, אַז מען וועט קומען צו אים „קוילען די כפרות״, וועט ער זיי זאָגן „ברחל בתך הקטנה״: איר קענט באַצאָלן אַזוי פיל און אַזוי פיל, איז מה־טוב; ניין? פייף איך אויף אייער יידן און טראָגט זיך אָפּ צו אַל די רוחות; היינט איז ער דאָך אין קיעוו עפּעס נישט קיין פרעמדער! ווער אַ שטייגער וועט נישט חשק האָבן צוהעלפן גאַרדאָנען זיך איינצואָרדענען? זעליק פייגנבוים וועט קריכן פון דער הויט! עפּעס אַ קינפּטיקער שוואָגער, — מבשרך לא תתעלם! — שלמה פּיאַטיגאָרסקי וועט איינלייגן וועלטן! און שלמהס שוואָגערלעך? און אברהם שאַרפשטיין? ווער נישט? יעדער איינער וועט וועלן האָבן אַ חלק, כאָטש צולייגן אַ פינגער צו זיין איינאָרדענונג נאָך אַזעלכע לאַנגע צען יאָר... דאָס איז ביי אים קיין ספק נישט, אַז אַלע האָבן זיך אין אָנהייב פון דער מלחמה עוואַקויִרט און אַלע האָבן זיך צוריקגעקערט קיין קיעוו און וווינען צוריק: איש על מתנהו ואיש על דגלו... וואָרעם ווער גייט עס איבערבייטן אַזאַ פּרעכ־טיקע שטאָט ווי קיעוו איז, און אַזאַ וואַרעמע סביבה ווי אין אָט דעם געליבטן קיעוו? אמת, ער ווייסט גוט, אַז עס דערוואַרטן אים דאָרט מן הסתם געווים ביטערע איבערראַשונגען, עפּעס אַזאַ מלחמה דורכגעמאַכט! עפּעס אַזאַ שונא־ישראל ווי היטלער אומגעבראַכט; בהדי הוצא לקי כרבא,* אַז מען האַקט דעם וואַלד, פליען שפּענער... אמת, אין די איינציקע צייטונגען, וואָס זענען אַהער אַריינגעשיקט געוואָרן אין דער צייט פון דער קריג, איז נישט דערמאָנט געוואָרן

* אַז מען קאָרטשעוועט אויס די דערנער, ווערט ממילא געטראָפן אויך די קרויט. אַ מאמר פון דער גמרא.

מיט קיין רמז דרמיזא וועגן אומבראַנגעגנען יידן חלילה... אויב ערגעץ איז וועגן דעם יאָ גערעדט געוואָרן, האָט זיך דאָרט נאָר געהאַנדלט וועגן דער „אָרטיקער באַפּעלקערונג"... נו, אָרטיקע באַפּעלקערונג קען דאָך מיינען: אי יידן, אי נישט יידן... ס'איז דען מדאורייתא, אַז ווו נאָר עס שטייט: „כי ימצא חלל באדמה", מוז דאָס זיין אחד מבני־ישראל? על פי שכל ועל פי לאָגיק מוז מען דאָך רעכענען, אַז די דייטשן זענען נישט געגאַנגען הרגענען מענטשן סתם אין דער וועלט אַריין, יעדע מלכות הרשעה, — זי מעג דיר זיין ווי שלעכט און ווי פאַרדאָרבן, — האָט זי דאָך פון דעסט וועגן עפּעס אַ מין שיטה און עפּעס אַ מין מידת־הדין... ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, אַז אויף וועמען מען האָט געהאַט בלויז אַ מינדסטן פאַרדאַכט, אַז ער האָט ביי די רויטע געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז געוועזן — אחת דתו! אָבער די מענטשן, צו וועלכע ער פאָרט און וועלכע ער באַגערט צו טרעפן בשלמות, האָבן דאַכט זיך אויף זיך אַזאַ פלעק נישט געקענט האָבן... און ווידער, וואָס רעדט ער פאַר אַ שטותים? משוגע זענען זיי געוועזן צו בלייבן זיצן אין קיעוו און אַרויסקוקן אויף היטלערס חסדים? ווייס איך וואָס, אַזעלכע שוטים האָט ער דאָרט נישט איבערגעלאָזט! ס'איז בלתי ספק, אַז אַלע האָבן זיך בשעתם עוואַקואירט און אַלע האָבן זיך בשעתם אומגעקערט און אַלע וועלן זיי אים אויפנעמען בנחת־רוח, בשירה ובזמרה... ס'איז נאַריש און ווילד אפילו גאָר צו קלערן אַנדערש; לב חכם לימינו — און אים, יוסקן, האַלט די וועלט פאַר אַ שטיקל חכם...

גאָרדאָן קוקט זיך אום אויפן פענצטער, זיך פיבערדיקער בליק זוכט דעם ביינאַכטיקן „שפּיגל" און דאָס ביינאַכטיקע „מיידל" — ווער? וואָס? ס'איז שוין גרויסער טאָג; אין די צעכן האָט שוין געקערט פאַרטרעטן די ערשטע וואַכטע, כאָטש ער געדענקט עפּעס נישט, אַז די סירענע זאָל שוין האָבן געפייפט... אַ ברייטער געגעץ

צערייסט אים דאָס מויל, — נישט געשלאָפן פון האַלבער נאַכט אָן. ער שלאָגט זיך מיט דער דעה: זאָל ער שוין אויפשטיין און דאַוונען, צי נאָך פּרווון כאַפּן אַ דרימל און שפּעטער דאַוונען? אַלץ איינס איילט ער זיך נישט אין ערגעץ, ער אַרבעט דאָך היינט נישט; מקרא קודש יהיה לכם, כל מלאכת עבודה לא תעשו! ער דרייט זיך אַלץ פון איין זייט אויף דער צווייטער און ישובט זיך אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז ער באַשליסט גלייך אויפצושטיין און גלייך צו דאַוונען. ער איז שוין אַזוי געוווינט געוואָרן צו דאַוונען „וותיקין", אַז ער וויל נישט משנה זיין מן המנהג אפילו נישט לכבוד יום־טוב. דער הייליקער ריזשענער, זכר צדיק לברכה, פלעגט יעדן צו ענטפערן אויף אַזאַ שאלה: ס'איז גלייכער צו דאַווענען „כעלות", ווען דער אוויר־העולם איז נאָך קלאָר און לויטער, איידער שפּעטער, ווען דער חלל־העולם ווערט אָנגעפילט מיט שקרים וכזבים, מיט חניפה און לשון־הרע, מיט ליצנות און ניבול־פה. דאַן איז שוין שווערלעך זיך דורכצוברעכן אַ וועג צו די שערי־רחמים, דאַן דאַרף מען שוין האָבן ברייטע פּלייצעס מיט געזונטע עלנבויגנס... ס'איז קראַנטער נישט צו ריזיקירן. אין סומכין על הנס... טוט ער אַזוי, יוסף, מימים ימימה... און חוץ דעם איז דאָך היינט עפּעס נישט קיין אַבי וועלכע תפילה, נאָר מיט „נשמת" און מיט „הלל" און מיט אַ צווייטער שמונה־עשרה! ווען ער געדענקט נאָר אויף אויסנווייניק, וואָלט ער נאָך געזאָגט „שיר השירים" אויך, — אמת, אויף דער גרויסער ערד, צווישן אנשים מן הישוב, זאָגט מען דאָס ערשט שבת־חול־המועד, אָבער ער איז נאָך שולדיק דעם רבונו־של־עולם די שיר השירים'ס פון ביידע סדרים־נעכט, — אָבער פון אָט דעם „געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען" געדענקט ער קוים איניקע פסוקים...

גאָרדאָן האָט זיך אָפּגעגאָסן בעגלוואַסער און איז אַרויסגעגאַנגען פונעם באַראַק, — יאָ, עולם כמנהגו נוהג, דער גרויער און האַמעט־

נער און פּאַרטויבנדיקער לאַגער־טאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן. פאַר זיינע אויגן צעוויקלט זיך דאָס זעלבע בילד פון אַ גאַנץ יאָר... פון גאַנצע צען יאָר... און ערגעץ איז ביי דער וועלט פּסח! ערגעץ, גאָר נישט אַזוי ווייט פון דאַנען, שטעלן זיך איצט דאַווענען מנינים מיט דעם יומטובדיקן „המלך״ —

ער דערשטיקט אין האַלדז אַן אַלטגעבאַקענעם זיפץ און קערט זיך אום צוריק אין באַראַק אַריין, אין זיין אייביקער רו אַריין —

*

פון די איבערגע׳שרפ׳עטע הימלען איז ווי אַן אָנגעגליטע פייערפאַן אַראָפּגעהאַנגען אַ נאָכמיטאָגדיקער יולי־טאָג. סיי די אַר־בעטער אין די ריזיקע צעכן; סיי די בוי־אַרבעטער ביים לייגן די ציגל; סיי די שטאָלגיסער ביי די קאָטלאָוואַנעס;* סיי די קאָנוואָי־אירטע אַרבעטס־באַטאַליאָנען אויף די באַן־אָנשיטן ביים לייגן די רעלסן אָדער ביים פּאַרטיפן די קאַלכגרובנס און די ליימגרובנס — אָט די אַלע צענער טויזנטער אַרבעטער פון סוליקאַמסקער קאָנצ־לאַגער האָבן געפילט, אַז טאָמער קומט נישט קיין ראַדיקאַלער אי־בערבראָך אין אָט דער עקוואַטאָריאַלער היץ, וועט זיין שלעכט! מען וועט גיין אין די קאַרצערס אָפּקומען די שטראָף און אַרבעטן נישט קענען! ס׳איז פּשוט נישט פאַר קיין מענטשלעכן כח...

שווער און אומענדלעך לאַנג האָט זיך געצויגן דער אַרבעטס־טאָג. די פאַרשאָלטענע וויטערס האָבן מיט אַ רוצחישער קאַלט־בלוטיקייט זיך לאַנגזאַם באַוועגט אויפן ציפערבלאַט. ווען דער טורעם־גלאָק האָט פון זיין מעשענעם פּיסק אַרויסגעלאָזט דעם לאַנג־דערוואַרטן בום־בום, האָט זיך פון טויזנטער פאַרשמאַכטע העלדזער אַרויסגעריסן איינער און דער זעלבער אויסגעשריי:

* שמעלצאויוונס.

— נו, סלאַוואַ טיעביע גאָספאָדי * — שאַבאַש!

גאָרדאָן האָט שוין געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם בלויען פאַרטעך און האָט שוין געוואָלט נעמען דעם שלאָס, ווען דער טעלע־פאָן האָט זיך ווי אויף צו להכעיס צעקלונגען. יוסף האָט געהייסן זיין מיטהעלפער, אַז ער זאָל ענטפערן דעם קלינגענדיקן — יהיה מי שיהיה — אַז נאָכן אָפּגעשטעלטן זמן גיט ער קיינעם גאָרנישט אַרויס און באַסטאַ!

תוך כדי דיבור איז יענער צוגעלאָפן צו גאָרדאָנען מיט שרעק אין די אויגן:

— דער לאַגער־נאַטשאַלניק! ער פרעגט אויף דיר!

גאָרדאָן איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן און זיינע טויטלעכע ליפּן האָבן מיט יאוש געשעפּטשעט:

— דער נאַטשאַלניק — מיך? אויף וואָס קען ער מיך דאַרפן?

און מיט אַן אומגליקלעכן שמייכל אין די איבערגעטרוקנטע ליפּן־ווינקלען:

— פאָטער אין הימל! דערבאַרעם דיך אויף מיר... עס זאָל כאָטש גאָרנישט זיין אַזוינס... דער נאַטשאַלניק אַליין בכבודו ובעצמו... פינף טעג פאַר דעם באַפרייט ווערן —

דער נאַטשאַלניק אין טעלעפאָן האָט געפרעגט:

— דו גייסט שוין צו זיך, גאָרדאָן? האָסט נאָך נישט געגעסן? זיך נישט איבערגעטון? מאַך עס דאָרט איינס און צוויי און קום צו גייך אַהער! צי איך וועל נאָך זיין, פרעגסטו? אויב איך רוף דיך, איז אַ סימן, אַז איך וועל נאָך זיין. איך בלייב היינט איבער שפּע־טער ווי געוויינלעך. ספּעציעל ווייל איך דאַרף האָבן מיט דיר אַן ערנסטן שמועס. קומסטו גלייך, האַ?

— אַ שאלה? ווי דען? אַז איר באַפעלט, קום איך —

* אַ דאַנק דיר, גאָטעניו!

יוסף איז געלאָפן „אַהיים״ איבערבייטן זיינע היפּשלעך פאַר־שמאַלצעוועטע און צעפליקטע בגדי־השרד און אַ חיה׳שע שרעק האָט זיך געיאָגט נאָך אים פוס־טריט. זיין אויסגעמאַטערטער מח, וועלכער פלעגט אים אָפט דינען מיט אַן עצה־טובה און מיט אַ „וויטן קוק״, האָט דאָס מאָל געשוויגן מיט אַן אכזריותדיק שטיל־שווייגעניש. קיין שפּליטער פון קיין גלייכן געדאַנק איז אין אים נישט אויפגעקומען, צו וואָס דער מעכטיקער לאַגער־נאַטשאַלניק קען אים איצט רופן צו זיך, — איצט, אויף דער שוועל פון זיין „יציאה מעבדות לחרות״... וואָס פאַר אַ „בריאה חדשה״ האָט דאָ, אויף זיין גרויסן שלימזל, געקענט נולד ווערן? פאַר וואָס גראָד איצט און פאַר וואָס האָט דאָס געטראָפן גראָד אים?

די נשמה האָט זיך ביי יוספן געהאַלטן אויף אַ חוט־השערה, ווען ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם נאַטשאַלניקס קאַבי־נעט.

דער נאַטשאַלניק האָט אים מיטן ווונק אָנגעוויזן אויף אַ בענקל קעגן אים, פּנים־אל־פּנים, און האָט אַ היפּשע ווײַלע נאָר געקוקט אויף אים. יוסף האָט געפילט מיט אַלע זיינע חושים, אַז ער איז קרוב צו חלשות פון אָט דעם וויסטן קוקעניש. ענדלעך האָט זיך דער נאַטשאַלניק אָנגערופן מיט אַ פאָטערלעכער שטימע:

— פאַר וואָס ביסטו אַזוי בלאַס, גאָרדאָן?

גאָרדאָן האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, אָבער די שרעק האָט אים צונויפגעקאָוועט די צונג מיט אייזערנע צוואַנגען. דאָס קאַלט־בלוטיקייט, מיט וועלכן דער אַזוי פריינדלעכער נאַטשאַלניק האָט גערעדט צו אים אין טעלעפאָן און דערנאָך אים באַגעגנט ביי זיך אין קאַבינעט, האָט אים אָנגעזאָגט נישט קיין גוטס, און בלויז פון אַזאַ חשד, עטלעכע טעג פאַר דעם באַפרייט ווערן, האָט אים געקילט דאָס בלוט אין די אָדערן.

אויף דעם נאַטשאַלניקס פראַגע האָט ער געענטפערט מיט אַ

גאָרנישט־זאָגנדיקן ברום. פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אָבער איבערגעחזרט זיין פראַגע מיט אַ צודרינגלעכן טאָן:

— וואָס שווייגסטו, גאָרדאָן? איך פרעג דיך דאָך: פאַר וואָס ביסטו היינט אַזוי בלאָס? דו שרעקסט זיך פאַר עפּעס? זאָג! האָב נישט קיין מורא —

גאָרדאָן האָט מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ זיך איינגעהערט אין דער אינטאָנאַציע פון זיין אומבאַגרענעצטן באַלעבאָס, ער האָט גע־וואָלט אויפכאַפּן: וואָס ליגט ביי אים אויף דער צונג? וואָס פאַר אַ שלעכטע בשורה האָט ער פאַר אים? — און האָט גאָרנישט געקענט אָנשמעקן. דער נאַטשאַלניק האָט נאָך אַלץ געוואַרט אויף זיין ענט־פער. יוסף האָט געמאַכט איבער זיך אַן איבערמענטשלעכע אָנ־שטרענגונג און אויסדריקנדיק מיט כח עפּעס אַ רמז אויף אַ שמייכל אויף זיין פנים, האָט ער זיך אָנגערופן:

— פאַרשטייט איר מיך, בירגער נאַטשאַלניק...

— ... סערגיי איוואַנאָוויטש —

— זאָל זיין סערגיי איוואַנאָוויטש... אינו דומה ווען אַ מענטש איז ערשט אָפּגעזעסן אַ האַלבן טערמין צי לאָמיר זאָגן — צוויי דריטל, און ער ווערט פּלוצלינג אַרויסגערופן צו זיין נאַטשאַלניק, קלאַפּט אים אויך דאָס האַרץ: צו וואָס דאַרף ער מיך? וואָס שטעקט דאָ? אָבער עס קען דאָך אויך זיין, אַז דאָס רופט מען אים גאָר כדי צו פאַרלייכטערן די לאַגע... אָבער ווען אַ מענטש זיצט אָפּ די גאַנצע פּאָרציע יאָרן, וואָס מען האָט אים איינגעטיילט, און „אַ מינוט" פאַרן אויפשליסן דעם טויער ווערט ער פּלוצלינג אַרויסגערופן צום נאַטשאַלניק... פאַרשטייט איר אַליין... אַז דאָס קען זיין נאָר צום שלעכטן... ווייל וואָס קען מען אים שוין מאַכן בעסער, ווי ס'איז אים ממילא... כ'ווייס? דאָס האַרץ שרעקט זיך... איר ווייסט נישט — אין אַ שטוב פון אַ געהאַנגענעם, זאָגט די וועלט, טאָר מען פון קיין שטריק נישט רעדן —

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט יוספן נישט איבערגעשלאָגן. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט ער אים געלאָזט אויסרעדן, דאַן האָט ער זיך שווער אויפגעהויבן פון זיין אָרט פון יענער זייט טיש, ער איז לאַנגזאַם אַריבערגעגאַנגען צו יוספן און האָט אים פּאַטערלעך אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף די אַקסלען:

— דאַכט זיך אַ קלוגער יונג, האַ? און דאָך ביסטו אַ שוטה, גאָרדאָן... דיין פּאָרגעפיל האָט דיך דאָס מאָל אָפּגענאַרט... קיין שום בייז האָב איך דיר נישט אָנצוזאָגן! פּונקט פאַרקערט: אַלע אַרעס־טאַנטן, ווען עס גייט זיי אויס דער זמן, וואַרטן זיי נאָך צען־פופצן טעג ביז אַלע פאָרמאַליטעטן ווערן אויסגעפילט, און דו וועסט קיין איין איבעריקע שעה נישט דאַרפן וואַרטן! איך האָב נאָך יענע וואָך באַפוילן צוצוגרייטן אַלע דאַטעס, וואָס זענען נייטיק צו דיין באַ־פרייאונג —

גאָרדאָן האָט וואַרגנדיק זיך מיט טרערן אָנגעכאַפּט דעם נאַ־טשאַלניקס הענט און האָט זיי אַן ווערטער שטאַרק שטאַרק געדריקט.

פּאָנאָמאַרענקאָ איז פּאַמעלעך אַריבערגעגאַנגען צוריק אויף זיין אָרט און האָט נאָכדענקענדיק געציילט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— איך האָב דיך היינט אַרויסגערופן לחלוטין וועגן אַ נייער פראַגע... היינט אויף דער נאַכט בין איך נישט דיין נאַטשאַלניק און דו ביסט נישט מיין אַרעסטאַנט... לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ס'איז שוין מיט אַ וואָך שפּעטער און מיר שמועסן זיך חבריש דורך אויף דער פריי, שפּאַצירנדיק ערגעץ ווו אין אַ פּאַרק, צי ביי אַ גלעזל טיי אין אַ קאַפע, צי פאָרנדיק אויף אַ שיפל —

ווידער זענען יוספס אויגן פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ וויברי־רנדיק טרערן־פאָרהענגל, ער האָט זיך נאָר אַ רוק געטאָן אויפן בענקל און גאָרנישט געזאָגט. דער נאַטשאַלניק האָט אַ קאָנצענ־טרירטער אין זיך ווייטער גערעדט:

— הער מיך אויס, גאָרדאָן... נאָר הער זיך צו מיט קאָפּ! אַן

אַרעסטאַנט צו זיין אין די לעצטע עטלעכע יאָרן איז פון איין שטאַנד־פונקט געווען זייער גוט, — ער האָט נישט געוווּסט, וואָס אין לאַנד איז פאָרגעקומען... אָדער כמעט ווי נישט געוווּסט —

— וואָס הייסט: כ'האָב נישט געוווּסט?

— שלאָג מיר נישט איבער. דו האָסט גאָרנישט געוווּסט! וואָס האָסטו געוווּסט? ענדע 1941 האָט מען אייך עוואַקואירט און אין אָנהייב 1944 האָט מען אייך צוריקגעבראַכט פון דער עוואַקואַציע און דאָס איז אַלץ, וואָס איר, פאַרשלאָסענע, האָט געוווּסט... איר האָט קיינער נישט קיין השגה, וואָס אין לאַנד האָט פאַר ד ע ר צייט זיך אָפּגעטון און באַזונדערס — אויף דער אוקראַינע, וועלכע האָט גאַנצע דריי יאָר זיך געפונען אונטערן דרוק פון דעם דייטשן שטיוול...

יוסף איז אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ, ווי אַ פּרוזשינע:

— איר האָט עפּעס אַ ידיעה פאַר מיר וועגן מיינע עלטערן? זאָגט, מאַטערט נישט —

דער נאַטשאַלניק האָט אים מיטן בליק צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין בענקל. מיט אַ העפלעכער איראָניע האָט ער געזייעט די ווערטער דורך די ציין:

— וואָס ביסטו אויפגעשפּרונגען ווי אַ צאַפּ, לעקיש איינער? ווער האָט ידיעות וועגן דיינע עלטערן? פון ווען אָן אינטערעסירט זיך עמעצער צו אינפאָרמירן אַן אַרעסטאַנט וועגן זיינע עלטערן? דער פאַרבאַנד האָט אין לעצטן קריג פאַרלוירן צוואַנציק מיליאָן בירגער... צ װ אַ נ צ י ק מיליאָן! אַ גרויסע, גרויסע רעפּובליק, מיינט ער, אַז עמעצער טראָגט אים אויפן קאָפּ מיט זיינע עלטערן...

און מיט אַ מאָל:

— וווּ האָבן זיי געוווינט, דיינע עלטערן? אויך אין קיעוו?

— עס פאַרשטייט זיך —

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער ברייט:

— נעבעך, נעבעך...

יוסף האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער לעצטער האָפענונג, ווי אין אַ שאַרף פון אַ שווערד:

— אָבער זיי האָבן זיך זיכער עוואַקואירט —

— דו האָסט עפּעס געהאַט אַ ידיעה וועגן דעם, צי דו ביסט זיך נאָר משער? זאָג, האָב קיין מורא נישט —

— קיין שום ידיעה האָב איך נישט געהאַט... אָבער איך בין כמעט ווי זיכער —

— אויב נאָר „כמעט״, איז אַ ביסל ווייניק... אָבער דו ווייסט וואָס, לאָמיר רעדן צו דער זאַך... לאָמיר זיך אומקערן צו דעם שמועס, וואָס איך האָב מיט דיר היינט געוואָלט האָבן... הער זיך צו: איך לייג דיר פאָר צו בלייבן דאָ אַרבעטן ווי אַ ציווילער ספּעציאַליסט; קוק נישט אויף מיר מיט אַזעלכע וואָלפישע אויגן, ווילדער וואָס דו ביסט. קיינער וועט דיך נישט צווינגען. דו קענסט אין עטלעכע טעג אַרום נעמען דיינע פּאַפּירן און גייך אויף אַלע פיר זייטן: קיין קיעוו, צי קיין אָדעס, צי אפילו אין אייער בירא־בידזשאַן דאָרטן... איך מאַך דיר נאָר אַ פאָרשלאַג: איך קען דיך באַשטימען פאַר נאַטשאַלניק פון דער לאַגער־ווירטשאַפט און דו זאָלסט לעבן אַ משוגענעם טאָג, בעסער ווי אין דיינע אַלע קיעווס...

און דערנעענטערנדיק זיך פּנים צו גאָרדאָנס בלאַסן פּנים, האָט ער שטיל, נאָר מיט קראַפט אַריינגערעדט אין אים:

— זיי נישט קיין נאַר און טו ווי איך עצה דיר... פאַר אַן אָנהייב קענסטו אונטערשרייבן מיט אונדז אַ קאָנטראַקט דערווייל אויף איין יאָר. מיר שרייבן דיר אויס אַ היפּשן אַוואַנס און דו פאָרסט אין אורלויב אויף אַ חודש. פאַר אַ חודש צייט, גאַראַנטיר איך דיר, וועסטו זיך דאָרט אָנפרייען צו דער זעט מיט די אַלע, וואָס זענען דיר ליב — אויב דיר האָט אָפּגעגליקט און זיי האָבן איבערגעלעבט די קריג — און דאַן קערסטו זיך אום אַהער. דו באַקומסט געהאַלט

1160 רובל אַ חודש, צוגלייך מיט מיין פאַרטרעטער און דערצו אויף אַלעם גרייטן: באַשפּייזונג, באַקליידונג, באַשיכונג, אַ דירה אויך אויף אַלעם גרייטן: באַהייצונג, באַלייכטונג און באַמעבלונג, — אַלץ אַלץ בחנם, אָן איין גראָשן... דעם גאַנצן געהאַלט דיינעם קענסטו בשלמות אַוועקטראָגן אין שפּאָר־קאַסע... דו ווערסט אין איין אויגנבליק אַ גרויסער בעל־הכנסה און גאָרנישט קיין בעל־הוצאה... דאָס איז אַ טרוים, זאָג איך דיר, נישט קיין שטעלע...

יוספן האָט עס סוף כל סוף אַ טראָג געטון פונעם בענקל:

— סערגיי איוואַנאָוויטש! פון וואָס רעדט איר צו מיר? און ווען איר שענקט מיר אַוועק דעם גאַנצן מאָסקווער געביט —

— איך וועל דיר נישט אַוועקשענקען קיין מאָסקווער געביטן... אויף מאָסקווער געביט זענען דערווייל פאַראַן אַנדערע באַלעבאַ־טים, וואָס האָבן דאָרט מער צו זאָגן ווי איך... און דו, גוטער ברו־דער, היץ זיך נישט אַזוי... מיין נישט, אַז אין קיעוו וואַרטן אויף דיר אָט די אַלע, וואָס דו האָסט דאָ פריער אויסגערעכנט! דאָס קען גאָר נישט געמאָלט זיין! און אַזאַ פּאָסטן, ווי איך שלאָג דיר פאָר, קען זיך דיר דאָרט נאָר חלומען...

— בירגער נאַטשאַלניק! אויף מיר וואַרט דאָרט אַ כלה, איר פאַרשטייט?

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרשטיין? נעם די כלה מיט זיך אַהער צו! אויב דו געפינסט די עלטערן — נעם זיי אויך מיט מיט זיך. אויב דו וועסט נישט וועלן וווינען אין לאַגער, ווי אַנדערע ציוויל אָנגעשטעלטע, קענסטו דיר וווינען אין שטאָט, אַזוי ווי איך — ווער וועט דיר שטערן? צו די פיר און צוואַנציק שעה פון דיין אומקערן זיך אַהער, שטעל איך דיר צו אַן אויטאָ, וועלכער בלייבט אויף שטענדיק אין דיין רשות, און דו קענסט דיר פאָרן ווען דו ווילסט און וווּהין דו ווילסט... דו פאַרשטייסט, מיר גייט דאָך נאָר אין דעם, אַז דו זאָלסט בלייבן דאָ אַרבעטן! איך און מיינע פאַרטרעטערס שעצן זייער הויך דיין אַרבעטזאַמקייט, דיין ענערגיע,

דיין פּלאַם און דיין ברען, און דער עיקר — דיין ערלעכקייט, מיט וועלכער דו דינסט דער ראַטנמאַכט, כאָטש דו האָסט נאָך אין זיך אַ היפּש ביסל באַצילן פונעם רעליגיע־דורמאַן...

אין קאַבינעט איז געווען פול מיט פּאַנאָמאַרענקאָס ברוסטיקער שטימע. זיינע רייד, קלאָרע און אמתדיקע, האָב געקלונגען אויפריכטיק און איבערצייגנדיק.

— ... און דערצו, גאָרדאָן, בין איך פּערזענלעך פאַראינטערעסירט אין דעם, אַז דו זאָלסט נישט פאַרלאָזן דעם לאַגער. דו ביסט דאָ דער איינציקער, אויף וועלכן איך קען זיך פאַרלאָזן מיט פאַרמאַכטע אויגן... צו ווען איך האָב אומבאַגרענעצטן צוטרוי... אַז דו ביסט דאָ אין לאַגער קען איך שלאָפן רואיק: אי פאַרן פּלאַן; איר פאַר דער קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע און בכלל פאַר דער גאַנצער אָרדענונג —

גאָרדאָן האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד מיט אַזאַ אַבסאָלוטן גלייכגילט, אַז פּאַנאָמאַרענקאָ האָט גלייך צוגעכאַפּט די אויגן פון זיין פּנים און האָט ווייטער גערעדט מיט דעם זעלבן נוסח:

— און חוץ דעם אַלעמען, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, איז דאָ נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס מיך קוועטשט... וואָס איך האָב פאַר דיר נאָך נישט אַרויסגעלייגט... נאָר געדענק! איך רעד שוין מיט דיר, ווי מיט אַ באַפרייטן מענטשן, ווי מיט אַ בעל־סוד! דאָס וואָס איך גיי דיר דערציילן, איז אַ שטיקל מיליטערישער סוד, געדענק זשע!

און נישט טרעפנדיק אויף גאָרדאָנס פּנים קיין באַזונדערע נייגעריקייט, האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן פאַרדראָס ווייטער גערעדט:

— היינטיקס יאָר איז ביי אונדז, לאַגער־נאַטשאַלניקעס, אַ גורלדיק יאָר. פון 1931 אָן, באַלד נאָך דער „ראַסקולאַטשעוואַניע" — איך בין נאָך דאַמאָלסט געגאַנגען אין דער „סיעמיליעטקע"* — איז נישט געווען קיין צוזאַמענפאַר פון די נ. ק. וו. ד. לאַגער־נאַ־

* עלעמענטאַרע שול, פאָלקס שול.

טשאַלניקעס, און אויף היינטיקן אָקטאָבער האָט דער נאַרקאָם באַשטימט אַזאַ צוזאַמענפאָר! דו באַגרייפסט, וואָס דאָס הייסט? עס וועלן זיין אַלע נאַטשאַלניקעס פון די קאַנצלאַגערן — אַלע ביז איינעם! עס וועט געמאָסטן און געוויגן ווערן יעדן איינעמס טעטי־קייט. עס וועלן דאָרט זיכער פאָרקומען איבערגרופּירונגען, נייע באַשטימונגען און בייטענישן מיט די פּלעצער, די שטאַרקערע אַר־בעטער וועט מען אַריבערוואַרפן אין אָפּגעשטאַנענע לאַגערן און דעסט גלייכן פאַרקערט. מיט איין וואָרט — פאַר נאַש־בראַט איז דאָס אַ גרויסער יום־הדין, אַ מין לעבנס־עקזאַמען, אויף יעדן נאַ־טשאַלניק ציטערט די הויט... ווייסט נישט? אַז מען שערט די שאָף, ציטערן די לעמעלעך... כאָטש אונדזער לאַגער גייט אויפן דריטן פּלאַץ און פאַרנעמט אין נאַרקאָמאַט אַ גאַנץ בכבודיק אָרט, פון דעסט וועגן קען מען היינטיקן זומער דערוואַרטן אַ נאַרקאָמאָווסקע רעוויזיאָנע קאָמיסיע און פון איר זאָל זיין אָפּהענגיק, צי איך זאָל גרויס ווערן, צי ברעכן דעם קאָפּ... איז אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער ניי־געשאַפענער סיטואַציע פאַלט אויף מיר ממש אַ פּחד דיך אַרויסצולאָזן פונעם טויער... עס וועט דיר דאָ זיין גוט ווי דער גאַנצער וועלט... איך וועל דיך פאַרזאָרגן נאָך מער ווי זיך אַליין...

אויף גאָרדאָנס געפייניקטער צורה האָט איצט געהויערט דער אומעט פון דער גאַנצער וועלט. ער האָט נישט געקענט איינזיצן אויפן בענקל, ווי אַ מעוברת'ע פרוי, אין די הויכע חדשים. ער איז דאָ אין קאַבינעט נאָר וואָס פאַרגאַנגען „אין טראָגן" מיט דעם נאַטשאַלניקס סוד קעגן זיין ווילן. על אפו ועל חמתו. „כי בשדה מצאה, צעקה הנערה המאורשה ואין מושיע לה". דער נאַטשאַלניק האָט אין אים אַריינגע־פּאָמפּעט דעם נאַרעשן און לעכערלעכן סוד זיינעם באונס, מיט גוואַלד, על אפו ועל המתו, „בשדה ימצא האיש את הנערה המאורשה והחזיק בה", „כאשר יקום איש על רעהו ורצחו נפש, כן הדבר הזה"... עס גייען אים נישט אָן זיינע סודות און ער וויל פון זיי נישט וויסן...

דער נאַטשאַלניק, פעסט איבערצייגט אין דער קראַפט פון זיינע אַרגומענטן, האָט אים אַן אויפגערוימטער געפרעגט:

— וואָס זשע זאָגסטו ?

גאָרדאָן, זיך רויטלענדיק :

— בירגער נאַטשלאַניק, איך האָב דאָך אייך געזאָגט... אפילו ווען איר שענקט מיר אַוועק —

פּאָנאָמאַרענקאָ, מיט אַ קורצן אָטעם :

— שוין געהערט, שוין געהערט... שוין געהערט די חכמה... מאָסקווער געביט — יאָ ?

ער האָט אומגעדולדיק געפּויקט מיט די פינגער איבערן גלעזערנעם טאָוול, וואָס איז געלעגן פאַר אים. אין זיין מידן פּנים איז קיין טראָפּן בלוט נישט געווען. אויך יוסף, אויף אים קוקנדיק, איז געווען ווייס ווי די וואַנט. מיט אַ מאָל האָט פּאָנאָמאַרענקאָ ענערגיש אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי איינער וואָס האָט ערשט אָנגענומען אַן ענדגילטיקן באַשלוס. ער האָט קאַלט נאָר העפלעך אַ זאָג געטון :

— אַלזאָ —

יוסף האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש אויף וויפל ער האָט נאָר געקענט און האָט מיט אַ ציטער אין דער שטימע אַרויסגעשעפּטשעט :

— וואָס — אַלזאָ ?

דער נאַטשאַלניק האָט גערעדט לאַנגזאַם, מער צו זיך אַליין :

— ... אַלזאָ... יאָ, אַזוי בלייבט עס ! איצט ביסטו פאַרשכורט פון דער צוריקגעפונענער פרייהייט, דעריבער קען מען מיט דיר נישט רעדן. דו ביסט איצט באַרוישט, פאַרטשאַדעט, ווי אַ חתן ביום חופּתו. דאָס איז, אגב, גאַנץ פאַרשטענדלעך... יעדער איינער אויף דיין אָרט וואָלט אַזוי געווען... אַלזאָ פאָר דיר אַהיים געזונטערהייט, איך וועל דיר זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט שטערן, נישט מער, חוץ דיינע פּאַפּירן וועל איך דיר מיטגעבן אין זאַפּאַס אַ פּראָפּוסק אויף צוריק אַהער, אַז דו זאָלסט קענען זיך אומקערן... אויב עס

וועט זיך דיר פאַרגלוסטן... און ווי זאָגט מען: ווי גאָט וועט פירן, אַזוי וועט מוזן זיך גוט! וועסטו קומען — איז גוט, ניין? איז פאַר־פאַלן! וועסטו דאָרט צערייסן דעם פּראָפּוסק און אַ סוף אַן עק!

גאָרדאָן, מיט אַן אומצופרידענער מינע:

— בירגער נאַטשאַלניק, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס פּאַ־פּירל וואָס איר ווילט מיר מיטגעבן בעט ביי מיר נישט קיין עסן און איז מיך צו גאָרנישט מחייב, אָבער פאָלגט מיך, ס'איז אומזיסט די טרחה! איך זאָג אייך פאָרויס —

פּאָנאָמאַרענקאָ, מיט אַ העכערן טאָן, פול מיט פאַרדראָס:

— וויל איך דיך נישט פאָלגן! וויל איך נישט הערן, וואָס דו זאָגסט מיר פאָרויס —

און שוין אַ באַרואיקטער:

— מיין פּראָפּוסק, ווי דו אַליין זאָגסט, וועט ביי דיר קיין עסן נישט בעטן... ווען דיין באַרוישונג וועט זיך אויסוועפּן און דו וועסט קומען צום שכל, וועט שוין זיין צו שפּעט. איז אויף יענעם פאַל וועל איך אים דיר מיטגעבן, און דו האָב שכל און היט אים אָפּ, ווי דאָס אויג אין קאָפּ! אָט דאָס איז עס!

אַ צופרידענער און אַ באַרוישטער פון זיין נצחון איבער דעם מסית ומדיח און גלייכצייטיק עפּעס אַ צערודערטער און אַ צעשרויפטער פון יענעמס שוואַרצע נביאות האָט גאָרדאָן געשפּאַנט אין זיין באַראַק אַריין איבער דעם אויסגעשטאָרבענעם לאַגער. די לאַנגע און ברייטע באַראַקן־שטאָט האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַנטאַסטישער בית־עולם, נאָר אין די צעכן, ווייט אין טאָל הינטער די רוויוואַרג־באַזעס, האָט רעגולער געאַרבעט די נאַכט־וואַכטע. אויף די הויכע ווינקל־טורעמס האָבן פּאַטרולירט וועכטערס מיט די ביקסן אויף „גרייט". פון יענער זייט טויער האָט זיך בייז צעטאַראַכקעט אַ מאָ־טאָר — דאָס האָט די קאַליע־געוואָרענע שטימונג פונעם נאַטשאַלניק מעכאַניש זיך איבערגעגעבן דעם געטרייען „פערד און וואָגן" זיינעם —

# קאפּיטל II

דער שנעלצוג מאָסקווע—לעמבערג איז פון דאַרניצע קיין קיעוו געגאַנגען פוסטריט. אָדער, ווי מען דריקט זיך אויס אין אַזאַ פאַל אין יענע געגנטן — „ער האָט זיך געשלעפּט ווי מיט אָקסן“. איבערן גאַנצן וועג זענען געווען צעשטעלט רעמאָנט־בריגאַדעס, וועלכע האָבן איבערגעפּרוּווט יעדן שרויף, יעדע שפּאַלע,* יעדן אַרבל, יעדן קנעכל און יעדן שלאָס. אַ תושב פון די דאָזיקע מקומות האָט געהאַט די מעגלעכקייט ממש „מיט די פינגער“ איבערטאַפּן יעדן מעטער ערד, אַזוי באַישובט און פּאַמעלעך האָט די גרינע שערענגע וואַגאָנעס געמאָסטן יעדן טריט: פינף מינוט געגאַנגען און פינף מינוט געשטאַנען און דאָס גייעניש אַליין — ווי אַ פּרוי אין די הויכע חדשים, עקב בצד אגודל... צו פוס — האָט יוסף געטראַכט מיט אומגעדולד — וואָלט ער מן הסתם פריער אָנגעקומען. גאָרדאָן האָט נאָך אין ניעזשין אָפּגעטראָטן „זיין“ פענצטער, פון וועלכן ער האָט זיך נישט גערירט דעם גאַנצן וועג, פון זינט ער האָט אין מאָסקווע זיך אַריבערגעפּעקלט פונעם קאַזאַניער וואָקזאַל אויפן קיעווער און האָט פאַרכאַפּט אַ פענצטער אין וואַגאָן־קאָרידאָר. פון ניעזשין אָן, כאָטש ס׳איז נאָך אַ נסיעה פון גאַנצע צוויי שעה, — איז ער שוין געשטאַנען האַרט ביים אַרויסגאַנג. אמת, די טיר איז געווען געשלאָסן, אַרויסקוקן אויף גאָטס וועלטל איז אים אויסגעקומען דורך די פאַרזשאַווערטע אלכסונדיקע שטאַכעטלעך, וואָס באַשיצן די טאַצן־בריקלעך, וואָס פירן פון איין וואַגאָן אין

* אַ דורכגעסמאָלעטער באַלקן, וואָס מען לייגט אונטער אונטער די רעלסן.

צוויטן, דערפאַר אָבער וועט ער זיין דער ערשטער אויף קיעווער פּעראָן... פּאָטער אין הימל, — אויף קיעווער פּעראָן... זאָל דאָס טאַקע אמת זיין, אַז דאָס פּאָרט ער, יוסף גאָרדאָן, קיין קיעוו צו זיינע טייערע, צו זיינע ליבע? זאָלן שוין טאַקע האָבן פּאַריבער צ ע ן יאָר זינט יענער וויסטער נאַכט... אים דאַכט זיך, אַז דאָס איז געשען ערשט נעכטן... ערשט היינט! און אויב זיך מודה זיין דעם אמת — פילט ער זיך איצט נישט שוואַכער, ווי דאַמאָלסט פאַרן אַרעסט... אדרבה, נאָך פיל שטאַרקער און געזונטער... ער וועט נאָך איצט אויך אַוועקלייגן שלמהן „נאַ לאָפּאַטקי", ווי אין די „פּאַנטאָפּל" יאָרן! און שמעונ'ען, אָדער ניסנ'ען, צי גאָר ראַפּאַ־פּאָרטן — פון זיי איז דאָך אָפּגערעדט! מיט איין בלאָז, דאַכט זיך, קען ער זיי איבערקערן דריי מאָל. ער פילט, אַז ער איז נאָך איצט אויך אַ גיבור... אַ פייג האָט אים דער לאַגער איינגעבראָכן! גאָרדאָן פייפט אויף זייער באָבען, אויף זייערע מיכאַילאָווס און אויף זייערע פּאָלישטשוקס און אפילו אויף זייערע פּאַנאָמאַרענקאָס... יאָ, יאָ, אפילו אויף זייערע פיינע פּאָנאָמאַרענקאָס! וחסד לאומים חטאת! מען דאַרף דאָך אין זיך האָבן די חוצפּה פון אַ ממזר, פאַרצולייגן אים, גאָרדאָנען, ער זאָל זיך פאַרשטעקן אין יענעם פינצטערן לאָך פאַר... שומו שמים! פאַר זייערע באַשפּיגענע 1160 רובל אַ חודש... און ווען מען גיט אים אָפּ דער מלכה שבא'ס אוצרות פאַר דער איצטיקער מינוט... דאַמאָלסט האָט ער, דאַכט זיך, אַנדערש זיך אויסגעדריקט... דאַכט זיך: „מאָסקווער געביט"... אַז יעדעס גרעַ־זעלע איז אים דאָ טייער, יעדעס שטיינדעלע... ווען ער שעמט זיך נישט פאַר די פּאַסאַזשירן וואָס שטייען הינטער אים, וואָלט ער אַ קוש געטון יעדעס וואַגאָן־טרעפּל באַזונדער, יעדעס שטאַכעטל, יעדעס ברעטעלע... און יענער — ער ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי ער זאָל אים אָנרופן, אָט דעם אכזר שבאכזרים, אָט דעם סערגיי איוואַנאָוויטשן, — האָט געוואַגט אים פאַרצולייגן אַ „במקום"...

סוליקאַמסק במקום קיעוו... במקום נזם זהב, אף חזיר... ווען ער האָט איצט צו דער האַנט זיין פּראָפּוסק אויף צוריק, וואָס יענער האָט אים מיט גוואַלד מיטגעגעבן, וואָלט ער אים אָט דאָ אָ, ביי אָט דער טיר, צעפּליקט אויף פּיצ־פּיצ־פּיצלעך און אָפּגעלאָזט „די פּעדערן" מיטן ווינט, — ער וואָלט כלל נישט חושש געווען צו זיין אַ קורע בחמתו, — און זאָל ער וויסן, אָט דער אַזוינער און אַזוינער! ס'איז זיין טריפה'נער גליק, וואָס ער ליגט ביי אים אונטן אין טאָרבע, אויפן סאַמע דנאָ... ער וועט זיך דאָך נישט אַוועקשטעלן אָט דאָ, פאַר לייטן, צעפּאַקעווען זיין אָרעמאַנסקע טאָרבע מיט די קויטיקע שמאַטעס... ס'איז „זיין" גליק; צי אַ שטייגער, יענער דאָרטן האָט אים אָנגעדערציילט „פּערציק פּעסלעך אַרעסטאַנטן" וועגן דער קריג, ממש די האָר האָבן זיך ביי אים געשטעלט קאַפּויר, און צום סוף — לא דובים ולא יער! כמעט כמעט, אַז מען זעט נישט קיין שפּורן... זעיר שם, זעיר שם, זעט מען נאָך אַ פאַרוואָר־לאָזטע חורבה, אַ פאַרברענטן וואָקזאַל, אָבער ווייט נישט ווי ער האָט עס אויפגעשטעלט אַ בוידעם... אמת, פאַר פיר יאָר שלום־צייט האָט מען שוין געקענט צוריק אויפשטעלן... און ס'איז טאַקע אָפּט צו באַמערקן נייע געביידעס, אָבער דאָך האָט ער שטאַרק מגזם געווען, דער „אַזעלכער און אַזעלכער"... צי אַ שטייגער, ער האָט מיך געסטראַשעט מיט צוואַנציק מיליאָן אומגעקומענע... לאָ־מיר אפילו אָננעמען, אַז נישט צוואַנציק מיליאָן, נאָר צוויי טויזנט צוויי הונדערט און צוואַנציק, — אָבער, אַז צווישן מייניקע זענען כמעט קיין זעלנער נישט געווען בנמצא; אפילו נישט איינער אויף אַ רפואה! אלא וואָס דען, פּרעמדע מענטשן? לא מודע ולא מכיר? וואָס גייען מיך אָן פּרעמדע? איך גיי זיי שטאַרק אָן? אויף מיין אומגליק האָט עמעצער פון „זיי" כאָטש איין קרעכץ געטון? וואָס?

דאָס האָט ער פּעסט באַשלאָסן: גלייך פונעם וואָקזאַל וועט ער צופאָרן אין אַ האָטעל, נישט אַהיים און נישט צו שלמהן און אפילו

נישט צו די פייגנבוימס — צו טאַנקען, הייסט עס. ואם תאמר: מאי טעמא? — ערשטנס, ווייל ס׳איז איצט האַלבע נאַכט; אמת, דער ערשטער יציאת־מצרים איז אויך פאָרגעקומען האַלבע נאַכט, — ויהי בחצי הלילה! אָבער דער משל איז אַהער גאָר קיין משל נישט. ראשית: אין מצרים זענען אַלע כאיש אחד געזעסן „אין קינע״ און דאַן זענען אַלע כאיש אחד באַפרייט געוואָרן פון דער קינע. עס זענען נישט געווען קיין בשורה־אָנזאָגערס און קיין בשורה־אָנגעזאָגטע, אַלע האָבן זיי געהאַט דעם זעלבן סטאַטוט. איז איין מאָל אַוועק! והשנית: אין מצרים זענען זיי געווען צוגעגרייט צו דער גאולה און דאָ, זייניקע, ווייסן דאָך נישט פון קיין פותר און פון קיין חלום... און דריטנס: אין יענע דורות זענען די מענטשן געווען מיט געזונטע, אייזערנע הערצער, און זיין מאַמע מיט איר „ברויזן״ האַרץ, צי אפילו זיין שוועסטער מיט איר „סקליעראָז״, אָדער „אינ־דעקאַרדיט״, ווען זיי וועלן פלוצלינג פונעם שלאָף דערהערן — יוסף! קען חלילה געשען אַן אומגליק... אַ פיל גרעסערער אומגליק ווי דאָס גאַנצע זיצן זיינס... איז צו די עלטערן, ווי געזאָגט, בשום אופן נישט! און צו די חברים וויל ער נישט צופאָרן איבער אַ פראָסט־פשוטן טעם: ווי אַזוי ער וועט זיי נישט באַשווערן, אַז זיי זאָלן נישט לויפן אָנזאָגן די עלטערן די בשורה — וועט עס נישט העלפן. זיי וועלן נישט זיין בכח זיך איינהאַלטן. זיי וועלן לויפן איינער איבער דעם צווייטן ווי די משוגעים און אויסכאַפּן ביי אים זיין מוטערס ערשטן פאַטש מיט די הענט: „יידן, מיין יאָסעלע איז דאָ!״ און דאָס וויל ער נישט בשום אופן ואופן! אַליין; נאָר אַליין מוז ער זיך פאַר זיי באַווייזן — ולא עמד איש אתו בהתוודע יוסף אל אחיו! — אָבער ערשט אין דער פרי, נישט אויפן ניכטערן האַרצן... און אָט איז שוין דער בריק; „דאַרניצער בריק״, וועגן וועלכן ער האָט אַזוי געטרוימט; מיט וועלכן עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַלע זיינע פאַנטאַזיעס... שאַ! ווו איז מען שוין? דאָס איז

ניִשט פּעטשערסק? פּעטשערסק, דאָס מקום ווו פּאָלי, שלמהס „געַ־וועזענע", האָט געהאַט אַלע אירע פאַרשאָלטענע אכסניות... און אָט דאָס לויפט ניִשט די ערשטע פּראַכט־סטאַנציע? און יענע הונדער־טער באַלויכטענע פענצטער, איז ניִשט די טריקאָטאַזש־פאַבריק אויפן נאָמען פון מיקאָיאַן? און דאָרט, אויף לינקס, אַנטלויפט ניִשט פונעם צוג די דריטע פאַרמאַצעווטישע פאַבריק אויפן נאָמען פון לאָמאָנאָסאָוו? און דאָס איז צופעליק ניִשט סאָלאָמינקע, — שלמה׳ס סאָלאָמינקע, ר׳ אברהם שאַרפשטיינס סאָלאָמינקע... באַ־רעכן נאָר, אַלץ איז אויפן פלאַץ, — איש לא נעדר! כולם באו נקבצו לך! זאָל נאָר זיין שטילער! יאָ, דער צוג טאָרמאָזירט! ער גייט אַלץ לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער... אָ, מיין האַרץ, האַלט שוין אויס ביזן סוף... אלא ניִשט, וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבן פאַר דער וועלט? דורכגעגאַנגען שבעה־מדורי־גיהנום און זיך אומגעקערט און געפאַלן אויף דער שוועל... האָט עס יאָ אַ חן? זע נאָר, ווי מען שטופּט זיך צו דער טיר... חבר! וווהין שטופּט איר זיך? איר זעט, אַז דאָ שטייט אַ מענטש, צי ניין? איך בין דער ערשטער! איך שטיי דאָ ביי דער טיר פון ניעזשין אָן! איר נעמט צו אייער סאַק־וואָיאַזש, וואָרעם אָט באַלד פליט ער ביי מיר דורך דער טיר —

— סטאָפּ! מיר שטייען שוין! איך בין טאַקע דער ערשטער!

— — — — — — — — — — — —

ס׳איז שוין אַ געשוואָלענע שעה, אַז גאָרדאָן דרייט זיך אַרום אין די אַרומיקע גאַסן און געסלעך, היט זיך ווי פון פייער פאַר אַ „גוט־אויג" פון עפּעס אַ באַקאַנטן און קען זיך אַלץ ניִשט באַשליסן: צי זאָל ער שוין צוגיין אַהיים, צי נאָך אויסוואַרטן אַ ביסל? עס ברעכן אים די הענט מיט די פיס פון דעם איבערזיצן די צווייטע האַלבע נאַכט אין פאַרק אויף אַ באַנק, — קיין צימער אין אַ האָ־טעל איז ניִשט געווען צו קריגן אפילו בעד כל הון דעלמא, — דער האַלדז און נאַקן טוט אים שוין ווי פון דרייען דעם קאָפּ אויף אַלע

זייטן, זיך היטן פון אַ באַגעגעניש מיט אַ באַקאַנטן מענטשן, אָבער ברוך־השם! אין דעם זינען איז ער היינט אַ משונה׳דיקער בעל־הצלחה! הונדערטער מענטשן האָט ער שוין היינט דורכגעלאָזט אונטער זיין השגחה — און גראָד אָט די גאַסן זענען דאָך קיין עין־הרע אָנגעפּיקעוועט מיט יידן, מיט זיינע געשוואוירענע ידידים, כולם אהובים, כולם ברורים — און אויף זיין משוגע׳נעם מזל — קיין איין באַקאַנט פּנים נישט! טאַקע אַ גויאישע הצלחה, קיין עין־הרע, עס זאָל אים נאָר נישט פאַרשטערט ווערן! „יום־טוב של ראש־השנה שחל להיות... באינדערוואָכן". יאָ, סימנא מילתא היא! אַזאַ מזל פונעם ערשטן אַרויספאָר איז נישט קיין שלעכטער סימן... וואָרעם חלילה ווען עמעצער פון די שכנים אַנטדעקט אים — וואָלט מען אין שטוב גלייך געוואוירן געוואָרן... עוף השמים יוליך את הקול... און אויב אַזוי — צוליב וואָס זשע האָט אים געטויגט זיך מאַטערן אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ באַנק?

ער שפּאַנט אַלץ מיט חשד אין די אויגן איבער די אַזוי אין האַרצן איינגעבאַקענע גאַסן און קען זיך נאָך אַלץ נישט באַשליסן — שוין גיין אַהיים, צי ס׳איז נאָך אַלץ צו פרי? ער האָט דווקא שוין געזען דורכגיין עטלעכע יידן און יידישע פרויען, אָבער עפּעס קען ער זיך נישט דערמאָנען, ווער זיי זענען... יאָרן ענדערן... אים דאַכט זיך גאָר, אַז ער זעט זיי היינט צום ערשטן מאָל... עס קען זייער זיין... נאָך יענער קריג, נאָך דער ערשטער, האָבן אויך פיל יידן פון דער פּראָווינץ זיך אַריינגערוקט קיין קיעוו... ער קוקט אויף אַלע זייטן, ער האָט שוין אפשר הונדערט מאָל איבערגעציילט די ווענעציאַנישע פענצטער פונעם אַמאָליקן גלחישן סעמינאַר וואָס מען האָט נאָך פאַר זיינע יאָרן איבערגעמאַכט אויף אַ שפּיטאָל; ער האָט שוין געכאַפּט אויפן אויג אַלע נייע הייזער און „פאַררע־גיסטרירט" אין זכרון אַלע הייזער, וואָס נייטיקן זיך קעגן דעם ווינטער אין אַ קאַפּיטאַלן רעמאָנט... נו, וויפל איז דער שיעור זיך

אַרומשלעפּן אין גאַס ווי אַן אונטערגעוואָרפן הינטל? ער האָט אַלץ געוואַרט ביז ער וועט זען עמעצן פון די בני־בית, כדי צו זיין זיכער, אַז דער עולם איז שוין אויפגעשטאַנען. אָבער אויב, ווי אויף צו להכעיס, קיינער פון זיי וויל זיך נישט אַרויסכאַפּן אין גאַס אַריין, איז דאָס דען אַ סימן, אַז מען שלאָפט נאָך? וויפל שלאָפט מען עס? אַ טראָפּן יושר דאַרף מען דאָך אין זיך אויך האָבן, צי ניין? אַ סוף, אַן עק, ער גייט אַהיים!

— אַהיים, אַהיים, צו דער מאַמעניו...

אויף דער טיר, זעט ער, פעלט די מזוזה. נו, וואָס פאַרשטייט מען דאָ נישט? די אַלטע האָבן די דייטשן אַראָפּגעריסן און קיין נייע סופרים זענען נאָך נישט אויפגעשטאַנען! עוד חזון למועד —

אויפגעעפנט האָט אים אַ נידעריקע גוי׳קע מיט אַן אָפּן געשטופּלט פּנים. ביי די פּאָלעס פונעם קליידל האָבן זי צוגעהאַלטן עטלעכע קינדער מיט שמוציקע פּנימלעך. יוספן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק — ווער זענען זיי?

ער האָט מיט אַנגסטן אַרויסגעקוועטשט אַ שמייכעלע:

— מומעטשקע, דאָ וווינען שוין נישט די גאָרדאָנס? חנה גאָרדאָן?

— זונדעלע, איך ווייס נישט, ווער דאָס איז — גאָרדאָן...

— איר ווינט שוין דאָ לאַנג?

— אָ־אָ! אודאי לאַנג... פונעם ערשטן טאָג, ווי מען האָט נאָר באַפרייט קיעוו פון די בוסורמאַנעס* —

— איז ווייסטו גאָר נישט, אַז דאָ האָבן אַ מאָל געוווינט גאָרדאָנס?

— פון וואַנען זאָל איך עס וויסן? מיר זענען אַהער געקומען אַזש פון דער וואָלגע... פון סאַראַטאָווער קאַנטן... קייך קומושקעס**

---

* אומגלויביקע.

** חברטעס.

האָב איך נישט, אין ערגעץ גיי איך נישט, אָט דאָ מיט די קינדערלעך טאָרטשע איך אַ קיילעכדיק יאָר — פון וואַנען זשע זאָל איך וויסן, וואָס אַ מאָל איז דאָ געווען? פרעג אפשר ביי דער דוואָרניטשקע, אפשר ווייסט זי יאָ —

— ווּ וווינט דאָ די דוואָרניטשקע?

— אַזוי ווי דו גייסט אַרויס פונעם טויער, נעם זיך גלייך אין דער לינקער זייט. אין דריטן הויף, אויפן צווייטן שטאָק, די פערטע טיר אויף רעכטס... ווּעסטו געדענקען, ווי אַזוי איך מאָל דיר אויס, צי איך זאָל שיקן אַ קינד מיט דיר?

גאָרדאָן האָט אויפגעזוכט די דוואָרניטשקע און איז פון איר אַרויסגעגאַנגען אַקוראַט מיט דעם זעלבן ענטפער, וואָס פון דער שכנטע: זי וווינט ערשט דריי יאָר אין דעם דאָזיקן קוואַרטאַל. ווי אַזוי, ווי אַזוי זאָגט ער? גאָרדאָן? חנה גאָרדאָן? זי הערט דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אַזאַ נאָמען. זאָל ער פרעגן אין זשיל־קאָפּ, דאָרט קער מען וויסן. יאָ, יאָ, דער סעקרעטאַר פונעם זשילקאָפּ, וואָראָנאָוו, אַרבעט אויף דער דאָזיקער אַרבעט פון פאַר דער קריג און איז דאָ געווען פאַרן דייטש אויך. אויב דאָ האָבן אויף אַן אמת אַ מאָל געוווינט אַזעלכע מענטשן ווי ער זוכט, קער ער וויסן, ווּ זיי זענען... אַלנפאַלס איז ער דער איינציקער, וואָס קען אים געבן אַ געהעריקן ענטפער —

גאָרדאָן האָט זיך אַזש דערפרייט. וואָראָנאָוון האָט ער גוט געדענקט, ער האָט אַ מאָל אפילו געאַרבעט מיט אים צוזאַמען. ביי אים וועט ער בלתי ספק קריגן זייער נייעם אַדרעס. ער האָט נאָר איך פראַגע צו דער דוואָרניטשקע:

— ווּ געפינט זיך היינט דער זשילקאָפּ? ווען עפנט מען אים?

— געפינען געפינט ער זיך דאָרט, ווּ ער האָט זיך שטענדיק געפונען — אויף זשיליאַנסקי־גאַס 27, און עפענען עפנט מען אים ערשט דריי נאָך מיטאָג —

— אַ דאַנק, מומעטשקע, אַ גרויסן דאַנק! ביי וואָראָנאָוון וועל איך שוין אַלץ געוווּיר ווערן... ער איז מיינער אַן אַלטער זיעמליאַק — און גאָרדאָן האָט זיך דאָס מאָל נישט אָפּגענאַרט —

אַרויסגייענדיק פינף אַ זייגער פאַר נאַכט פון וואָראָנאָוון האָט ער שוין געוווּסט אַלץ, וואָס ס'איז געווען צו וויסן, אַלץ, אַלץ, אַלץ...

— — — — — — — — — — — —

דער רווישיקער כרך קיעוו איז עלאַסטיש איבערגעגאַנגען פון דער ממשלת־היום צו דער ממשלת־הלילה. די זון האָט נאָך געצאַנקט אויף די ברויזיקע קוטשערלעך פונעם דניעפּער און אויף די אָפּגעוועלקטע קריינדעלעך פון די „הימל קראַצנדיקע" טאָפּאָלן אויפן בולוואַר שעווטשענקאָ — און די גאַסן, וועלכע זענען שוין טאַקע געווען איינגעטונקען אין שאָטנס, זענען שוין געווען העל באַלויכטן, פונקט ווי אין מיטן דער נאַכט.

יוסף גאָרדאָן האָט זיך אַלץ אַרומגעדרייט אויף די בולוואַרן, אויף די פּאַרקן, זיין מח האָט כלל נישט געאַרבעט, ווי אַ מעכטיקער דיזעל־מאָטאָר, פון וועלכן מען האָט בשתיקה אַרויסגענומען דעם צענטראַלן שרויף... ווען ער האָט זיך מיט די לעצטע כוחות אַראָפּגעשלעפּט אויף דער גאַס באָך וואָראָנאָווס גרוס און זיינע אויגן האָבן זיך צופעליק פאַרטשעפּעט אין אַן אָפּגענוצט און פאַרזשאַווערט בריטוועלע, וואָס עמעצער האָט גראָד אַרויסגעוואָרפן דורך אַן אָפן פענצטער, האָט נאָך אין אים געקלעקט תפיסה און זכרון, וואָס ער האָט צו טון מיט דער מציאה: ער האָט עס אויפגעהויבן פון דער ערד, בקול רם, — אַז עטלעכע דורכגייער האָבן זיך אַזש אָפּגעשטעלט קוקן אויף אים, — געמאַכט די ברכה „ברוך דיין האמת" און האָט טיף איינגעשניטן די לאַצן פון אַלע קליידער, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך. איצט שלעפּט ער זיך אַרום איבער דער שטאָט, די איינגעשניטענע „לעצלעך" פון אַלע מלבושים שאָקלען זיך, לרוח היום, אויף אַלע זייטן, נאָכן טאַקט פון זיין גאַנג; זיי מאָזאָ־

ליען די אויגן פון די דורכגייער און מאַכן קאַליע די שטימונג ביי אומשולדיקע מענטשן מיט זייער פרעמדקייט און אַנדערשקייט און דערמאָנען זייער שטאַרק אין פאַרבלוטיקטע פליגלען פון אונטער־געשאָסענע פויגלען. ער גייט, די פיס, הייסט עס, גייען זיך זייער וועג, רגלוהי דבר־נש עריבין ליה, לאתר דמתבעי רגלוהי דבר־נש מובילין יתיה, און ער קלערט כלל נישט: נישט פונעם אַליין זיך געהאַנגע־נעם פאָטער; נישט פון דער מוטער מיט דער שוועסטער, וועלכע מען האָט דערשאָסן אין באַבי־יאַר ביום הקהל — דאָס אַלץ איז עפּעס ווי אַרויסגעפלויגן ביי אים פונעם קאָפּ, עלעהיי אַ מחנה פייגל, וואָס גיט זיך אַ הייב־אויף פון אַ דאַך און ווערט כהרף־עין נעלם פונעם אויג. ער קען זיך בלויז נישט דערמאָנען אין קלייני־קייט, — וואָס האָט ער איצט צו טון? פאַר וואָס קען ער זיך נישט דערמאָנען אַזאַ פשוטע זאַך: ווּהין נאָך האָט ער צו גיין? וואָס נאָך האָט ער צו טון? גוואַלד געשריגן: וואָס דאַרף ער איצט אָנהייבן צו טון? ער האָט דאָך, פאַרנדיק אַהיים, עפּעס אַזוי פיל זאַכן געטראָגן אויפן קאָפּ... עס קען דאָך נישט געמאָלט זיין אַזאַ מציאות, אַז מיט זיין באַגעגעניש מיט וואָראָנאָוון, איז מיט איין קלאַפּ שוין אַלץ אָפּגעטון געוואָרן... וואָס איז ער, וואָראָנאָוו, שקול כנגד הכל? הוא ראשון והוא אחרון?

דריי טעג און דריי נעכט האָט ער זיך געוואַלגערט אין האָטעל־צימער אויפן בעט, אומאויפהערלעך אַריינקלערנדיק זיך אין אָט דער אומגעוויינלעך־האַרבער סוגיא: „וואָס דאַרף ער איצט אָנהייבן צו טאָן?”... אויפן פערטן טאָג, איז ער קאַיאָר, מיטן ערשטן טראַמ־וויי, אַוועקגעפאָרן צום באַבי־יאַר, וועלכן ער האָט פון צוריק מיט צען יאָר געקענט, ווי זיין אייגענע דלאָניע. דאָרט — אין אָט דער מיט ווילדגראָז באַוואַקסענער שמאָלער קאָרעטע, וועלכע מען רופט נאָך אַלץ אָן באַבי־יאַר, גלייך ווי ס'איז דאָרט גאָרנישט געשען אַזוינס, — האָט ער זיך איינער אַליין, „אויג אויף אויג מיט זיינע טייערע”, אַרומגעוואַלגערט אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט...

דערנאָך, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין, האָט ער אָנגעזאָגט דעם פּאַרוואַלטער, ער זאָל אים זיבן טעג אַרויפשיקן ברויט מיט טיי, ווייל פּונקט אַזוי לאַנג וועט ער נישט אַראָפּגיין פון דאָרטן —

אין משך פון זיין „שבעה זיצן" האָט ער נישט אַרויסגעבראַכט פונעם מויל קיין איין וואָרט, — ער איז געווען איינער אַליין... ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער און דער לעצטער מענטש אויף דער וועלט... ואחרון על עפר יקום... ער האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן אַזוי נישט מקיים געווען דעם „מוצא שפתיך תשמור", זיינע ה׳ מוצאות הפה זענען לחלוטין אָפּגעשאַפט געוואָרן, ככלי אין חפץ בו, — ישב בדד וידום כי נטל עליו... דאָס האַרץ האָט זיך אין אים שטורמיש און בונטאַריש געכוואַליעט, די כוואַליעס האָבן זיך גע־דיכט געשוימט, דער שוים האָט זיך אַזוי לאַנג געקאַלויצעט אין זיין אייגענעם געמויזעכטס, ביז ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סם, אין סם־המוות, אָבער דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן בינו לבין עצמו, אין עוד מלבדו. הס כל בשר! אין אומר ואין דברים, בלי נשמע קולם. אַלץ, וואָס האָט אין אים איבערגעקאָכט פאַר דער דאָזיקער וואָך צייט, איז באַגראָבן געוואָרן טיף, טיף אין אים... אין אָפּגרונט פון זיין נשמה...

אויפן אַכטן טאָג, צום „אויפשטיין", האָט ער אַריינגעשטעקט זיינע צען פינגער אין דער צעשויבערטער שעוועליורע, ער איז לאַנג אַזוי געזעסן אַ פאַרשטיינערטער און צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן צו זיך אַליין:

— גענוג, יוסף! אין מתקשין על המת יותר מדאי... כל המתקשה על המת יותר מדאי, — על מת אחר הוא בוכה...* כאָטש

* מען טאָר נישט צו פיל קלאָגן אויף אַ מת... ווער עס באַקלאָגט זיין מת מער וויפל ס׳איז דערלויבט, רופט חס ושלום דערמיט אַרויס אויף זיך אַ פריש אבלות.

גראָד פון אָט ד ע ר שטראָף ביסטו שוין ברוך־השם אויסגעזאָרגט, פשוט דערפאַר, ווייל דו האָסט מער קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט, ווֶעמען דו וואָלסט נאָך געקענט פאַרלירן... אָבער פון דעסט וועגן, אַז די חז״ל האָבן געזאָגט: „אמר הקב״ה: אי אתם רשאים לרחם עליו יותר ממני״, קען מען דאָס נישט פאַרבייגיין און זיך מאַכן כלא ידע... שטיי אויף פון דיין וויסטן זיצעניש, מען קען נישט נאָכשטאַרבן! קעגן גאָט קען מען נישט גיין... שער זיך אָפּ, וואַש זיך אָפּ און גיי זיך זען מיט דיינע פריינד... די פייגנבוימס, שלמה, קלאַדניצקי, אַדלער — יעדער איינער פון דיינע ידידים וועט לויט זיינע מעגלעכקייטן דיר פאַרלייכטערן דעם אומגליק, וואָס האָט זיך אויף דיר אַרויפגעוואַלגערט ווי אַ באַרג... לא טוב היות האדם לבדו, דיך איינעם אַליין קען נאָך אָט דער באַרג לגמרי צעקוועטשן...

און ער איז אַוועק צו די פייגנבוימס און פון דאָרט צו די פּיאַטיגאָרסקיס און פון דאָרט צו אַלע זיינע ליבע און האַרציקע חברים און פון דאָרט, שפּעט אין דער נאַכט, צו זיך אין האָטעל אַריין און ער האָט אומאויפהערלעך געשעפּטשעט צו זיך איינע און די זעלבע ווערטער:

— או חברותא, או מיתותא... או חברותא, או מיתותא... אמת, המאבד את עצמו לדעת, אין לו חלק לעולם הבא, אָבער צו וואָס דאַרף ער עס היטן זיין עולם־הבא? וואָס פאַר אַן עולם־הזה ער האָט געהאַט, אַזאַ עולם־הבא דאַרף ער האָבן; דאָ אַ גיהנום — דאָרט אַ גיהנום, און כאַפּט אים דער רוח מיט אַלץ מיט אַן אַנדער! נו, ווי אַזוי דען? ער וועט דאָך נישט בלייבן לעבן איין מענטש אויף דער גאַנצער וועלט? אַז ווּהין ער קומט אַריין — אפילו קיין שפּור נישט געבליבן! וואָס איז דאָ געווען — אַ מבול? מהפכת סדום ועמורה? אַן ערדציטערניש, וואָס ס׳האָט אויסגעריסן מיטן שורש די גאַנצע פריערדיקע וועלט? ער זעט דאָך אָבער פאָרט לעבעדיקע מענטשן פאַר די אויגן? פון וואַנען האָבן זיי זיך אַהער

גענומען? ווו האָבן זיי זיך עס אויסגעבאַהאַלטן? אויף אַן אַנדער פּלאַנעטע? בשמים ממעל? בארץ מתחת? און וואָס פּאָדערט זיך איצט פון אים? ערשט ווערן אַ ראָבינזאָן קרוזאָ? ער וועט דאָך נישט אָנהייבן אונטער פּערציק יאָר ערשט בויען אַ לעבן פון בראשית... מיט ווילד פרעמדע מענטשן... אויף די חורבות פון זיינע טייערע חלומות... ווי אַזוי, פרעגט זיך, קען מען בלייבן לעבן אויף אָט דער משוגענער וועלט, אַז וווהין ער קומט נישט אַריין טרעפט ער אָן אויף אַ וואַנט און קיינער ווייסט אים גאָר נישט וואָס צו ענטפערן... נישטאָ און שוין! אָן אַ פּאָר וואָס! אָן אַ ווּהין! ס'איז אונטערגעגאַנגען אַ וועלט, אַן עולם ומלואו, ואין איש שׂם על לב... קיינעם גייט גאָר נישט אָן ווּהין זי איז אַהינגעקומען —

פּלוצלינג גיט ער זיך אַ קלאַפּ אין שטערן:

— שאַ, ער איז דאָך נאָך אין שול נישט געווען! ערגעץ אויף דימייעווקע איז דאָך געווען אַ מאָל אַ שול, אויף קראַסנאָאַרמייסקע־גאַס 158! אין שול אַריין! אין שול אַריין! דאָס איז די לעצטע רעטונגס־סטאַנציע — אָדער אַהער, אָדער אַהין... לחיים או למות!

*

דער זייגער איז שוין געווען עלף —

אויף די שוין פון לאַנג נישט אויסגעווישטע שויבן פון דעם טיפן פּאָדוואַל אויף קראַסנאָאַרמייסקע 158, נאָך אַלץ שטינקענדיקן מיט קעראָסין, מיט טוכלע קרויט און מיט ביליקער מאַכאָרקע, ווו עס האָט קונה־שביתה געווען דער גלגול פון דער אַמאָליקער „קאָ־פּיעטשעסקע שול", האָבן נודנע געזשוזשעט פליגן. דער לאַנגער קעלער מיט די אַליין צונויפגעקלאַפּטע סטענדערס איז געווען איינ־געטונקען אין אַ קלעפּיקן דרימל. אין אָט דעם גאַנצן נאָך עד היום פאַרגראַטעוועטן אונטערערדישן קאַרצער האָט זיך איצט געפינען בלויז איין און איינציקער מענטש — יוסף גאָרדאָן.

ווען ער איז אַהער געקומען צו גיין איז נאָך האַלב קיעוו גע־שלאָפן און אויף דער האַלב־איינגעזונקענער טיר פון דער „קיע־ווער גרויסער שול“ זענען געהאַנגען צוויי וואַליזע־שלעסלעך.* מעכאַניש האָט זיי גאָרדאָן אַ טאַפּ געטון ביים דופק, — איינס האָט זיך גלייך אויפגעעפנט, ווי עס וואָלט זיך קוים דערוואַרט אויף דעם דאָזיקן טרעסל. און דאָס צווייטע איז יאָ געווען פאַרשלאָסן. אפשר אַ גאַנצע שעה האָט ער זיך אַרומגעדרייט אויפן טראָטואַר, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, ביז ער האָט זיך דערוואַרט אויפן שמש. דאָס איז געווען אַ רומענישער יונגערמאַן אין די פופציקער. אין קיעוו האָט ער ערשט אין גאַנצן געוווינט אַנדערטהאַלבן יאָר. ער האָט אין פרונזע חתונה געהאַט פאַר אַן אלמנה פון קיעוו, האָט זי אים פאַרשלעפּט אַהער צו. ווּהין ציט דעם וואָלף? — אין וואַלד אַריין! דעם אמת גערעדט, האָט אים אַזוי אויסגעפעלט דאָס דאָזיקע באַנדיטסקע קיעוו, אַזוי ווי אויגנווייטיק, נאָר איר ווייסט נישט, דאָס צווייטע ווייב איז אייביק אַ מיוחסת. בפירוש הותנה, אַז ס'זאָל זיין ידה על העליונה. ער האָט פון איר געהאַט געברענטע לייד: נאָר קיעוו און קיעוו און נאָך אַ מאָל קיעוו און ווידער אַ מאָל קיעוו... איז איידער צו באַקומען פון איר אַ לונגפויל, האָט ער זיך בעסער געלאָזט פאַרשלעפּן קיין קיעוו... ווּינען ווּינט ער ערגעץ אין אויס־רייסעניש; דאָס פּאַפּיראָסן־קלייטל, פון וועלכן ער ציט די חיונה, דער גאַנצער מקור פון פרנסה, — פון וואַנען ס'האָט זיך צו זיי גענומען אַזאַ זכות? ווייל זי איז אַן אינוואַלידקע אויף אַן אויג נאָך פון יענער קריג, — האָט ער צוויי קוואַרטאַלן ווייטער פון דאַנען און דעריבער, ווען מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז דאָ געשטאָרבן דער שמש, — אויך אַ פרעמדער ייד געווען, אַ פּאָדוואָלאָטשיסקער, דאַכט זיך — און מען איז צו אים צוגעשטאַנען — נ א ר ער זאָל

* געמיינט: לייכטע, ביליקע.

אָננעמען דאָס שמשות: ראשית איז עס ביי אים אַ שכנישע זאַך, ממש ביים קלייטל „אונטער דער נאָז"; והשנית ער וועט ביי דעם מאַכן נישט ערגער, ווי ביי די פאַרדריפּעטע פּאַפּיראָסן, — האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן און האָט גענומען צו זיך די שליסלען. איצט, אַז ער קען שוין צוריק נישט כאַפּן, ס'איז אַ בזיון פאַר לייטן צו דרייען מיט דער צונג, טוט אים האַרציק באַנג. ער האָט נישט געטאָרט נעמען אויף זיך אַזאַ עול. ס'האָט אים נישט אויס־געפעלט קיין קאָפּוויטיק אויך אָן דער שול. ס'איז דען ווי ביי לייטישע מענטשן פירט זיך: עס דאַוונט אָפּ איין מנין, צי צוויי מנינים, צי זאָל שוין זיך — דריי מנינים און אַ סוף, אַן עק! ב־ב־ניין! דאָ איז גאָר אַנדערע פּאַראָנדקעס! אַלע מתפּללים אַרבעטן ערגעץ־ווו. וואָס דען, דאַוונט נאָר איין מנין, דער ערשטער, אָט באַלד טאַקע דאַרף מען זיך צונויפקומען, און די איבעריקע מתפּללים, כאַפּט זיך יעדער באַזונדער אַריין, ווען ער קען! אַ מעשה אָן אַן עק! אַ פאַרשלעפּטע קרענק! ווען ער האָט אַ מעגלעכקייט אַנטרונען צו ווערן אויף אַ האַלבער שעה, ווערט ער אַנטרונען, און די שול מוז שטיין אָפן אַ גאַנצן טאָג. און אַזוי האָט ער כסדר דאָס לויפעניש פונעם קלייטל אין שול אַריין און פון דער שול אין קלייטל אַריין! בנאמנות, ער ווערט אָן ביים קלייטל זיבן מאָל מער, וויפל עס פאַלט אים אַריין פון דעם גאַנצן שמשות. ער זעט אויף אים, אויף זיין פריען גאַסט, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער מענטש, און איז נישט קיין איבעריקער עושר — אפשר וויל ער ביי אים איבערנעמען דאָס שמשות, גיט ער אים אפילו שוין איבער די שליסלען און נאָך אַ שיינע פאַר פעקלעך פּאַפּיראָסן פאַר אַ צוגאָב, וואָס זשע זאָגט ער? איז דאָס געשעפט געמאַכט?

גאָרדאָן האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווייטן מזרח־ווינקל, פונקט קעגנאיבער דער טיר און זיין פיבערדיקער בליק האָט איי־פערדיק דורכגעקעמט אַלע אַריינקומענדיקע. קיין צו גרויסער עולם

איז אין קיין וואָכעדיקן טאָג נישט געקומען. דאָס רוב דאַוועגערס זענען געווען פרעמדע יידן, וואָס ער זעט זיי צום ערשטן מאָל, — דאָס רוב אַלטע יידן, קראַנקע, און אייניקע יונגעלייט אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ פעקעלע ספעץ־קליידער אונטערן אָרעם, — אַ פנים, גייענדיק אויף דער אַרבעט, אָדער פון דער אַרבעט. עס זיינען אויך געווען עטלעכע יידן, וואָס זייערע פנימער האָבן אים אויסגעזען צו זיין קענטלעך, אָבער זייערע נעמען האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען, אָדער ער האָט זיי גאָר קיין מאָל נישט געוווּסט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו זיי ווי אַ גוט אויס־געהונגערטער אַרעסטאַנט אויף זיין פּאַיאָק, אָבער אָפּגעגאַנגען פון זיי איז ער אַ ניכטערער, אַ פאַרשמאַכטער, ווי אַ בלאָנדזנדיקער אין דער מדבר, וועלכער האָט אָנגענומען אַ טונקעלן שיכט זאַמד פאַר אַ לעבעדיקן קוואַל: יאָ, זיי זענען קיעווער, אָבער קיין יוסף גאָרדאָן האָבן זיי נישט געקענט. זיי קענען זיך נישט דערמאָנען אַזאַ נאָמען. ניין, אַזאַ מענטש וואָס זאָל הייסן: אי יוסף, אי גאָרדאָן, האָבן זיי זיכער נישט געקענט. און ער אַליין איז דען אַזוי זיכער, אַז דער דאָזיקער גאָרדאָן איז געבליבן לעבן? אפשר זוכט ער גאָר דעם נעכטיקן טאָג? איינער אַ האַלב־טויבער און אַ האַלב בלינדער, פון די נמושי בתר נמושי, אַז עמעצער פון די דערביי־שטייענדיקע האָט אים אויף קולי־קולות אַריינגעטורקעט אין אויער אַריין, אויף וועמען דער דאָזיקער מענטש פרעגט זיך נאָך, האָט ער זיך פּלוצלינג צעפּאָכעט מיט די הענט ווי אַ צעפּלאָשעטער האָן:

— טע־טע־טע, האָט זיך דערמאָנט אַ מעשה פון פאַרצייטן... וימת יוסף וכל אחיו וכל הדור ההוא...

— והם לא הכירוהו, — טראַכט יוסף אַ פאַרביטערטער. אַ פנים, אַז איך זע היינט אויס אַ היפּש ביסל אַנדערשער ווי דאַ־מאָלסט...

אייניקע האָבן אים דווקא כמעט ווי יאָ דערקענט. און די

פּיאַטיגאָרסקיס מיט די פּייגנבוימס האָבן זיי געקענט, זיי קענען זיי ווי זייערע צען פינגער, — ווי איז דען מעגלעך געווען אַזעלכע באַרימטע מענטשן, אמתע יקירי־קרתא, נישט צו קענען? — אָבער זיי קענען אים וועגן זיי גאָרנישט זאָגן. די פּייגנבוימס, אַזוי ווי זיי זענען ערגעץ אַוועק פון קיעוו אין אָנהייב פון דער קריג, אַזוי האָט פון זיי מער קיינער נישט געהערט און נישט געזען, — ווער ווייסט, צי זיי האָבן זיך גאָר געראַטעוועט פונעם דייטש? אפשר האָט מען גאָר צעבאָמבירט זייער צוג אָדער זייער באַרזשע? אפשר האָט עס זיי צעריסן אויף שטיקער נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן זיך אַרויפ־צוכאַפּן אויף אַ צוג אָדער אויף אַ באַרזשע? ער האָט דען אַ השגה, ווי אַזוי דאָ האָט בימים ההם געברענט אונטער די פיס יעדער מעטער ערד? ממש: גפרית ומלח, שריפה כל ארצה, כמהפכת סדום ועמורה... און מיט די פּיאַטיגאָרסקיס איז עפּעס אַ לא־דבר. אין שטאָט איז מען מחולק וועגן זיי און מען קען בשום אופן נישט קומען צו קיין הסכם. באַלד נאָך דער קריג, אָדער שפּעטער אַ ביסל, האָט זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז אפרים־אהרן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, — דעם פאָטער זיינעם האָט מען געהאַנגען, דאָס ווייסט ער דאָך מסתמא, — איז צוריקגעקומען קיין קיעוו. אַזוי האָט מען גערעדט, גערעדט, אָבער געזען פאַר די אויגן האָט אים קיינער נישט. און אַזוי ווי אין עטלעכע וואָכן אַרום איז וועגן דעם עפּעס מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן, איז דאָס אַ סימן מובהק, אַז ס׳איז פון דער לכתחילה אָן געווען אַ ליגן! אַן אויסגעטראַכטע זאַך...

און מער האָט קיינער גאָרנישט געוווסט! ער האָט דווקא געפּרווט אַ טאַפּ טאָן יענעם ביים דופק:

— כ׳בעט אייך, ביי ר׳ אברהם פּייגנבוים איז אַ טאָכטער גע־ווען אַרויסגעשיקט... זי האָט זיך פאַר אַ יאָרן געדאַרפט אומקערן פון איר אַרויסשיקונג... צי האָט מען נישט געזען? צי האָט מען נישט געהערט? — ניין! קיינער האָט נישט געזען און קיינער האָט

נישט געהערט... בימים ההם איז עפּעס געווען אַן אַנטיק צו זיין אַרויסגעשיקט? וועלכער ייד איז דאַן נישט געווען אַרויסגעשיקט? דאַכט זיך, אין בית אשר אין שם מת... און ווידער, אויף אַזוי ווייט היימיש מיט די פייגנבוימס זענען זיי נישט געווען... פון דער ווייטנס האָט מען זיך געקענט; „אַ גוט מאָרגן" — „אַ גוט יאָר", אָבער מען זאָל גאָר קענען די טעכטער זיינע — וואָס פאַלט אים איין? זיי זענען עפּעס געווען זיינס גלייכן? כקוף בפני אדם!

מענטשן זענען אַריינגעגאַנגען, מענטשן זענען אַרויסגעגאַנגען, די שול האָט שוין געפּוסטעוועט אַ גוטע שעה און גאָרדאָן איז נאָך אַלץ געזעסן צוגעקאָוועט צו זיין „ערשטער ליניע" און האָט — ווי חוני המעגל בשעתו — אַרויסגעקוקט אויף אַ נס, אַז עמעצער זאָל אים דערקענען און אים עפענען די אויגן: וווּהין איז ער דאָ אַריינגעפאַלן? ווער שפּילט זיך דאָ מיט אים אין באַהעלטערלעך? ווער האָט עס אַזאַ שטיינערן האַרץ צו שפּילן מיט אַזאַ שברי־כלי ווי ער איז, אַזאַ אכזריות'דיקע שפּיל? וועגן זיינע נאָענטע האָט ער לעת־עתה געוווּסט פּונקט אַזוי פיל, ווי פאַרן קומען אין שול אַריין. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין שמאָלן דורכגאַנג אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, און האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז עמעצער האָט אים דאָ באַגנבעט, אים באַנעמען פון דעם קאָפּ ביז די פיס און אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס אַ נאַקעטן, צו שאַנד און צו שפּאָט... און אפשר איז אָט דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ קאָמעדיע אַזאַ? אַ מין פאַרבלענדזעניש, אַ מין אחיזת־עינים אַזאַ? אפשר האָט אים דער צוג געבראַכט נישט קיין קיעוו, נאָר אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָט, וואָס כאַפּט בלויז דעם אָנבליק פון זיין אַלטן ליבן קיעוו? ער האָט דאָס געפיל, אַז מן השמים האָט מען אים אַראָפּגעשיקט אויפן עולם־התוהו: זיין גאַנצע אַמאָליקע סביבה איז אונטערגעגאַנגען כאניה בלבֿ ים און ער וועט שוין אַ פּנים אייביק גאָרנישט געוווּיר ווערן וועגן זיי... ער וועט אפילו נישט וויסן ווו זייער געביין איז אַהינגע־

קומען... אבדו ואינם... און ער אַליין — וואָס? ווען פעלט ער דאָ אויס און ווער האָט געוואַרט אויף אים? ווער עס האָט אפילו קיין מאָל נישט געוווּסט אַזאַ נאָמען און ווער עס האָט אים שוין פאַר־געסן; עפּעס אַ ווערטעלע אויסצורעדן — אַזוי פיל יאָרן...

און עס קלינגט אים איןביידע אויערן אַ כרוז:

... נשכחתי כמת מלב... הייתי ככלי אובד...

און אויב אַזוי, ווער זשע דאַרף עס גיין קעגן דער השגחה? ווען טוט זיך עס נייטיק צו ווען ענדערן דעם רצון הבורא? „כמת" — איז כמת; „אובד" איז — אובד!

זייגער צוויי האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ביז מנחה וועט שוין קיינער נישט אַריינשמעקן אין שול אַריין און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין. דער הונגער, וואָס ער האָט פון נעכטן אָן לחלוטין פאַרגעסן אין אים, האָט אָנגעהויבן צו קלעמען ביים האַרצן. ער האָט זיך דאַן גראָד געפונען נישט ווייט פונעם גאַנץ געבליבענעם בעסאַראַבקער רינאָק, איז ער אַהין אַריינגעגאַנגען. דער גלעזערנער דאַך פונעם ריזיקן רינאָק איז אין עטלעכע ערטער געווען געלע־כערט און צעריסן פון באָמבעס, אָבער דער בעטאָנירטער קאָרפּוס איז געבליבן גאַנץ און אפילו די קלייטלעך זענען געבליבן גאַנץ און אין אָט דעם גרויסן מאָגן פון קיעווער שטאָט־צענטער האָט איצט געקאָכט און געזאָטן, ווי אין אַ קעסל. יוסף איז געשטאַנען אָנגע־שפּאַרט אין אַ פאַרמאַכטן לאָדן פון אַ ביר־קלייטל און האָט, נישט פילנדיק אין איר קיין שום טעם, געקייעט אַ באַר, וואָס איז געווען אַזוי האַרט, ווי אַ שטיק גומי. די היפּשע שטרעקע פון דימייעווקע ביז בעסאַראַבקע, וואָס שלא במתכוון וואָלט זי ביי אים זיכער צוגע־נומען ווייניקער פון אַ האַלבער שעה, האָט ביי אים היינט גע־דויערט מער פון דריטהאַלבן שעה. ער האָט פאַרקוקט אין אַלע אָפענע פענצטער; אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אַלע קלייטלעך; אַריינגעבליקט יעדן דורכגייער אין פּנים אַריין — ער האָט נאָך

אַלץ געהאָפּט צו דערזען עפּעס אַ באַקאַנט פּנים, צו דערהערן אַ באַקאַנט קול, קול מעיר, קול מהיכל, אָבער זיינע זוכעניש זענען געווען אומזיסט און אומנישט... פרעמד, פרעמד, אַלץ אַרום אים איז געווען פרעמד ביז גאָר! בפועל ממש — „ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם ואת בתיהם... וירדו הם וכל אשר להם חיים שאולה ותכס עליהם הארץ ויאבדו מתוך הקהל"... ווי אַזוי קען אַן עיר גדולה לאלקים, אַן עיר ואֵם בישראל, אַן עולם שיש בו ממש, אַן עולם ומלואו, אַן עולם פון בריאה עשייה ויצירה, נעמען און צערונען ווערן, כהימס דונג מפני אש? פון זינט ער געדענקט זיך, נאָך פון די חדר־יאָרן, איז ביי אים שגור אין מויל די מימרא: אין קיין כישוף גלייב איך נישט! די דאָזיקע פאָרמולע פלעגט ער איבערחזרן צו קליין און צו גרויס, צו די אייגענע עלטערן און צו די חברים אויף דער אַרבעט, סיי אין די פריִע יאָרן און סיי אין די פאַרקאַרצערטע יאָרן, און איצט, אויף דער עלטער שוין, האָט ער פּלוצלינג אָנגעוווירן די זיכערקייט, אַז כישוף איז אַ נישט־רעאַלע דערשיינונג. אָט דרייט ער זיך אַרום אין אַ וועלט־כרך ווי אַ גלגול וועלכער זוכט אַ תיקון, די שטאָט קען ער בעל־פּה עד היום, מיט פאַרמאַכטע אויגן וועט ער דיר טרעפן אין יעדן געסעלע און אפילו אין יעדן הויף אַריין, און דאָך מוז ער מודה זיין פאַר זיך, אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן אין אַ כישוף־ראָד. דאָס וואָס ער זעט מיט זיינע אייגענע אויגן איז נישט ממשותדיק. ס'איז יאָ קיעוו און ס'איז נישט קיעוו. עמעצער האָט דאָ געמאַכט אַ שוידער־לעכן שמיי־דריי, אַ שענדלעכן שאַכער־מאַכער, אויסגעוואָרצלט די אַמאָליקע שטאָט און פון ערגעץ, ווי מען פלאַנצט איבער אַ ניר פון איינעם אין צווייטן, אַריבערגעפלאַנצט אַהער אַ פרעמדע, נאָר אַן ענלעכע שטאָט און — ווי דער לעגענדאַרער וואַמפּיר נאָך דעם אויס־זויגן דאָס בלוט פון זיין קרבן, — לאַכט ער, דער עמעצער, איבער דער גאַנצער מדבר דאָס גרויסע גרוילנדיקע געלעכטער. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין דער מעשה מיט חוני המעגל, ווי אַזוי אומקערנדיק זיך אַהיים נאָך אָפּגעשלאָפענע זיבעציק יאָר, האָט

אים קיינער נישט דערקענט. אַלע פון זיין דור זענען אויסגע־שטאָרבן. „עלה על הגג, קרא: או חברותא או מיתותא, ונפל ומת"... ער, גאָרדאָן, איז דאָ נישט געווען דווקא בלויז צען יאָר, און איז במשך פון די דאָזיקע יאָרן דווקא נישט געשלאָפן — מען האָט אים פשוט נישט געלאָזט שלאָפן — און דאָך מוז ער דאַכט זיך אויך אָנקומען צו חוני המעגלס עצה... וועט ער דאָרט זיין אין דעם תנא'ס מחיצה... וואָס דען זאָל ער טון? וווהין דען זאָל ער זיך אַהינטון? ער איז דאָך אַזוי עלנט, אַזוי איינזאַם, ווי אַזוי קען ער זיך נעמען צו עפּעס, אַז ער איז דאָ איינער אַליין, פּונקט ווי דאַמאָלסט אין שבת'דיקן קאַרצער...

ער שטייט נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט אינעם גרינעם לאָדן, זיינע ציין קעמפן אַלץ מיט דער „גומענער" באַר, אָבער זיינע געדאַנקען האָבן זיך ראַפּטאָם אַ קער געטון גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט דערזען יענע פּרוי אינעם פּאַרטעך, וואָס שטייט אין דעם קעגנאיבערדיקן קליטל און „לאָזט אָפּ דעם אָטשערעד", קען ער פון זיך נישט אָפּטרייבן דעם געדאַנק, אַז ער האָט זי אַ מאָל געקענט. ער מאַטערט זיין אָפּגעשוואַכטן זכרון, ער גריבלט זיך אין אים: ווער זשע קען זי זיין? און אויב אפילו ער האָט זי אַ מאָל יאָ געזען — וואָס זשע איז דערפון גע־דרונגען? וויניק שכנים האָבן געוווינט אין די זשילקאָפּן, ווו ער איז געווען „אופּראַוודאָם"? ער קוקט זיך איין אין איר געזיכט: זי מוז זיין אין זיינע יאָרן: 35—40. זי פאַרמאָגט דווקא זייער אַ שיין פּנים, נאָר די האָר אירע זענען שטאַרק גרוי, נאָך גרויער ווי ביי אים. זי איז עטוואָס העכער פון מיטעלן ווּקס, אָבער דער קאַרק אירער איז אַזוי דיק, אַז מען קען אים אָננעמען פאַר אַ האָרב. און ווי באַלד אַזוי איז דאָך יצא שכרה בהפסדה. דאָס קליטל אירס, איז אַ באַקאַליינע קליטל, ס'איז דאָרטן דאָ פון כל טוב, פון הערן און זען און געדענקען. אין איר קליטלעך־געסל שטייען עטלעכע קליט־לעך פאַרשפּאַרט, פאַלט טאַקע צו איר אַריק זייער פּדיון אויך. זי

„בלייבט ממש אָן הענט“, אַזוי פיל קונים שטייען אַרום איר. און כאָטש זי איז נישט אַליין, אַ בלאָנדער יונגערמאַן — אַ פּנים אַ רוסישער, — און אַ היפּש מיידעלע — אַ קאָפּיע פון איר, — „דערלאַנגען איר צו די הענט“, פון דעסט וועגן איז די ריי צו איר „סטאָיקע“ אַ דרייפאַכיקע און „מען צערייסט זי ממש אויף שטי־קער“.

גאָרדאָן חידושט זיך אויף זיך אַליין, וואָס ער טראַכט וועגן איר אַזוי לאַנג... סוף כל סוף האָט ער זי געקענט אַ מאָל זען — עפּעס האָט ער דאָך פּאָרט געוווינט אין קיעוו אַזוי פיל יאָרן! אָבער צו וואָס דאַרף ער זי איצט? וואָס קען זי אים פאַרריכטן? ענדלעך בטלט ער טאַקע אויס חלומות צו זיין אייגענעם קאָפּ און גייט אַרויס פונעם רינאָק מיט דעם זעלבן וואָס ער איז אין אים אַריינגעגאַנגען.

עס זענען ווידער פאַריבער עטלעכע שעה. ער האָט שוין אויס־געמאָסטן אפשר „אַ האַלבע שטאָט“ און איין מאָל: ניין! „אַזוי ווי פונעם שטיין“! ער האָט שוין אפילו אָפּגעשטעלט אין גאַס עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן אים אויסגעזען צו זיין זייער קענטלעך און ער האָט זיך ביטער טועה געווען. ער האָט זיך נאָך געמוזט אַנטשולדיקן אויך, פאַר דער העזה אָפּצושטעלן אין גאַס ווילד־פרעמדע מענטשן און זיי דולן דעם קאָפּ מיט זיינע שטותים. איצט גייט ער צוריק אין שול אַריין — אולי ירחם! און פאַר איין וועגס וועט ער שוין זאָגן קדיש אויך. זיינע עלטערן האָבן אפשר נישט פאַרדינט ביי אים? זיי האָבן מסתם פאַרדינט ביי אים, אַז ער זאָל אויך אָפּלערנען עט־לעכע פּרקים משניות לזכר נשמתם, אָבער — ווו האָט ער איצט קאָפּ צו דעם? וויניק איז אים איצט דער קאָפּ דערהרגעט פון זיין גאַנצן אַרום און אַרום? ווי האָט דער בערדיטשעווער רב זצ״ל געטענה׳ט ביים עמוד: אתה הבדלת אנוש מ ר א ש — דו האָסט ביים מענטשן צוגענומען דעם קאָפּ, געמאַכט פון אים אַ שקלאַף צו דעם שטיקל לחם־הקלוקל, — ותכירהו לעמוד לפניך? און ווילסט נאָך,

אַז ער זאָל זיין אַן אדם השלם; אַז ער זאָל האַלטן קאָפּ: „לפני מי אתה עומד״? אין שול אַריין איז דאָ גוטע פינף קילאָמעטער. מיטן טראַמוויי קען ער דאָרט זיך פאַר פופצן־צוואַנציק מינוט, אָבער ער וועט נישט פאָרן! ער וועט גיין צו פוס, אַריינקוקן אין אַלע שפּאַלטן, בחורין ובסדקין, אין די אויגן פון אַלע אַנטקעגנקומענדיקע — אולי ירחם! אפשר וועט מיט אים אויך געשען דער נס, וואָס איז אַ מאָל געשען מיט הגר המצרית: „ויפקח אלקים את עיניה ותרא באר מים, ותלך ותמלא את החמת״ —

ער שטעלט זיך אָפּ אַ ביסל איבערכאַפּן דעם אָטעם און קוקט זיך אום צו זען, ווי ווייט ער האָט נאָך צו גיין, און פּלוצלינג, זע נאָר, זע, — ער שטייט ווידער פאַרן צענטראַלן אַריינגאַנג פון בע־סאַראַבקער רינאָק. אַז ער, יוסף, אַ קיעווער תושב פון כמה וכמה יאָרן, זאָל מיט אַ מאָל אָנהייבן בלאָנדזען און קומען צוריק אויף דעם זעלבן אָרט פון וואַנען ער איז אַרויסגעגאַנגען, לא יאומן כי יסופר! וואונדער איבער וואונדער! ער האָט נישט געוואָלט מודה זיין פאַר זיך אַליין, אַז אין אונטערבאַוווסטזיין האָט ער גוט געוווּסט, אַז ער מוז נאָך אַ מאָל אַריינגיין אין רינאָק. די פיזיאָנאָמיע פון דער פרוי אינעם ווייסן פאַרטעך איז נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן. און וויפל ער האָט זיך אַליין נישט מסביר געווען, אַז דאָס איז פשוט אַ פאַרפּירעניש — ער קען זי נישט און ווייסט זי נישט און אַז ווען אפילו יאָ, — איז דאָך אויך אַ שטות, וואָרעם — וואָס? וואָס איז דאָס מעלה און וואָס איז דאָס מוריד, צי ער קען זי יאָ, צי ער קען זי נישט? — קיינע הסברים האָבן נישט געהאָלפן! ער האָט באַשלאָסן בלויז אַ קוק צו טון דעם פאַמיליע־נאָמען אירן אויפן שילד פונעם קלייטל און אַ סוף, אַן עק! אַראָפּ פונעם מאַרק! וועט ער אַרויסוואַרפן אַ חלום פונעם קאָפּ —

ביי דער „סטאָיקע״ זענען נאָך אַלץ געשטאַנען קונים. אמת, ס׳איז שוין נישט געווען אַזאַ געדראַנג ווי פריער, אָבער אַ שטיקל

ריי איז נאָך פאָרט געשטאַנען. יוסף איז אָפּגעגאַנגען אַ ביסל ווייי־טער און האָט איבערגעלייענט אויפן שילד: „ראַכלין". אַ פרעמדער נאָמען! עפּעס אַ לענינגראַדער כימיקער האָט זיך דאַכט אַזוי גע־הייסן, אָבער מה ענין שמיטה אצל הר סיני? ער איז אויף זיין לעבן אין לענינגראַד נישט געווען און יענעם כימיקער נישט געזען. אויס! פּטור געוואָרן אַ האַרצנאָגעניש! גלייכער אַזוי! דער גוי, וואָס העלפּט איר טון די שוואַרצע אַרבעט, דערזעענדיק, אַז עמע־צער לייענט אַראָפּ דעם נאָמען פונעם שילד, גייט אַרויס צו אים פון הינטער די שטאַכעטלעך:

— וועמען זוכט איר דאָ, חבר?

— וועמען איך זוך? וועמען זוך איך דען? איך זוך קיינעם נישט... איך זוך דעם נעכטיקן טאָג, זוך איך... ראַכלין... ראַכלין... ווער איז ער, דער דאָזיקער ראַכלין? ווי אַזוי זעט ער אויס?

— ראַכלין, דאָס בין איך אַליין —

יוסף טרעט אָפּ אויף איין שפּאַן און איז עפּעס ווי איבער־ראַשט:

— איר אַליין גאָר? איר זענט עס — ראַכלין? און יענע פרוי אינעם ווייסן פאַרטעך —

— איז מיין פרוי!

— אויב אַזוי, אַנטשולדיקט מיר, חבר, איך האָב מיך טועה געווען... איר ווייסט נישט, די קריג האָט איבערגעלאָזט אין מח אַזאַ מישמאַש, אַז עס שווינדלט אַזש פאַר די אויגן... אַנטשולדיקט זשע —

— עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט... ביטע...

ווען ער איז ווידער שוין געווען אין קלייטל לעבן זיין פרוי, האָט זי איבערגעריסן דעם פּאַרקויף נאָר אויף איין מינוט:

— ווער איז אָט דער שלעפּער? וועמען האָט ער דאָ געזוכט?

— ווער ווייסט? ער זאָגט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט —

— אַ טעות? עפּעס געפּעלן מיר נישט זיינע טעותים... אַלע גנבים נוצן זיך מיט דעם אויסרעד... ער דרייט זיך דאָ אַרום אַ גאַנצן טאָג... פונעם פרימאָרגן אָן... זאָלסט נישט פאַרגעסן אָנזאָגן דעם וועכטער, ער זאָל היינטיקע נאַכט קוקן אויף אונדזער קלייטל מיט ביידע אויגן...

און יוסף איז צו יענער צייט שוין שמיידיק געגאַנגען אין דער ריכטונג פון קראַסנאָאַרמייסקע 158 און זיינע אויגן, אויסגעלאָשענע און מוטנע, האָבן אויפמערקזאַם געזיפּט אַלע דורכגייער. פון הינטער די מויערן האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן אַ פריער בין־השמשות. די זון איז נאָך געשטאַנען גאַנץ הויך. אָבער די היץ איז עפּעס מיט אַ מאָל אַראָפּגעפאַלן. אין דרויסן איז געוואָרן קיל־מחיה, אַזוי ווי אין אַ מאַי־אָוונט אויף אַ לאָנקע ביי אַ טייכל. גאָרדאָן האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט פון עטלעכע טרעפּלעך אין שול אַריין, ווען עמעצער האָט אים פּלוצלינג אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין, ווי מיט אַ האַמער:

— נו, גאָרדאָן שוטה, דו ווייסט נאָך אַלץ נישט, ווער ס׳איז די דאָזיקע פרוי אין פאַרטעך, האַ? דאָס איז דאָך פּאָלי! פּאָלי — שלמהס „געוועזענע״, פּאָלי טולטשינסקי!

די אָפּגעשוואַכטע כוחות האָבן פאַרראַטן. ער האָט זיך לייכט אַ וואַקל געטון אויף די פיס און איז אין אפיסות־הכוחות געבליבן שטיין אָנגעשפּאַרט אין דער בלאָטיקער וואַנט.

אין שול האָט זיך באותה שעה געקליבן אַ פריער מנין צו מנחה. דערזען דורך דער גלעזערנער טיר אַ „צענטן״, וואָס גייט און גייט און שטייט אַלץ אויף איין אָרט, האָט מען אים אָנגעהויבן רופן:

— ר׳ ייד, וואָס ישובט איר זיך דאָרט אַזוי לאַנג? מאַכט אַ ביסל רירעוודיקער מיט די פיסעלעך. מיר האָבן דאָ אַן אבל, וואָס מוז זאָגן „קדיש״. אַ סוף, אַן עק, קומט שוין אַ מאָל אַריין, מיר זאָגן שוין „אשרי״!

יוסף האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעקראַבקעוועט פונעם לייכטן טשאַד, וואָס האָט אים אויף אַ ווײַלע איינגעהילט. ער האָט דער־הערט די ווערטער: „מנין“, „קדיש“, ער האָט אָבער אויך געדענקט, אַז דאָרט אין רינאָק געפינט זיך פאָלי און קען אַ מאָל עפּעס וויסן וועגן שלמה׳ן —

איין רגע האָט געדויערט דאָס קווינקלען זיך: מי נדחה מפני מי? ווער האָט אַ דין־קדימה: די לעבעדיקע צי די טויטע? וואָס וועגט איבער: יוקרא דחיי צי יוקרא דשכבי? דער שיקול־הדעת איז געווען זייער אַ קורצער: די שוכני־דומה ווערט מען שוין נישט אָן, והארץ לעולם עומדת, דאַקעגן די לעבעדיקע... מיט זיי טאָר מען קיין חכמות נישט פּראַווען... התעיף עיניך בו ואיננו, כי עשה יעשה לו כנפים כנשר יעוף השמים... ויעבור והנה איננו, ואבקשהו ולא נמצא...

אין אַ מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אין דער ריי, וואַר־טנדיק אויף אַ טראַמוויי —

איידער מען פאַרשליסט דעם רינאָק, ווערט ווידער ביי די קלייטלעך אַ געדראַנג: ווער עס כאַפּט נאָך אַ הערינג; ווער פּאַפּי־ראָסן; ווער אַ „פלעשל“ און ווער פון די פאַרשפּעטיקטע — זאַכן פון ערשטן געברויך: פּוטער, בוימל, זאַלץ, גרויפּן, שוועבעלעך און נאָך זיבן און זיבעציק קלייניקייטן, וואָס זענען נייטיק אין דער באַלעבאַטישקייט. גאָרדאָן, וועלכער איז געשטאַנען באַהאַלטן צווישן צוויי „ווענט“ מיט פּוסטע פעסער און האָט אַלץ אָפּגעוואַרט אַ מאָ־מענט, ווען ביים קלייטל וועט קיין איין מענטש נישט שטיין, האָט געפילט, אַז די פיס האַקן זיך אים אונטער שטייענדיק, און ביי יענער שפּע׳דיקער „סטאָיקע“ שטייט נאָך אַלץ אַ קליינע ריי. אָט דאַכט זיך אים בלייבט זי שוין שטיין ליידיק און איידער ער באַ־ווייזט זיך צו רירן פונעם אָרט, קומען אונטער פרישע עטלעכע קונים און נאָך אַ מאָל פרישע און ווידער אַ מאָל פרישע, נאָר ווי אויף צו להכעיס! און דערצו איז זי איצט איינע אַליין אין קלייט.

נישטאָ דער מאַן, נישטאָ דאָס טעכטערל און די שפע, אים אויף צעפּיקעניש, האָט זיך ביי איר איצט צעלאָזט דורך טיר און דורך טויער און דורך אַלע רינוועס.

איצט, ווען ער שטייט אָט אַזוי אָ און נעמט נישט אַראָפּ פון איר קיין אויג, קען ער בשום אופן נישט באַגרייפן: וואָס האָט זיך עס געטון מיט אים היינטיקן טאָג? עינים להם ולא יראו? ווי אַזוי איז גאָר מעגלעך פאָלין נישט צו דערקענען? מען דאַרף איר נאָר פאַרהענגען די געדיכט באַזילבערטע האָר; איר הייסן האַלטן פאַר־מאַכט דאָס מויל, כדי מען זאָל נישט אַרויסזען אירע ניקעלנע ציין; עס שאַדט נישט איר אַ ביסעלע פאַרשטעלן דעם פּיל־גאָרנדיקן גיידער, וואָס טרייסלט זיך ביי איר ווי פיש־כאָלאָדיעץ, ביי יעדן וואָרט וואָס זי רעדט אַרויס, און אָט שטייט פאַר דיר כמעט די אַמאָליקע פאָלי! פאָלי שלמהס, ווי זיי פלעגן זי שוין רופן צווישן זיך — די זעלבע אויגן, די זעלבע שיינע פרישע געזיכט־שטריכן, מיט איין וואָרט — אָדער ער איז געווען לחלוטין בלינד, אָדער ער איז סתם אַן אידיאָט געוואָרן! ווי זאָגט ער, דער בעל־התהילים: לבי סחרחר, עזבני כוחי, ואור עיני גם הם אין אתי...

ביים קלייטל האָבן זיך נאָך אַלץ געטאָפּטשעט קונים. ניין, ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, ער וועט זיך היינט נישט דערוואַרטן אויפגענומען צו ווערן אויף „יחידות".

אַן אַנטשלאָסענער האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון זיין באַהעל־טעניש צווישן די פעסער, ער איז מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום קלייטל און האָט זיך גלייך מיט אַלע אויף אַוועקגעשטעלט אין דער ריי. פאָלי, דערזעענדיק ווידער פאַר זיך דעם בייטאָגיקן „שלעפער", האָט אַזש אַ ציטער געטון מיט אַלע אברים. זי האָט אויף שנעל איבערגעדרייט דעם שליסל פונעם קאַסע־שופלאָד, גלייך חרטה געקריגן אויף אַזאַ „קינדערשער באַוואָרענונג" און די גרע־סערע באַנקנאָטן אַריינגעשטופּט טיף אין בוזעם אַריין. אָבער דאָס

האָט זי, אַ פּנים, נישט באַרואיקט, — דער בוזעם אירער איז ביי ד י חברה־לייט נישט אַזאַ נישט־צוטריטלעכע פעסטונג, — און זי האָט זיך אומבאַהאָלפן אומגעקוקט אויף אַלע זייטן:

— אוי, מאַמעניו, דער פריערדיקער „טעותים־מאַכער" איז שוין ווידער דאָ און איך בין דאָ איינע אַליין... און דאָ איז שוין שטאָק נאַכט... גוואַלד, וואָס טוט מען?

ווען יוספס ריי איז אונטערגעקומען, האָט ער מיט אַ גלייכ־גילטיקן טאָן אָנגערופן די מינים פּראָדוקטן, וואָס זי זאָל אים אָפּ־וועגן און תוך כדי דיבור, נאָך איידער זי האָט אָנגעהויבן צו פאַר־דרייען דאָס ערשטע שקאַרמיצל, האָט ער זיך צו איר אָנגערופן, לייכט בלאַס ווערנדיק:

— איר זענט דאָך פּאָלי, אמת? פּאָלי טולטשינסקי —

אירע פינגער האָבן אָנגעהויבן נערוועז זיך צו טרייסלען:

— נו יאָ... פּאָלי... נו, און אַז פּאָלי איז וואָס?

יוסף, לייכט אָפּאָטעמענדיק:

— איז גאָרנישט... וואָס ווילט איר זאָל זיין? איז ברוך־השם וואָס מען טרעפט זיך ווידער...

— און ווער זענט א י ר?

— איר קענט מיך, איר קענט מיך... קוקט זיך נאָר גוט צו, וועט איר מיך דערקענען —

— ניין! איך קען אייך נישט. איך זע אייך צום ערשטן מאָל —

— למשל, לאָמיר זאָגן, אַז איר האָט אַ טעות... איך בין גאָרדאָן, יוסף גאָרדאָן, שלמה פּיאַטיגאָרסקיס חבר...

פּאָלי האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט די וואָג:

— גאָרדאָן? יוסף גאָרדאָן? איך קען זיך נישט דערמאָנען אַזאַ נאָמען —

יוסף איז געוואָרן אויסער זיך:

— וואָס רעדט איר? גאָרדאָן קענט איר זיך נישט דערמאָ־נען? ל"ג בעומר אין פּושטשע־וואָדיצע געווען צוזאַמען... אויף סאָ־לאָמינקע, ווען מען האָט באַפרייט אייער פּעטער שמואליקן, געהו־ליעט צוזאַמען... נו, איר געדענקט שוין? יוסף... גאָרדאָן... שלמהס חבר —

פּאָלי האָט אין פאַרלעגנהייט אַרויסגעבורטשעט:

— אַך, ער האָט געהאַט אַזוי פיל חברים, אָט דער שלמה אייערער! קען מען דען אַלע געדענקען? פאָלג מיך אַ גאַנג... ביטע, חבר, אָט דאָ האָט איר אַלץ, וואָס איר האָט געבעטן. פון אייך קומט אַ קימא לן פון —

— אַנטשולדיקט פּאָלי... חברטע ראַכלין... איר קענט מיר נישט זאָגן, ווו שלמה מיט זיין פאַמיליע געפינט זיך איצט?

— איך קען אייך גאָרנישט זאָגן... איך ווייס גאָרנישט...

— אָבער אַ וואָרט, אַ האַלב וואָרט, אַ רמז... איך בלאָנדזע דאָ אַרום ווי די תיבה נאָכן מבול, ווי גאָר נישט אויף דעם עולם... כ'בעט אייך —

— חבר, בעט מיך נישט און דולט מיר נישט קיין קאָפּ מיט אייערע שלמהס... באַצאָלט וואָס עס קומט פון אייך און שטערט מיר נישט צו דער אַרבעט. איר זעט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען —

יוסף האָט אַזש אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר אויפרעגונג:

— איז אייך שווער בלויז אָנצורופן דעם נאָמען פון דער שטאָט?

פּאָלי האָט פּלוצלינג אויף אים שאַרף אַ קוק געטון:

— חבר, איך האָב אייך שוין איין מאָל געענטפערט: איך ווייס גאָרנישט, וואָס איך אָנצורופן. צום פאַרמאַכן דאָס קלייטל קומט געוויינלעך דער טאַטע, וואַרט אויס אויף אים, אפשר ווייסט ער מער פון מיר —

— אָט אַזוי זשע רעדט!

יוסף, וואַרטנדיק אויף יאַנין און אַרויסקוקנדיק אויף אים ווי אויף משיח׳ן, איז ווידער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אינעם אַקעגנ־איבערדיקן קלייטל און האָט מיט ביטערניש געטראַכט:

— און אָט די מרשעת האָט געזאָלט ווערן שלמהס פרוי? אַ מענה־לשון אַ ביסל: „איר זעט דאָך, אַז איך בין פאַרנומען״... אָט אַזוי איז דאָס: איידלס ווערט מיט די יאָרן נאָך איידעלער און גראָבס — נאָך גרעבער... ער איז אַ מוצלח שבכל המוצלחים, אָט דער שלמה, וואָס ער האָט זיך ביי צייטנס אַרומגעקוקט אין וואָס פאַר אַ מיסטקאַסטן ער קריכט —

מען האָט שוין אין די הייזער לאַנג געצונדן לאָמפּן, ווען אין אַריינגאַנג פון דער אומגעהייער־גרויסער כמעט פּוסט־געוואָרענער מאַרק־געבײַדע האָט זיך באַוויזן יאַני טולטשינסקי.

אַליין נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וואָס ער טוט, האָט יוסף ווי אַ וויכער זיך אַ ריס געטאָן פון זיין אָרט און ווי אַן אייגענעם פאָטער זיך אים געוואָרפן אויפן האַלדז:

— יאַני! יאַני! טייערער יאַני! איינציקער —

יאַני האָט אין אָט דעם שטאַרק־געקנייטשטן, מיטליעריקן יידן, נישט אַזוי לייכט דערקענט יענעם וואָליונגערישן בחור פון צוריק מיט פופצן יאָר, וועלכן מען האָט גערופן: גאָרדאָן. ערשט ווען גאָרדאָן האָט אים באותות ובמופתים דערוויזן, אַז ער, איז טאַקע ער, און האָט אים דערמאָנט פּרטי־פּרטים פון די פאַרברענגענישן ביי די פּיאַטיגאָרסקיס און אויף קראַסנאַאַרמייסקע 158 און נאָך און נאָך סימנים מובהקים, ערשט דאַמאָלסט האָט ער אים אַרויפגעלייגט זיין שלאַבעריקע האַנט אויפן אַקסל און פאָטערלעך געזאָגט:

— יאָ, איצט דערקען איך אייך אויף אַלע הונדערט פּראָצענט. זענט איר דאָ אַהער ערשט נישט לאַנג געקומען? ווי באַלד אַזוי קומט דאָך אייך „שלום״. וואַרט אויס אויף מיר אין דרויסן, איך וועל נאָר העלפן דער טאָכטער מיינער אַרומשליסן דאָס קלייטל,

וועלן מיר אַ ביסל שמועסן. דאַכט זיך, זייער לאַנג האָט מען אייך דאָרט געהאַלטן, האַ? ווען האָט מען אייך נאָך גענומען?

נאָר יוסף ענטפערט אים מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע און לחלוטין שלא מענינא:

— פאַר וואָס עפּעס מוזט איר גאָר העלפן דער טאָכטער צושליסן דאָס קלייטל? איך האָב דאָך ביי טאָג געזען דאָ: אי דעם מאַן אירן, אי דאַכט זיך אַ מיידל אירס —

— יאָ, זי האָט אי אַ מאַן, אי אַ מיידל, נאָר דער מאַן מוז אַלע פאַרנאַכט גיין אין קאָנטאָר אַריין: אָפּטראָגן דעם פדיון, דערלאַנגען סוואָדקעס, דעקאַדקעס,* און אַנדערע מינים שלעק. נו, און דאָס אייניקל לערנט אין אַן אָוונטשול... זייער אַ וויל אייניקל... אַ טייער קינד... מער לייט פון איר מאַמען... איז אַזביידע זענען נישטאָ, בין א י ך דאָס כפרה־הינדל... גייט גייט, יוסף, וואַרט צו אויף מיר פון יענער זייט טויער. דאָ, אינעווייניק, טאָר מען זיך שוין נישט געפינען אין אַזאַ שפּעטער שעה... קלייטן, מלאים כל טוב, שטייען דאָ אָן אַ שומר, בלויז מיט קאַטאָוועס־שלעסלעך. דאָס שטיין איצט דאָ איז פאַר אַ זייטיקן מענטשן בחזקת סכנה... מקום המוכן לפורעניות —

יוסף איז אַ מידער געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין די בלוי־גע־פאַרבטע אייזערנע שטאַכעטלעך, מיט וועלכע ס'איז אַרומגעצוימט דאָס רונדע סקווערל מיט די געשווירענע ביימלעך און אויסגע־פוצטע קלומבעס פילקאָלירטע בלומען, וואָס געפינט זיך ביים בעסאַראַבקער רינאָק „אויף דער שויס". טיף אין האַרצן האָט זיך יוסף געחידושט אויף זיך אַליין:

— באַרעכן נאָר וואָס פאַר אַ מענטש ער איז! פריער איז ער

* טאָג־סך־הכל'ן, דעקאַדע־בילאַנסן.

אַרומגעלאָפן, ווי אַ משוגענער; געגראָבן מיט דער נאָז די ערד עפּעס געוויר צו ווערן און איין מאָל: ניין! ויסגור ד׳ בעדו... און איצט, אַז מען האָט זיך מן השמים אויף אים מרחם געווען און אים אָנגעוויזן אויף אַ לעבעדיקן קוואַל, ווו ער וועט שוין מיט גאָטס הילף געוויר ווערן אַלץ פון „אלף“ ביז „תיו“, איז אָנשטאָט זיך צוצוגרייטן צו אָט די לעבנס־וויכטיקע שאלות ותשובות; צו אָט דער שרעקלעכער שעת־הדין, — שטייט ער און טראַכט גאָר מחשבות־חולין פון אַ פרעמדן מענטשן... פון יאַנין...

און ווירקלעך, זיין גאַנץ טראַכטעניש איז איצט געווען אַרייַנגעטאָן און צוגעשמידט צו איין פּנים און צו איין נאָמען — יאַני! גוואַלד געשריגן — הזאת נעמי? אָט דאָס איז יאַני? וויי, וויי, ווי אָט דער דאָזיקער זעלטענער מענטש האָט זיך אַראָפּגערוקט פאַר די קאַרגע צוואַנציק יאָר, וואָס ער קען אים... ער געדענקט, — ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען, — ווי אָט דער יאַני האָט געהוליעט ביי ר׳ אברהם שאַרפשטיין אין שטוב, ווען ר׳ אפרים־אהרון האָט אויף סאָלאָמינקע געפּראַוועט דעם חנוכת־הבית. — פאַר וואָס גאָר ביי די שאַרפשטיינס? אפרים־אהרונס שטוב און ר׳ אברהמ׳ס זענען דאָך געווען שכנישע הייזער, ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער, איז דעריבער, ווען אין דער באַנייטער שטוב איז געוואָרן ענג, אַ נאָדל נישט אַדורכצוּוואַרפן — האָט מען דעם פרעמדן עולם איבערגעלאָזט במקום־המעשה און דער היימישער עולם, די „אומגערופענע געסט“, זענען אַוועק צו די שאַרפשטיינס... אַך, ווי דער דאָזיקער ייד האָט דאַמאָלסט געטאַנצט אויף טישן און אויף בענק, מען האָט געקענט מיינען — „די מיזינקע אויסגעגעבן“! נו, געמיינט האָט ער דאָך טאַקע, אַז ער וועט זיין ביי אפרים־אהרונען אין הויז דער משנה למלך... שלמה און פאָלי — הבן עם הבת, און ער, יאַני, דער אפרים־אהרון נומער צוויי, שלמה׳ס שווער! חייב אדם בכבוד חמיו! יאָ, יאָ, לב אדם יחשב דרכו... ער איז דאַן געווען אַזוי יונג

און שיין — נאָר צו פֿאַרקוקן זיך! ער איז דאַמאָלסט נאָר וואָס געקומען צו לויפֿן פֿון וולאַדיוואָסטאָק; זיך פֿאַראייניקט מיט דער פֿאַמיליע; זיך גלייך און כמעט אָן שוועריקייטן איינגעאָרדנט אויף אַ גוטער אַרבעט, אַ דירה געקראָגן; די קינדער תכליתדיק צעשטעקט. שלמה איז בימים ההם נישט אַרויסגעטראָטן פֿון זיין שטוב, — נער לא ימיש מתוך האוהל, נכנס ונתקל בו יוצא ונתקל בו, — ער איז נאָכגעגאַנגען פֿאָלין ווי אַ שאָטן, ווי אַ פֿאַרהיפּנאָטיזירטער — וואָס זשע האָט אים טאַקע געפֿעלט? האָט ער עס געהוליעט! האָט ער געגעבן פּולקעס! און היינט, וואָס איז פֿון אים געבליבן? ער איז דאָך אַזוי איינגעבויגן, דאָס פּנים זיינס איז דאָך אַזוי געקאָרטשעט, ווי ביי אַן אַכציקער, כאָטש ס׳איז אים נאָך זיכער גאַנץ ווייט צו די זעכציק... יאָ, אַזוי איז דאָס, אַ מענטש — כל זמן עס גייט אים מיט דער האַנט, האָט ער אַלע זיבן חנען און אַז דאָס רעדעלע, דאָס גלגל החוזר׳ל, גיט זיך אַ דריי איבער — אַזוי ווערט ער גלייך שטאָקאַלט און... און איבעריק אויף דער וועלט... האָט אים שלמה אַוועקגעוואָרפֿן, און טאָמער איז דאָס נאָך קאַרג פֿאַר אים — האָט אים די מרשעת געבראַכט אַ שייגעץ אין שטוב אַריין... אַ שיינע קאָמפּענסאַציע פֿאַר אַזאַ שלמהן... מאיגרא רמא לבירא עמיקתא... און דאַן די קריג... די קריג האָט דאָך יעדן איינעם פֿאַרטשעפּעט — איש לא נעדר!

יוספֿס געדאַנקען האָט איבערגעשלאָגן אַן אָנגענעמע, ברוסטיקע פֿרויען־שטימע:

— ערשט איצט, גאָרדאָן, נאַט אייך שלום־עליכם!

און נישט וואַרטנדיק, אַז ער זאָל איר אויסשטרעקן די האַנט, האָט זי זי אַליין גענומען אין אירער און שטאַרק אַ דריק געטון:

— ענדלעך... אויף אַ לעבעדיקן, הייסט עס, דערוואַרט מען זיך פֿאָרט... ביי וועמען לענגער, ביי וועמען קורצער, אָבער פֿאָרט נעמט אַ מאָל אַן עק; ביטער איז נאָר די, וואָס האָבן אויף אייביק געלייגט זייער קאָפּ —

און אויף אירע נאָך אַלץ שיינע באַקן האָבן אַראָפּגעריזלט צוויי שנירעלעך טרערן.

גאָרדאָן האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווען זי באַווײנט דאָס אַזוי דריי יאָר נאָך דער קריג און האָט איצט אויך קיין חשק נישט געהאַט זיך נאָכצופרעגן. ער האָט געקוקט אויף פּאָלין און האָט זיינע אויגן נישט געגלייבט — דאָס איז דאָך פּונקט די זעלבע פּאָלי וואָס דאַמאָלסט! אָן דעם פאַרשמאַלצעוועטן פאַרטעך מיט דעם בלייפעדער אין דער לאַץ, אַ צוגעקעמטע, אַ צוגעפּודערטע און אַן איבערגעטונענע — האָט זי גאָר אַנדערש אויסגעזען! אפילו דאָס קול אירס האָט זיך ווי איבערגעביטן.

כאָטש דער פאָטער, וועלכער איז געשטאַנען הינטער איר, האָט זי אונטערגעיאָגט:

— נו גיי שוין, נו גיי שוין, דאָס קינד וועט קומען אַהיים אַ הונגעריקע און דו וועסט נאָך גאָרנישט האָבן צוגעגרייט... גיי, גיי, ביסט שוין יוצא —

אָבער פּאָלי האָט נאָך עפּעס אויף דער צונג:

— איך שטעל זיך פאָר, אַז איר זענט אויף מיר גוט בייז פאַר מיין האַלטן זיך פרעמד ביים קלייטל, אָבער איר קענט נאָך נישט אַלץ תופס זיין, וואָס אויף דער ווייסער וועלט טוט זיך... קודם האָב איך אייך טאַקע נישט דערקענט, און וואָס איז דאָס חידוש? מיר האָבן זיך אַ שיין ביסל יאָרן נישט געזען, און נאָך וועלכע יאָרן? יעדער אויף זיין שטייגער האָט נישט ווייניק דורכגעמאַכט... מיך איז מן הסתם אויך נישט אַזוי לייכט צו דערקענען, האַ? דיק געוואָרן, גראָ געוואָרן און בכלל געוואָרן אַן אַלטע יידענע... אַ פּשוטע מאַרק־יידענע, — וואָס, ניין אפשר? זאָגט, זאָגט דעם אמת, שעמט זיך נישט —

און אַז גאָרדאָן האָט זיך נישט אָנגערופן: נישט „יאָ” און נישט „ניין”, האָט דאָס זי דערמאָנט, אַז זי האָט אַ קאַפּעטשקעלע

אַראָפּגעבלאָנדזשעט פון דעם, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, און האָט זיך גלייך פאַרכאַפּט:

— איר פאַרשטייט? קודם האָב איך אייך נישט דערקענט... כ׳האָב געמיינט: עפּעס אַ שלאַק האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אונדזער קליטל... און דערנאָך, ווען איך האָב אייך שוין יאָ דערקענט, האָב איך אויך נישט געקענט זיך אייך וואַרפן אויפן האַלדז... מען טאָר נישט פאַרגעסן, ווו מען געפינט זיך, און פון וואַנען איר קומט און אויף וועמען איר פרעגט זיך נאָך... כ׳גיי, כ׳גיי, טאַטע... אַ גוטע נאַכט, חבר גאָרדאָן, גיב גאָט, איר זאָלט זיך דאָ לייכט צוריק איינוואָרצלען... טראָגט אויף מיר נישט קיין בייז האַרץ און אַז איר גייט אַ מאָל פאַרביי, וויזט זיך פאַר די אויגן —

יאַני האָט איר נאָכגעשריגן:

— פּאָלי, פּאָלי, פאַרגעס נישט אַריינגיין אין פּאָסט און אָנ־קלינגען —

פּאָלי איז שוין געווען ווייט, זי האָט נאָר צום פאָטער געשאָקלט מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: „געהערט, געהערט, שריי נישט אַזוי, קיינער איז דאָ נישט טויב״...

דער רוישיקסטער צענטער פון דעם ריזיקן כרך קיעוו האָט רעגולער אָפּגעריכט דעם סדר־הלילה זיינעם. די גאַסן זענען געווען שוואַרץ פון שפּאַצירנדיקע; די העלע באַלויכטונג האָט צייטנווייז געמאַכט פאַרגעסן דעם עולם, אַז איבערן קאָפּ הענגט אַן אויס־געשטערנטער הימל; דורך די ראַדיאָ־הילכערס, וועלכע זענען צעהאַנגען אויף אַלע ראָגן פון דער צענטראַלער מאַגיסטראַל, האָט מען טראַנסלירט אַ קאָמבינירטן קאָנצערט: פון דער אַלאוקראַאינישער פילהאַרמאָניע ביי דער אַקאָמפּאַנירונג פון דעם גרויסן בלאָז־אָר־קעסטער פון דעם קיעווער „וואָיענעי־אָקרוג״; אין נאָענטן בולוואַר שעווטשענקאָ האָבן זיך געשפּילט פיל קינדער, זייער הפקר׳דיקער געפּילדער האָט ממש „געשפּאַלטן הימלען״; די פינקלענדיקע אוי־

טאָס, וואָס האָבן ווי די בייזע רוחות זיך געטראָגן אַהין און צוריק מיט זייערע שמאָלע סנאָפּעס ווייסער און געלבלעכער ליכט, וואָס די פּאַרעס האָבן פון זיך אָפּגעוואָרפן אויף אַ שטרעקע, האָבן עפּעס אויסגעזען אַזוי יומטובדיק, ווי להבדיל די פאָנען מיט די רויטע עפּעלעך, מיט די ליכטלעך, שמחת־תורה ביי נאַכט צו די הקפות...

גאָרדאָן האָט גאָר לחלוטין פאַרגעסן צוליב וואָס ער שטייט דאָ, און אַז יאַני וואַרט אויף אים. ער האָט מיט ברענענדיקע אויגן צוגעקוקט דאָס פרידלעכע לעבן, וואָס שטראָמט לעבן אים און אַרום אים; די לעבנספרייד וואָס ברויזט דאָ אין יעדן ווינקעלע... זיינע ליפּן האָבן אָן זיין וויסן שטיל געשעפּטשעט:

... מנוחת שלום ושלווה והשקט ובטח... מנוחה שלמה שאתה רוצה בה...

און האַסטיק זיך אויסדרייענדיק צו זיין פאַרגעסענעם בן־חבורה, מיט געבעט און מיט טרערן אין קול:

— יאַני, יאַני... קען דען אמת זיין, אַז ערשט נישט לאַנג האָט זיך דאָ געגאָסן יידיש בלוט און קיינער האָט זיך אפילו נישט גע־היט, אַז ער זאָל נישט אַריינטרעטן אין דער רויטער קאַליוזשע? אפשר איז דאָס פאָרט עפּעס אַ מין בייזער חלום, אָדער אַן אכזריות'־דיקער שפּאַס פון עמעצן? אפשר לעבן זיי דאָ ערגעץ, אונדזערע טייערע, און שפּילן זיך מיט אונדז אין באַהעלטערלעך, האַ? אפשר האָבן זיי נאָר צייטווייליק געמוזט אַוועק אין „פּאָדפּאָליע"* און זיי קענען אַ ליאַדע מינוט ווידער אויפטויכן אויפן אויבערפלאַך, האַ? זאָגט, יאַני, זאָגט, אַז דאָס אַלץ איז אַ ליגן, אָדער אַ מין פּאָרטל נוסח „ערשטער אַפּריל"... זאָגט, וואָס אַרט אייך?

יאַנין דערמאָנט זיך פלוצלינג אַ פסוק פון די זומערדיקע סדרה'ס, וועלכע זיי פלעגן קנאַקן אין „חדר" מיט אַן אַלץ וואַקסנדיקן

---

* אונטערגרונט.

איפּער: „ויאמר בלק אל בלעם: לך נא אתי אל מקום אחר, אשר תראנו משם“... אַזוי טוט מען אַלע מאָל מיט ד׳ י, וואָס זיי קוקן אויף זאַכן נישט ווי „מען דאַרף צו קוקן“... מען מוז אים צונעמען פון דאַנען... שינוי־מקום דינו כשינוי־ווסת... דאָ קוקן נאָך אויף אים די „אייגעלעך“ פון אַלע זייטן... אויף בעסאַראַבקער אַרום־ליגנדיקע גאַסן איז ממש „שור שחוט לפניך“... „הנה האש והעצים, — ואַיה השה לעולה“?

אַ שווייגנדיקער האָט אים יאַני געגומען אונטערן אָרעם און אים כמעט בגוואַלד אַוועקגעשלעפּט פון די רייצנדיקע גאַסן. זיי האָבן געשפּאַנט אין דער האַלבער טונקלקייט פון די שלאָפנדיקע הינ־טערגעסלעך. די קאַלטע און וואָכעדיקע דעקאָראַציע פון די אָרעמע אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָט מאָמענטאַל געווירקט אויף יוספס צע־גליטן כח־הדמיון אויסניכטערנדיק. אין ערשטן מאָמענט האָט זיך זייך זכרון נאָך געקלאָמערט אין פאָלין, אין פאָלי טולטשינסקי:

— נייך! זי איז נישט אַזאַ אומווירדיקע, ווי איך האָב בעידנא דריתחא געמיינט... זי רעדט בפירוש ווי אַ מענטש און פאַרקערט די מעשה! זי איז נאָך אפשר גערעכט אויך! ווער ווייסט וויפל פאָר אויגן עס שפּירן מיר נאָך פוס טריט? וואָס זשע, אַ מענטשן פון יענער וועלט וועט אָט די „באָסע קאָמאַנדע“* אָפּלאָזן אויף הפקר, אָן אַ השגחה פּרטית? און ווי באַלד איך בין אַ „מושגח“, האָט דאָך טאָקע פאָלי געדאַרפט מיר „איבערגיין דעם וועג מיט ליידיקן“, אַזוי ווי זי האָט געטון... האָב איך זי דאָך, קומט אויס, אין געדאַנק אומזיסט אָנגערופן „מרשעת“... המכנה שם לחברו... החושד בכשרים... אָבער אָט די הרהורי־תשובה קען ער לאָזן אויף שפּעטער... אין מוקדם ומאוחר... בעסער וויל ער תופס זיין: וואָס האָט זי עפּעס געזאָגט אַזעלכע מאָדנע ווערטער:

— ... „מען טאָר נישט פאַרגעסן פון וואַנען איר קומט אָן און אויף וועמען איר פרעגט זיך נאָך“...

---

* באָרוועסע, שייגאַצעס, אומפאַראַנטוואָרטלעכע.

עפּעס קען ער נישט צעקייען אירע רייד. מילא, פון וואַנען ער, יוסף, קומט אָן — קען ער זיך נאָך ברוך־השם דערמאָנען, ער האָט נאָך נישט אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, אָבער „און אויף וועמען ער פרעגט זיך נאָך" — מאי קא משמע לן? דאָס איז שוין פאַר אים תרגום־לשון! וואָס זשע, נאָך דעם, ווי ער, שלמה, איז ניצול געוואָרן פון יעזשאָווס כבשונים, איז זיך נאָמען שוין ווידער פאַרפּלעקט געוואָרן? זיקא בתר מיטרא?

און ערשט דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט אים, זייט ביי זייט, גייט דער איינציקער מענטש אין שטאָט, טאַקע ממש: אחד מעיר, וואָס קען אים געבן אַ באַשייד אויף אָט די אַלע מאַטערנדיקע ספקות. ער האָט צערטלעך אָנגענומען יאַנין ביי דער האַנט:

— יאַני, ר' יאַני, וווהין גייען מיר איצט?

— וווהין איר אַליין ווילט! מיר איז לחלוטין אַלץ איינס —

— וואָס הייסט — וווהין איך וויל? איר האָט מיך דאָך אָנגעהויבן צו פירן —

— אודאי האָב איך אייך אָנגעהויבן צו פירן, אָבער בלויז כדי אייך אַרויסצושלעפּן פון דעם קאָכיקן שטאָט־צענטער, ווו עס האָט אייך דאַכט זיך געפעלט איין מינוט צו חלשות... און אַצינד קענען מיר גיין, וווהין אייער האַרץ גלוסט נאָר... איך וואָלט אייך אודאי פאַררופן צו זיך אַ היים, קען מען צו מיר נישט אַריינקומען, מייך פּלוניתטע ליגט, נישט פאַר אייך געדאַכט, צו בעט שוין היפּשע, היפּשע עטלעכע חדשים, פאַרשטייט איר אַליין... אַז מען קען נישט אַריינקומען...

— קען זי דאָך יסורים האָבן... זי וועט נישט וויסן וווהין איר זענט אַהינגעקומען —

— זי וועט וויסן, זי וועט וויסן... אָט דאָס האָב איך געבעטן פאַלין, אַז זי זאָל אָנקלינגען צום דאָקטער — מיט מיר אין שכנות, אויף איין קאָרידאָר, וווינט אַ דאָקטער, האָט ער אין שטוב אַ

טעלעפאָן — וועט ער איר שוין איבערגעבן, אַז איך וועל היינט קומען אַ ביסל שפּעטער...

— וואָס איז איר אַזוינס, אייער פרוי?

— איך ווייס, וואָס איר איז? איר פרעגט בעסער, וואָס איז איר נישט? דאָס איז אַ נעענטערער וועג! נאָך אין דער זיסער עוואַקואַציע האָט מען איר געזאָגט, אַז מיט דעם לעבער איז ביי איר נישט פריילעך... היינט האָט זי אַ שטיקל געשוויר אויפן מאָגן, דאָס איז שוין ביי איר אַן אַלטע קרענק... נאָר אַוועקגעלייגט צו בעט, האָט זי די האַרץ־קרענק. דאָס האָט זי ערשט פון נאָך דער גוטער ידיעה פון מיין זון... איך האָב דאָך פאַרלוירן אַ זון אין דעם קריג —

— וואָס רעדט איר? אָט דאָס האָט פּאָלי —

— וואָס דען האָסטו געמיינט? אַז איך האָב שוין גאָרנישט בייגעשטייערט צום גרויסן היסטאָרישן זיג און צום גרויסן יידישן בראָך?

אַ קורצע ווײַלע האָבן זיי געשפּאַנט אין אַ פּיינלעך־דריקנדיי־קער שטילקייט. יאַני האָט אָבער גלייך איבערגעהאַקט די שטיל־קייט:

— אַזוי איז דאָס, ברודערקע... ווי אַזוי וועלן מיר זאָגן גאָר אין גיכן? „הנשמה לך והגוף שלך"? א י ך בין שוין אַ קלענערער בעל־חוב... אַ שטיק פון מיין גוף און אַ שטיק פון מיין נשמה האָב איך אים שוין אומגעקערט... „נאַ, נעם, הרי שלך לפניך! כשם שאָני רוקד כנגדך ואיני יכול לנגוע בך, אַזוי וועל איך שוין ביי מיין קינד קיין מחותן נ י ש ט זיין"... אַ יונג קינד געווען... נאָך גאָר פון קיין לעבן נישט געוווּסט... פּאַף! אַוועקגעלייגט... נאָר איך בין חלילה נישט מתרעם על מידותיו... ווער האָט די לעצטע יאָרן נישט געליטן? עס זענען דען דאָ אַזעלכע יידן אויף דער גאָרער וועלט? סיידן אויף יענער זייט אוקינוס, אָבער דאָ — יעדער איינער! איש

לא נעדר... ממש, אין בית אשר אין שם מת... און „מת" מיינט דאָ פיל מתים... ברוך־השם, מען האָט קיינעם נישט געקריוודעט און קיינעם נישט פאַרפעלט... אַן עק, וואָס האָבן מיר זיך צערעדט פון אַלטע מעשיות? מתים בל יחיו, רפאים בל יקומו — דאָס איז אַלט, ווי די וועלט... דערציילט שוין איר, דערציילט, וואָס מאַכט איר? זיצט, אויף אָט דער באַנק זיצט. וויפל האָט מען אייך דאָרטן גע־האַלטן, וויפל? אייך האָט מען דאָך נאָך גענומען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט אָפּ —

נאָך דער איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג פונעם גאַנצן טאָג, האָט זיך יוסף, פון זינט ער האָט אויפגעזוכט יאַניק, געפונען אין אַן אָפּגעטעמפּטן, האַלב־שלאָפנדיקן מצב; זיין געדאַנקען־אַפּאַראַט, זיין געפילן־אַפּאַראַט, זענען עפּעס געווען ווי אַטראָפּירט. ער האָט גע־הערט וואָס מען רעדט צו אים, ער האָט אפילו אַליין אויך זיך אָנגערופן מיט אַ וואָרט, אָבער דאָס אַלץ איז געווען מן השפה ולחוץ, אל האוזן ולחוץ; דער אמתער גאָרדאָן, דער וועלכער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער, וועלכער איז גרייט געווען אויס־צורייסן די שטיינער פונעם ברוק, אַבי פון אונטער זיי אַרויסצובאַ־קומען עפּעס אַ מינדסטע ידיעה וועגן זיינע נאָענטע, — דער דאָזיקער יוסף איז געווען פאַרוויגט, איינגעשלאָפן, בחינת: „אני ישנה ולבי ער"... איצט, אַז יאַני האָט אים געהייסן דערציילן וועגן זיך, וועגן זיינע אייגענע הרפתקאות, האָט זיך אין אים מיט אַ מאָל דערוועקט דער גאַנצער אומרו פון זיין פאַריאָגטער נשמה; דער גאַנצער אומזין פון זיין אומגליקלעכער גאולה; ער האָט מיט אַ מאָל דערפילט מיט זיין גאַנצן מהות, אַז אַלע צוויי וואָכן, וואָס ער וואַל־גערט זיך שוין אַרום אויף אָט דעם גרויסן בית־עולם, וואָס מען רופט אים „קיעוו", דאַרפן באַקומען אַ תיקון אָט דאָ אָ, ביי אָט דעם יידן! און ווען נישט, איז — צו חוני המעגל! „או חברותא, או מיתותא"!

ער האָט קראַמפּנדיק אָנגעכאַפּט יאַנין בייביידע הענט און שטיקנדיק זיך מיט די ווערטער קוים אַרויסגערעדט:

— ליבער יאַני, כ׳בעט איך, לאָמיר נישט פאַרלירן קיין איין מינוט אויף מיינע אייגענע איבערלעבענישן. איר זענט מיר היינט צו שווער אָנגעקומען, אַז מיר זאָלן סתם שמועסן. איך האָב בכלל נישט קיינע איבערלעבענישן. מען האָט מיך איינגעזעצט, געגעבן פופצן יאָר, דערנאָך האָט מען מיר פינף יאָר אַראָפּגענומען, איז געבליבן צען. בין איך זיי אָפּגעזעסן און איצט האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים, האָב איך געטראָפן... האָב איך געפונען בלויז קברים... אומעטום קברים... איר ווייסט, אַז דער דייטש האָט דאָ אומגע־בראַכט מיינע עלטערן מיט אַ שוועסטער?

— איך האָב בפירוש נישט געוווּסט, נאָר דערזעענדיק די פרישע „קריעה" אויף אייערע בגדים, האָב איך זיך שוין אָנגעשטויסן... וואָס זשע, זיי האָבן זיך נישט עוואַקואירט?

— ניין. מיין שוועסטער — דערציילט מיר דער סעקרעטאַר פון אונדזער זשילקאָפּ, אויך אַ גוטער שונא־ישראל, געלעבט דאָ מיטן דייטש די גאַנצע צייט, נאָר גראָד איז ער מיינער אַ ידיד מקדמונים — האָט אין יענע הייסע חדשים געהאַט אַ רויז אויף דער פוס, איז זי געלעגן אין שפּיטאָל, מען האָט זיך אַלץ געיישובט, צי מען זאָל זי אָפּערירן, צי ניין... די עלטערן האָבן זיך דאָ אויך פאַרהאַלטן צוליב איר, — ווי אַזוי לאָזט מען איבער אַ קינד אין אַזאַ גרויסער סכנה? — נו, און זייער ישוב־הדעת האָט אַ פּנים געדויערט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז... ביז מען האָט זיי אַלע אָפּערירט... לעיני השמש ולעיני כל העמים... אין באַבי־יאַר...

יוסף האָט נערוועז אַ כליפּע געטון און האָט זיך ראַש אָפּגע־האַקט. יאַני האָט אים פאָטערלעך אַרומגענומען פאַר די אַקסלען און זיך צו אים געווענדעט אויף „דו", אַזוי — האָט ער אַ טראַכט געטון — וועט יענער נישט אַזוי פילן זיין עלנט און זיין „קיי־נעמס נישט":

— וויך נישט, יוסף... ס׳איז שוין אויך אָן דיר געגוג געוויינט געוואָרן אויף דער שרעקלעכער עקידה פון אָט דעם נייעם „גיא בן הינום" — דעם פאַרשאָלטענעם באַבי־יאַר... וכל בני־ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה׳ —

— ער איז שוין היינט נישט פאַרשאָלטן, יאַני, ער איז שוין היינט געבענטשט... געהייליקט... אַזעלכע אוצרות באַגראָבן אין אים... פיל מענטשן האָט דער קוילער דאָרט אויסגעשחטן?

— וואָס פרעגסטו? צי פיל מענטשן? אָך־אָך־אָך... האַלב קיעוו! ווער ס׳איז נאָר איבערגעבליבן אין שטאָט! אַלע ביז איינעם! דעם אַלטן שלומן, שלום כמעלניקער, האָט מען אויפגעהאַנגען! „נאַ פאָקאַז" ! *

— שלמהס זיידע? טאַקע ממש אויפגעהאַנגען? אַך! די ליפּן לייגן זיך גאָר נישט צונויף אויף צו זאָגן „ברוך דיין האמת"... אַזאַ ייד, אַזאַ ייד! ממש — דער צדיק הדור...

— ס׳איז אַלע מאָל אַזוי — בקרובי אקדש...

פאָרזיכטיק, ווי בשעת מען עפנט אויף אַן אייטערדיקע ווונד, האָט יוסף מיט אַ ציטער אין קול שטיל אַ פרעג געטון:

— נו, און ווו זענען היינט די איבעריקע פּיאַטיגאָרסקיס — אפרים־אהרון, שלמה?

— זיי? הלואי אויף אונדזביידע געזאָגט געוואָרן צו זיין דאָרטן ווו זיי זענען, נאָר ס׳איז דאַכט זיך אַ ווונטש לבטלה —

גאָרדאָן האָט אַרויסגעכריפּעט, ווי אַן אָקס, וועלכן מען קוילעט און מען קוילעט און מען דערקוילעט נישט:

— זאָגט שוין אַ וואָרט! לאָמיך שוין הערן —

— איך זאָג דאָך דיר: הלואי אויף אונדז ביידע געזאָגט געוואָרן און דעסט גלייכן אויף אַלע יידן... זיי זענען אין ארץ־ישראל —

---

* די כוונה: ווי אַן אויסשטעלונג, ווי פאַר אַ שילד.

ביי יוספן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ געשריי, ווי ביי אַ געווי־נערין, בשעת דאָס קינד רייסט זיך ביי איר אָפּ פונעם „אָרט" און הייבט אָן אַרויסצוגיין לאַויר־העולם. לכתחילה איז אים פון דעם וואָרט „ארץ־ישראל" דורכגעלאָפן אַ פראָסט איבערן גאַנצן לייב: וואָס פלאָנטערט ער דאָרט מיט דער צונג, דער אַלטער? דערנאָך, זעענדיק אַז יאַני פאַרריכט זיך נישט, איז דער פראָסט אָפּגעטראָטן און אַ שרעקלעכע היץ האָט איינגעהילט דעם קערפּער זיינעם. דאָס גאַנצע בלוט, פונעם קאָפּ ביז די פיס, האָט אים ווי אַ פאָנטאַן אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין:

— וווהין, האָט איר געזאָגט, זענען זיי —

ער האָט נאָך אַלץ נישט געגלייבט זיינע אויערן.

— זאָג איך דיר דאָך — קיין ארץ־ישראל, קיין ארץ־ישראל...

— איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט... נאָך יעזשאָוון האָט מען דאָ געגעבן וויזעס —

— איי, רעד נישט קיין שטותים — וויזעס גאָר, וויל ער... אַנדערש איז ער נישט געוווינט געוואָרן ביי זיין טאַטן, נאָר פאָרן אויף וויזעס און אפשר נאָך אין אַן אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן?

און אַז גאָרדאָן זיצט אַ געפּלעפּטער און שווייגט, פרעגט אים יאַני:

— זאָג מיר, דער פאַקט, וואָס מיר האָבן געשלאָסן מיט היט־לערן, איידער ער איז אויף אונדז אָנגעפאַלן, איז נאָך געווען פאַר דיינע יאָרן? וואָס, ניין? אויב אַזוי ווייסטו דאָך בכלל פון גאָרנישט. הער זשע אויס: ווען די רויטע אַרמיי און היטלערס אַרמיי האָבן, האַלטנדיק דאָס מעסער פוןביידע זייטן ווי אַ זעג, בחינת: „שנים אוחזין בטלית", געמאַכט אַ „המוציא" אויף מדינת פוילן און זי צעשפּאַלטן אויף דער העלפט, ווי מען שפּאַלט אויף אַ פורים־קוי־לעטש, זענען צענדליקער טויזנטער יידן — וואָס זאָג איך, צענדלי־קער? פיל, פיל הונדערטער טויזנטער יידן — איבערגעלאָפן צו

אונדז... איידער בלייבן ביי היטלערן, איז מען ליבערשט אַוועק אין גלות צו די רויטע. דאָ האָט מען זיי מקבל פּנים געווען, ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכע „פּאַניטשעס״, און מען האָט זיי גלייך פאַרשיקט אין צווייטן עק וועלט. אַז היטלער איז אַרויס פון די האָלאָבליעס און איז אָנגעפאַלן אויף אונדז, האָט מען די יידן באַפרייט. אונדזער מדינה, ווייסטו דאָך, אַז זי דאַרף עפּעס אָפּקאָכן אויף שנעל — למשל: די „ראַסקולאַטשעוואַניע״ אָדער די „טשיסטקעס״ למיניהן — איז אין זריזות נישטאָ צו איר קיין גלייכן. נישט מאַכנדיק קיינע שהיות האָט זי „מודה געווען״ אין דעם „גילגול״ פון פּוילישן מלכות, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַזש אין דעם ווייטן לאָנדאָן, ס׳איז ממש בין־לילה געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט גענעראַל סיקאָרסקי, און אַלע פּוילישע פּליטים, באשר הם שם, זענען גלייך אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון זייערע פאַרשיקונגס־פּלעצער, — הרי כל הארץ לפניך, עֲלֵה רֵש! ויפץ העם בכל ארץ מצרים... זענען זיי זיך צעקראָכן, ווו דאָס לאַנד האָט נאָר אַן עק. דערנאָך, אַז די קריג האָט זיך געענדיקט, האָט מען זיי אַלע דערלויבט פאָרן אויף צוריק, צו זיך קיין אויסלאַנד... דיר, אַז מען זאָגט „אַלע״, פאַרשטייסטו דאָך מסתם אַליין, אַז מען מיינט נישט טאַקע ממש אַ ל ע... אַ גרויסער טייל פון זיי איז אויסגעפרוירן געוואָרן אויפן ווייטן צפון — זיי זענען דאָך נישט געוווינט געוואָרן צו אַזעלכע קעלטן, ווי דאָרטן... און צו אונדז זענען זיי געקומען צו לויפן נאַקעט און בלאַקעט, אַזוי ווי די מאַמע האָט זיי געהאַט, ווי אדם וחוה, ווען מען האָט זיי אַרויסגעיאָגט פונעם גן־העדן, זיי האָבן דאָך געמיינט, אַז זיי לויפן אין גן־עדן אַריין, נו, — אין גן־עדן דאַרף מען עפּעס?... אַ גרוי־סער טייל פון זיי איז אומגעקומען פון די אַזיאַטישע מאַליאַריעס און כאָליעריעס... היינט — פון הונגער! היינט — פון אונטערשטע־כערס, פון קוילערס! מיט איין וואָרט: מען האָט זיי דאָ געגעבן צו פאַרזוכן פון אַלע מעדנים! אָבער נישט קוקנדיק אויף אָט די

צפונדיקע קעלטן און מיטל־אַזיאַטישע שוויצבעדער זענען דאָך פּאָרט געבליבן רעשטלעך, — הלא השאירו לך עוללות! — איז פאַר אָט די ריין־צופעליק־געבליבענע שיריים, פאַר אָט די אודים העשנים, האָט מען געעפנט טיר און טויער און, — ווייסט נישט? בשעת חדווה האָבן זיך שוין מיטגעכאַפּט אויך אייניקע רוסישע פאַמיליעס. איז צווישן אָט די גליקלעכע יוצאי־מצרים זענען געווען אויך די פּיאַטיגאָרסקיס: אפרים־אהרון מיט זייַן גאַנצער פאַמיליע; שלמה מיט זייַן פרוי און קינדער —

— און מען האָט לייכט געקענט —

— וואָס הייסט — לייכט? וואָס הייסט — געקענט? אודאי האָט מען געקענט! ווער ס׳האָט אין דער מיטל־אַזיאַטישער עוואַקואַציע, במשך פון אַלע מלחמה־יאָרן, געוווינט צוזאַמען מיט די פּוילישע; ווער עס האָט נאָר געהאַט געהירן אין קאָפּ, ווער ס׳האָט נאָר געהאַט אַ פּונק יידישקייט אין האַרצן און זעלבסטפאַרשטענדלעך — אַ גראָשן ביי דער נשמה... ס׳איז דאָך לעכערלעך אַרויסצופאָרן אין פרעמדע לענדער, ווי זאָגט מען עס: על אדמת נכר, נישט האָבנ־דיק קיין „פּת בסלו״... איז, זאָג איך, ווער ס׳האָט געהאַט צו דער האַנט אָט די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן און דער עיקר טאַקע: צידה לדרך, האָט אוודאי אָפּגעזאָגט אויף זיך דעם פּסוק: הפח נשבר ואנחנו נמלטנו...

יוסף, שיכור ולא מיין:

— זענען אַ סך סאָוויעטישע יידן אַוועקגעפאָרן מיט זיי, מיט די פּוילישע יידן?

— ווער ווייסט? ווער האָט זיי געציילט? עמעצער איז געגאַנ־גען פירן אַזאַ רעגיסטראַציע? זייַך פאָרן? זאָלן זיי פאָרן לחיים ולשלום... דו פרעגסט אויף אַ צאָל? איך שטעל זיך פאַר, אַז נישט ווייניק... און שלמה, מייַנסטו, איז געפאָרן איינער אַליין? שלמה לעבט נישט נאָר פאַר זיך אַליין; חוץ זייער גאַנצער פאַמיליע —

אפרים־אהרון האָט דאָרט חתונה געמאַכט אַלע זיינע טעכטער — האָט ער מיט זיך מיטגענומען אַ היגן יונגנמאַן מיט זיין פאַמיליע, דאַכט זיך, נישט קיין פרומער, נאָר אַז שלמה האָט אים מיטגענו־מען — מסתם האָט ער אַ זכות; ווייטער האָט ער מיטגענומען נאָך אַ פאַמיליע, אויך אַ היגע, אַ קאָמפּאָזיטאָר איז ער געווען — אַ וועלט־באַרימטער! דו קענסט זיי נישט! ס׳איז אַ גאַנצע מעשה, נישט אויף איצטער, — ער איז געווען דער רב־החובל פון זייער אַ היפשער עקספּעדיציע — ווייטער האָט ער מיט זיך געפירט עט־לעכע משפחות בוכאַרישע יידן, אַ גאַנצן טראַנספּאָרט קינדערלעך...

— קינדער גאָר?

— זאָג איך דיר דאָך: נישט בלויז קינדערלעך, ס׳איז דאָרטן געווען: אנשים נשים וטף, אָבער באַזונדערס האָט זיך מיר איינ־געקריצט אין זכרון — אַ היפשע, היפשע מחנה קינדערלעך... און שלמה אַליין, זאָלסט אים געווען אָנקוקן... איך בין דיר ערוב, אַז דו וואָלסט אים בשום אופן נישט דערקענט —

— ?

— משום מראית־עין, סיי אין קיעוו און סיי אויף דער גרע־נעץ, האָט ער זיך געלאָזט וואַקסן די באָרד... וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אַ גוטער ייד! כאָטש נעם און טראָג אים קוויטלעך —

— איז ער מיט זיין כאַליאַסטרע אויף צוריקוועגס פון דער עוואַקואַציע, הייסט עס, געווען אין קיעוו?

— זאָג איך דיר דאָך, אַז ער האָט פון דאַנען מיט זיך מיטגע־נומען אפשר צען נפשות —

— לאַנג האָבן זיי זיך דאָ פאַרהאַלטן?

— דאַכט זיך, עטלעכע חדשים, אָבער ווו זיי האַלטן זיך אויף האָט מען געהאַלטן בסוד סודות, קיינעם האָט מען צו זיי נישט צו־געלאָזט... קיינער פון זיי האָט זיך נישט באַוויזן אויף דער שוועל פון אונדזער איינציק־געבליבענעם מקום־קדוש... זיכער נישט פון

פּריקת־עול... שעת חירום שאני! זיי זענען געווען בבל ייראה ובבל יימצא... שטעל דיר פאָר, אַז איך אַליין האָב זיי קוים געפּאַקט, ווען זיי זענען שוין געפאָרן צום וואָקזאַל.

— איך פאַרשטיי נישט, איר זאָגט דאָך, אַז זיי זענען געפאָרן קיין פּוילן, וואָס זשע פּאַלט אייך גאָר איין — ארץ־ישראל?

— נישט מיר פּאַלט איין, נאָר שלמה אַליין האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט נישט רוען — און שלמה, אַז ער זאָגט: ער וועט נישט רוען, קענסטו שוין זיין זיכער, אַז ער וועט נישט רוען! — ביז ער וועט זיך נישט דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל! און נישט נאָר ער, אַלע פּוילישע רעפּאַטריאַנטן, אַזוי האָט מען אין שול גערעדט, קלערן גאָר נישט אַנדערש, ווי זיך צו דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל...

גאָרדאָן האָט מיט אָפענער קנאה אַ קרעכץ געטון:

— אַזוי, אַזוי... איז, הייסט עס, שלמה אַצינד אויפן פערד... זכה בגורל... נו, מהיכי תיתי... ווער האָט נאָך אַזוי פאַרדינט ביי גאָט, ווי שלמה פּיאַטיגאָרסקי?

יאַני, מיט פאָרוווּרף:

— אין דעם זינען, דאַכט זיך, קען מען זיך אויף אייך אויך נישט באַקלאָגן...

גאָרדאָן, מיט פאַראַכטונג:

— גראַם שטראַם! וואָס גלייכט איר? און ווידער — עס קען זייער געמאָלט זיין, ווען איך זאָל דאַמאָלסט געווען זיין אויף דער פריי, וואָלט איך אפשר אויך געווען פון די געהאָלפענע... בין איך דאָך אָבער געווען געבונדן פאַר די הענט און פאַר די פיס... הייסט דאָך מן הסתם דער אייבערשטער אַזוי... יאָ, שלמה׳ס גליק איז, וואָס ער האָט זיך אין יעזשאָווס צייטן אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט; נאָר אַ דאַנק דעם האָט ער דערנאָך געקענט פאָרן קיין ארץ־ישראל. ווייל ווען ער ווערט פאַרשיקט צו די ווייסע בערן גלייך מיט אַלע, וואָלט אים נישט געווען געהאָלפן: נישט זיין בריה׳־

שאַפט, נישט זיינע גוואַלדאָוונע זכותים פאַרן אייבערשטן און פאַרן פאָלק ישראל. קיין זאַך נישט! אילו היה שם — לא היה נגאל...

און פאַרלירנדיק פונעם דרייסטן טאָן און פון דער זיכערקייט, — ווי אַ לאָקאָמאָטיוו לאָזט אַרויס די פאַרע, איידער ער שטעלט זיך לחלוטין אָפּ, — האָט ער שטיל אַ פרעג געטון:

— זאָגט מיר, יאַני, פון די פייגנבוימס ווייסט איר אויך עפּעס? זיי זענען ביי מיר נישט ווייניקער איינגעבאַקן אין האַרצן, ווי אייער שלמה —

יאַני האָט שטיל איבערגעחזרט, ווי פאַר זיך:

— ... „ווי א י י ע ר שלמה"... מיט וואָס, זאָג מיר, איז ער מיינער? דו ביסט אַ לועג לרש, ביסטו... מיינער איז ער? און איין רגע, איין הרף־עין, איז ער דען יאָ געווען מיינער? הן אני עץ יבש... דער אייבערשטער האָט ביי צייטנס מבדיל געווען בין האור ובין החושך...

— עס שטייט דאָך אָבער אין נביא: ו א ל יאמר: הבדל יבדילני ה'... ו א ל יאמר: הן אני עץ יבש...

— אָט די אַלע הייליקע הבטחות האָבן מיך אויסגעמיטן... דו ווייסט דאָך גוט, ווי ווייט עס האָט שוין געהאַלטן ביי זיי... אַלע זענען דאָך עדות, אַז ס'האָט שוין געהאַלטן ביי די פיר שטעקנס... און פּלוצלינג האָבן אין מיין הויז אַ שפּאַר געטון בייזע ווינטן... מארבע רוחות השמים... און זיי האָבן אין איין שמע ישראל אַלץ אַלץ עוקר מן השורש געווען... הפכו את הקערה על פיה... ווייס איך, דאָס זענען שוין אַלטע געשיכטעס, מעשיות וואָס זענען שוין לא מעלה ולא מוריד... וואָס האָסטו מיך געפרעגט, דערמאָן מיר, דער זכרון איז ביי מיר לעצטנס זייער געשלאָגן... האַ, יאָ! געטראָפן! אויף די פייגנבוימס האָסטו ביי מיר געפרעגט... וועגן די פייגנבוימס קען איך דיר ליידער קיין גרויסעס נישט דערציילן, ווייל איך ווייס אַליין נישט —

— אָבער דאָך —

— וואָס — דאָך? אַ דאַנק דעם וואָס מיין אַווראַם, זאָל געזונט זיין, איז געווען אַ גאַנצער חשוב אין דער אַרמיי, האָבן מיר זיך אַלע עוואַקואירט פון די ערשטע, נאָך איידער אפילו דער דייטש איז צוגעקומען צו דער אַלטער גרענעץ, צו נאָוואָגראַד־וואָלינסק. ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער עוואַקואַציע, זענען מיר אויך געווען פון די ערשטע, ס׳איז נאָך דאַמאָלסט כמעט קיין יידן נישט געווען אין קיעוו... ווען זשע האָב איך געזאָלט זען די פייגנ־בוימס? אַז זיי האָבן זיך עוואַקואירט — דאָס ווייס איך אויף זיכער! מענטשן האָבן דערציילט — איך קען זיך פונקט נישט דערמאָנען, ווער — אַז מען האָט זיי געזען ערגעץ אין מיטל־אַזיע, אָבער וווּ זיי זענען איצט — ווער ווייסט? מיר וועלן דאָך נישט אָנהייבן איבערחזרן די נאַרישע שקרים, וואָס ליידיקגייערס פאַרשפּרייטן פון צייט צו צייט...

— וואָס פאַר אַ מינים שקרים אַזעלכע?

— ווייס איך —

— ניין! איך וויל וויסן אַלע שקרים...

— ווייס איך, שטותים... אין יענעם זומער פון דער מאַסן־רעעוואַקואַציע איז אין גאַס פּלוצלינג געוואָרן אַ גערעדעריי, אַז די פייגנבוימס זענען באישון לילה דורכגעפאָרן קיעוו און זיך אויך אַוועקגעלאָזט אַראָפּ צו דער גרענעץ... אויף קיין ארץ־ישראל —

יוסף האָט אָנגעכאַפּט יאַניס האַנט און זי שטאַרק צונויפגע־דריקט:

— די פייגנבוימס — קיין ארץ־ישראל? מריה דאברהם! קען דען יאָ געמאָלט זיין אַזאַ באָבע־מעשה׳לע?

— ווייס איך, אויפן הימל אַ יאַריד! יידן פאַרמאָגט קיעוו וויניק, אָבער ליגנערס — די והותר! דו מיינסט, אַז נאָר אויף די פייגנבוימס האָט מען אויסגעטראַכט דעם דאָזיקן בלבול? נאָך אויף הונדערטער אַנדערע פאַמיליעס און דערנאָך האָט זיך אויסגע־

לאָזט — נישט געשטויגן, נישט געפלויגן! זיי, די כלומרשטע „ארץ־ישראל־יידן‟, האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן פון די וויטע עוואַקואַציעס, איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן, ווי די שוואָמען נאָך אַ רעגן... ווי די „אָוועקגעלייגטע‟ זאַנגען נאָך אַ שלאַקסרעגן, הייבן אָן „זיך שטעלן אויף די פיס‟ ביים ערשטן שמייכל פון דער זון...

און שווער נאָכדענקענדיק:

— דער בעסטער סימן, אַז די גאַנצע מעשה איז נישט מער ווי אַ בוידעם, אַ לאָקש, — עורבא פרח! דאָס גאַנצע גערעדעריי האָט געדויערט נישט מער, ווי עטלעכע טעג און מיט אַ מאָל איז אַלץ שטיל געוואָרן, איז דאָס נישט קיין באַווייז?

— איך ווייס? איר פרעגט ביי מיר? זאָגט מיר, יאַני, איר האָט געוווּסט, אַז אין 1939 האָט מען ביי ר׳ אברהם פייגנבוים אַרעסטירט אַ טאָכטער?

— וואָס רעדסטו? אַ טאָכטער? איך הער דאָס ערשט פון דיר... וואָס זשע איז געוואָרן מיט איר?

יוסף, אַ דערשלאָגענער און אַן אַנטוישטער:

— פאַר אַ יאָרן האָט זי זיך געדאַרפט באַפרייען... זיך אומקערן קיין קיעוו... איר ווייסט פון גאָרנישט? אפשר האָט איר צופעליק ערגעץ געכאַפּט אַ צונג?

יאַני האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען:

— פון וואַנען זאָל איך וויסן פון אַזעלכע זאַכן?

— גיט זשע מיר כאָטש אַן עצה טובה: ביי וועמען וואָלט איך געקענט פרעגן אויף איר? זי מוז דאָך ערגעץ זייך, אָבער ווו זי צו זוכן — ווייס איך נישט... אַז ווו איך קער זיך און ווענד זיך, — עולם הפוך אני רואה...

— און צו וואָס דאַרפסטו גראָד זי האָבן אַזוי נייטיק?

— זי איז מיין כלה —

יאַני האָט זיך אַזש אַ וואָרף געטון:

— אַזוי?

און נאָך אַ שווערן נאָכדענקען:

— אַ שטייגער דו פרעגסט ביי מיר, ווו דו זאָלסט זיך נאָכפרעגן אויף איר? א י ך ווייס בעסער איר סביבה ווי דו?

— ס׳איז נישטאָ שוין קיין סביבה! די גאַנצע סביבה האָט זיך אַריבערגעקליבן אין באַבי־יאַר און זיי דאָרט ווילן נישט ענטפערן, אײן מאָל: ניין!

— זאָג מיר, דו האָסט געפּרוווט פרעגן ביי דער רביצין פון הרב ביאַליק לשלום? אפשר גראָד ווייסט זי?

גאָרדאָן איז אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק ווי אַ פּרוזשינע און האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ:

— גאָט מיינער, גאָט מיינער, ווי אַזוי איז מיר די גאַנצע צייט נישט איינגעפאַלן, אַז עס עקזיסטירט אויף דער וועלט אַ פרוי ביאַליק? אויב עמעצער ווייסט עפּעס וועגן טאַנין, איז דאָך דאָס נ אָ ר זי! יאַני, איך ווייס גאָר נישט, ווי אַזוי אײך אָפּצודאַנקען פאַר אייער דערמאָנען מיר איר נאָמען... איצט זאָגט מיר, זיי וווינען נאָך אַלץ אין זייער אַלטער דירה, אין הויז נומער 44, אויף „מאַלאָ־וואַסילקאָווסקאַיאַ?

— ניין, ס׳איז שוין העכער אַ יאָר, אַז זיי האָבן זיך פון דאָרטן אַרויסגעצויגן. דער עלטערער זון אירער, אַ באַרימטער אינזשי־ניער, האָט באַקומען צוגעטיילט אַ דירה נישט ווייט פון זיין זאַוואָד, האָבן זיי זיך אַלע אַהין אַריבערגעקליבן.

— איר ווייסט זייער נייעם אַדרעס?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? איך האָב עפּעס מיט איר גע־שעפטן? אָבער איך מיין, אַז דער דוואָרניק פון זייער אַלטער דירה מוז עס יאָ וויסן... אין דעם זינען האָב איך מיט דיר אַ קליינע דאגה... דו וועסט זיך שוין ווי עס איז דערפרעגן...

— אַך, יאַני, איך בין אייך אַזוי דאַנקבאַר, אַזוי דאַנקבאַר פאַר דעם דערמאָנען מיר אין איר נאָמען... דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ביי איר ליגט דער שליסל פון אַ סך זאַכן, פון אַ סך פאַר מיר לעבנסוויכטיקע ידיעות, און באַזונדערס באַזונדערס פון טאַנין —

— הלואי, הלואי זאָל דאָס זיין אַזוי, אַז זי זאָל טאַקע וויסן און דו זאָלסט ביי איר געוויר ווערן אַלץ, וואָס דו דאַרפסט און באַגערסט וכן יהי רצון!

— איצט זאָגט מיר, יאַני, אַזאַ זאַך: צוזאַמען מיט מיר, כ׳מיין: אין דער זעלבער נאַכט וואָס מען האָט מיך גענומען, האָט מען פאַרנומען נאָך פיל חברים. טאָ ווייסט איר נישט, צי עמעצער פון זיי האָט זיך שוין אומגעקערט? איך פאַרשטיי, אַז איר ווייסט נ י ש ט, ווען נישט וואָלט איר מיר גלייך געווען געזאָגט...

— ווי אַזוי דען פאַרשטייסט דו? איך וואָלט דיר נישט געזאָגט? איך וואָלט געהאַלטן דעם סוד פאַר זיך? זיי זיכער, ווען עמעצער פון זיי זאָל זיך געווען אומקערן, וואָלט מען שוין געהערט... אַזאַ זאַך לאָזט זיך הערן... דו ביסט שוין געווען אין שול?

— היינט... כמעט אַ גאַנצן טאָג —

— טאָ זיי זיכער, אַז חדשים לאַנג וועט מען שוין נישט אויפ־הערן צו רעדן וועגן דיר, וועגן דייך באַפרייאונג... טייטשערס בני סמכא וועלן אָט די געשעעניש אויסטייטשן און אַריינטייטשן וויפל עס וועט זיך נאָר לאָזן... אַזוי אַז קוים האָט מען נישט גערעדט פון דיינע חברים איז דאָס אַ סימן מובהק, אַז קיינער פון זיי איז נאָך נישטאָ, אַז דו ביסט דער ערשטער אויפן יאַריד...

— ווו האָט איר דאָ אַ יאַריד, יאַני? אפשר איז דאָ אויפן הימל אַ יאַריד, — אַלע אונדזערע יאַרידניקעס זענען דאָך מיט קינד און קייט אַוועק אַהין, צו די הויכע היכלות און פמליות של מעלה — אָבער דאָ זע איך בלויז חורבות, בלויז מפולת׳ן און די גרויסע בית־השחיטה, — דעם באַבי־יאַר —

— יאָ, דאָס ביסטו גערעכט, מיר האָבן שוין אונדזערס אָפּגע־

יאַרידעוועט... איין מאָל און גוט! אונדזער יאַריד איז שוין מעתה ועד עולם אויף יענעם עולם, טאַקע ממש ווי מען זאָגט: אויפן הימל אַ יאַריד —

— איר וועט מיר גלייבן, יאַני? אין שול גופא, צווישן די מתפללים, האָב איך אויך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט זיך געפינען אויף אַ בית־החיים, אין אַזאַ מין אויפנערדיקן באַבי־יאַר —

— ער האָט קוים אויסגערעדט! און ווער פילט דען אַנדערש? דאָס זענען דען לעבעדיקע מענטשן? דאָס זענען דאָך הוילע נוטה־למות׳ניקעס! פאַרטיקע סחורה פאַר דער חברה־קדישא... אפר כירה מוכן הוא... יש להם דֶקֶר נעוץ מבעוד יום... בחייהם קרויים מתים... אויף זיי איז טאַקע יאָ געזאָגט געוואָרן: המחזיר נשמות לפגרים מתים...

— קיינס פון זיי האָט מיך נישט געוואָלט דערקענען. אשר לא ידע את יוסף און — גיי שריי חי וקים! כ׳בין זיכער, אַז עס זענען צווישן זיי פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס דערקענען מיך יאָ און זיי מאַכן בלויז דעם אָנשטעל, אַז זיי וויסן נישט ווער איך בין... עס קען פשוט נישט זיין אַנדערש... איך האָב טאַקע נישט געקענט אַלע שול־יידן, — ווי האָט געקענט געמאָלט זיין אַזאַ זאַך? — אָבער זיי מיך האָבן אַלע געקענט, אַלע אָן אויסנאַם, אַלע ביז איינעם —

— ס׳איז זיכער אַזוי... נאָר דאָס מין מענטש איז פאַרדאָרבן געוואָרן עד היסוד בו! און קוים האָט ער שוין אָנגעהויבן צו לייקע־נען, אַזוי וועט ער שוין לייקענען שטיין און ביין ביזן סוף... היינט צו טאָג — שקר יש לו רגליים! הער אויס, ס׳איז אַן אַלטער כלל: „אשר פיהם דיבר שוא — איז שוין בדרך ממילא — וימינם ימין שקר”, ס׳איז הא בהא תליא, אַז אַ מענטש לאָזט אַרויס אַ וואָרט פונעם מויל, איז לא יחל דברו... כי זה כל האדם... און ער רעדט גאָר פון יענע „גילגולים”, רעדט ער...

יוסף האָט זיך אַליין צוגעגעבן מוט און זיך אַליין געמינטערט:

— איך רעכן אָבער פאָרט, אַז חוה ביאַליק מוז עפּעס וויסן וועגן מיינע חברים —

— אפשר... אפשר ווייסט זי, עס קען זייער געמאָלט זיין, כאָטש אויף קיין גרויסע זאַכן זאָלסטו זיך פון איר אויך נישט ריכטן. אַלע קינדער אירע זענען פייערדיקע קאָמוניסטן און סתם אַזוי גרויסע כלבים! זיי האָבן — אַזוי האָט מען געשמועסט אין שול — אפילו געזאָלט איבערבייטן זייער פאַמיליע־נאָמען, כדי זיי זאָלן נישט הייסן, ווי זייער פאָטער, דער רב... די מוטער איז אין שטוב נישט מער ווי אַ דינסט, אַ ניאַנקע... אַ שפחה נחרפת... זי ציטערט אויסצורעדן אַ הויך וואָרט... זיי זיכער, אַז דו וועסט זיין ביי זיי און זיי וועלן ביי איר געוווּיר ווערן פון וואַנען דו קומסט איצט אָן, וועט איר שוין שטרענג פאַרזאָגט ווערן, אַז דייך פוס זאָל מער זייער שוועל נישט אַריבערטרעטן! זיי ווילן נישט האָבן קיין נאָכווייע־נישן פונעם פאָטערס קרייזן און אַזוי ווייטער און ווייטער...

— מילא, אַ געשעפט האָב איך מיט זיי! זיי וועלן נישט וועלן, וועל איך נישט קומען, אַבי איך וועל פריער געוווּיר ווערן, וואָס איך דאַרף... יאָ, זאָגט מיר, אפשר ווייסט איר צופעליק, ווו עס זענען אַהינגעקומען שלמהס פעטערס, אפרים־אהרונס ברידער? אפשר האָבן זיי זיך אויך מיטגעכאַפּט מיטן עשאַלאָן קיין ארץ־ישראל?

— גיי שוין, גיי! דו רעדסט שטותים! מיכאל און יחיאל זענען דאָך גאָר געווען אין דער אַרמיי... זיי זענען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן קיין בערלין —

— וואָס זשע איז דערפון געדרונגען?

— וואָס הייסט — וואָס? אַז מען דינט אין דער אַרמיי, קען מען אין זינען האָבן —

— פאַר וואָס נישט? אדרבה! ווו איז מען נאָך אַזוי „לייכט אויף דער פור“, ווי אין דער אַרמיי? מען איז נישט, אַזוי צו זאָגן: מחובר לקרקע. עס הענגען נישט אויף דיר קיין נשים וטף, עס שלעפּן זיך דיר נישט נאָך קיין נכסים, נישט קיין פכים גדולים און

נישט קיין פּכים קטנים און נישט קיין קופּה של שרצים, אַ זעלנער איז שטענדיק בבחינת מלאך: אַט איז ער דאָ און אַט איז ער דאָרטן און אַט ווערט ער דיר אין גאַנצן נעלם! בשר שנתעלם מן העין... ופרח לו איש־האמת! שלחני כי עלה השחר... למה זה תשאל לשמי והוא פלאי... ווען איז נאָך אַזוי לייכט צו געבן אַ שפּרייז איבער דאָס קאָלירטע סטויפּטשיקל — והילד איננו? איר האַלט נישט אַזוי?

— כ׳ווייס? אפשר ביסט דו גערעכט... איך האָב פון זיי נישט געהערט גאָרנישט... מיין אַוראַם האָט זיך במשך פון די מלחמה־יאָרן אַ פּאָר מאָל יאָ באַגעגנט מיט יחיאלן... אַ פּאָלקאָווניק, דאַכט זיך, איז ער שוין... קום, מירן גיין, ס׳איז שוין שפּעט און איך מוז אויפשטיין קאַיאָר...

זיי האָבן זיך לאַנגזאַם געלאָזט גיין צוריק צום צענטער, ווו יעדער פון זיי קען נעמען זיין טראַמוויי. יוסף האָט מיטפילנדיק גענומען דעם שלאַבעריקן אַלטיטשקן אונטערן אָרעם:

— איז וואָס זשע טוט איר אַליין, יאַני?

— וואָס קען איך שוין טון ביי מיין איצטיקן מצב, זונדעלע? אייגנטלעך איז מיין הפטורה געווען אָפּגעזונגען נאָך דאַן ווען שלמה האָט פאַרלאָזט מיין שטוב... פון דאַמאָלסט אָן ציט זיך שוין נאָר מיין גסיסה... אַ לאַנגע גסיסה... וואָס איך טו איצט, פרעגסטו? אַז מיין אסתר איז נאָך געווען אויף די פיס, האָבן מיר לעצטנס געהאַט אויף יעוובאַז עפּעס אַ מין שטעלכל מיט פאַרשידענע קליי־ניקייטן, האָבן מיר פון דעם געצויגן די חיונה, טאַקע נישט מער, ווי אויף דעם פּת לחם... איצט אָבער, אַז מיין „עזר כנגדו״ איז געוואָרן אַ בעט־מענטש, האָב איך שוין אויפגעגעבן דאָס שטעלכל און בין געוואָרן אין אַ באַזע עפּעס אַ מין „נאמן״, אַ מין אונטער־שמש... איך קום צו גיין אַ שעה איידער מען עפנט אויף די באַזע, רוים אויף, גרייט צו צו דער האַנט יעדע קלייניקייט און אַזוי בין איך שוין ממשיך אַ גאַנצן טאָג... אין אונדזערע מקומות, באַזונדערס

ביי די בעלי־מלאכות, האָט דאָס געהייסן אַ „האַנט־יינגל“, אַזוי ווי מען זאָגט: אַ „האַנט־קעמערל“... ס׳איז כמעט היינו הך... אַזוי, אַזוי, גוטער ברודער, אכן מה גדולים דברי חכמים, — האָבן מיר ערשט נישט לאַנג געלערנט אין שיעור — בני־האדם דומים לעשבי־השדה: הללו נוצצין והללו נובלין... יעדער אין זיין צייט... אין לך אדם שאין לו שעה ואין לו מקום... אַזוי זעט אויס דאָס לעבן, אַז מען האַלט שוין ביי די „פוילע פלוימען“... אָפגעטאַראַראַמט אַ ווערטל: הו־האַ, הו־האַ, געשפּרונגען, געלאָפן — צוליב וואָס? צוליב וועמען? ווער געדענקט עס און ווער זאָגט דיר דערפאַר אַ גוט וואָרט? אדם להבל דמה און מער גאָרנישט...

— ס׳איז אים אויך נישטאָ וואָס מקנא צו זיין, אָט דעם יאַנין, — האָט יוסף פאַר זיך אַ טראַכט געטון, און אויפן קול האָט ער גאָר געפרעגט:

— ווּ איז היינט אייער עלטערער זון?

— באַלד נאָך דער מלחמה האָבן זיי אים געהאַלטן אַזש אין בודאַפּעשט, היינט האָט ער זיך גוט איינגעאָרדנט אין לענינגראַד, אים איז דווקא גוט... האָט אַ פיינע פרוי אָבער עס ציט אים ווי אַ מאַגנעט צוריק קיין אונגאַרן... עפּעס אַ כשוף האָט מען אים דאָרט אָפּגעטון, צי וואָס... ער שרייבט, אַז ער קלאַפּט אין אַלע טירן, אַז מען זאָל אים צוריקשיקן קיין בודאַפּעשט און ער גלייבט, אַז גאָר אין גיכן ווער ער זיינס אויספירן. כ׳ווייס ווּ ס׳איז פאַר אים בעסער? אפשר דאָ און אפשר דאָרט? נישט ער פרעגט ביי מיר, נישט איך ווייס אים וואָס צו זאָגן. ער סטאַרעט זיך? זאָל ער זיך סטאַרען. מען וועט אים שיקן? זאָל ער פאָרן געזונטערהייט, וואָס איז מיר שוין די נפקא־מינה: דאָ צי דאָרטן? סיי אַזוי און סיי אַזוי זע איך אים איין מאָל אין אַ יובל —

— ווייטער האָט איר נאָך געהאַט —

— אַ מיידל... אַ טאָכטער... זי וווינט היינט אין טשערנאָוויץ,

זי האָט אין דער קריג פאַרלוירן צוויי קינדערלעך, קיין נייע קינ־דער ווייזן זיך ביי זיי נישט... פון טראָגן זיך מיט שווערע קלימקעס אין דער עוואַקואַציע, — מען האָט דאָך געמוזט פאַרדינען אויפן לעבן! — איז ביי איר דאָרט עפּעס קאַליע געוואָרן... האָט זי אומ־אויפהערלעך צו טון מיט... מיט פרויען־זאַכן... ווער ווייסט, צי מיר וועלן שוין פאַר אונדזער לעבן זוכה זיין צו זען ביי איר אַ זרע של קימא... אי זי, אי אַוורהם זענען זייער לייטישע קינדער, שרייבן בריוו כמעט אַלע צוויי וואָכן... וואָס נאָך קען מען פאָדערן פון אַ קינד, וואָס איז אַזוי ווייט פון די אויגן? און דאָ... אסתר ליגט צו בעט... ווער ווייסט, צי איך וועל זי נאָך זען אַ מאָל אַרומגיין? כּאָלי האָרעוועט ווי אַן אָקס, — שאַ, האָסט דאָך אַליין געזען! אינה דומה שמיעה לראיה, — פון פאַרטאָג אָן ביז אין דער זינקענדיקער נאַכט איז זי אין אַקער... איין מאָל אין פינף־זעקס וואָכן קומט זי צו גיין אַ קוק טאָן אויף דער קראַנקער מוטער... אַ שיינער סך־הכל, האַ? כדאי אויסגעריסן ווערן צוליב קינדער און ליידן בזיונות, האַ? צוריק געשמועסט, אַז אַ גרוס האָט זי אַלע טאָג דורך מיר, וואָס זשע דאַרף זי גיין אָפּטער? און זי האָט טאַקע נישט ווען אויך... אויף דעם גרויסן נחת, וואָס מיר האָבן פון איר שיינעם מאַן — איז אונדז אויך נישטאָ, קיין איבעריקס, וואָס מקנא צו זיין... און ניומקעלען — ער האָט געהייסן נאָך מיין זיידן נחומען — האָט די ערד געגנומען צו זיך אויף קעסט... זאָג איך איר טאַקע אָפּט, דער פלונית'טע מיינער, בזה הלשון:

— זאָג מיר, אסתר לעבן, דו ווייסט יאָ, ווען און ווי אַזוי דאָס לעבן אונדזערס איז פאַריבער? פרעג מיך בחרם: צוליב וואָס האָב איך געהאָרעוועט, וועלטן איינגעלייגט, מרעיש־עולם געווען, אַז מיינע קינדער זאָלן האָבן דאָס טעלערל פונעם הימל... צוליב וואָס, פרעגט זיך, איז דאָס אַלץ נייטיק געווען? ווער צאָלט היינט אויף אַזעלכע נאַרישע וועקסלען? ס'איז גלייב מיר, אפילו אַ בזיון

איבערצורעדן דערפון און באַזונדערס, באַזונדערס מיט אַ קינד; אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט, צי אפילו מיט אַ רמז דרמיזא, אַז דו האָסט אַ מאָל עפּעס געטון פאַר זייערעט וועגן — הס מלהזכיר, חיות נישט זיכער! דאָס בלאָזט מען זיך שוין אָן אויף דיר אויף לאַנגע חדשים און דו דאַרפסט נאָך גיין זיי איבערבעטן, לייקענען שטיין און ביין: פאַרזיכערן, אַז וואָס געזאָגט — נישט געזאָגט, וואָס גערעדט, איז געבילט... און ערשט נאָך אַלע „היומס" איז נישט אַזוי לייכט פּועלסטו אויס ביי זיי אַ מחילה... ווייסטו וואָס זי ענטפערט מיר, אסתר מיינע, זאָל געזונט זיין? זי נעמט און הייבט אָן צו וויינען... איר אַליין, זאָגט זי, איז אויך אַ שאָד, וואָס זי האָט אַזוי נאַרעש אָפּגעלעבט איר וועלט... אַלע יאָרן האָט מען ביי זיך גערעכנט, אַז מען איז גאַנצע חכמים, — אי אַליין האָט מען אַזוי געמיינט, אי די וועלט געמאַכט מיינען, — און צום סוף, — מה אנו, מה חיינו? צו וואָס האָט מען גערדאַרפט אָט דעם גאַנצן טראַסק און גאַנצן טאַראַראַם? צו וואָס געווען דאָס אָפּנאַרן זיך און אָפּנאַרן יענעם? אַזוי, אַזוי, יוסף גאָרדאָן! געלט האָבן איז נאַרעש; זיך דערהרגענען צוליב קינדער איז אודאי נאַרעש און בכלל דאָס גאַנצע לעבן — נאַרעש, וואָס נאַרעשער קען גאָר נישט זיין... קלוג זענען טאָקע געווען די חכמי־התלמוד, — דו געדענקסט נאָך? „נמנו וגמרו: טוב לו לאדם שלא נברא משנברא"... נו, אָט דאָ האָבן מיר אונדזערע טראַמווייען... זיי געזונט! איצט, אַז דו ביסט שוין ברוך־השם ווידער אַ היגער, גלייב איך, אַז מירן זיך אם ירצה השם זען אָפּט... געשיקט זיך, אַז ניין? קיעוו איז נישט אַזוי גרויס... טאָמער געפינסטו דאָ ערגעץ דיין כלה, געב צו וויסן. גלייב מיר, דיינע יסורים דערלאַנגען מיר ביזן שפּיץ האַרצן. אַ גוטע נאַכט און לאָז פון זיך הערן פון צייט צו צייט, מיר זענען דאָך עפּעס מיט דיר היימישע מענטשן, ניין?

# קאפיטל III

אויף צו מאָרגנס, גלייך פון דער שול, איז גאָרדאָן אַוועקגעפאָרן אויף דער אַמאָליקער קופּיעטשעסקע־שול־גאַס — מאַלאָ וואַסיל־קאָווסקאַיאַ. דאָרט, אין נומער „בבלי״, — ווי דער גאון פון דער אוקראַינע פלעגט ליב האָבן צו טיטולירן זיין הויז — האָט אַ מאָל געוווינט הרב משה ביאַליק.

די דוואָרניטשקע האָט געוווסט דעם ראַיאָן פון זייער נייער וווינונג, ערגעץ צווישן דעם באָטאַנישן גאָרטן און דער אייביק־רוישיקער גאַס בעזאַקאָווסקאַיאַ, אָבער גענוי: די גאַס און דעם נומער, דאָס ווייסט די שכנטע... זי איז זייערע אַ פריינדין, ווייסט זי ביי זיי אַלץ. די שכנטע האָט אָבער ערשט געדאַרפט קומען פון דער אַרבעט שפּעט נאָך מיטאָג...

יוסף האָט זיך אַרומגעשליאַיעט איבער די גאַסן מיט זייער פרעמדן גערויש. ער האָט אַלץ געזען און אַלץ געהערט און דעם אמת גערעדט — גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים ושס״ה גידים איז ער געווען אַריינגעטון אין איין געדאַנק; אין איין גורלדיקער השערה: ווייסט עפּעס די פרוי ביאַליק וועגן טאָנין, צי ס׳איז אים שוין אַזוי באַשערט אויף אייביק צו בלייבן אָן אַ גרוס פון איר... מי מלל, מי מלל, אַז ער וועט זיך אומקערן קיין קיעוו פ אַ ר איר און וועט זי אַרומזוכן און נישט געפינען... ער וואָלט זיך דאָס דען געגלייבט? ניין־ניין, ער גלייבט נישט, ער קען נישט גלייבן — ער וועט אפילו איר אַליין, דער רביצין, אויך נישט גלייבן, אַז זי ווייסט נישט גאָרנישט, וואָס מיט

טאַנין איז געוואָרן! לחיים או למות, אָבער פון איר מוז ער עפּעס וואָס געוווּיר ווערן... אָבער ווי אַזוי קומט מען איבער די מוראדיק לאַנגע דריי שעה, וואָס זענען נאָך געבליבן ביז דער שכנטעס קומען פון דער אַרבעט? דריי שעה איז דאָך עפּעס אַ קימא לן פון העכער צען טויזנט סעקונדן און אין יעדער סעקונדע באַזונדער פליט ביי אים אַרויס די נשמה... זי פליט אַרויס און קערט זיך אום אויף צוריק כדי גלייך פון דאָס ניי אַרויסצופליען פון אים —

— גוואַלד, טאַטע אין הימל — הושענא שלוש שעות!

— גוואַלד, האַרציקער פאָטער געטרייער — הושענא נפש מבהלה!

ווען ער האָט זיך ענדלעך דערוואַרט אויף דער שכנטע, האָט זי אים גלייך געגעבן זייער אַדרעס און ער איז, נישט זעענדיק פאַר זיך דעם וועג, אַוועק אַהין.

געעפנט האָט אים טאַקע זי אַליין, פרוי ביאַליק. אין שטוב איז חוץ איר קיינער נישט געווען. שפּעטער שוין האָט זי אים געוואָלט איינרעדן, אַז זי האָט אים דערקענט פונעם ערשטן קוק; אַז ער זעט אויס פון אַלע אַנטיקן; אַז אומזיסט מיינט ער, אַז ער האָט זיך אומגעקערט פון דאָרטן „מיט הערנער" — עס הייבט זיך גאָר נישט אָן! ער זעט אויס גלייך מיט אַלע מענטשן אויף דער גאַס...

ער, דאַקעגן, האָט איר נישט געקענט צאָלן מיט דער זעלבער מטבע. די צונג האָט נישט געוואָלט פאָלגן. ער האָט נישט געקענט אַזוי מיאוס אָפּנאַרן. חוה ביאַליק האָט אין זיינע אויגן זיך אַראָפּגערוקט פון אַלע טרעפּלעך; זי איז אַלט, אויסגעמוטשעט און עפּעס ווי מטושטש. זי זעט עפּעס אויס ווי אַ פאַריאָגטער הירש — האָט יוסף אַ טראַכט געטון — און געווען איז זי בימים ההם אַזאַ אשת־חיל, אַזאַ אשת־חיל... אחת מני אלף! יאָ! דער רב לשלום האָט אַ פּנים מיטגענומען מיט זיך אין קבר אַריין איר גאַנצן מוט און איר גאַנצע דרייסטקייט...

ענדלעך האָט זי מיט אַן אומגליקלעכן שמייכל איבערגעריסן די שטילקייט:

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן, יוסף? וואָס דען האָט איר געמיינט, אַז מען ווערט יינגער אויף דער עלטער? צען יאָר איז נישט קיין טאָג — ס'איז קנאַפּע פיר טויזנט טעג! און דערצו נאָך, אַז מען האָט אַזאַ קרוין אויפן קאָפּ, ווי איך האָב געהאַט, און מען פאַרלירט זי אויף אַזאַ שרעקלעכן אופן, ווי איך האָב זי פאַרלוירן — קען מען אַזוי אויסזען... איז נאָך אַזוי אויך מיט ניסים...

און זי האָט אַ געדיכטן וויין געטון אין נאָזטיכעלע אַריין. יוסף האָט זיך צו איר אָנגערופן מיט אַ געמלאכה'ט טרוקענעם טאָן:

— הערט אויס, חוה לעבן, קוים האָט איר שוין אויפגעמישט די פרשה פונעם רב, זכרונו לברכה, וויל איך אייך וועגן דעם אָפּזאָגן מ י י ן פסוק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, כדי מיר זאָלן צו יענער ביטערער אבידה זיך מער נישט דאַרפן אומקערן. און זאָגן וויל איך אייך אַזוי צו זאָגן: ווען איך בין אין לאַגער פון מיינע עלטערן און פון שלמהן געוווּיר געוואָרן פון אונדזער אַלעמענס בראָך, האָב איך אויך געוויינט און געריטשעט און לאַנג, לאַנג נישט געוווּסט פון קיין מנוחה... אָבער אַצינד, נאָך היטלערן, קען איך קיין איין טרער נישט פאַרלירן אויף קיין יידן, וואָס איז נאָך געקו־מען צו קבר־ישראל; אויף אַ יידן, וואָס מען האָט אים געמאַכט די טהרה אויף דעם טיש, אויף וועלכן ער האָט יאָרנלאַנג געלערנט יומם ולילה; אויף אַ יידן, וואָס זיין ווייב און קינדער זענען נאָכגע־גאַנגען נאָך זיין מיטה און וואָס די לוויה זיינע האָט פאַרפלייצט די גאַסן און אָפּגעשטעלט די באַוועגונג אין שטאָט. אַזאַ אופן פון הסתלקות איז דאַכט זיך אַ ביסל לייטישער, ווי די תליות פון מיין טאַטן זכרונו לברכה, אָדער שלמהס זיידע און בכלל — דער גאַנצער באַבי־יאַר —

חוה, מיט דעם טיכעלע ביי די אויגן, אָבער שוין נישט וויי־נענדיק:

— אָבער מענטשן זענען דאָך אויך געבליבן לעבן... נישט אַלע דאָך האָבן געציטערט אימת־מוות זיך צו עוואַקואירן...

— איי, חוה, מיט גאָט קען מען זיך נישט אויסדינגען... מען מעג אויף אים, אויף הרב ביאַליק ז״ל, זיכער זאָגן במלוא הפה: לפני הרעה נאסף הצדיק —

— און דאָס באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט און בלינד ווערן — איז גאָרנישט? אָט דאָס הייסט ביי אייך — לפני הרעה?

— איר ווייסט וואָס, חוה? לאָמיר אָפּלאָזן אָט דעם שמועס... וואָס גיט עס? איך וויל ביי אייך פרעגן עטלעכע זאַכן און... און וואָלט זייער געוואָלט אויסמיידן אַ באַגעגעניש מיט אייערע טייערע זינדעלעך... זאָלן זיי אייך זיין געזונט און שטאַרק, אָבער איך האָב געהערט וועגן זיי מאָדנע רייד... האַ, איר זאָגט עפּעס?

חוה האָט אַ דערשלאָגענע אַרויסגעקרעכצט:

— איך זאָג? איך זאָג שוין גאָרנישט. וואָס האָב איך צו זאָגן און וואָס האָב איך צו רעדן? איר זענט גערעכט. אַזוי איז דאָס... אַזוי לאַנג, ווי דער פאָטער האָט נאָך געלעבט, זענען די קינדער געשטאַנען פאַר אונדז ווי פאַר די קיסריים, און אַז ער האָט צוגע־מאַכט די אויגן... און דערנאָך די קריג... און נאָך דער קריג — די וואָלניצע,* דאָס נישט האָבן קיין עלטערס איבער זיך... איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, אַז צייטנווייז ווייס איך גאָר נישט, ווו ענדיקט זיך ביי זיי זייער קאָמוניזם און ווו הייבט זיך ביי זיי אָן זייער אַנטי־סעמיטיזם... יאָ, יאָ, איך רעד נישט פונעם וועג, אַזוי ווי איך דערצייל אייך — יידישע אַנטיסעמיטן... הרב ביאַליקס קינדער... נו, איצט פרעג איך אייך, קען מען לעבן אויף דער וועלט? און אַלע, אַלע אַזוי! אַלע ביז איינעם! דעם טאַטנס נאָמען איז טריף, זיין גאונות איז טריף און בכלל אַלץ, וואָס האָט אַ מינדסטע שייכות

* אומגעצוימטע פרייהייט, כמעט הפקרות.

צו יידן און יידישקייט איז — הס מלהזכיר! ערגער פון דעם ערג־סטן! ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פון דער עוואַקואַציע, טאַקע באַלד ווי מען האָט באַפרייט קיעוו, און די וועלט האָט אָנגע־הויבן צו רעדן, אַז די אויסלענדישע יידן לאָזט מען צוריק אַרויס קיין אויסלאַנד, האָב איך זיך אַ מאָל אויסגערעדט פאַר די קינדער:

— אייער טאַטע, זכרונו לברכה, האָט אַ מאָל איינעם אָפּגעגעבן צו באַהאַלטן אַ מטמון מיט טייערע כתבים, וועלכע זענען ביי אים געווען טייערער פונעם לעבן. אפשר וועט גאָט העלפן, דער דאָזיקער מענטש וועט זיך אומקערן קיין קיעוו, וועלן מיר אָפּנעמען דעם דאָזיקן אוצר און מיט די זאַגראַניטשנע* יידן זיי אָפּשיקן אין דער גרויסער וועלט אַריין... זאָל מען כאָטש פון זיי דאָרטן ערגעץ לערנען... דאָס איז געווען דעם נפטרס גרעסטער ווונטש...

און איבערשלאָגנדיק זיך אַליין אין מיטן די רייד:

— זאָגט איר אומיסטן, וואָס האָב איך זיי דאָ אַזעלכעס גע־זאָגט? ווען האָב איך דאָ פוגע בכבוד געווען? האַ? איר שווייגט? האָט איר געדאַרפט הערן, ווי מיינע „קדישים" האָבן זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן: — „דו זאָלסט אונדז מער נישט דערמאָנען דעם טאַטנס ירושה און זיינע אַנטי־מאַרקסיסטישע, קלעריקאַלע זאַבאָ־באָנעס"... און דאָס אַלץ מיט אַזאַ צאָרן און מיט אַזאַ פייער, אַז איך האָב שוין אפילו מורא געהאַט מער צו דערמאָנען וועגן דעם...

יוסף, מיט אומגעדולד:

— דערפאַר האָב איך דאָך געזאָגט...

— יאָ, אַזוי איז דאָס... די וועלט ווייסט פון מיין אומגליק... אבן מקיר תזעק... עוף השמים יוליך את הקול... קיין וועלט נאַרט מען נישט אָפּ...

אַ היפשע ווילע האָט אין צימער געהערשט אַ דריקנדיקע

---

* אויסלענדישע.

שטילקייט, ענדלעך, ווען יוסף האָט זיך משער געווען, אַז דער שמועס וועגן דעם אַ מאָל אומגעקומענעם רב, געפינט זיך שוין אויף אַ בכבודיקער דיסטאַנץ, און זיין אָנדענק וועט נישט פאַרשוועכט ווערן, אויב זייער שמועס וועט איבערגיין אויף אַנדערע רעלסן, האָט יוסף אָנגעהויבן זיין פאַרהער:

— חוה, איר האָט געוווּסט, אַז מען האָט מיינע עלטערן אומ־געבראַכט?

— קיינער איז מיר אַהיים נישט געקומען ראַפּאָרטירן! איך בין נאָכגעגאַנגען, נאָכגעפרעגט, ביז איך האָב זיך דערוווּסט —

— ווער איז פון שלמה׳ס משפּחה אומגעקומען?

— אָ־אָ! אַ קהל רב... קודם: דער זיידע זיינער, דער אַלטער שלום —

— פון אים ווייס איך —

— דאַן זיין שווער און שוויגער, פעטערס און מומעס... אַ ל ע שוואָגערס —

— די שוואָגערס? כ׳פאַרשטיי נישט —

— ז י י זענען אומגעקומען אויף די פראָנטן... איך זע זיך זייער אָפּט מיט זייערע זיבן עגונות...

— ז י ב ן עגונות?

— זיבן, אָדער אַכט... טעכטער אויך, נישט נאָר שנורן...

— און שלמה איז אין ארץ־ישראל?

— ווער האָט אייך שוין מגלה־סוד געווען?

— איינער... א י ר קענט אים נישט...

— יאָ... ער און זיין פאָטער, בידע מיט זייערע ווייב און קינ־דער מיט פיל חסידים און מקורבים...

— איר האָט אים געזען פאַרן פאָרן?

— ער מיט זיך פרוי און זיין עלטערע שוועסטער זענען געווען

ביי מיר זיך געזעגענען... איר האָט אים געדאַרפט אָנקוקן — מראה כהן־גדול!

— שוין געהערט... אַזוי, אַזוי... און ווו זענען אפרים־אהרונס בראַטאָקלעך?

— דאָס ווייס איך נישט... כ׳ווייס, אַז זיי זענען געווען אין דער אַרמיי... אפשר זענען זיי דאָרט עד היום, ווער ווייסט?

יוסף האָט די גאַנצע צייט פון זיינע שאלות ותשובות זיך שיעור נישט דערוואָרגן מיט דער פראַגע, וואָס האָט אים אַממערסטן געמאַ־טערט, אָבער ער האָט שרעקלעך געציטערט אויפצודעקן די לעצטע, גורלדיקע קאָרט, ווי איינער וואָס האָט מיט פיל פיל טירחה סוף־כל־סוף אַנטפּלעקט די פאַרבאָרגענע הייל, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט, אָבער ער האָט מורא אויסצושטרעקן די האַנט צו דער עפענונג, טאָמער לויערט אויף אים דאָרטן אַ גיפטיקע שלאַנג, אָנשטאָט דעם מטמון, נאָך וועלכן ער האָט זיך געיאָגט בחרף נפש, און דעריבער האָט ער געוואָלט דוחה זיין די גורל׳דיקע מינוט אויף ווי מעגלעך שפּעטער, ווי מעגלעך שפּעטער, און דעריבער האָט ער גאָר געפרעגט:

— נו און פון מיינע חברים האָט זיך נאָך קיינער נישט אומ־געקערט? כ׳ווייס: קלאַדניצקי, ראַפּאָפּאָרט, ווײַנשענקער, שפּאָ־ליאַנסקי, זעלצער און די איבעריקע —

— ניין... מען האָט נישט געהערט... פון אַלע די שנכנסו ל„פרדס״, זענט איר דער אחד יחיד ומיוחד אין דער בחינה פון ר׳ עקיבא — נכנס בשלום ויצא בשלום, יעדער איינער חוץ אייך — רוח הולך ולא ישוב... איר איינער זענט אין אַ העמדל געבוירן געוואָרן... בכלל — פון אַ לאַגער לאָזט מען דען אָפּ? כ׳מיין... ניין, גאָרנישט מיין איך נישט —

איבער גאָרדאָנס חוט־השדרה איז דורכגעלאָפן אַ קעלט, ווי עמעצער וואָלט דאָרט אַ פּאָכע געטון מיט אַ חלף אַרויף און אַראָפּ.

— וואָס הייסט — מען לאָזט נישט אָפּ? פון וואַנען נעמט איר עס, אַז מען לאָזט נישט אָפּ?

— פון ערגעץ נעם איך נישט, וואָס האָט איר זיך אַזש אויפֿגעשטעלט? גייט, גיט אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל... ס'איז ממש אַ פּחד צו זיצן לעבן אייך...

גאָרדאָן האָט זיך נישט געשטעלט קוקן אין שפּיגל אויף זיך, אָבער פונעם גראַפין וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, האָט ער זיך אָנגעגאָסן איין גלאָז און אַ צווייטע און דריטע... די אייזקאַלטע פליסיקייט האָט אַ ביסל אָפּגעטריבן דאָס בלוט פון זיין האַרצן און פונעם פּנים און אים צוריק אומגעקערט אַ „מענטשלעך אויסזען".

אַ באַרואיקטער אַ ביסל האָט ער ווייטער געפרעגט:

— חוה לעבן, זאָגט מיר, פון די ליבערמאַנס, פון די גורע־וויטשעס האָט איר אַלע צען יאָר גאָרנישט געהערט? דעם אַלטן רב האָבן מיר דאָך דאַמאָלסט אָפּגעשיקט קיין קוטאַאיס —

— אָ, ער איז שון פיל העכער פון קוטאַאיס —

— אַזוי? ברוך דיין האמת... און ווו זענען די יונגע ליבער־מאַנס?

— ווער ווייסט? מען האָט זיי פאַרשיקט... נאָך פּ אַ ר אייך דאַכט זיך, און... און אַזוי ווי אין וואַסער אַריין...

— האַ! אַזאַ גרויסאַרטיקע שטוב געווען... אַזאַ מלוכה... תורה וגדולה במקום אחד... אַ שיינער תכלית געוואָרן... אויף דער נ.ק.וו.ד. געזאָגט געוואָרן אַזאַ תכלית... נו און רייזל? שאַיע?

— גענוי ווייס איך נישט, אָבער עפּעס זענען ביי זיי געשען ניסים... עפּעס איז ביי זיי געווען גאָר שלעכט און ס'איז מיט אַ מאָל געוואָרן גאָר גוט... עפּעס עמעצער האָט דאָ דערציילט, איך געדענק אפילו נישט, ווער... דער קאָפּ איז מיר קאַרג דערשלאָגן?

גאָרדאָן האָט אַריינגעלייגט זיין רעכטע האַנט אין בוזעמטאַש, כלומרשט דאָרט עפּעס געזוכט, און אויף אַן אמת — גאָר צוגעהאַלטן

דאָס האַרץ, אַז עס זאָל נישט אַרויסשפּרינגען פון דעם וואָס אים שטייט דאָ פּאַר באַלד צו הערן, און געפרעגט האָט ער מיט אַזאַ וואָכעדיקן טאָן, ממש גלייכגילטיק:

— נו, און וואָס איז געוואָרן מיט דער פאַמיליע פייגנבוים?

חוה האָט אין געדאַנק צוגעקליבן ווערטער, נישט צו ווייכע און נישט צו האַרטע, און אין יוספן האָט זיך דאָס האַרץ געוואָרפן, ווי אַ חולה־נופל. און אַז יענע האָט נאָך אַלץ שפּאָרעוודיק געשוויגן, האָט ער מיט אַן אויסטערליש רואיקן טאָן איבערגעפרעגט:

— וואָס זשע שווייגט איר? גלייבט מיר, איר דאַרפט נישט צוקלערן קיין ווייכע ענטפערס... זאָגט אַלץ, ווי עס איז... איך קום אַן פון אַזאַ זיס ערטעלע, וואָס איר וועט מיך שוין מיט קיין שום זאַך נישט איבערראַשן...

חוה האָט זיך אָנגעטראָפן אויף יוספס גליענדיקן קוק און האָט דערפילט מיט אַלע אירע חושים, אַז אָט דעם דאָזיקן מענטשן וועט אוממעגלעך זיין אָפּצונאַרן. זי האָט אין פאַרצווייפלונג אַזש אַ געשריי געטון אויפן גאַנצן צימער:

— איך אינטערעסירט דאָך דער עיקר: טאַני, און טאַנין האָט מען צום טערמין נ י ש ט ב אַ פ ר י י ט...

חוה האָט זיך אָן כוחות אָפּגעוואָרפן אויף דער שטול־פּלייצע און איז אומבאַוועגלעך געבליבן ליגן. זי האָט אין דער רגע אויס־געזען, ווי אַ בין, וואָס האָט געלאָזט אַ גיפט, און איז גלייך אויפן אָרט געבליבן ליגן אין חלשות. אָבער גאָרדאָנס טרוקענע שטימע — שוין אַ ביסל צו טרוקענע — האָט זי גלייך אויפגעמונטערט:

— פון וואַנען נעמט איר עס, אַז מען האָט זי נישט אָפּגעע־לאָזט? זי האָט דאָך געקענט נאָך דער באַפרייאונג אַוועקפאָרן ערגעץ אַנדערש?

— פון אייער מויל אין גאָטס אויערן, אָבער ליידער איז דאָס נישט אַזוי...

גאָרדאָן האָט זי אָנגעגריפן מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין פינצטער פנים:

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז זי איז נאָך איינגעשפּאַרט?

— איר ניסן האָט מיר געזאָגט...

— ניסן? ווען האָט איר אים געזען?

— ווען זיי אַלע זענען דורכגעפאָרן אויפן וועג קיין ארץ־ישראל...

— איז דאָס, הייסט עס, אמת, אַז די פּייגנבוימס זענען אויך —

— ס׳האָט קיין בן־אדם דערפון נישט געוווּסט... זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ מסירה... זייער עשאַלאָן איז געשטאַנען אויף פּאָסט־וואָלינסקי גאַנצע צוויי מעת־לעת; אַלע פּוילישע יידן זענען פשוט פון נייגעריקייט אַראָפּגעפאָרן קיין קיעוו, און זיי, די פּייגנבוימס, זענען אפילו פון דעם וואַגאָן נישט אַרויסגעגאַנגען... מורא געהאַט זיך אומצוקוקן אויף קיעוו, אַז עס זאָל פון זיי נישט ווערן דאָס זעלבע, וואָס אַ מאָל איז געוואָרן פון לוטס ווייב... נאָר ניסן האָט זיך איין מאָל איינגעשטעלט דאָס לעבן און האָט אין איין אויפדערנאַכט בגניבה זיך אַראָפּגעכאַפּט אין שטאָט אַריין. כ׳ווייס נישט ווו נאָך ער איז געווען, נאָר צו מיר האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט זיך געזעגענען, האָט ער דאָס דערציילט...

— אַז וואָס האָט ער דערציילט?

— אַז זיי פאָרן אַוועק קיין ארץ־ישראל... אַלע, חוץ זעליקן און טאַנין... זעליק האָט אין מיטל־אַזיע אַריינגעכאַפּט צען יאָר מיט שטרענגער איזאָלאַציע פאַר באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב אַ באַ־וווּסטן ציוניסט, וועלכן די נ.ק.וו.ד. האָט שטאַרק אַרומגעזוכט און טאַני... ווייסט איר דאָך פאַר וואָס... ווען איך האָב אים אָנגעהויבן אויסרעדן דאָס האַרץ, אַז ווען זייערע קינדער וועלן זיך דאָ נאָר אומקערן, וועט מען זיי שוין נישט לאָזן פאַלן, און נאָך פאַרשידענע הבטחות, וואָס מען גיט געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, האָט ער ביטער אַ שמייכל געטון:

— איך בין מער ווי זיכער, אַז טאַני וועט זיך נאָך אַזוי גיך נישט אומקערן... אין איר לעצטן בריוו איז געווען דערויף אַ דייט־לעכע אָנצוהערעניש... ווער ווייסט, וואָס ביי איר האָט זיך דאָרט געטראָפן...

יוסף, מער צו זיך אַליין ווי צו דער רביצין:

— באמת טאַקע, וואָס אַזוינס האָט דאָרט ביי איר געקענט פּאַסירן?

חוה, מיינענדיק, אַז זי דאַרף געבן אַן ענטפער:

— ווער קען דאָס וויסן? לאלקים פּתרונים! און פון אייער זיצעניש דאָרטן האָט מען אַ סך געוווּסט אויף דער פרייער וועלט? דאָס בלייבט ביי זיי אויף אייביק אַ סוד, טמיר ונעלם. ווי אַ מאָרד אין די געהיימניספולע אינגעווייידן פון די בראשית׳דיקע דזשונגלען —

אַ צעטראָגענער האָט גאָרדאָן זיך אַ הייב געטון פון זיין בענקל:

— מען וואָלט איר גאָר, הייסט עס, געקענט אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער... איר ווייסט דעם אַדרעס אירן?

— איי, יוסף, וואָס רעדט איר פּאַר אַ נאַרישקייטן? עס פּאַסט גאָר נישט פּאַר אייך... שרייבן וואָלט מען איר געקענט... די רעכט איר צו שרייבן האָבן געהאַט נאָר די עלטערן... אויסשליסלעך זיי! אין יעדן בריוו באַזונדער — איין מאָל אין חודש — האָט געמוזט אַריינגעלייגט ווערן אַ באַשטעטיקטע ספּראַווקע פונעם זשילקאָפּ, וועל־כע האָט געמוזט זיין באַשטעטיקט פונעם ראַיאָן־מיליץ, אַז דאָס שרייבן ווירקלעך און אייגנהענטיק די עלטערן פון דער אַרעסטאַנטקע טאַניאַ אַבראַמאָווּנאַ פייגנבוים... ווער זשע קען דאָס איצט מאַכן? גלאַט אַבי רעדן אין דער וועלט אַרייַן —

— און זעליקס וויבל מיט די קינדער זענען אויך אַוועק עבר לים?

— ניין, זי איז געבליבן שטעקן ערגעץ אין מיטל־אַזיע... וויפל איר שווער און שוויגער האָבן זי נישט צוגערעדט, זי זאָל זיך

אויך מיטכאַפּן מיט זיי — איין מאָל ניין! אַן זעליקן וועט זי זיך נישט ראַטעווען! און זיך אומקערן קיין קיעוו אַן אים האָט זי אויך נישט געוואָלט — איר האַרץ וועט עס נישט אויסהאַלטן... דערוויל, ווי איר ווייסט, האָט זי דאָך די לעצטע יאָרן צו טון געהאַט מיט דער לעבער, דאָקטוירים האָבן איר שטרענג פאַרזאָגט, אַז זי זאָל האָבן פולע רו, מנוחה שלמה... נו, איר פאַרשטייט דאָך שוין, וואָס פאַר אַ מנוחה זי האָט געקענט האָבן זייענדיק אַ וויסטע עגונה מיט ברעקלעך קינדער, האָט מען זי טאַקע — דערציילט מיר ניסן — אַ פּאָר חדשים פאַר זייער אַוועקפאָרן צוגענומען אין שפּיטאָל אַריין און ווען זיי זענען אַוועקגעפאָרן איז זי נאָך געבליבן דאָרטן... אַ שווערער חולה...

— יאָ! ס׳איז געוואָרן אַ שיינער תכלית פון אַלץ און פון אַלעמען... יעזשאָוו האָט אָנגעהויבן און היטלער האָט פאַרענדיקט. לא לחנם הלך זרזיר אצל עורב כי מינו הוא... ביידע, האַנט ביי האַנט, „ענבי הגפן בענבי הגפן", האָבן זיי געאַרבעט „פּאָ סטאַכאַנאָווסקי"... טשעסט אי סלאַוואַ! *

אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך אומהיימלעך צעהערשט אין צימער האָט זיך אַריינגעריסן אַ שאַרפער טעלעפאָן־קלונג. חוה איז אין אימפּעט צוגעלאָפן צום אַפּאַראַט. אויפהענגענדיק צוריק דאָס טרייבל האָט זי זיך געמינעט אין פּנים, ווי אַ פיבערדיקער קראַנקער. גאָרדאָן האָט זיך מאָמענטאַל אויפגעהויבן פון זיין בענקל:

— וואָס האָט ער אייך געזאָגט, אייער זון?

חוה, האָבנדיק אין פּנים אַלערליי קאָלירן:

— אַז איך זאָל מאַכן טיי, ער פאָרט גלייך אַרויס אַהיים —

— אויב אַזוי פאָר איך אויך גלייך אַרויס אַהיים... אַ דאַנק פאַר די ידיעות... אַלץ, וואָס מיך האָט אינטערעסירט, ווייס איך

---

* כמו: כל הכבוד!

שוין... און וויל זיך טאַקע נישט באַגעגענען מיט אייער זון... פאַר וואָס קומען אייך די יסורים?

— יוסף נעמט נישט פאַר אומגוט... גלייבט מיר, איך וואָלט אייך מיין אייגן בעט אָפּגעטראָטן —

— הערט שוין אויף צו רעדן שטותים! אומגוט גאָר... זייט געזונט, חוה ביאַליק, און לעבט גליקלעך...

— וואָס איז עפּעס אַזוי פייערלעך? מיר וועלן זיך שוין דען נישט זען מער?

— ווער ווייסט? אַ מענטש איז עפּעס ביי זיך אין די הענט? אָדער יאָ, אָדער ניין —

און יוסף איז ווי אַ וויכער אַראָפּ פון די טרעפּ און איז אַרויס פון דער פּאַראַדנע־טיר.

אויף דער שכנישער גרויסער גאַס — בעזאַקאָווסקאַיאַ, האָט געווימלט מיט מענטשן און עס האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק.

— ונינוה היתה עיר גדולה לאלקים, מהלך שלושת ימים — עס איז נאָך געווען בסך הכל אַ פּאָר שעה צו זונפאַרגאַנג. די זון, אַן אָפּגעקילטע, אַן אויסגעשייערטע ביז ווייטיק פאַר די אויגן, אַן אָנגענעמע, אַ געגאַרטע פון תבל ויושבי בה, האָט זי פון זיך אַליין גאָר אָנגעקוואָלן און האָט זיך אַזש געשמאָלצן פון נחת. דיביימער פון נאָענטן באָטאַנישן גאָרטן און פון די געדיכט־קעפּיקע גאַסן־אַלייען, כאָטש היפּשלעך צוגעוועלקטע און אָפּגעטרייסלטע, האָבן דאָך, אויפן פאָן פונעם גאָלדענעם בין־השמשות, אויסגעזען יונגער, פרישער און פול מיט חן. די גאַסן זענען געווען פול מיט שכנישע, שלווה׳דיקע איינוווינער, מיט פאַר׳עסק׳טע דורכגייער און מיט סתם לאַנגזאַם שפּאַצירנדיקע. יוסף, בלאַס ווי די וואַנט, מיט אויגן ברענענדיקע ווי די בייזע האָלעוועשקעס, וועלכע פאַרמאָגן אין זיך דעם כח אָנצוצינדן דעם עולם ומלואו, האָט מיט די

עלנבויגנס זיך געמאַכט אַ וועג צווישן דעם געדיכטן המון, ער איז געלאָפן ווי פון אַ שריפה, ווי פון אַן ערדציטערניש. ער איז אַנטלאָפן פון דער אכזריותדיק־גלייכגילטיקער גאַס; ער איז אַנטלאָפן פון חוה ביאַליקס ביטערע גרוסן; ער איז אַנטלאָפן, — ריכטיקער, ער האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין... וואָס גיכער אין טראַמוויי אַריין! אין האָטעל אַריין! אין צימער אַריין! אין בעט אַריין! ער וויל שלאָפן, ער איז שרעקלעך שלעפעריק, ער וויל איבערשלאָפן אָט דעם גאַנצן קאָשמאַר, ער וויל אַנטשלאָפן ווערן און זיך שוין מער נישט אויפכאַפן... געגנוג פאַר אים, יוצא!

אַבי ער איז געלאָפן אַהער, ווי אַ חתן־בחורל... אַבי ער איז געווען גרייט צו קושן יעדעס וואַגאָן־טרעפל, יעדעס לאַסטל פון דאַרניצער בריק... איצט — אויס אילוזיעס; אויס נאַרעשע טרוי־מען! אַלע אייגענע און נאָענטע זענען זיך צעלאָפן: ווער צום טאַטן אין הימל, און ווער ס'האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אונטערן חלף און געמאַכט פליטה — מעבר לים... צו דער מאַמע ציון... ער איז געבליבן עלנט און אָפּגעוואָרפן, הייתי ככלי אובד... ווי שטייט דאָרטן ערגעץ: השלכת מקברך כנצר נתעב... ווי אַ סקעלעט פון אַ געפּגרט פערד אין פעלד, אין רעגנדיקן האַרבסט... און טאַני... טאַנקע, טאַניושינקאַ איז טאַקע געבליבן שטעקן ביי אָט די רוצחים, אין זייערע קאַזעמאַטן דאָרטן, ביז... ביז... אָן אַ ביז! אויף שטענדיק; און וואָס איז אים דען בעסער, אַז ער איז אויף דער פריי, צו וואָס דאַרף ער זי, די פרייהייט? וואָס גיט זי אים?

זיין געזיכט ווערט אַלץ פינצטערער און פינצטערער. אין זיינע אויערן קלינגט שוין ווידער דער באַקאַנטער: „או חברותא או מיתותא"... און באמת טאַקע, עס וועט דאָך קיינער זיך נישט אונ־טערנעמען אים צו דערוויזן, אַז יענעם תנא דאָרטן איז געווען ערגער, ווי אַצינד אים, יוספן... וווהין זאָל ער איצט גיין און צו וואָס זאָל ער זיך נעמען? איצט, ביי זיינע יאָרן, ביי זיינע כוחות, נאָך

זיינע איבערלעבענישן, זאָל ער ערשט אָנהייבן זיך מקריב זיין פֿאַר דעם כזית לחם־הקלוקל... „בערב יאמר: מי יתן בוקר, ובבוקר יאמר: מי יתן ערב"... און דער עיקר: צוליב וואָס? צוליב וועמען? ניין, ניין! ער קען אַזאַ זאַך נישט נעמען אויפֿן קאָפּ. דער מה צע־שפּאַלט זיך אים... וואָס גיכער אין בעט אַריין! שנעל אין בעט אַריין! אפשר וועט ער איינשלאָפֿן ווי חוני המעגל דאַמאָלסט און איבערשלאָפֿן און זיך אויפֿכאַפּן ביי אַנדערע באַדינגונגען...

ער שפּרינגט אַריין אין טראַמוויי און פֿאַרכאַפּט אַ פּלאַץ לעבן אַן אָפֿן פֿענצטער. דער טראַמוויי לויפֿט און אים אַקעגן לויפֿט די רווישיקע און פּריילעכע שטאָט. גאָרדאָנען דאַכט זיך, אַז עמעצער וויינט אין אים מיטן באַקאַנטן קלאָג־ניגון:

... איכה ישבה בדד העיר רבתי עם ...

ער דערמאָנט זיך אין זייער טייערער חבריא, וועלכע יעזשאָוו האָט אַזוי אומברחמנותדיק צעטריבן און עס וויינט אין אים דאָס האַרץ —

... שמעו וראו מכאובי ... בתולותי ובחורי הלכו בשבי ...

פֿאַר זיינע אויגן, וואָס ברענען מיט אַ קראַנקן פֿיבער, שווימט אַרויס דאָס ליבע פּנימל פֿון זיין טאַנין און זיין קאָפּ זינקט אַלץ נידעריקער און נידעריקער —

... הרכה בך והענוגה ... בתולותיה נוגות והיא מר לה ...

ער גיט אַ טראַכט וועגן זיך אַליין און דאָס האַרץ צערייסט זיך אין אים אויף שטיקער —

... על אלה אני בוכיה ... עיני, עיני יורדה מים ... כי רחק ממני מנחם משיב נפשי ... לא עליכם כל עוברי דרך ...

זיין קאָפּ איז שווער געזונקען. ער האָט נישט געזען פֿאַר זיך קיין שום אויסזיכט, קיין שום שטעג, און דער עיקר — קיין שום ציל אין לעבן... פֿון דעם גאַנצן געהערטן און געזעענעם איז ער געקומען צו איין פֿעסטן אויספֿיר: עס איז נישט כדאי ממשיך צו

זיין אָט די נאַרעשע שפּיל, וואָס שוטים רופן זי אָן מיט אַזאַ גע־בלימטן נאָמען: „לעבן"... מיט וואָס קען אים נאָך דער עתיד איבער־ראַשן? מיט וואָס? ער האָט שוין אַ מאָל אַלץ געהאַט און האָט איצט מיט אַ מאָל אַלץ פאַרלוירן — צו וואָס זשע איבערהזרן דעם זעלבן קאַרוסעל? צו וואָס? און ער, דער קאַרוסעל, וועט שוין דען זיין „דער זעלבער"? ווי אַרום? מיט וועמען? מיט וועמענס הילף? לעת ערב יהיה אור?

מיט אַ מאָל האָט ער זיך געכאַפּט דערויף, אַז אין וואַגאָן איז שוין לאַנג עפּעס צו שטיל און ער מעג דאַכט זיך שווערן, אַז ער פאָרט שוין מער פון דריי סטאַנציעס, וויפל ער האָט געהאַט צו פאָרן ביז זיין האָטעל. ער הייבט אויף דעם קאָפּ און גלייבט נישט זיינע אויגן: דער טראַמוויי לויפט אין אַ געדיכטן סאָסנע־וואַלד. אין גאַנצן וואַגאָן קען מען נישט אָנציילן קיין צען פּאַסאַזשירן און בעת ער האָט זיך אַריינגעקוועטשט, געדענקט ער גוט, איז אין אים געווען „קאָפּ אויף קאָפּ". צווישן די נאָענט זיך צוגערוקטע ביימער־וועגט איז שוין ממש טונקל — איז דאָס פון די ביימער־שאָטנס, צי פּשוט — כי פנה יום? און וווּ געפינט ער זיך? און ווי אַזוי איז ער מגולגל געוואָרן אַהער צו? זיין טראַמוויי, ווייסט ער אויף פעסט, איז דאָך נישט געגאַנגען ווייטער פון דומסקי פּלאַץ...

ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן. ער האָט זיך געוואַקלט אויף די פיס ווי איינער, וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען פון טיפוס, אָדער ווי אַליידנדיקער פון דער ים־קרענק, נאָך אַ לאַנגער לאַנגער נסיעה אויפן ים. אָנהאַלטנדיק זיך פאַר די רימענע „האַלטערס" האָט ער זיך צוגעשאַרט צום קאָנדוקטאָר און אים אויפגעוועקט פון זייך לייכטן דרימל, וואָס דער שאַרפער סאָסנע־ריח האָט אויף אים ווי אויף אַלע פּאַסאַזשירן אָנגעוואָרפן.

— חבר קאָנדוקטאָר, ווו געפינען מיר זיך?

יענער האָט אים אָנגעקוקט אַ דערשטוינטער:

— איר פאָרט און פאָרט און צום סוף ווייסט איר נישט, ווו איר זענט? מיר געפינען זיך אין פּושטשע־וואָדיצע —

— איז דאָס נישט דער נומער 22?

— ניין, דאָס איז דער נומער 12.

— אַזוי? האָב איך, הייסט עס, אַ טעות געהאַט? אָבער וואַרט! פון דעסט וועגן פאַרשטיי איך נישט: איך האָב זיך געזעצט אויפן ראָג פון בעזאַקאָווסקי און בולוואַר שעווטשענקאָ. דאָרטן גייט שוין דען היינט דער נומער 12?

— מיר פאָרן פונעם פּאַרק... נישט מיט אונדזער געוויינלעכן מאַרשרוט...

— אַז־ז־זוי? בין איך, הייסט עס, פאַרפאָרן קיין בוּיבעריק! אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע. זאָגט זשע מיר, חבר, ווו סאָמע געפינען מיר זיך איצט אין פּושטשע?

דער קאָנדוקטאָר בייגט זיך צו צום פענצטער און קוקט זיך איין אין דער נאָדלדיקער האַלב־טונקלקייט:

— אויב איך האָב נישט קיין טעות, וועלן מיר באַלד האָבן די פינפטע פּראָסיעקע*... אין מינוטקעלע — יאָ, איך האָב נישט קיין טעות!

יוסף איז אויסגעשטיגן אויף דער שטילער, וואַלדיקער סטאַנציע און דער טראַמוויי־צוג פון פיר וואַגאָנען האָט זיך מעשה דאַטשניק אַוועקגעטענצלט צו די העכערע פּראָסיעקעס, אַרויף אַרויף ביז גאָסטאָמעל.

יוסף איז שטיין געבליבן אין דעם אָקעאַן פון ביימער און האָט זיך עפּעס געפילט, ווי נישט אויף דעם עולם. עס האָט זיך אים אפילו נישט געחלומט, אַז ער וועט מגולגל ווערן קיין פּושטשע וואָדיצע און נאָך, ווי אויף צו להכעיס, אויף דער זעלבער פּראָ־

* אַ גאַס, אַן אַלעע.

סיעקע, ווו עס ליגן באַגראָבן אַזוי פיל טייערע זכרונות; אַזוי פיל אומפאַרגעסלעכע פנימער —

*

אין שטאָט איז די שעה פון בין־השמשות עפּעס אַ מין קדירה דבי שותפי: אי אַהער, אי אַהין. פאַר ווענען דאָס איז נאָך פאָלנע טאָג; פאַר ווענען — שטאָק נאַכט, און פאַר ווענען — אי דאָס, אי יענץ... אור וחושך משמשים בערבוביא...

גאַנץ אַנדערש זעט אויס דער בין־השמשות אין דאָרף און לא כל שכן אין אַ דאָרף שכולו וואַלד; וואָס איז פאַרשלונגען פון וואַלד און דורגעוואַקסן מיט וואַלד אויף דורך און דורך און נאָך מיט אַ היפשן סרח העודף...

באותה שעה, ווען די זון שלייכט זיך שטיל אַרויס דורך דער מערבדיקער הינטער־טיר און קוקט זיך שוין אפילו נישט אום אויף דער מזרחדיקער פאַראַדנע, איז אין דאָרף דער טאָג לחלוטין פאַרענדיקט: דאָס פערד איז אויסגעשפּאַנט, עס שטייט שוין ביים זשלויב און כראָמטשעט געשמאַק די אָנגעהאַקטע שטרוי, וואָס מען האָט פאַר אים איבערגעמישט מיט קלייען און אפילו היפשלעך צוגעזאַלצן, כדי אויפצורייצן זיין אַפּעטיט; די קו שטייט שוין אין שטאַל אַן אויסגעמאָלקענע, דאָס סוף־סוף צוגעלאָזטע קעלבל זויגט אויס די שיריים, וואָס די גוטע באַלעבאַטים האָבן דעם איבערגעלאָזט אין דער מוטערס אויסגעקוועטשטע אייטערס; און דעסט גלייכן זענען שוין די שאָף אין דער סטאַדאָלע, אויף די עופות אויף די באַנטאָנעס,* אפילו דער הונט ליגט שוין אַ דרימלענדיקער אין דער בודע — דער טאָג איז פאַרענדיקט!

די נאַכט ווידער, האָט זיך נאָך רעכט נישט אָנגעהויבן. די

---

* אַזעלכע דרענגלעך, וואָס דינען פאַר די עופות ווי אַ נאַכטלעגער.

„פּאַרובקעס״ * מיט די דיוווטשאַטעס ** זענען נאָך נישט אַוועק אויף דער לאָנקע, ווי דער מנהג איז אין די דערפער נאַכט ביי נאַכט, ווו זיי זענען טועם לתיאבון פונעם עץ־החיים און ווו זיי פראַוועו זייערע „הוליאַנקעס״ ביז דעם האָנען־קרייען; די יונגע „באַיסטרוקעס״ *** האָבן נאָך נישט אַרויסגעפירט די פערד „נאַ־ניטש״,**** די „קומושקעס״ ***** זענען נאָך נישט אַרויס פון די כאַטעס איבערצודערציילן די נייע רכילותלעך און איבערזינגען דער מאַמעשיס האַרציקע לידעלעך — די נאַכט איז נאָך נישט געקו־מען; טאָג איז שוין נישט, נאַכט איז נאָך נישט — וואָס דען איז יאָ? די שעה פון קיינעם נישט! די דממה־דקה־שעה פון בין־השמשות! דער פרשת־דרכים פון דעם באַשאַף. דער לעצטער „זייגעזונט״ אײדער די „ממשלת היום״ גייט אַוועק אין איר רו אַריין און די „ממשלת הלילה״ נעמט איבער אין אירע הענט דעם שרביט־המלוכה. און דער קעניגלעכער מלאך, וואָס איז ממונה אויף די בין־השמשות׳ן, איז אויפמערקזאַם און מילד און צערט־לעך צו אַלץ, וואָס דער טאָג האָט פאַר אים איבערגעלאָזט: אי צום מרה־שחורה׳דיקן מזרח־ווינקל, אי צום פאַרפלאָמטן מערב־ווינקל; אי צום אָפּפרישנדיקן ווינטעלע, וואָס איז אגב אורחא בודק יעדעס בלעטל, צי מען קען עס נאָך איבערלאָזן אויפן בוים ביז מאָרגן, צי אײדער הענגען בין השמים ובין הארץ אויף משקולת איז גלייכער זיך אָפּרוען אויף דער האַרטער ערד...

אין יוספס אויסגעמוטשעטן מח האָט איצט קיין איין געדאַנק נישט פאַראַנקערט. ס׳איז דאָרט געווען שטיל און פּוסט, ווי אין די

* חברה־לייט.

** מיידן.

*** ממזרים. דאָ געמיינט: ווייסע חברה׳ניקעס, מזיקים.

**** דאָס אָפּלאָזן די פערד אויף דער גאַנצער נאַכט זיך פּאַשען אויף פרעמדע פעלדער.

***** חבר׳טעס, מומעטשקעס, שכנ׳טעס, דער עיקר — באַרעדערינס, רכיי־לות־טרייבערינס.

שלווה׳דיקע פושטשער פּראָסיעקעס. ער האָט זיך אפילו נישט אָפּ־געגעבן קיין חשבון, וווהין ער גייט. די פיס, האָט ער גוט געוווּסט, אָט די שטומע עדות פון דעם מענטשנס מעשים און תהלוכות, וועלן אים שוין מן הסתם אַליין דערפירן „לאתר דמתבעי״ ... און ווירקלעך, ער האָט נישט באַוויזן זיך אומצוקוקן, ווי ער איז שוין געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט דער ברייטער אַלייע פון נוסנביי־מער, וועלכע האָט מיט קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר צוריק צוגעקוקט, ווי אַזוי די געוועזענע „פּאַנטאָפּלצעס״ האָבן זיך פּאַרגינען צו פּראַ־ווען ל״ג בעומר. יאָ, דאָס איז די זעלבע אַלייע און פּונקט אַזוי האָט זי אויך דאַמאָלט אויסגעזען, אַ האָר נישט געמינערט, נישט מער, וואָס דאַמאָלסט זענען אַלע בלעטער געווען פריש, גרין, דופטיק, פרילינגדיק, — אַזוי ווי די חבריה וואָס האָט זיך דאַן אין איר פּאַרזאַמלט, — און איצט — פּאַרגעלט, פּאַרוועלקט, האַרבסטיק, — ממש ווי די רעשטלעך פון יענער חבריא־קדישא, באשר הם שם... כאָטש דאָס וועטער האַלט זיך שטאָל און אייזן, דער הימל איז ריין און בלוי און דורכזיכטיק ווי זשעלאַנטין, פון דעסט וועגן שמעקט שוין דאָ אונטער מיט צידוק־הדין... ווו מען שטעלט אַוועק אַ פוס — הויפנס בלעטער, צעפוילטע שישקעס; דיביימער — ערטערווייז חרפּה׳דיק אָפּגעהוילט, מיט אָפּגעהוילטע פליכן; די נעסטן אויף די שפּיצן פון די ביימער, — עלנטע, האַלב־חרובע, אומבאַשיצטע און טיילווייז שוין אפילו לחלוטין אויסגעליידיקטע, פּאַריתום׳טע, פּאַרוואָרלאָזטע...

— יאָ, — טראַכט יוסף מיט אַ טרויעריק געמיט — אָרעם איז נישט קיין שאַנדע, נאָר אַ ווייטיק... האַרבסט בלייבט האַרבסט; עס שמעקט דאָ שטאַרק אונטער מיט בית־הקברות... ס׳איז שוין דאָ באַלד אַזוי פריילעך, ווי ביי מיר אויפן האַרצן... אָבער דאָך איז דאָס די זעלבע אַלייע, ווו מיר זענען דאַמאָלסט געווען אַלע צוזאַ־מען און געווען אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך... ער אַליין, יוסף,

איז דאַמאָלסט געווען דער גבאי ראשון, דער הויפּט קאָמענדאַנט... אָט דאָרט, געדענקט ער, איז געזעסן רייזל ליבערמאַן און לעבן איר טאַני און נישט ווייט פון זיי — דינה כאַדאַראָוו מיט איר שוועסטער און מיט פּאָלין... און דאָרט, אין לינקן פליגל, איז געזעסן זעליק פּייגנבוים און זיין ניסן און שלמה און אַדלער און סאַמע ביים אַריינגאַנג — קלאַדניצקי און סעגאַל און פרידמאַן און ראַפּאַפּאָרט און — און ווער נישט? ער זעט זיי איצט אַלע פּאַר זיינע אויגן, ווי דאָס זאָל האָבן געווען ערשט נעכטן, אָדער פּאַר־אַכטאָגן... זיבעצן יאָר! דאָס איז אַ סך, צי נישט זייער?

ער כאַפּט אַ קוק אויף דעם שיטערן ביימער־פּאָרהאַנג, וואָס פאַרשטעלט פאַרן אויג דעם לייכט־זיך־כוואַליעדיקן דניעפּער־שפּיגל און בלייבט שטיין אַ פאַרבליפטער: דאָ, ביי דער בריאה אויף די אַקסלען, איז דער מערב־האָריזאָנט נאָך איינגעהילט אין שקיעה־פלאַמען. דורך דעם געדיכטן און געפלאָנטערטן צווייגן־געפלעכט קען מען דאָס בילד אָננעמען, ווי דאָרט, פון יענער זייט אַלייע, וואָלט זיך געהייצט אַ ריזיקער שמעלץ־אויוון, אַ שרעקלע־כער כבשן האש, אַן אמתער „אור כשדים"! און נישט דער ווינט טראָגט עס פאַרטרוקנטע בלעטער לענגויס דעם זאַמדיקן ברעג, נאָר דאָס וואַרפט יעזשאָוו יידישע קינדערלעך אין אויוון־פּיסק, אַ קרבן־מנחה דעם קאָמוניסטישן מולך... און פון יענער זייט דניעפּער פליען אויך יידישע נשמהלעך אין קאַלכאויוון, דאָרט אַרבעט שוין היטלער; זיין עשתורת האָט אויך אַ ריזיקן בית־הבליעה; די צוויי שׂרפנדיקע פּיסקעס פון די מאוים׳דיקע פאַר־ניכטנדיקע געצן שטייען צעעפנט און צעפראַלט און דאָס בין־השמשותדיקע גלעטנדיקע ווינטעלע טוליעט לייכט אָפּ די בלעט־לעך פון די ביימער און האָדעוועט מיט זיי די אַלץ פאַרשלינגענדיקע כבשונות... יעדער כבשן אין זיי ריי שטעקט אַרויס אַ פייערדיקן צונג: „וויִז אָהער! איך בין נאָך נישט זאַט!" יעזשאָוו און היט־

לער גייען אויף אַ געוועט, אין אַ „סאָציאַליסטישן געוועט”: ווער וועט שנעלער אַרומפליקן די בלעטער ביז איינעם, אָפּשינדן די קאָרע ביז אַראָפּ און פאַרוואַנדלען דיביימער אין אַש? אַנו, לאָמיר אומיסטן זען, — ווער וועט גיכער אויספילן די סטאַכאַנאָווסקע נאָרמע?

יוסף כאַפּט זיך אויף פון דעם קאָשמאַרפולן מירזאַש און קוקט זיך אַרום: דער מערב איז שוין לחלוטין אויסגעלאָשן און איז אפילו באַשאָטן מיט אַש. אויפן מזרחדיקן טייל הימל קען מען ווו נישט ווו באַמערקן אַ בלינצלענדיק שטערנדל. עס גיט אַ פינקל־אויף און עס פאַרשווינדט גלייך. עס שעמט זיך אַ פּנים פאַר לייטן, וואָס ס׳איז געקומען אויף דער אסיפה די ערשטע, ווען דער זאַל איז נאָך פוסט און ליידיק. אין דער אַלייע איז נאָך נישט אין גאַנצן פינצטער. ער „זעט נאָך גוט”, ווו יעדער איינער איז לויט זיין קאָמאַנדע דאַן געזעסן, אָבער דאָך פילט ער, ווי מיט יעדער רגע גליטשט זי זיך אַרויס פון אונטער זיינע הענט, זיין דאַמאָלסטדיקע רעזידענץ, זי גייט פון אים פאַרלוירן מיט יעדן נייעם שטערנדל, וואָס בליצט־אויף אויף זיין קאָפּ... יאָ, מען דאַרף גיין! ער האָט שוין דאָ זיינס אָפּגעטון. שוין באַזוכט, הייסט עס, ד ע ם קבר אויך! דאַמאָלסט זענען דאָ געווען אַ קהל רב! ששים רבוא! און איצט איז ער געבליבן איינער, איינער, איינער... איינער אין פּושטשע־וואָדיצע! איינער אין קיעוו!! איינער אויף דער גאַנצער אוקראַי־נע!!! איינער אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד!!!! אחרון עלי אדמות... אחרון לאחרונים —

און פּלוצלינג, דאַכט זיך אים, דערהערט ער אַ קול פון יענעם ווינקל, ווו שלמה איז דאַמאָלסט געזעסן. און דאָס קול איז טאַקע שלמהס קול, און דאָס קול איז פול מיט תרעומות און מיט שווערע מוסר־רייד. ער, יוסף, מוז זיך אַזש אָנכאַפּן אין אַ דערבייאיקן סאָסנע־בוים, כדי ער זאָל נישט אומפאַלן פאַר אומגערעכטקייט און פאַר שרעק, אַזוי האַרב און שטראָפנדיק זענען דאָס מאָל „שלמה׳ס” רייד:

— ... יוסף, יוסף, ווי אַזוי ביסטו עס אַזוי שנעל געשלאָגן געוואָרן: אי מיט בלענדזעניש, אי מיט פאַרגעסעניש? ווער זאָגט עס דיר, אַז דו ביסט דער איינציק־געבליבענער? אחרון לאחרונים? און ווו איז טאַני? אונדזער ליבע און טייערע און העלדישע טאַני? זי לעבט דאָך נאָך! מה לך פה ומי לך פה, כי חצבת לך פה קבר? צי פאַלט דיר טאַקע באמת נישט איין, אַז דער פּראָפּוסק אויף צוריק אין לאַגער אַריין, ווען מען האָט דיר ממש טאַקע בגוואַלד אַריינגעשטופּט אין דער האַנט אַריין, קען דאָ עפּעס מתקן זיין? עפּעס ביסטו דאָך מיטן נאַטשאַלניק אַ גאַנץ קנעפּל און יענער האָט אין עטלעכע חדשים אַרום אַ צוזאַמענפאָר און אויפן צוזאַמענפאָר וועלן זיין די נאַטשאַלניקעס פון אַלע ב.ק.וו.ד.־קאָנצלאַגערן אין לאַנד און דער נאַטשאַלניק פון טאַניס לאַגער אויך און אַז מען באַגעגנט זיך ביי אַ כוסה׳לע... איי, אַ כוסה׳לע... אַ נאַטשאַלניק מיט אַ נאַטשאַלניק... וחד בחד כי סביך — און אַז מען כאַפּט זיך אַרום און מען צעקושט זיך אין די פּיסקלעך — ועביד קרבותא — און עס ווערט צווישן זיי אַ התקרבות... נעם נאָר די געהירן דיינע אין די הענט אַריין! צי האָסטו נישט אַ ביסל צו פרי אונטערגערעכנט, אַז דו ביסט דער אחד יחיד ומיוחד? כל זמן שהנשמה בקרבי — שטייט געשריבן — טאָר מען אין קיין יאוש נישט אַריינפאַלן און מען טאָר דעם קאָפּ נישט פאַרלירן! תשב אנוש עד דכא, רחמנא ליצלן, — און דווקא דאַמאָלסט — ותאמר: שובו בני־אדם!

— — — — — — — — — — — —

לאַנג, זייער לאַנג איז יוסף דאַן געשטאַנען אַרומגענומען מיטן שטעכיקן נאָדל־ביימל און די רייד פון דעם באַהאַלטענעם מוכיח האָבן אים ווי מיט אַ קאָזאַצקע נאַגאַיקע געשמיסן איבערן פּנים, איבער די אויערן, איבער די אויגן... ווען ער האָט סוף כל סוף געעפנט די אויגן איז שוין אין דער אַלייע געווען שטאָק פינצטער. דער דניעפּער אין דער נידער האָט געוואָרטשעט אין שלאָף און

האָט שלאָפנדיקערהייט אומאויפהערלעך געוואַשן די זאַמדיקע ברעגן און די נישט געהובליעוועטע שוועלן פון דער נאָענטער ספּאָרט־סטאַנציע. דער הימל איבער זיך קאָפּ איז געווען גערדיכט אויסגע־שטערנט און האָט אויסגעזען פיל טיפער און פיל ווייטער, ווי ער זעט אויס ביי טאָג. פונעם גאַנצן אַרום האָט זיך נישט דערטראָגן קיין מינדסטער גערויש. אַ היפּשע ווײַלע איז גאָרדאָן געשטאַנען אַ פאַרשטאַרטער. זיינע שאַרף־אָנגעשפּיצטע אויערן האָבן אייפער־דיק געלויערט אויף דעם פאַרבאָרגענעם קול: טאָמער וועט מען דאָרט אין ווינקל פאַרלירן נאָך אַ דיבור, אַ חצי דיבור, אָבער פון דאָרטן האָט זיך מער קיינער נישט אָנגערופן. אין קול ואין קשב. גאָרדאָן האָט פון דאָס ניי זיך אַרומגעקוקט. דאָס שלעפעריקייט, דער מיראַזש איז ערגעץ פאַרשווונדן געוואָרן, געבליבן איז נאָר דער טיפער רושם פון די רייד פון „יענעם ווינקל״ —

— ער איז דאָך גערעכט, שלמה! גערעכט ווי משיח! און איך, שוטה, האָב אים געוואָלט צעפּליקן אויף פּיצ־פּיצלעך, דעם פּראָ־פוסק, ווען איך בין דורכגעפאָרן דאַרניצער בריק... און ווו זענען געווען מיינע אייגענע געדאַנקען, מיין אייגענער שכל? איך גיי דאָך צו מיין רוקזעקל כמעט אַלע טאָג, נכנס ונתקל בו יוצא ונתקל בו, ריר אים אָן בכל יום ובכל שעה, ווי אַזוי זשע האָב איך אַליין נישט פאַרשטאַנען, אַז דער פּראָפוסק אויף צוריק, וואָס ליגט דאָרט ביי מיר אין די צעריסענע שקאַרפּעטקעס, איז אַן אוצר בלום! אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען! שנעלער אין שטאָט אַריין! שנעלער צום באַן! שנעלער פאַרנעמען דעם אָנגעבאָטענעם פּאָסטן! עס גייט דאָך עפּעס אַזאַ אויסערגעוויינלעכער צוזאַמענפאַר... אַ נאַטשאַלניק מיט אַ נאַ־טשאַלניק... און טאַני לעבט און קוקט אַרויס אויף אַ ישועה... „שלמה אַליין״ האָט דאָך ערשט אַזוי געזאָגט... הייסט עס, האָט ער נאָך יאָ צוליב וואָס צו לעבן אויף דער וועלט! הייסט עס, אַז ער קען נאָך אפשר נוצלעך זיין אַ חבר אין זיין נויט! און נישט סתם קיין

חבר, נאָר טאַנקען, זיין ליבער האַרציקער טאַנקען... הייסט עס, אויס: או חברותא או מיתותא! חוני המעגל — כבודו במקומו מונח — אָבער פאַר אים, פאַר יוספן, איז ער נישט קיין משל. ער וועט נאָך אפשר אַרויסרייסן ביי די גזלנים זיין חבר, אָדער על כל פנים — אים פאַרגרינגערן די ליידן... און אויב אַזוי איז שנעלער אַהיים! שנעלער קיין סוליקאַמסק! יעדע רגע איז אַ שאָד, יעדער אויגנבליק!

ווען ער איז צוגעקומען צו דער טראַמוויי־סטאַנציע אויף דער פינפטער פּראָסיעקע, האָט ער דאָרט נישט געטראָפן קיין איין לעבעדיקן נפש. אַ פּנים, אַז ס'איז ערשט אַוועק אַ וואַגאָן אין שטאָט אַריין — האָט יוסף אַ קלער געטון — ביי נאַכט גייען זיי, אָט די הינטערשטאָטישע טראַמווייען מיט גרויסע הפסקות, און אַצינד קען ער דאַרפן וואַרטן אַ גוטע האַלבע שעה. ער איז געווען ביז גאָר באַפליגלט און אויפגערוימט. אַלץ וואָס ער האָט איצט צו טון איז פאַר אים געווען אַזוי קלאָר און אַזוי דייטלעך, אַז ער האָט עס ממש געזען ביי זיך אויף דער דלאָניע, בפועל ממש אָנגעטאַפּט מיט די הענט. אַך, אָט דער שלמה! אָט דער שרעקלעך־זיסער שלמה מיט זיינע עצות־טובות... ער איז דאָך כל ימיו געווען אַ חכם־מדינה... דער חכם־הרזים שבחבורה... לאַ־כל־שכן איצט, אין ארץ־ישראל... שלמה פלוס אווירא דארץ־ישראל... תן לחכם ויחכם עוד... אָ, יאָ, די השגחה האָט גוט אויסגעקליבן, הרימות בחור מעם... עס זאָל אים דאָרט קיין מאָל קיין נויט נישט זיין... ווי שטייט דאָרט ערגעץ: „שאתה בנציבין ומצודתך פרוסה בירושלים". אטו מילתא זוטרתא היא: פון ארץ־ישראל אַריבערדערלאַנגען קיין פּושטשע וואָדיצע... וואָס אַ בעל־שמסקע אייניקל קען, איז נישט אָפּצושאַצן... ער האָט דאָך מיט זיין „צוזאַמענפּאָר" אים ממש אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה... ערשטנס: טאַני... צווייטנס: ער אַליין... ער האָט שוין ווידער אַן אינטערעס אין לעבן... יאָ, ער האָט דאָ נישט וואָס צו מאַכן קיין שהיות, ער איז דאָ מיט קיין זאַך נישט פאַרבונדן און קען אפילו גלייך פונעם טראַמוויי פאָרן צום צוג — ווער עמען פעלט ער דאָ אויס און ווער דאַרף אים דאָ?

אַזוי קלערט ער אַרומדרייענדיק זיך אויפֿן זאַמדיקן שטעגעלע. און אַז קיין וואַגאָן איז נאָך אַלץ נישטאָ, און ער האָט גענוג צייט אַרומקלערן די זאַך ישר והפוך, קומט ביי אים פלוצלינג אויס די מעשה אַ ביסעלע אָפּגעפרעגט. אמת טאַקע, ס׳איז ביי אים כלה ונחרץ, אַז ער פֿאָרט פּרייוויליק צוריק אין לאַגער אַריין, אָבער — וואָס איז דאָס איילעניש? אַ וואָך פריער צי אַ וואָך שפּעטער איז דען נישט אַלץ איינס? אין אַזוינע זאַכן איז נישט שייך צו פּראַווען קיין קונדייסישע שטיק! געקומען אין אַ שטאָט אַריין, ווו ער האָט אָפּגעלעבט צ ע ן יאָר און די צווייטע צען יאָר האָט ער אין געדאַנק געלעבט אין איר און מיט אַ מאָל — כאַפּן די פיס אויף די פּלייצעס און — הלך משה מרדכי! נאָר משוגעים טוען אַזוי, נישט קיין קלאָרע מענטשן! אמת, פֿאָרן דאַרף ער טאַקע פֿאָרן, אָבער אַ פּאָר וואָכן דאַרף ער פֿון דעסט וועגן בלייבן אין קיעוו... נאָך אַ מאָל אַלץ באַ־קוקן... אפשר צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן... זיך געזעגענען מיט אַלע טייערע גאַסן און פּלעצער... ווי אַזוי דען? זיך נוהג זיין ווי אַ פּרא־אדם? נאָך ווייניק יאָרן האָט ער זיך אין זיין לעבן נוהג געווען ווי אַ פּרא־אדם? איז שוין יאָ אַ מאָל געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך: נאָך נישט געקומען און שוין אַנטלאָפֿן?

*

כאָטש יוסף האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין ווייט נאָך האַלבער נאַכט, פֿון דעסט וועגן האָט ער, מעשה שטן, נישט געקענט צו טון מיט קיין אויג, אייך מאָל: ניין! דער פֿאַרגאַנגענער טאָג מיט זיינע פיינלעכע איבערלעבונגען האָט פֿאַר אים, ווי לעבעדיק, דורכגעשוועבט מיט אַלע איינצלהייטן און דאַן אַלע זיינע קיעווער טעג, איבערגעפּולטע מיט זוכענישן און מיט אַנטוישונגען, און דערנאָך איז אַרויסגעשווו־מען פֿון זיין געדעכעניש דער לאַגער כאַדאַבולאַק און דאַן דער לאַגער סוליקאַמסק און דערנאָך זייער ל״ג בעומר אין וואַלד און

דאָס אַלץ בהקיץ ולא בחלום... אַלע וויכטיקע געשעענישן פון די לעצטע יאָרן האָבן איינס נאָך איינס דעפילירט פאַר זיינע אויגן כבני מרון, נאָר איין זאַך נישט — קיין שלאָף איז נישט געקומען אויף זיינע אויגן...

קאַיאָר, ווען אויפן דאָרף האָבן נאָך האָנען געקרייעט, איז ער ווי אַן אָפּגעבריטער, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט — נאָר אומזיסט נישט פאַרלירן קיין צייט! קודם האָט ער מיט ציטערנדיקע פינגער אויסגעשאָטן אויפן פאָל אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין זיין אָרע־מאַנסקע טאָרבע... אַ פּשוט שטיקל פּאַפּיר, אַ חספּא בעלמא, לצור על פּי צלוחית, אפשר חלילה אַ מויז? אפשר חלילה האָט די אויפרוי־מערין, וואַשנדיק די פּאָדלאָגע, פאַרגעסן אויפהייבן פון אונטערן בעט זיין „באַגאַזש", און דאָס פּאַפּירל איז פאַרנעצט געוואָרן און צעקראָכן געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָרמלאָזער מאַסע... געפונען דעם פּראָפּוסק, האָט ער אויף די קניעס אויס־געגלייכט און אויסגעפּרעסט אַלע זיינע פאַרלעגערטע אברים און האָט אים... און האָט אים אַ קוש געטון, ווי מען גיט אַ קוש אַ מזוזה, אַ ספר־תורה, אַ קמיע פון אַ רבי׳ן... דאַן האָט ער אים פאָרזיכ־טיק אַריינגעלייגט אין בוזעמטאַש צווישן זיינע דאָקומענטן — דאָס האָט אים איצט כמו ווי געדינט ווי אַ משכון, אַז ער וועט דאָ, אין שטאָט, על אדמת נכר, קיין לאַנגע שהיות נישט מאַכן. זיך אַרומ־געוואַשן, איז ער מיטן ערשטן טראַמווײַ אַוועקגעפאָרן אין שול אַריין זאָגן „קדיש" און דערנאָך גלייך אָנהייבן דאָס „צווייוואָכעדיקע" געזעגענען זיך מיט דער שטאָט...

אין דעם זעלבן טאָג, זייגער עלף פאַר מיטאָג, איז גאָרדאָן געשטאַנען אויף קאָראָלענקאָ־גאַס אָנגעשפּאַרט אין אַ פאַרענטשע פון אַ שוי־פענצטער און האָט אויסגעזען זייער איבערראַשט —

מיט אַ פּאָר שעה צוריק, נאָכן אָפּדאַווענען און עפּעס איבער־כאַפּן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַריין, אָנהייבן זיך צו

געזעגענען! און דאָ איז ער געוואָיר געוואָרן אַ שרעקלעכע נייעס — אַז דאָס גאַנצע ביי־זיך־אַליין אויסגעקעמפטע „געזעגענען זיך" איז גאָר געווען אַ דמיון, אַ מגדל הפורח באוויר, אַ נאַרישע אילוזיע! מיט וועמען, פרעגט זיך, האָט ער זיך צו געזעגענען? מיט וועמען און מיט וואָס? מיט די „טייערע גאַסן און פלעצער"? ס׳איז אַ ליגן, ער האָט דאָ נישט מער קיין „טייערע גאַסן און פלעצער"! פאַר וואָס זאָלן זיי אים זיין טייער? פאַר די תליות, וואָס מען האָט געשטעלט אויף זיי? פאַר די יידישע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעוואַלגערט מיט צעזעצטע מח׳לעך? אַז וועלכעס אָרט ער זאָל נישט אויפמישן אין זכרון, איז עס אים פרעמד און פיינט־לעך און מוקצה מחמת מיאוס... און ווי באַלד אַזוי, ווּהין זשע האָט ער צו גיין? אפשר צו יאַנין זיך געזעגענען? יענער האָט וויניק זיינע אייגענע צרות? מיט וועמען דען? פאַלי מיט איר שייגעצעוואַטע מאַן קוקן אפשר אַרויס אויף אים? שטאַרק פעלט ער זיי אויס? וואָס דען, זיך גיין געזעגענען מיט דער רביצין ביאַליק און זיך באַגעגענען מיט אירע קאָמוניסטישע יעזואיטן? מוחל דעם כבוד! נו, מיט וועמען דען? וואָס דען און וועמען דען נאָך האָט ער דאָ? ווער האָט זיך דאָ געמאַכט אַ צימעס פון זיין קומען און ווער וועט אפילו באַמערקן זיין אַוועקפאָרן? גדול כים שברך, — קלאָגט ירמיהו הנביא, — אַזוי ווי אויפן ים, אויב עס טרעפט אַ קאַטאַסטראָפע מיט אַ שיף און זי גייט אונטער, בלייבט ניט איבער פונעם אומגליק אפילו קיין זכר, אַזוי אויך מיט דיין חורבן, מיין פאָלק... קיינער געדענקט דיך שוין גאָר נישט און קיינער אינטערעסירט זיך נישט צו וויסן, ווּהין דיין געביין איז אַהינגעקומען —

און עס כאַפּט אים מיט אַ מאָל אָן אַזאַ שטאַרקע בענקעניש צו זיין לאַגער, צו זיין נאַרע אין באַראַק, צו זיין גאָלדענעם נאַטשאַלניק, וועלכער וועט אפשר וועלן איינשטעלן זיין קאַריערע און בעטן ביים נאַטשאַלניק פון קאַראַגאַנדאַ׳ער לאַגער אַ שטיקל הנחה פאַר זיין

איינציקער טאַניטשקען... און פּלוצלינג ווערט ער ממש דערציטערט פון אַ בייזן ספק, פון אַ ביטערן חשש: „און אפשר האָט פּאַנאַמאַ־רענקאָ זיך שוין אויסגעזוכט אַן אַנדער פּאַרוואַלטער מיט דער ווירטשאַפט? ער איז עפּעס מחויב צו וואַרטן אויף גאָרדאָנען ימים ושנים?" ער טרייבט אָפּ פון זיך אָט דעם עסעריקן רעיון און גייט אַן אַנטשיידענער צום טראַמוויי.

ווען ער איז אין אַ שפּעטער נאָכמיטאָג־שעה אָנגעקומען צום געדיכט־באַגראָזטן באַבי־יאַר, האָט ער ביי זיך אין בוזעמטאַש געטראָגן נייע צוויי פּאַפּירלעך: איין פּאַפּירל איז געווען אַ בילעט ביז סוליקאַמסק און דאָס צווייטע — אַ קוויטאַנציע פון דער קאַמער פאַר האַנטבאַגאַזש, ווו ער האָט איבערגעלאָזט זיין רוקזאַק. דער צוג האָט ערשט געדאַרפט אָפּגיין האַלב עלף פאַר האַלבער נאַכט, איז ער צוגעפאָרן זיך געזעגענען „מיט די עלטערן", מיט דער גאַנצער קיעווער קהילה־קדושה, וואָס האָבן קעגן זייער ווילן פאַרוואַנדלט דעם גויאישן „באַבי־יאַר" אין אַ ניי־מאָדנעם כותל־המערבי, אין אַ קודש־קדשים עד ימות־המשיח... דאַן, האָט ער געוווּסט, וועט ער נאָך באַווייזן צופאָרן אויף קראַסנאַאַרמייסקע 158, נאָך איין מאָל אַריינכאַפּן אַ „קדיש זאָגן" און נאָך איין מאָל אַ פּרק משניות אָפּלערנען נאָך זיינע קדושים און — זיי געזונט, קיעוו! מהיום והלאה וועט ער שוין מוזן אויסקומען אָן קיעוו און קיעוו אָן אים. זייערע וועגן צעגיין זיך היינט, ווי די שיפן אין מיטן ים... געקומען איז ער אַהער מיט אַ פול האַרץ, ווי אויף אַ גרויסן יאָר יאַריד, און צום סוף האָט ער זיך אַזוי שנעל אָפּגעפּאַרטיקט! שיין, זייער שיין אָפּגעיאַרידעוועט... ווי האָט נעמי געזאָגט: „אני מלאה הלכתי וריקם השיבני ד׳"...

צו דער באַשטימטער מינוט האָט דער צוג געריררט פון קיעווער וואָקזאַל און האָט זיך אַריינגעשניטן אינעם סאַזשע־שוואַרצן חושך בחימה שפוכה ובחרי־אף —

ווידער, ווי צוריק מיט עטלעכע וואָכן, איז יוסף גאָרדאָן געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער אין קאָרידאָרל; ווידער זענען פאַר זיינע אויגן פאַרבייגעלאָפן אין אַ פאַרקערטן סדר, ווי אַלץ איז דאָ מיט אַ פאַרקערטן סדר: אי סאָלאָמינקע, אי די פּראַכט־סטאַנציעס, אי די מעדיקאַמענטן־פאַבריק אויפן נאָמען פון לאָמאָנאָסאָוו, אי די טריקאָטאַזש־פאַבריק אויפן נאָמען פון מיקאָיאַן און דאַן דימייעווקע און דאַן פעטשערסק און... און יוסף איז געשטאַנען קאַלט ווי אייז... ער האָט צו אָט דער גרויסער שטיינערנער שטאָט גאָרנישט געפילט... בלויז שטיינער קענען נישט דערוועקן צו זיך קיין ליבע, צווישן די שטיינער מוזן לעבן אויך נאָענטע מענטשן און קיין נאָענטע מענטשן זענען שוין דאָרט נישט געווען... אפילו איינעם אויף אַ רפואה נישט איבערגעלאָזט... אפילו נישט קיין טפח אויף אַ „זכר לחורבן”... בלויז אַ גל של אבנים, אַ גל־עֵד... פאָרנדיק אַהער צו האָט ער געפילט, אַז יעדעס גרעזעלע איז אים דאָ טייער, יעדעס שטיינדעלע, און אַצינד רירט זיך אין זיין האַרצן גאָרנישט... ס׳איז געווען אַ ווולקאַן, דאָס פייער האָט דער ווינט מיטגענומען מיט זיך און געבליבן איז בלויז דער גרויסער לאָך אָנגעפילט מיט פאַרקילטער לאַווע... גפרית ומלח שרפה כל ארצה, כמהפכת סדום ועמורה... בלויז לאַווע, בלויז לאַווע... אויב פון דעסט וועגן ער פילט נאָך עפּעס יאָ צו די גרעזעלעך און שטיינדעלעך פון דעם כרך קיעוו, איז סיידן אפשר צו די גרעזעלעך וואָס וואַקסן אין באַבי־יאַר און צו די שטיינדעלעך וואָס וואַלגערן זיך אין באַבי יאַר... אָט למשל פאָרט מען איצט איבער דעם דניעפּער, איבער דער דאַרניצער בריק, פאָרנדיק אַהער־צו־וועגס איז ער געווען גרייט צו קושן יעדעס וואַגאָן־טרעפּל, יעדעס לאַסטעלע פון דעם דאָזיקן בריק, ווייל דורך אים קומט מען אַריין קיין קיעוו, אין דעם לפני ולפנים פון זיינע משוגענע טרוימען, און איצט איז ביי אים אין האַרצן שאַ־שטיל! דממת־בית־הקברות, דממת־קבר... ס׳איז ביי אים אין דער נשמה

געוועזן אַ סטייע פייגל, כל צפור כנף, צפרי־רננים, — איצט איז זי אויסגעפּרוירן געוואָרן... איצט איז די פייגלנעסט פּוסט... פּוסט און וויסט און פינצטער, אָן אַ ברעקעלע שיין... אָן אַן אָטעמצוג פון אַ נפש חיה... ארץ מלֵחה ולא תשב —

פון קיעוו האָט דעם צוג אַרויסבאַגלייט אַ געדיכטער רעגן, די שטאָט קיעוו איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון זיינע אויגן באַוואַשנדיק זיך מיט ביטערע טרערן...

און זי האָט געמעגט וויינען... נישקשה, זי האָט געהאַט אויף וואָס צו וויינען...

— — — — — — — — — — — —

... אל תבכו למת ואל תנודו לו, בכו בכה להולך כי לא ישוב עוד וראה את ארץ מולדתו —

# קאפּיטל IV

ווען דער וועכטער האָט פאַנאַמאַרענקאָן ראַפּאָרטירט, אַז צו אים וויל אַריינקומען יוסף גאָרדאָן, האָבן זיינע אָנגעברוגז'טע אויגן פריילעך אויפגעבליצט:

— האָט ער זיך טאַקע באַקלערט, הייסט עס, דער קאַנאַליע...

און ווידער איז זיין שטרענג פּנים געוואָרן קאָנצענטרירט און חושכדיק.

גאָרדאָנען האָט ער באַפוילן צו וואַרטן אויף דער קאָנטראָלנע־בודקע. לאַנג איז דאָס מאָל יוסף אויסגעקומען צו וואַרטן אויף דער אויפנאַמע. דורכן פענצטער, וואָס גייט אַרויס צו דער צענטראַלער ביורא, ווו דער נאַטשאַלניק נעמט אויף, האָט יוסף געזען, אַז דאָרט קאָכט עפּעס, ירתיח כסיר מצולה, ים ישים כמרקחה... די גאַנצע נאַטשאַלסטווע שמייעט אַרום פונעם נאַטשאַלניק און ווידער צום נאַטשאַלניק — וואָס האָט דאָרט אַזוינס געטראָפן? ביים דיזשורנע קאָמענדאַנט, וואָס געפינט זיך גראָד אויף דער קאָנטראָלקע, וועט ער זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט פרעגן. כאָטש יענער האָט אים גלייך דערקענט — געציילטע עטלעכע וואָכן בסך־הכל, וואָס איז די רבותא? — און האָט זיך מיט אים זייער וואַרעם באַגריסט. אָבער דאָך איז ער, יוסף, אַצינד אַ פרעמדער מענטש; אַ מענטש, וואָס קען זיך אויפהייבן און אַוועקגיין נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף דעם נאַטשאַלניקס אויפנאַמע — ניין, ער טאָר זיך איצט נישט אינטערעסירן מיט דעם, וואָס קומט פאָר אינעווייניק אין לאַגער. ער וועט פון אַזאַ אומפאָרזיכטיקער נייגעריקייט אין צווייען פאַרשפּילן: אי זאָגן וועט מען אים אַ פייג, אי

מען וועט שוין קוקן אויף אים מיט אַ חשד. ניין, אַזוי לאַנג, ווי ער איז אַ „דרויסנדיקער" מענטש, דאַרף ער: הערן און זען און בלייבן שטום, ווי די וואַנט. אַ שטייגער, וואָס וואָלט ער נישט אָפּגעגעבן, ווען ער קען בלויז געוואויר ווערן איין זאַך: צי מען האָט פּאַר די דריי וואָכן, זינט ער איז פון דאַנען, נישט אויפגענומען קיין נייעם פּאַרוואַלטער מיט דערווירטשאַפט, אַנשטאָט יענעם, וואָס איז דאַמאָלסט קראַנק געוואָרן? אָבער ניין! אויך דאָס איז אַ מיליטערישער סוד! ער טאָר נישט פאַרגעסן אויף קיין איין רגע, אַז ער געפינט זיך אין אַן אינסטיטוציע פון דער ג.ק.וו.ד., אַז פּאַר אַריינשטעקן די נאָז אַהין, ווו מען דאַרף נישט, קען מען אים, עד לחשבון, אַריינבעטן אין „ישיבה של מטה" — אַזוי פלעגט ער אָנרופן דעם אונטערערדישן קאַרצער — ולא נודע כי בא אל קרבו. און קיין האָן זאָל אפילו נישט קרייען. זיצט ער טאַקע ווי אַ גולם, נישט קוקנדיק אין ערגעץ און נישט הערנדיק אין ערגעץ און שווייגט שטיל מיט אַן אידיאָטיש שווייגעניש. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז אַצינד אַ פרייער מענטש; וואָס „ער פייפט אַצינד אויף זייער באָבען" — ווי די אַרעסטאַנטן דריקן זיך אויס וועגן אַ באַפרייטן — פון דעסט וועגן פלאַטערט ביי אים עפּעס אונטערן לעפעלע; אין האַלדז איז ביי אים איבערגעטרוקנט, ווי ער וואָלט זיך אָנגעגעסן מיט אָנגעגליטן זאַמד; און די קנעכל ברעכן אים עפּעס מאָדנע, און בכלל פילט ער זיך ווי נאָך אַ שווערער קרענק.

אויפן הויף האָט זיך דערהערט דער ביז גאָר באַקאַנטער: בום־בום און גלייך נאָך דעם די שניידנדיקע פייפעלעך פון די צעכן, דאָרט אין טאָל. דער לאַגער, הייסט עס, גייט עסן מיטאָג און אים רופט מען נאָך אַלץ נישט. אָבער תוך כדי דיבור קומט אַריין דעם נאַטשאַלניקס אָרדינאַריעץ: *

---

* קוריער.

— יוסף גאָרדאָן! קומט, וועל איך אייך דורכפירן צום נאַ־טשאַלניק!

— ענדלעך —

יוסף גייט און ציטערט מיט אַלע אברים, כמעט ווי פאַר אַ „זעאונג״ מיט מיכאַילאָוון. וואָס באַטייט דאָס? וואָס האָט ער שוין איצט מורא צו האָבן פאַר זיין געוועזענעם נאַטשאַלניק? וואָס הערט ער אים איצט? ניין, דאָס איז בלתי ספק דערפאַר, ווייל די אידייע וועגן אַרויסהעלפן טאַנין מיט וואָס עס איז איז ביי אים זייער טייער און הייליק... בלויז דערפאַר און מער גאָרנישט...

אויפגענומען האָט אים פאָנאָמאַרענקאָ קאַלט ווי אייז. גאָרדאָן האָט נישט דרייסט, ווי אַ שולדיקער, אַריבערגעטראָטן די שוועל און צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך. דער נאַטשאַלניק איז ווי שטענ־דיק געזעסן אויף זיין געבעטער שטול אונטער בעריאַ׳ס פּאָרטרעט. צו יוספס אַריינקומען האָט ער זיך אפילו נישט מטריח געווען אויפצוהייבן פון זיין אָרט. ער האָט נאָר אָנגעצילט זיין שניידנדיקן בליק אויף דעם בלאַסן פּנים פון זיין אורח און האָט עקשנותדיק געשוויגן. יוסף איז אַ ווײַלע געשטאַנען ביי דער שוועל, כעני בפתח, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט נישט געוווּסט פון וואָס אָנצו־הייבן. פאָנאָמאַרענקאָ, אַליין נישט בייטנדיק די פאַרגליווערטע פּאָזע, האָט אַן גיפט אַרויסגעבראַכט:

— קומט אויס, מיין טייערער, אַז אין ערגעץ איז נישט בעסער ווי ביי אונדז?

גאָרדאָן איז אומגעפאַלן אויף אַ בענקל, ער האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ אויף דער האַנט, ווי צו דער „שטילער תחנון״, און האָט אויסגעבראָכן מיט אַ גרויס געוויין. דאָס זענען געווען די ערשטע טרערן, וואָס האָבן זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך זיינע שטאָלענע נערוון, פון זינט ער האָט פאַרלאָזט דעם לאַגער. דער נאַטשאַלניק האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, איז שטיל צוגעגאַנגען צום

ווײנענדיקן יונגנמאַן און האָט אים פּאָטערלעך אַ גלעט געטון איבער די האָר:

— ווײן נישט, גאָרדאָן, וואָס געשען איז פאַרפאַלן... פון טויט לעבעדיק קען מען נישט מאַכן... איך האָב פריער פאַרשטאַנען, אַז דײן נסיעה וועט דיך שטאַרק אַנטוישן... דו האָסט כאָטש וועמען עס איז דאָרטן יאָ אָפּגעזוכט?

גאָרדאָן, נאָך אַלץ ווײנענדיק:

— קײ—נעם נישט, סערגײ איוואַנאָוויטש! קײנעם נישט... אין מײן אײגענער שטאָט האָב איך זיך אַרומגעשליאָיעט אַן עלנטער ווי אַ ציגײנער, ווי אַ בעטלער, ווי אַ הונט... וויפל איך האָב נישט געזוכט, וויפל איך האָב נישט געבישטערט — חוץ קברים האָב איך דאָרט גאָרנישט נישט געפונען... ריכטיקער געזאָגט, — קײן קברים אויך נישט, אײן תהום ווי נאָכן מבול... ווי נאָך אַן ערדציטערניש...

— נו, הער אויף צו ווײנען, גאָרדאָן! נעם זיך אין די הענט אַרײן, ביסט דאָך נישט קײן באַבע...

און נאָך אַ לאַנגער פּויזע, ווען גאָרדאָן האָט נאָך נישט געקענט האַמעווען דאָס כליפּעריי און זײנע, פּאָנאָמאַרענקאָס, פינגער האָבן נישט אויפגעהערט צו גלעטן גאָרדאָנס גרוילעכע טשאָפּרינע, האָט ער מיט אַ פאַרדומפּענער שטימע צוגעגעבן:

— און דו מײנסט, אַז מיך האָט מען געשוינט? דו קוקסט, וואָס איך ווײן נישט? פיר שוועסטער מײנע און אַ כלה האָט פריץ אָפּגע־שיקט אויף אַרבעט קײן דײטשלאַנד און — און אַזוי ווי אין ים אַרײן! ס׳איז שוין באַלד באַלד אַ „פּיאַטילעטקע״ * נאָך דער קריג, מיר האָבן שוין באַלד אַלע זײערע קריגסגעפאַנגענע אומגעקערט אין זײערע הײמען און פון אונדזערע פינף מײדעלעך הערט מען נישט און מען זעט נישט...

* אַ פינפיאָר.

דער נאַטשאַלניק, אַליין אויך אַ צערודערטער פון די אַרויס־געראַפּענע שווערע זכרונות, האָט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט אומגע־קערט אויף זיין אָרט. גאָרדאָן האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט, אַז נישט זיך אויסוויינען איז ער געקומען אַהער, — דאָ איז אים נישט קיין כותל־המערבי, נישט דער מוטער רחל׳ס קבר און אפילו נישט דער פאַרהייליקטער באַבי־יאַר — נאָר עפּעס אויפטון; זיך דערשלאָגן צו אַן אויפטו... ער האָט האַסטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ און נאָך איידער ער האָט אָפּגעווישט די טרערן פונעם פּנים, האָט ער, קוקנדיק דעם נאַטשאַלניק גלייך אין די אויגן, געפרעגט:

— דער פּאָסטן פון פאַרוואַלטער מיט דער ווירטשאַפט, וואָס איר האָט מיר פאָרגעלייגט, איז נאָך פריי? איר האָט נאָך קיינעם נישט צוגענומען אויף דעם אָרט? איר דאַרפט מיך נאָך, צי איך האָב שוין אָנגעוואוירן?

גאָרדאָן, האָבנדיק אויסגעשאָסן דעם גאַנצן פולווער פון זיין אומרו, האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר זיין פלוצלעכער הכנעה און האָט נערוועז אָנגעהויבן איבערפּרוּוון איין קנעפּל נאָכן צווייטן, צי זיי האַלטן זיך גוט. דער נאַטשאַלניק האָט לאַנגזאַם געציילט אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט:

— ווען דו ביסט אַוועקגעפאָרן פון אונדז מיט אַזאַ יומטובדיקער שטימונג, אַז דו האָסט אפילו דעם פּראָפּוסק אויף צוריק נישט געוואָלט מיטנעמען, האָב איך ביי זיך באַשלאָסן צו זיין קאַלטבלו־טיקער פון דיר, — כאָטש אין יאָרן בין איך אפשר יינגער פון דיר — און נישט צונעמען קיין אַנדער מענטשן אויף דעם פּאָסטן דריי חדשים... איך זאָל ווי עס איז אַליין טראָגן די שווערע לאַסט און וואַרטן... דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו וועסט זיך אומקערן צו אונדז... און אָט! ווי דו זעסט, האָט מיך מיין פאָרגעפיל נישט אָפּגענאַרט...

גאָרדאָן, ווי אַ נייע הויט וואָלט אויף אים אַרויפגעצויגן געוואָרן, האָט זיך אָנגערופן מיט פריילעכע פלעמעלעך אין די אויגן:

— איז, הייסט עס, דאָס פּלאַץ פריי —

— פריי און וואַרט אויף דיר!

גאָרדאָן, אין גאַנצן אַן איבערגעביטענער:

— איצט דערלויבט מיר ביי אייך צו פרעגן כמעט אַן אינטימע פראַגע: פאַר וואָס זענט איר אַזוי אַראָפּ פונעם פּנים פאַר די עטלעכע וואָכן וואָס איך בין נישט געווען? איר זעט אויס, ווי איר וואָלט ערשט אויפגעשטאַנען פון טיפוס...

— וואַרט, איך האָב זיך ערשט נאָר אַוועקגעלייגט אויף טיפוס, נישט אויפגעשטאַנען, ווי דו זאָגסט... דאָס איז ערשט פון היינטיקער וואָך... דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם פאַרשאָלטענעם בעטן־צעך —

— שוין ווידער אַן עסק מיט די בעטן? פון זינט איך קען דעם דאָזיקן לאַגער, האָט ער אַ מכה אין שלונג — דעם בעטן-צעך —

— דו רעדסט דאַכט זיך מיט אַן איראָניע, און איך ווער באמת גרוי און אַלט פון אָט דעם זיבן מאָל פאַרשאָלטענעם צעך... זינט מען האָט מיך אַריינגעשיקט אַהער, דריקט ער מיר אויף דער נשמה, ווי אַ קאָשמאַר, ווי אַ שטיין אויפן האַלדז... און געדענק מיינע רייד: אָט דער שלעכט־פאַרכישופטער צעך וועט מיך פ אַ ר דער צייט פאַר־טרייבן פון דער וועלט, ער וועט מיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט! ווען איך שעם זיך נישט פאַר לייטן, צו גילטן פאַר אַן אַבערגלויביקן, וואָלט איך געהייסן אים אַריבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט... מען האָט אים אויפגעשטעלט אויף אַן אומגליקלעך אָרט און עס וועלן דערצו נישט העלפן קיינע עצות...

גאָרדאָן האָט קוים באַהאַלטן אַ שמייכעלע:

— וואָס זשע נאָך פאַר אַ נייעס איז געשען מיט אָט דעם צעך?

פאָנאָמאַרענקאָ, מיט אַ ביטער געלעכטערל:

— דאָס האָסטו טרעפלעך געפרעגט: „וואָס זשע נאָך פאַר אַ נייעס", ווייל דאָס אַלטע איז אויך גענוג טרויעריק... ווען איך בין

פאַר אַ יאָרן נאָר געקומען אַהער איבערנעמען דעם לאַגער, זאָגט מיר דער אַוועקגייענדיקער נאַטשאַלניק, — גאַלאָוואַנאָוו, דו געדענקסט אים דאָך — „סערגיי איוואַנאָוויטש, זע אַ ביסל אַרויסשלעפּן דעם בעטן־צעך, ווייל — זאָגט ער — אויב דו וועסט אים נישט אַרויס־שלעפּן, וועט ער דיך אַריינשלעפּן“... האָב איך מיר געקלערט — טשעפּוכאַ!* מיט מיין דערפאַרונג פון אַ שאַכטיאָר, אַ סטאַכאַנאָ־וויעץ, פון אַ קאַפּיטאַן פון אַ טאָרפּעדנע קאַטיער, וועל איך נישט „אַוועקשטעלן אויף די פיס“ קיין צעך פון 350 אַרבעטער? נו־נו, שטעל איך... פאַל איך שוין באַלד פון די פיס פון אָט דעם שלימזל־דיקן שטעלעניש... ביי גאַלאָוואַנאָוון האָט ער אויסגעפילט 65% פון דעם פּלאַן; ביי מיר האָט ער זיך גאָט צו דאַנקען אַראָפּגעקויקלט ביז 50% פונעם פּלאַן און טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק — שטייט ער שוין איצט אין גאַנצן! דווקא איצט — פאַר דער גענעראַלער רעוויזיע! און דו פרעגסט נאָך, פאַר וואָס איך האָב נישט קיין רויטע בעקעלעך...

גאָרדאָנס פרעגנדיקער בליק האָט עקשנותדיק געמאָנט אַ דייט־לעכן ענטפער:

— וואָס זשע איז פּאָרט געשען?

— יענע וואָך — ערשט מיט פינף טעג צוריק — האָט דער עלטסטער מייסטער פונעם צעך זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיטן הויפּט־בריגאַדיר, — גזלנים זענען ביידע גוטע, קעפּשניידערס פון דער מאַמעס בויך — בקיצור: זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן צעזעצט די קעפּ, — ביי אַרעסטאַנטן, ווייסטו דאָך, וועט קיינער נישט צוגייך צענעמען די שלעגערס און אפילו אַ רוף טון אַ וועכטער אויך נישט. דאָס איז שוין ביי זיי אַזאַ פאַרדאָרבענער מנהג, — ווען ס׳איז ענד־לעך אָנגעלאָפן דער קאָמענדאַנט מיט די סאַניטאַרן האָט פון זיי

* שטותים.

ביידע געיושעט דאָס בלוט, ווי פון די חזירים. איצט ליגן זיי ביידע אין שפּיטאָל, פאַרבאַנדאַזשירטע, אַז מען זעט קיין פּנים נישט אַרויס און דער גאַנצער צעך שטייט כמעט. די מינדערוויכטיקע צוגרייטונגס־אַרבעטן טוט מען נאָך ווי ס׳איז, אָבער צו די הויפּט־פּראָצעסן האָט מען מורא זיך צוצורירן אָן דעם מייסטער און דאָ, ווי אויף צו להכעיס —

יוסף האָט זייער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט און דאָס האָט באַוועגט פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן צו דערציילן אים אַלץ אַלץ פון „אונטערן לעפּעלע״:

— דער צוזאַמענפּאָר פון די לאַגער־נאַטשאַלניקעס האָט, ווי איך האָב דיר דאַמאָלסט דערציילט, געדאַרפט פאָרקומען אין אָקטאָ־בער, איצט איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער צוזאַמענפּאָר ווערט אָפּגעלייגט אויף סוף דעצעמבער — וואָס איז? די רעוויזיע־קאָמי־סיעס, וואָס דער נאַרקאָמאַט האָט צעשיקט איבער די לאַגערן פונעם גאַנצן פאַרבאַנד, וועלן נישט באַוויזן צו באַזוכן אַלע „טאָטשקעס״ *... און באַזוכן, הייסט עס, מוזן זיי אַלע! און ווען? ווען ביי מיר האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ צעך! אַ צעך, וואָס האָט אַזוי אויך געקרענקט אויף אַלע מחלות, וואָס די וועלט פאַרמאָגט נאָר... דו ווייסט דען, וואָס אָט דער צוזאַמענפּאָר שטעלט מיט זיך פאָר? דאָס איז דער גענעראַלער עקזאַמען פון דער אָפּגעטונענער אַרבעט פון אַלע יאָרן צוזאַמענגענומען. דאָ וועט גענומען ווערן אין באַטראַכט אַלץ, אַלץ, אַלץ... מענטשן וועלן דערהויבן ווערן אויף לאַנגע יאָרן און מענטשן וועלן אַראָפּגעזעצט ווערן פון זייערע הויכע פּאָזיציעס און איבער־געפירט ווערן צוריק אין קאַזאַרמע אַריין רייניקן די פערד, — דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט? מיר האָבן ידיעות פון הינטער די קוליסן, אַז כמעט אַלע לאַגער־נאַטשאַלניקעס וועלן איבערגעפירט ווערן

---

* פּונקטן.

פון איין אָרט אויפֿן אַנדערן; דאָ וועט גיין אַ געיעג: פּאַר אַ נעענ־טערן לאַגער; פּאַר אַ גרעסערן לאַגער; פּאַר אַ מער אַנטוויקלטן לאַגער; פּאַר אַ מער אינטעליגענטן מענטשן־מאַטעריאַל... אונדזער גאַנצע קאַריערע שטייט דאָ אין קאָן; זי הענגט ממש אויף אַ וואָג־שאָל — אַהער, אָדער אַהין; ווערן גרויס, אָדער גיין פּאַסען חזירים... און דאָ שטעלט זיך ביי מיר גאָר אָפּ אַ צעך און זיי קענען דיר אַריינפאַלן אַ ליאַדע טאָג און אפילו אַ ליאַדע מינוט... ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אַז אין דער זעלבער צייט, וואָס מיר זיצן זיך דאָ רואיק און שמועסן זיך געמיטלעך, שטייען זיי שוין, די שדים, הינטערן טויער און וואַרפן מיט אויגן אויף אַלע זייטן, ווי די טיגערן... ווי די מסוכנ׳ע אָוטשאַרקעס... זיי קומען שטענדיק אומגעריכט, ווי פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן... ווי די סאַראַנטשאַ...* ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג...

גאָרדאָן, וועלכער האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם נאַטשאַלניק, איז נישט געאיילט צוגעגאַנגען צו אים, אים אַרויפגעלייגטביידע הענט אויף די אַקסלען און פעסט געזאָגט:

— נאָר נישט געזאָרגט, סערגיי איוואַנאָוויטש! אָט וועט גאָרדאָן אַריינקריכן אין זיין נייעם מונדיר, וועט אַלץ אַנדערש ווערן. דער שטייגער פון אָט די אַלע רעוויזיע־קאָמיסיעס, וואָס ווערן אַרויסגע־שיקט אויף דער מדינה, אַז זיי רייניקן פריער אַרום די ווייטע עקן, די אַזוי גערופענע „בערנלעכער“, און די שכנישע ערטלעך לאָזט מען איבער צו לעצט. ווען מען איז שוין מיד און מאַט. היינט, אַז איר שטעקט ביי זיי סאַמע „אונטער דער נאָז“, וועט איר זיי נאָך אַזוי גיך פאַר קיין געסט נישט האָבן. אַזוי, אַז ביז זייער עקסעלענץ וועט זיך ביי אונדז באַווייזן, וועלן מיר נאָך אַרויפשלעפּן דעם „זיבן מאָל פאַרשאָלטענעם“ בעטן־צעך אויף דער גאַנצער נאָרמע... נישט

---

* היישעריק.

קיין 50% פונעם מלוכה־פּלאַן און אויך נישט קיין 65%, נאָר פולע הונדערט פּראָצענט! מער וויל איך נישט און וויניקער נעם איך נישט —

דער נאַטשאַלניק האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— איך האָב אַזאַ לאַנגן זמן געלעבט מיט דיר צוזאַמען און גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס פאַר אַ באַרימער דו ביסט —

— איר קענט אייך רעדן, וואָס אייער האַרץ גלוסט, — איר קענט נאָך נישט גאָרדאָנען דעם פרייען מענטשן, וואַרט זשע אויס!

— איר וועט שוין זען צום גרייטן —

— נו־נו גוט, מירן שוין זען, אַבי עס וועט נאָר זיין וואָס, וועלן מיר זען.

— עס וועט זיין וואָס, איר וועט זען, איר וועט זען, אָבער דאָס וועט נישט געמאַכט ווערן אומזיסט, סערגיי איוואַנאָוויטש!

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אויף אים אויסגעטאַראַשטשעט אַ פּאָר אויגן:

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט אומזיסט! נו, און איך אַרבעט דען אומזיסט? איך האָב דיר צוגעזאָגט דעם העכסטן גע־האַלט, וואָס נאָר מעגלעך — 1160 רובל, וועל איך מיין וואָרט האַלטן!

יוסף, מיט גאַל:

— גייט שוין, גייט, סערגיי איוואַנאָוויטש! ווער רעדט דאָ פון געלט? און פאַר צען טויזנט רובל אַ חודש, וואָלט איך זיך דען פרייוויליק אָפּגעזאָגט פון דער לעבעדיקער וועלט און זיך פאַר־שפּאַרן אין אָט די וויסטע קאַטאַקאָמבעס, ווי דאָס גאַנצע לעבן גייט אַוועק אונטער זיבן ריגלען; אונטער ביקסן, וואָס זענען אויסגע־שטרעקט „אויף גרייט”; צווישן לעבעדיקע מתים; צווישן מענטשן, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גולמס, אין פּאָלנע אידיאָטן, אין

באַוווסטלאָזע ראָבאָטן... ניין, ברודערקע, מיט די קנאַקנדיקע עטלע־
כע הונדערטערס וועט איר מיך נישט קויפן —

— וואָס דען נאָך ווילסטו פון מיר? מאָסקווער געביט פאַר
אַ צולאָג, אָדער דעם נאַפט פון אַזערביידזשאַן, אָדער דאָס גאָלד פון
אוראַל, — דאָס אַלץ, ברודערקע, איז נישט אין מיין רשות... 1160
רובל, דאָס איז דער מאַקסימאַלסטער געהאַלט, וואָס —

— איך רעד נישט פון קיין געלט... איך שפיי אויפן געלט... איך
דאַרף אַ טובה... אַ טובה דאַרף איך... אַ טובה, וואָס גייט מיר ווי אין
לעבן...

— רעד דייטלעכע רייד, נישט קיין פאַרשטעלטע מליצות...
זאָג: וואָס דאַרפסטו און וואָס קען איך טון פאַר דיר?

יוסף האָט אָנגענומען געגנוג לופט אין די לונגען און האָט,
נישט קוקנדיק דעם נאַטשאַלניק גלייך אין די אויגן, מיט אַ צוגע־
לייגטער שטימע אַרויסגעבראַכט:

— איר דערמאָנט זיך אפשר, אַז איך האָב אייך פאַרן פאָרן
געזאָגט: „אין קיעוו וואַרט אויף מיר אַ כלה" — איר געדענקט? איז
זי נאָך נישט אין דער היים...

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אויף אים געקוקט נישט פאַרשטייענדיק
קיין איין וואָרט, אָבער גאָרדאָן, וועלכער האָט אַלץ געהאַלטן די
אויגן אַראָפּגעלאָזט, האָט דאָס אפילו נישט באַמערקט, ער האָט
ממילא ווייטער גערעדט:

— מיין כלה, טאַניאַ אַבראַמאָוונאַ פייגנבוים, האָט מען אַרעס־
טירט אַ יאָר שפּעטער פון מיר... אַזש אין קאַראַגאַנדאַ האָט מען
זי פאַרשטעקט... געגעבן האָט מען איר אַכט יאָר... איז על פי חשבון
האָט זי געדאַרפט זיך אומקערן אַהיים אַ יאָר פ אַ ר מיר און צום
סוף... ווי אין וואַסער אַריין...

גאָרדאָן האָט מיט אַ פלאַטערנדיק האַרץ אויפגעהויבן די אויגן
אויף זיין קינפטיקן פּאַטראָן און האָט טרויעריק געפרעגט:

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? איר האָט זיך נישט גערעכט, אַז גאָרדאָנס סביבה באַשטייט פון בלויז אַרעסטאַנטן און קאַטאָרזש־ניקעס, האַ?

פּאַנאָמאַרענקאָ, מיט רחמנות אין קול:

— ווער קוקט אויף דיר? איך פאַרשטיי דען אַליין נישט, אַז מסתמא איז זי פּונקט אַזאַ גזלן ווי דו? מיר איז נאָר נישט פאַר־שטענדלעך — מיט וואָס קען א י ך דיר העלפן? און וואָס קען זיך דאָ אויסזאָגן מ י י ן ראָל? דאָ איז דאָך סוליקאַמסק, נישט קאַראַ־גאַנדאַ —

ביי יוספן אין מויל האָבן אַזש געקלאַפּט די ציין פאַר פחד, איידער ער האָט געבראַכט פאַרן מויל ד י ווערטער, וואָס ער איז געגאַנגען זאָגן:

— ביי אַ גוטן ווילן וואָלט איר מיר יאָ געקענט העלפן... אויפן אָלפּאַרבאַנדישן צוזאַמענפאָר וועט דאָך זיין אויך דער נאַטשאַלניק פון קאַראַגאַנדאַ׳ער לאַגער... אַז מען וויל מיט יענעם היימיש ווערן... אַ גלייכער מיט אַ גלייכן... און אין אַ גינסטיקער מינוט אים בעטן, אויב מעגלעך... מיט וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך... צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון דער אַרעסטאַנטקע פייגנבוים... וואָס פועלט מען נישט ביי אַ קאָלעגע, בעת מען זופּט פּאַוואָלינקע דעם שמעקנדיקן שאַמ־פּאַניער ערגעץ אין אַ קאַפע־רעסטאָראַן?

גאָרדאָנס ווערטער זענען געפאַלן אין צימער, ווי דאָס ערשטע שנייעלע: עס גייט יאָ און עס גייט נישט און דאָך, אָט אַזוי נישט דרייסטערהייט, נעמט עס אַרום אַלץ מיט אַן אַנדער. פּאַנאָמאַרענקאָ איז געווען בלאַס ווי די וואַנט. אויף אַזאַ גוואַלדיקער געוואַגטקייט האָט ער זיך שוין נישט גערעכט... עס האָט נאָך ביז איצט קיינער נישט געפּרוּווט צו מאַכן פון אים קיין געקויפטן אַגענט, און דאָ... אָט דער נעכטיקער אַרעסטאַנט גאָרדאָן...

ער האָט שטיל אָבער שאַרף אַרויסגעזייעט דורך די ציין:

— און דו שטעלסט דאָס פֿאַר אַ באַדינג?

גאָרדאָן האָט אומבאַהאָלפֿן צענומען די הענט און האָט גאָר־נישט געענטפֿערט. דאָס האָט געהייסן אַזוי גוט ווי:

— אַן אַנדער ברירה האָב איך? אם לא עכשיו — אימתי?

פֿאָנאָמאַרענקאָ האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטון און האָט געלאָזן געזאָגט:

— גוט, מירן זיך אַ פּרווו טון... וואָס קומט נישט אויס אין לעבן צו פּרוּוון?... בלײַבט עס אַזוי... וואָס איך וועל נאָר קענען, וועל איך טון —

גאָרדאָן האָט אַן אומגליקלעכן שמייכל געטון:

— זאָל איך נאָך אומענדלעכע צען יאָר, ערשט פּריוויליק זיך אײַנשפּאַרן אין אַ קאָנצלאַגער און אַוועקלייגן דאָרט אַלע מײַנע כוחות פֿאַר אָט דעם קוים־פֿאַרעווע און גאָרנישט מחייב־זײַענדיקן: „וואָס איך וועל נאָר קענען, וועל איך טון״?

פֿאָנאָמאַרענקאָ, קענטיק אַ צעקאָכטער ביז גאָר, האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון זײַן שטול און האָט כּלומרשט גלײַכגילטיק אַ זאָג געטון:

— ווי דו פֿאַרשטייסט... קיינער רעדט דיך נישט צו —

און ער האָט בשעת מעשה נערוועז געפּויקט מיט די פֿינגער אין דעם גלעזערנעם טאָוול, וואָס ליגט פֿאַר אים.

אין אויגנבליק איז יוסף געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער, אַ פֿאַר־צווייפֿלטער, ווי ס׳איז אַלע מאָל אַ מענטש, ווען ער איז אַ פּוסח על שתי הסעיפים. מיט אַ מאָל האָט ער, מיט זײַן אײַנגעבוירענעם ווילדן אימפּעט, זיך אַ ריס געטון פֿון זײַן אָרט, ער איז צוגעשפּרונ־גען צו פֿאָנאָמאַרענקאָ׳ן און האָט אים מיט ביידע הענט פֿעסט צונויפֿגעדריקט די אַקסלען. זײַנע אויגן האָבן זיך געלויכטן מיט פֿאַנאַטישן גלויבן, מיט גרייטקייט אויף מסירת־נפֿש:

— איך גלייב אייך, סערגיי איוואַנאָוויטש... איך גלייב אין

אייער וואָרט... אין אייער צוזאָג... איך האָב אַן אומבאַגרענעצטן צוטרוי צו אייך...

פּאַנאָמאַרענקאָ האָט זיך לייכט אַרויסגעדרייט פון זיינע קלאָ־מערן און האָט געענטפערט אויף יוספס פלאַמענדיקע רייד מיט אַן ערנסטער מינע:

— דערווייל האָב איך נאָך קיינעם נישט אָפּגענאַרט, מן הסתם וועל איך דיך אויך נישט אָפּנאַרן —

ערשט איצט איז אין קאַבינעט אַנטשטאַנען אַן אָנגעלאָדענע שטילקייט. די אַטמאָספער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אמונה־אומן, מיט רֵעַ דבק מאח; מיט דברים הנוגעים אל הנשמה, מיט דיני־נפשות, און דעריבער איז שווער געווען אַרויסצוברענגען די וואָכע־דיקע רייד, וואָס האָבן ביי זיי בײדע אין אונטערבאַוווסטזיין אומ־געדולדיק געוואַרט אויף זייער ריי. דאָס האָט עפּעס געשמעקט מיט פאַרשוועכונג, מיט חילול־הקודש; מיט לעסטערונג, מיט פאַרבי־ליקונג, — מיט אַ שלעכט־באַהאַלטענעם חוזק פון זיך אַליין...

אָבער נאָך אַ היפּשער פּויזע האָט זיך פּאַנאָמאַרענקאָ פון דעסט וועגן אָנגערופן:

— ווען, יוסף זאַלמאָנאָוויטש, קלערט איר צוטרעטן צו דער אַרבעט? אייערע פונקציעס און אייערע פליכטן ווייסט איר דאָך אַליין גאַנץ גוט... איר דאַרפט נאָר אַריינקריכן אין אייער נייעם העמדל און... און ש ו י ן פּאַרטיק! איז וואָס זאָגט איר?

— איך זאָג: ערשטנס, זאָלט איר מיך אויפהערן צו אירצן און צו רופן אויפן טאַטנס נאָמען, — יוסף און שוין! פּאָ פּראָלעטאַר־סקי! צווייטנס, ווען איך הייב אָן צו אַרבעטן? שוין! טאַקע ד י מינוט! ווייזט מיר, ביטע, דעם פּראָדוקציע־פּלאַן פון די צעכן; דעם פּראָצענטאַזש פון דער אויספילונג; איך וויל זיך באַקענען מיט אַלע סכעמעס, מיט די ליסטעס פונעם אינווענטאַר, פון די מאַטעריאַלן, פון די האַלב־פאַבריקאַטן און פון דער פאַרטיקער פּראָדוקציע —

— אָט די אַלע ידיעות און אַלע איבעריקע איינצלהייטן וועט דיר

נאָך מיטאָג געבן דער הויפּט-בוכהאַלטער און דער נאַטשאַלניק פון דער פּלאַן־אָפּטיילונג. דאָס איז אַלץ? איך מעג שוין ענדלעך גיין עסן מיטאָג?

— נאָך עטלעכע מינוט, סערגיי איוואַנאָוויטש! ביי דער איצטי־קער סיטואַציע, — איז מיר נאָר וואָס איינגעפאַלן, — פון איין זייט: די בייטש פון דער רעוויזיע, און פון דער צווייטער זייט: דער פּאַראַ־ליטש, וואָס האָט צעקלאַפּט דעם בעטן־צעך אין צוזאַמענהאַנג מיט די מייסטערס, וואָס האָבן זיך צעממיתט איינער דעם צווייטן, האַלט איך, אַז די נויטווענדיקייט פון מיין פּאַרוואַלטן מיט דער ווירטשאַפט קען פּאָרלויפיק אָפּגערוקט ווערן אויפן צווייטן אָרט. דער טייך ברענט נישט. עלעהיי כ׳בין נאָך נישט געקומען. איצט דאַרף דער גאַנצער שווערפּונקט געשטעלט ווערן אויפן קראַנקן צעך! יעדער פּאָטער זאָרגט קודם פאַר דעם שוואַכינקן קינד, די געזונטע קענען צו־וואַרטן. מען מוז דעם צעך אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע און אים אַוועקשטעלן אויף דער געהעריקער הייך, אָבער אויב איר ווילט באמת, אַז ביז דער רעוויזיע זאָל דער צעך געבן דעם גאַנצן פּלאַן און נאָך מיט אַ סמיק, דאַרפט איר מיר געבן פרייע הענט אין אַלע פראַגן, וואָס איך וועל געפינען פאַר נייטיק צו טון, אַנדערש וועלן מיר זיך דאָרט טאָפּטשען אויף איין אָרט און עס וועט זיך ביי אונדז גאָרנישט באַקומען...

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט זיך אַ מידער אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט און האָט, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט, געפרעגט:

— וואָס, למשל, קענסטו געפינען פאַר נייטיק צו טון?

גאָרדאָן איז שוין מיט לייב און לעבן געווען אין טראַנס פון זיינע פּלענער. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער פאַרבייגן איין פינ־גער נאָכן צווייטן:

— ערשטנס: אין דער נייער „שלאָג־בריגאַדע“, וועלכע איך גרינדע נאָך היינט ספּעציעל אויף געזונט צו מאַכן דעם בעטן־צעך,

מעג איך מיר אָפּקלייבן פונעם גאַנצן לאַגער, אויף מיין אייגענעם געשמאַק, וועלכע מענטשן איך געפין נאָר פאַר נייטיק —

— מסכים!

— מען דאַרף די מענטשן ווייזן אַ לעקעכל... ווען דער לאַגערניק אַרבעט צוועלף שעה ביים סטאַנאָק און צוויי שעה רוימט ער דערנאָך אויף זיין אַרבעטס־פּלאַץ און די רעזערוו־באַזע, איז דאָס, צווישן אונדז גערעדט, קאַטאָרזשנע אַרבעט! מיט אַזאַ אַרבעט וועט איר קיין צעך נישט אויפהייבן! צו אַזאַ אונטערנעמונג דאַרף מען לעבעדיקע מענטשן, נישט קיין מעכאַניזמען; נישט קיין אויסגעלאָשענע נשמות, פאַרשטאַנען? ביז דער צעך וועט אַריין אין פּלאַן־גראַפיק מוז איך געבן די מענטשן אַן אַרבעטס־טאָג פון ניין שעה: אַכט ביים סטאַנאָק, און אַ שעה אויפרוימען דעם אַרבעטס־פּלאַץ... דאָס וועט זיין אַ „פּרימאַנקע,"* דאָס דאָזיקע מיטל איז אַ מוז־זאַך! אָן דעם איז כלל אוממעגלעך אָנצוהייבן!

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט זיך אַ קראַץ געטון אין קאָפּ:

— כאָטש אויף דער טעריטאָריע פון מיין לאַגער בין א י ך דער גאַנצער באַלעבאָס, אָבער דו ווייסט, וואָס עס הייסט ביי אונדז: אויף דער אייגענער האַנט און אויף אייגענער אחריות איבערשטעלן די אַרבעטס־צייט? היינט, דאָס מאַכן אַן אונטערשיד פון איין צעך צום צווייטן... דאָס וועט אַרויסרופן צווישן די אַרעסטאַנטן אַ שטאַרקן אַנטאַגאָניזם —

— ווייס איך וואָס, קיינע אַנטאַגאָניזמען! די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ווען אין שטוב איז דאָ אַ קראַנק קינד, גיט מען דעם דאָזיקן קינד אַ בעסערן ביסן, ווי די געזונטע קינדער... און קיינעם פאַלט נישט איין צו האָבן טענות — אַ חולה איז אַ שטיקל מיוחס! און אויב עס וועלן זיך פאָרט געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן טייטלען

* כמו: אַ יצר־הרע־זאַך. אַ רוף צום חשק.

מיט די פינגער: ס׳טייטש און הלמאי, וועלן מיר זיי ענטפערן: ווער לאָזט איך נישט? גייט אין בעטן־צעך אַריין! די טירן זענען אָפן פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט חשק צו דעם. און דאָרט, ברודערקע, וועט אָנגיין אַזאַ געיעג, אַז קיינער וועט זיך פּריוויליק נישט אונטערגאַרטלען... איך בין אייך ערוב, אַז אָט די ענדערונג וועט ביים עולם קיין בייז בלוט נישט אַרויסרופן... און ווידער — דאָס דאָזיקע נייעסל קומט דאָך נאָר, ווי אַ קורצטערמיניקע ענדע־רונג, ווי אַ ראַדיקאַל און דראַסטיש מיטל, ביז מיר וועלן דעם צעך אַרויפשלעפּן אויף דער לייטער, נישט מער —

— אויך מסכים! איך דערלויב דיר דאָס!

— און נאָך איין זאַך: איך וויל איינפירן אַ פּרעמיע־סיסטעם... אויך אַ קורצטערמיניקער רעזשים... נישט קיין גרויסע זאַכן, באמת קלייניקייטן, אָבער אין די היגע באַדינגונגען, רייצט דאָס אויף ביים אַרבעטער די לײדנשאַפטן... דער לאַגערניק קען נישט גלייכגילטיק צוקוקן, ווי זיין שכן באַקומט עפּעס אַ „מותרות׳ל" און ער אַליין נישט —

פּאָנאָמאַרענקאָ, כמעט אַ פּאַרביטערטער:

— גאָרדאָן, הער מיך אויס! אפשר ביסטו אין דעם פאַל אויך גערעכט, אָבער קיין געלט האָבן מיר נישט! אַלע פאָנדן זענען שוין אויסגענוצט ביזן לעצטן גראָשן און ס׳איז אַרויסגעוואָרפן די רייד... קיין איין וואָרט נישט! רעד אפילו נישט דערפון!

— סערגיי איוואַנאָוויטש, איך האָב אפילו נישט געקלערט, אַז איר וועט קענען אויסטיילן געלט אויף די דאָזיקע פּרעמיעס... איך וועל דאָס מאַכן פון מיין אייגענעם טאַש —

— ?

— אָן שפּאַס — פון מיין אייגענעם... איך בין דאָך אַצינד אַ ציוויל־אָנגעשטעלטער, קען איך דאָך בעטן ביי אייך אַן איינמאָליקן אַוואַנס אין דער גרייס פון אַ דריי־חדשימדיקן געהאַלט. פאַר די

דאָזיקע דריי, פיר טויזנט רובל וועל איך מיר אין שטאָט איינקויפן: וואַרעמע סוויטערס, פוטער, צוקער און דער עיקר — פּאַפּיראָסן! פּאַפּיראָסן, צי מאַכאָרקע, — אַבי רויכערדיקס! און איר וועט שוין זען צום גרייטן, וואָס פאַר אַ וווּנדער אָט די גראָשנדיקע פּרעמיעס וועלן באַווייזן!

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ער איז אי הונגעריק, אי מיד. דער ענטוזיאַזם פון זיין מיט־שמועסער האָט אים אָנגע־שטעקט און פאַרכאַפּט. אַן אַנטציקטער ביז גאָר האָט ער געקוקט אין גאָרדאָנס פלאַקערנדיקע אויגן, אָבער געפרעגט האָט ער, כביכול, געשעפּטלעך און גאַנץ טרוקן:

— איך פאַרשטיי נישט, אויב דו וועסט אַלץ צעטיילן פאַר קהל, וואָס זשע וועט דיר שוין בלייבן?

גאָרדאָן, מיט נאָך טליענדיקע פלעמעלעך אויף די באַקן, האָט נידעריק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל געענטפערט:

— מ י ר, וואָס וועט בלייבן? וואָס דאַרף איך דען האָבן פאַר זיך אַליין? ברויט מיט וואַסער איז פאַר מיר די והותר, דער עיקר... דער עיקר: טאָמער וועט מיט דער צייט דערפון אַרויסקומען אַ טובה פאַר מיין אָרעמער טאַניושען —

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט פּלוצלינג דערפילט, אַז עמעצער האָט אים אַריינגעשטעקט די פינגער אין האַלדז אַריין און דריקט און שטיקט... ער האָט זיך האַסטיק אַ דריי־אויס געטון צום פענצטער, פאַרדעכטיק אַ פינטל געטון מיט די אויגן און פּלוצלינג האָט ער אָנגעכאַפּט גאָרדאָנען ביי די פּלייצעס און אים אַרויסגעשטופּט פונעם קאַבינעט:

— גיי שוין! גיי שוין! וויפל זיצט מען עס ביי יענעם?

— — — — — — — — — — — — — — —

און גאָרדאָן האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן פאַר אַלע אַרומיקע וואָס ער קען —

*

דעם לאַגער איז געוואָרן נישט צו דערקענען —

פון זינט יוסף איז אַריינגעקראָכן אין דעם גרינעם, האַלב־מיליטערישן אַנצוג, איז ער געוואָרן דער גאַנצער באַלעבאָס אויף אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער ווירטשאַפט פונעם לאַגער. ויוסף הוא השליט, הוא המשביר... „ויעזוב כל אשר לו ביד יוסף... אין שר בית־הסוהר רואה את כל מאומה בידו"... אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פונעם לאַגער האָט מען געציטערט פאַר זיין בליק, פאַר זיינעם אַ רמז. אפילו די מחנה פון די שוידערלעכע אָוטשאַרקע־הינט מיט זייערע יוירנדיקע, אויף־פּאָרנט־אַרויסגעהאַנגענע בלוטיקע צונגען, ווי די רויטע שניפּסן, מיט זייערע בלוט־דאָרשטיקע אויגן, פון וועלכע עס האָט געגרוילט דאָס לייב ביי יעדן איינעם, וועלכע זענען יומם ולילה געשטאַנען על משמרתם צוגעקייטלטע ביי דער טיר פון דער קאָמענדאַטור, האָבן פאַר דעם נייעם באַלעבאָס געהאַט דרך־ארץ. די דאָזיקע חיות־טורפות האָבן אויף יעדן איינעם, — חוץ ווי אויף זייערע דרעסירער — געשטשירעט זייערע שאַרפע קרומע ציין, געשטאָכן די מענטשן מיט זייערע געלע און מוטנע אויגן, וועלכע זענען געווען פול מיט שרעקלעכער משוגעת, מיט זייערע ברייט־צעעפנטע פּיסקעס פון וועלכע ס'האָט גערונען ברודנע און בריִענדיקע סלינע, — אפילו אָט די מחבלים האָבן שוין אויך געוווסט, אַז בעת יוסף גייט פאַרביי, טאָר מען נישט ברומען און אפילו נישט סתם אַזוי „וואָרטשען"; זיי האָבן אינסטינקטיוו דערפילט, אַז אָט דער אַלט־נייער יוסף איז דאָ איצט געוואָרן אַ גאַנצער „יאַ טיעביע דאַם"; אַז מען דאַרף זיך פאַר אים היטן ווי פאַר פייער; אַז בעידנא דריתחא קען מען פון אים כאַפּן אַ טראַך אין דער מאָרדע אַריין און עס זאָל זיין פאַר—פאַלן לעולם ועד. גאָרדאָן — אָדער דער „סטאַליניעץ", ווי די אַרעסטאַנטן פלעגן אים רופן אין שפּאַס, ווייל ער האָט אויך געהייסן „יאָסיף", ווי דער פאַרגעטערטער פאָטער פון די פעלקער, — האָט מען געוווסט, איז זייער אַן אויפריכטיקער און אַ יושרדיקער באַלעבאָס. ער וועט קיינעם נישט

באַ׳עוולה׳ן אָדער אונטערשעצן יענעמס אָנשטרענגונג, ווי אַנדערע באַלעבאַטים־פּאַראַזיטן זענען זיך נוהג, און אייגנטלעך, וואָס איז דאָ דער הידוש? ער האָט דאָך ערשט נישט לאַנג אויף זיין אייגענער הויט איבערגעטראָגן אַלע לאַגערנע שלעק... ער איז אָבער אויך אַ מאָנענדיקער אַרבעטסגעבער; ער האָט נישט ליב, אַז מען וויל אים אָפּנאַרן, אָדער אַז מען מאַכט די אַרבעט מיט „תכריכים שטעך״, אַ שטאָך און אַריבער — אַבי פון דער האַנט... ער מאָנט, אַז די פּראָדוקציע זאָל טאַקע זיין ענלעך אויף עפּעס רעכטס און די נאָרמע זאָל זיין אָפּגעהיט. און דער לאַגערניק, דערזעענדיק ווי גאָרדאָן אַליין, דער פרייער מענטש, איז פול אומעטום און ווערט אויסגעריסן מער פון יעדן איינעם פון זיי, ווערט, — אַליין דאָס נישט פילנדיק, — מיטגעריסן מיט דער סטיכיע פון גאָרדאָנס טעמפּאָ און די אַרבעט גייט עפּעס בעסער און שנעלער און... און — ס׳איז אַ בזיון פאַר זיך אַליין אין דעם מודה צו זיין — און כמעט ווי אין דער היים, אויף דער פאַבריק, אָדער אויפן זאַוואָד.

אין דעם „זיבן מאָל פאַרשאָלטענעם״ בעטן־צעך האָט זיך גאָר געטון אַן איבערקערעניש —

קודם כל, אַזוי ווי פאַר די ניין יאָר, וואָס גאָרדאָן האָט אָפּגע־לעבט דאָ אין לאַגער, האָט ער געקענט יעדן אַרעסטאַנט באַזונדער „בעסער ווי זיך אַליין״; ער איז מיט זיי אַלע געוועזן אויסגעבונדן ווי מיט אייגענע ברידער; איז ער אַרויס „אין גאַס אַריין״ און האָט זיך פון „דאָ און דאָרט״ צוגעקליבן אַ „שלאָגפערטיקן קולאַק״ — ווי אים איז געפעלן געוואָרן אָנצורופן די נייע בריגאַדע. די אַלטע און אויסגעפּרוווטע וועלף פונעם לאַגער, כאָטש זיי האָבן גוט גע־פילט, אַז ביי אָט דעם גאָרדאָנען וועט מען דאָ נישט לעקן קיין האָ־ניק; גיכער פון אַלץ וועט זיין זייער שווער צו טאַנצן נאָך זיין ווילדן פידל, אָבער גלייכצייטיק האָט זיי, אַלע ווי איינעם, אָנגעכאַפּט אַ מין ספּאַזמע, אַזאַ מין בולמוס, רחמנא ליצלן: צו יוספן! אַריין צו

יאָסיפּן אין פֿאָלק אַריין! זיך שטעלן אונטער יאָסיפּס פֿאָן! זיי האָבן זיך ביי אים צוגעקליבן איינס און איינס און אונטער זייער טיכטיקער אָנפֿירונג האָט מען זיך אַ נעם געטון אַרויפֿציען אויף דעם כמעט חרובן צעך אַ „לייטיש פּנים". דעם ערשטן טאָג, וואָס ער, יוסף, איז „אַריין אין זיין נייער הויט", איז ער מיט אַ גרופּע קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער אַוועק אין „איזאָלאַטאָר".* די צעשלאָגענע מייסטערס, פֿעסט־זיצנדיקע אַרעסטאַנטן, מיט אריכת ימים ושנים און מיט וואַרשיינלעכע נאָכוויייעגישן, וועלכע עס האָט איצט, — נאָך אַזאַ „געלונגענעם" קאָנצערט, וואָס זיי האָבן דאָ באַוויזן פֿאַר דעם גאַנצן לאַגער, — געדראָט אַ געריכט מיט אַ „צוגאָב זמן", דערהערנדיק, אַז גאָרדאָן, זייער נעכטיקער שכן אין באַראַק, איז איצט דער נאַטשאַלניק פֿונעם צעך און בכלל אַ גאַנצער „יאַ טיעבע דאַם" אין לאַגער, זענען זיי געוואָרן מילד און הכנעהדיק, ווי די לעמעלעך. צום אַלעם ערשטן האָט גאָרדאָן דערפֿירט צו אַ שלום צווישן זיי. ער האָט זיי צוגעזאָגט צו פּועלן ביי דער נאַטשאַלסטווע, ביי וועלכער ער האָט אַ שטאַרקע „יד", אַז מען זאָל זייער געשלעג פֿאַרוואַנדלען אין אַ שפּאַס און זיי זאָלן אָפּקומען זייער שטראָף מיט אַ שטרענגער וואָרענונג, מער גאָרנישט. אָבער ווען זשע איז דאָס גערעדט געוואָרן? אויב זיי ווען אים העלפֿן אַרויסשלעפּן דעם צעך אויף אַ וועג...

מען האָט אַריבערגעטראָגן די פֿאַרווונדעטע מייסטערס אין אַ באַזונדערן צימער און די „פֿאַרבאַנדאַזשירטע פּנימער" האָבן „גע־געבן לשון": ווי אַזוי מען זאָל טון דאָס און ווי אַזוי מען זאָל טון יענץ. פֿון די קנוילן מאַרליע האָט מען בלויז אַרויסגעזען די אויגן און די ליפּן; די אויגן האָבן דערציילט וועגן הויכער טעמפּעראַטור און די ליפּן, פֿאַרברענטע און איבערגעטרוקנטע ווי די ריפּטלעך דאַרע קישקע, — אויך אַ פּנים פֿון היץ; דאָך האָבן זיי ביידע גע־

---

* אַ צייטווייליקער טורמע־לאַזאַרעט.

וואָלט נושא־חן זייןביים נייעם צעך־נאַטשאַלניק, וועלכער טיילט דער גאַנצער גרופּע גוטע פּאַפּיראָסן און גיט נאָך מיט צו עטלעכע שטיק „אַהיים״, און האָבן געגעבן די נייטיקע אָנווייזונגען: ווי אַזוי מען זאָל זיך באַגיין מיט דער מאַשין און ווי אַזוי מיט יענער.

אין עטלעכע טעג אַרום איז די צעמזיקטע געוואָרן פיל גרינגער: די היץ איז אָפּגעטראָטן און מען האָט שוין טיילוויז „אַנטפּלעקט״ זייערע צעניזקטע פּרצופים. גאָרדאָן האָט מיט זייער הסכמה געהייסן זיי ברענגען אויף טראָג־בעטלעך אין צעך אַריין. מען האָט פּאַר זייערע בעטלעך ספּעציעל צונויפגעשטעלט אַ „בעלעמער״ פון לייִדיקע קעסטלעך און אונטערשפּאַרנדיק זיך די צעקלאַפּטע קעפּ מיט די הענט, האָבן זיי געקאָמאַנדעוועט, אָפּגעגעבן פּאַראָרדענונגען און פּאַרהיט די נישט געניטע בעלי־מלאכות, אַז זיי זאָלן, פון נישט דער־פּאַרנקייט, נישט ברענגען צו קיין אַוואַריע.

גאָרדאָן אַליין איז נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין שריט פון די צוויי אויסגעפּרוווטע אינסטרוקטאָרן. די פּאַרשידענע און קאָמפּליצירטע פּראָצעסן פון דער בעטן־פּאַבריקאַציע זענען אים נישט געווען אין גאַנצן פרעמד. אין משך פון די לאַנגע ניין יאָר, איז ער עטלעכע מאָל „אַריבערגעוואָרפן געוואָרן״ אין דעם דאָזיקע צעך, אַזוי אַז דעם „אלף בית״ פון דער דאָזיקער מלאכה האָט ער ווי ס׳איז געקענט. ער האָט אָבער געוואָלט קענען נישט בלויז דעם „אלף־בית״ פון דער דאָזיקער עבודה, נאָר טאַקע די „כל התורה כולה״. ער האָט ביי זיי, ביי די שלעגערס, — אָט אַזוי אָ, כלאחר יד, — אויסגעפרעגט און איבערגעפּרעגט אַלע פּרטי־פּרטים פון יעדן פּראָצעס באַזונדער און טאַקע אַליין געפּרוווט דאָס דורכפירן מיט די אייגענע הענט. די דאָזיקע אַרבעט איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט חשק באַקומען אַליין אַמאָל ווערן אַ צעך־מייסטער, און אפשר טאַקע אַ נישט־דיפּלאָמירטער אינזשיניער.

עס זענען פאַריבער נאָך עטלעכע טעג און נאָך עטלעכע טעג.

דער בעטן־צעך האָט קאָנוואַלסיוו געפּיבערט מיט אַלע אברים פון די מעכטיקע כוחות וואָס האָבן אַריינגעשטראָמט אין אים. צו ביסלעך, צו ביסלעך האָבן זיך די צעשלאָגענע מומחים לאותו דבר ווידער אומגעקערט אין צעך אַריין און די אַרבעט איז שוין דאָס מאָל אַוועק „אויף אַלע רעדער“.

אַלע זונטיק אין דער פרי פלעגט אין צעך פאָרקומען די חלוקה פון גאָרדאָנס פּרעמיעס. דער עולם איז ערגעץ־אַרומער געוואויר געוואָרן, — עוף השמים הוליך את הקול — אַז די דאָזיקע פּרעמיעס זענען נישט קיין לאַגערנע, נאָר פּערזענלעך דעם צעך־נאַטשאַל־ניקס, האָט דאָס נאָך מער אויפגערייצט די געמיטער. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין פון די געווינערס. דאָס האָט ביי זיי געהייסן כמעט אַזוי גוט, ווי אַ פּערזענלעכער דאַנק פון גאָרדאָנען. גאָרדאָן אַליין האָט נישט אָנטייל גענומען אין דער חלוקה, ער איז זיך געזעסן מן הצד, לחלוטין ווי אַ פרעמדער מענטש. יעדן זונטיק פלעגט פון אַלע אַרבעטער פון דאָס ניי אויסגעקליבן ווערן אַ „טראָיקע“ און זי פלעגט אין דער אָנוועזנהייט פונעם גאַנצן צעך־קאָלעקטיוו באַשטימען, וועמען און ווי אַזוי מען דאַרף איינטיילן די צאָל פּרעמיעס, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויף דער פאַרגאַנגענער וואָך. דער עולם פלעגט באותה שעה לחלוטין פאַרגעסן, ווו מען געפינט זיך און פאַר וואָס, אומשטיינס געזאָגט, מען דינגט זיך דאָ אַזוי העפטיק. ניין! דעם דאָזיקן חשבון האָט קיינער בשעת־מעשה נישט געהאַט ביי זיך, מען האָט מיטן גאַנצן טעמפּעראַמענט דיסקוטירט, וועמענס אָנשטרענגונגען עס זענען אין דער פאַרגאַנגענער וואָך געווען שטאַרקער; וועמענס אויפטוען נוצלעכער; ווער עס האָט „פאַרדינט“ פּרעמירט צו ווערן מיט אַ פּאָרל וואַרעם וועש; ווער מיט אַ סלואיקל פּאָווידלע; ווער מיט אַ גערויכערטן הערינג; ווער מיט אַ קאַשנע אויפן האַלדז און ווער בלויז מיט אַ פּעקל מאַכאָרקע... די זונטיקדיקע פּרעמיעס, ווי קליין און נישטיק זיי זענען נישט געווען, זענען געוואָרן אַ טעמע

אויף דער גאַנצער אַרבעטס־וואָך. די גליקלעכע געווינערס זענען געווען די נישט־געקרוינטע העלדן פון דער לויפנדיקער וואָך, ביז עס וועט קומען דער קינפטיקער זונטיק און אַרויסרוקן אַלץ נייע און נייע „העלדן". די טעגלעכע פינף שעה, וואָס מען האָט נאָך פאַרלויפיק אין בעטן־צעך געאַרבעט וויניקער ווי אין אַנדערע צעכן, האָבן זיך נישט אַזוי קונה־שם געווען אין לאַגער ווי די גע־רויכערטע הערינג, די פּושקעס כאַלוואַ, די פלאַנעלענע סוועטערס, די פוטערנע זאָקן און אפילו די געווינלעכע פּאַפּיראָסן אָדער שקאַר־מוצלעך מאָנפּאַסיע, וואָס „גאָרדאָנס קאָמיסיע" טיילט אין די זונטיקס.

אין הקדוש־ברוך־הוא מקפח שכר כל בריה ובריה —

...און יוספס מי און האָרעוואַניע איז נישט געגאַנגען לאיבוד. די פּראָדוקציע פונעם צעך איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. אַ וואָך צו אַ וואָך איז נישט געווען גלייך. ממש — חדשים לבקרים! די דיאַג־ראַמע פון דעם פּלאַן־אויספילונג איז עקשנותדיק געקראָכן אַרויף, אַרויף און נאָך העכער.

מיט פאָנאָמאַרענקאָן פּלעגט זיך יוסף באַגעגענען זייער זעלטן. פאָנאָמאַרענקאָ פלעגט אים נישט אַרויסרופן און ער אַליין, יוסף, פלעגט אויך עפּעס כמו ווי אויסמיידן אַ באַגעגעניש מיט אים, — ס'האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געהאַלטן ביים כלל: „אל תתוודע לרשות... הוו זהירין ברשות, שאין מקרבין לו לאדם אלא לצורך עצמן; נראין כאוהבין בשעת הנאתן ואין עומדין לו לאדם בשעת דחקו", — אָדער גלייך ווי צווישן זייביידע איז עפּעס פאָרגעקומען נישט קיין שיינע מעשה און מען קען זיך ביידע אין די אויגן נישט קוקן. אַלע אָפּעראַציעס, וואָס יוסף האָט אַמטלעך געדאַרפט דורכ־פירן, האָט ער זיי דורכגעפירט מיט דער הסכמה פון פאָנאָמאַרענקאָס פאַרטרעטער און בכלל האָט ער זיך אַזוי אַריינגעטון אין דער אַרבעט, אַז ער האָט גאָר כמעט פאַרגעסן, אַז ס'איז פאַראַן אויך אַ נאַטשאַל־ניק אין לאַגער.

נאָר אין די אומעטיקע פּריטיק־צו־נאַכטסן, רעיוניה על משכביה סליקו, ליגנדיק אויפן האַרטן און קוועטשנדיקן מאַטראַץ אין דעם שמאָלן צימערל, וואָס מען האָט אים אויסגעטיילט אין לאַגער, פּלעגט ער זיך אַליין פרעגן:

— אַ שטייגער, יוסף, דו האָסט ברצון הטוב זיך אָפּגעזאָגט פון תפילה בציבור, פון זאָגן קדיש נאָך די אומגעבראַכטע טאַטע־מאַמע, זכרונם לברכה, וואָס אפילו אַ קל שבקלים איז אין דעם נזהר; פון טועם זיין מפקידה לפקידה אַ שטיקל פלייש און אפילו פון ווינען צווישן יידן, — וואָס איז? דער חלום מיטן צוזאַמענפאַר... זאָג זשע מיר, ביטע, איז דאָס אַ ביסל נישט כעין: „תולה ארץ על בלימה? וויי, וויי, וויפל ניסים עס דאַרף געשען, אַז דו זאָלסט באַקומען כאָטש אַ ברעקעלע שכר פאַר דיינע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען? — געדענקסט נאָך? מה מגונה אדם זה שנשתנו עליו מעשה־בראשית... און דו מוזסט דאָך באמת וואַרטן נאָר אויף שינוי־מעשה־בראשית! קודם, ווער ווייסט, צי דער דאָזיקער גויעץ, סערגיי איוואַנאָוויטש, נוצט דיך נישט אויס בייזוויליק און אַבי דו וועסט אים אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע און אים אַרויספירן אויפן גלייכן וועג, וועט ער זיך פון דיר אויסלאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער און דיך אַרויסוואַרפן אויף דריי שפּענדלעך ככלי אין חפץ בו... און לאָמיר שוין אפילו זאָגן, אַז פּאַנאָמאַרענקאָ איז דווקא יאָ אַ לייטישער גויעץ און ער וויל דיך בפירוש נישט אָפּנאַרן, אָבער וואָס קען ער פאַר דיר טון? נעם אַ חשבון: ער איז ערשט אין גאַנצן אַ יאָר, צוויי אין דעם מונדיר פון אַ לאַגער־נאַטשאַלניק. צווישן אונדז גערעדט: ער קען דען די מלאכת־הנאַטשאַלניקעריי? ער איז דען דער אויס־געשולטער רוצח, וואָס מען דאַרף זיין צו אָט דער קצבישער עבודה? ניין! וואָס דען איז ער? — אַ שאַכטיאָר, אַ סטאַכאַנאָוויעץ; דערנאָך אַ באַרג־אינזשיניער; דערנאָך אַ קאַפּיטאַן און אַ העלד פון ראַטנ־פאַרבאַנד — בזכות זה האָט מען אים אַוועקגעזעצט אויפן בענקל!

אָבער אויפן צוזאַמענפאַר פון אַלע לאַגער־נאַטשאַלניקעס פונעם פאַרבאַנד, ווו עס וועלן זיין אַזעלכע בערן! אַזעלכע וועלף! מענטשן, וואָס שטייען שוין צוואַנציק יאָר און נאָך מער ביי אָט דעם שוידער־לעכן יאַטקע־קלאָץ און האַקן קעפּ, וועט אָט דאָס יונגע האָנעכל, וואָס ציטערט נאָך אימת־מות פאַר אַ פּיק אין קעפּל, וועט ע ר וואַגן זיך ווענדן צו אַלטע נאַטשאַלניקעס מיט דיינע בקשות? ווייס איך, חלום באספמיה! און פון וואַנען ווייסטו, צי ס׳איז נאָך דאָ פאַר וועמען צו בעטן? אַזאַ יונג און שוואַך שעפּסעלע ווי טאַניושאַ, אין די שאַרפע ציין פון אַזעלכע וועלף... און דערצו נאָך אַזוי פיל יאָרן... אָבער לאָמיר דיר צו ליב טאָן און זאָגן, אַז זי איז נאָך יאָ פאַראַן בעלמא הדין און ער וועט וועלן ריזיקירן מיט זיין קאָפּ און בעטן פאַר אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנטקע, — וואָס? וואָס זאָל ער בעטן? קוים האָט מען זי נישט באַפרייט צום טערמין, איז דאָך אַ סימן, אַז מען האָט אויף איר אַ שלעכט אויג. און אויב אַזוי, וואָס זשע קען איר העלפן דער לאַגער־נאַטשאַלניק? און לאָמיר אפילו זאָגן, אַז מען וועט אים יאָ צוזאָגן צו פאַרלייכטערן איר מערכה — ווער וועט עס קענען קאָנטראָלירן, צי מען האָט טאַקע מקיים געווען דעם צוזאָג, צי ניין? יאָסעלע, יאָסעלע, דאָס איז אַן אוטאָפּיע, אַן אילוזיע, אַ דמיון־שווא... דו האָסט זיך אַריינגענומען אַ שטות אין קאָפּ אַריין! צל ההרים אתה רואה כהרים... וואַרף אַוועק דעם לאַגער מיט די פאַרשאָלטענע בעטן, וואָס האָבן שוין פון דיר אויסגעזויגן דעם דם־התמצית, זיי נישט קיין תולה ארץ על בלימה... און ס׳איז שוין אויך ביי דיר נישט די יאָרן פון זיין אַ ווייסער־חברה׳ניק, אַ קעפּ־שניידער... דערמאָן זיך דאָס וואָרט, וואָס שלום כמעלניקער, ה׳ ינקום דמו, — שלמה׳ס זיידע, — פלעגט נאָכזאָגן פון זיין רבי׳ן וועגן: „וצוונו על נטילת ידים”, — אַ מענטש איז מצווה ועומד, אַז ער זאָל זיך קענען נעמען אין די הענט אַריין, זיך צוימען, זיך האַמעווען, ושמת סכין בלועך — זאָגט דער חכם — אם בעל־נפש אתה... גענוג געבלאָנ־

דזעט אין הפקר־שטח! די והותר! „רב לכם שֶבֶת בהר הזה, פנו וסעו לכם!“ נעם זיך אין די הענט אַריין און פאַר תיכף אַוועק אין אַ יידישער שטאָט, — קיעוו צי נישט קיעוו, — זוך דיר צו אַ יידיש מיידל, וואָס זאָל וועלן זיך פירן ווי אַ יידיש קינד דאַרף זיך פירן, ובנה לך בית בישראל! והיה ברכה! דו ביסט שוין דיינס געגוג אָפּגעקומען! פאַר אָט דעם פרייוויליקן „סרח העודף“ דיינעם, וועט מען שמייסן... אוי, ווי מען וועט דאָרטן אַריינשמייסן... דאָס הייסט עלעהיי ווי: המאבד את עצמו לדעת...

נאָך אַזאַ פיינער פאָרציע פלעגט זיך יוסף אויסדרייען אויף דער צווייטער זייט און אויסהערן פונעם סניגור פונקט אַ פאַרקערטע סברא:

— ניין, יוסף, דיין פריקרע־זיסער פאַרזאָרגער איז דאָס מאָל נישט גערעכט. מען דאַרף זיין נישט בלויז קורצזיכטיק, נאָר טאַקע ממש בלינד, אַז מען זאָל נישט זען די השגחה־פרטית מיט די ניסים וואָס פירן זיך מיט דיר. נעם אַ חשבון: ווען פאַנאָמאַרענקאָ רוקט דיר דאַן נישט אַריין מיט גוואַלד דעם פּראָפּוסק אויף צוריק, ווי וואָלסטו געגומען די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן אַהער צו? קיין מאָל אין לעבן נישט! ווייטער גיב נאָר אַ קלער: ס׳איז שוין באַלד צוואַנציק יאָר, אַז אַזאַ גראַנדיעזער צוזאַמענפּאַר איז ביי זיי נישט פאָרגעקומען, און גראָד איצט, עטלעכע חדשים נאָך דיין באַפרייאונג — יאָ! דערמאָן זיך נאָר, וואָס ספרים הקדושים זאָגן אויפן פסוק: „וימן ד׳ דג גדול לבלוע את יונה“ — מששת ימי בראשית איז אָט דער פיש געווען מוכן ועומד און האָט מער גאָרנישט געטאָן נאָר געוואַרט אויף דער מינוט, וואָס יונה הנביא וועט אַריינגעוואָרפן ווערן אין ים אַריין, כדי ע ר, דער „דג גדול“, זאָל אים קענען ראַטעווען... און ביי דיר אַליין, יינגערמאַן, איז דען נישט אַזוי? דער חשבון ווייזט דאָך, אַז ווען דו ביסט נאָך געווען גאָר אַ שנעקל, ביסט ערשט געהאַט אַריינגעטראָטן אין „פּאַנטאָפל“, עליו השלום, און זיך ערשט געהאַט באַקענט מיט טאַניושען, האָט ש ו י ן דער צופה־

נסתרות צוגעגרייט פון אייערעט וועגן אַ צוזאַמענפּאַר פון אָט די טשעקיסטישע ריש־דוכנא׳ס, פון אָט די „פּטישים החזקים״, פון אָט די אויבער־מחבלים — וואָס איז? כדי עס זאָל דערפון נצמח ווערן פאַר אייך אַ טובה... און אַ נאַטשאַלניק האָט דיר גאָט באַשערט, איז ער מיט אַ יידיש האַרץ, אַן ענקאַווועדיסט שדמעתו מצויה, הנשמע כזאת? — אַ גאָלדענער מענטש און שוין! און פאַר וואָס, פרעגט זיך, איז דאָס ביי דיר אַזאַ דבר רחוק, אַז איין נאַטשאַלניק מיט דעם צווייטן... זיצנדיק אין טעאַטער, צי פאָרנדיק צוזאַמען אויף אַן אויספלוג, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, אַ שבח פאַר אַ שבח, — גיט ער אים אַ קלאַפּ אין פּלייצע: — „הער, בראַטיעץ, מיינער אַ גוטער ברו־דער האָט ביי דיר דאָרטן אַ כלה... זי הייסט אַזוי און אַזוי... פריער האָט זי געהאַט עלטערן, איצט זענען זיי ערגעץ נאָבד געוואָרן, האָט זי שוין קיינעם נישט חוץ אים... קיצור הדבר — נעם ביי איר דעם בריוו צו איר חתן און שיק אים מיר צו... דער דאָזיקער חתן־בחור האָט ביי מיר כשר פאַרדינט, אַז א י ך זאָל אים פירן זיין קאָרעס־פּאָנדענץ״... און ער פּועלט ביי אים לייכט... עס זעט זיך ביי זיי שטאַרק אָן צו טון אַן עבירה׳לע? זיי זענען דאַכט זיך מלאים חטאים כרימון! און ער, יוסף, באַקומט פון איר אַ בריוו און אין איר בריוו שטייט געשריבן, וויפל יאָר מען האָט איר דאָרט פריש איינגעטיילט... און ער ווערט געוווּיר, ווו זיי האַלטן אין דער וועלט... מתי יבוא קץ־הפלאות... און אויף זיין בקשה וועט פּאָנאָמאַרענקאָ שוין זען איבערוויזן אַ העלפט פון זיין פאַרדינסט פאַר אירעט וועגן... ער זאָגט: אַ העלפט! און פאַר וואָס נישט אין גאַנצן? צו וואָס דאַרף ער דען געלט? די פּרעמיעס אין צעך וועלן דאָך שוין דאַמאָלסט זיין בטל ומבוטל, און ווי באַלד אַזוי ווערט ער דאָך אין איין „שמע ישראל״ רייך ווי קורח! וואָס וועט ער טאָן מיט 1160 רובל אַ חודש? אנה יכנס הפשתן הזה? ניין, ניין, ער טאָר זיך פון אָט דעם זעלטענעם שאַנס נישט אָפּזאָגן! דאָס איז באמת אַ שאַנס וואָס

מען קען אויף אים זאָגן: אחד מני אלף! לאו בכל יומא איתרחיש! און פעם אחת ביובל אויך נישט! גאָט איז אַ פּאָטער און פּאַנאָמאַרענקאָ איז אַ לייטישער מענטש! ער, יוסף, וועט אים פאַר זיין פאָרן אָנזאָגן אָט די אַלע וואַריאַנטן און אַלע מעגלעכע ניואַנסן און ער, פּאָנאָ־מאַרענקאָ, „וואָס ער וועט קענען וועט ער טון"... אַזוי האָט ער אים אַליין געזאָגט... אַ מענטש טאָר נישט אַראָפּלאָזן די הענט זיינע, אַזוי לאַנג ווי עס טליעט נאָך אַ האָפענונג... אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, אל יתיאש מן הרחמים!

אָט אַזוי, אַ צעריסענער און אַ צעפּליקטער פון ספקות און קעגנגעזעצטע חששות פלעגט ער זיך אין די נעכט דרייען פון איין זייט אויף דער צווייטער און נישט קענען אַנטשלאָפן ווערן.

דער אַרבעטער־עולם האָט זיך נאָר וואָס געהאָט צעגאַנגען אויף מיטאָג און יוסף, וועלכער איז ווי שטענדיק געבליבן אין צעך, האָט שוין געקלערט זיך נעמען צו זיין טאָרבעלע עסנוואַרג, ווען פאַרן צעך האָט ראָש פאַרטאָרמאָזירט אַן אויטאָ. אויף דער שוועל האָט ער זיך באַגעגנט מיט פּאָנאָמאַרענקאָן. יענער האָט אים פריינדלעך אויסגעשטרעקט די האַנט:

— דו האָסט זיך געקליבן ערגעץ גיין, יוסף? אויב איך פאַר־האַלט דיך, קען איך אָפּלייגן מיין באַזוך אויף אַ צווייטן מאָל —

— וואָס רעדט איר, סערגיי איוואַנאָוויטש? אין ערגעץ דאַרף איך נישט גיין, — ווהין האָב איך דען צו גיין? מיין „ווייב און קינדער" וואַרטן נישט אויף מיר מיטן מיטאָג, — אין ערגעץ און צו קיינעם האָב איך נישט צו גייך, איך בין נאָר געגאַנגען כאַפּן אַ קוק, ווער איז דאָס פאַרפאָרן אַהער צו.

— אויב אַזוי, טאָ קום זשע אַריין אין דיין ביוראָ.

אין דעם קליינעם שטיינערנעם ארון, וואָס בלשון צחות רופט מען אים אָן „ביוראָ", האָבן קוים געקענט אַריין צוויי מענטשן. נאָך

גייענדיק איבער דעם צעך, שפּאַנענדיק איבער סקעלעטן פון אייזערנע בעטן און קעסטלעך מיט געניקלטע שרויפן, האָט פּאַנאָמאַרענקאָ אַ וואָרף געטון צו גאָרדאָנען:

— איך בין ספּעציעל פאַרפאָרן אַהער דיר עפּעס ווייזן —

— איך האָב אַזוי פאַרשטאַנען —

אין ביוראָ האָט אים פּאַנאָמאַרענקאָ דערלאַנגט אַ בריוו פונעם נאַרקאָמאַט:

— נעם, לייען.

פון נאַרקאָמאַט האָט מען פּאַנאָמאַרענקאָן געשריבן: „כאָטש אין פּרינציפּ איז נישט אָנגענומען אַזוי צו טון, אָבער פאַר אייך, ווי פאַר דעם ייִנגסטן (אין זינען פון דערפאַרונג) לאַגער־נאַטשאַלניק, מאַכן מיר אַן אויסנאַם און זענען אייך מודיע פאָרויס, אַז אין אַכט טעג אַרום וועט אייך באַזוכן די ספּעציעלע רעוויזיע־קאָמיסיע פון אונדזער נאַרקאָמאַט, וועלכע וועט אויפן צוזאַמענפאָר באַריכטן וועגן אַלץ, וואָס זי האָט ערגעץ ווו געזען"...

יוסף האָט אים אַן אויפגערוימטער אומגעקערט דאָס פּאַפּיר:

— הייסט עס, אַז דער צוזאַמענפאָר וועט טאַקע סוף כל סוף פאָרקומען?

— אין דעם איז ביי מיר גאָר קיין ספק נישט געווען, איך פרעג —

און ער האָט זיך אָפּגעהאַקט.

יוסף האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין און האָט מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— זאָגט, זאָגט, וואָס מוטשעט אייך? קוים זענט איר פאַרפאָרן אַזש אַהער, מוז דאָך מסתם עפּעס זיין —

פּאַנאָמאַרענקאָ, מיט אַ שוואַכער שטימע:

— איך וויל וויסן, מיט וואָס גיי איך באַגעגענען די ספּעציעלע

נאַרקאָמאַטסקע קאָמיסיע ? די פּלאַן־אָפּטיילונג ווייסט מיר נאָך לעת־עתה גאָרנישט וואָס צו זאָגן —

— מיט די בעסטע ציפערן, סערגיי איוואַנאָוויטש. אַלע, אַלע אונ־דזערע צעכן גיבן דעם פולן פּלאַן, נאָר איין צעך... נאָר איין צעך, זאָג איך, איז אַרויס אויף צו פריער ווי אַ ווילד לאָשיקל און האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד פון 115% פונעם פּלאַן —

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אייפערדיק געהיט זיינע ליפּן —

— און דאָס איז דער כראָניש־קראַנקער, „זיבן מאָל פאַרשאָל־טענער" בעטן־צעך —

דער נאַטשאַלניק האָט אים געלאָזן און שיעור־נישט קאָלט געדריקט די האַנט, אָבער גאָרדאָן האָט גוט באַמערקט, אַז עס קומט אים אָן נישט לייכט איינצוהאַלטן די טרערן פון דאַנקבאַרקייט.

די רעוויזיע־קאָמיסיע אין צוזאַמענשטעל פון זעקס מענטשן האָט זיך פאַרזאַמט אין לאַגער גאַנצע צוויי מעת־לעת. זי איז אויסגעוועזן און האָט אַרומגענישטערט ווי ערגעץ אַ מייזנלאָך ; די רעוויזאָרן האָבן אַריינגערוקט זייערע אויסגעשולטע פוקסישע נעזער אין יעדן באַראַק, אין יעדן צעך און אין יעדן סקלאַד ; זיי האָבן זיך באַמיט צו דערגיין די סיבה פון יעדער נייער איינפירונג, אָבער סוף־כל־סוף איז די שטרענגע קאָמיסיע געבליבן צופרידן מיט אַלעמען.

פאַרן אַוועקפאָרן פון דער קאָמיסיע האָט מען גאָרדאָנען אַרויס־גערופן צום נאַטשאַלניק פונעם לאַגער. ביי אים אין קאַבינעט האָט ער געטראָפן אַלע זעקס מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, דעם נאַ־טשאַלניק און זיין פאַרטרעטער. יוסף האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר און איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל. דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע האָט זיך פריינדלעך געווענדעט צו אים :

— קומט אַהער נעענטער, יאָסיף זאַלמאָנאָוויטש, פאַר וואָס

שטייט איר עפּעס ביי דער טיר ווי אַ פרעמדער? איר זענט דאָך אַ פרייער מענטש, אַזוי ווי מיר אַלע דאָ...

יוסף האָט זיך רואיק דערנענטערט צום טיש, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם בענקל, וואָס מען האָט אים אָנגעוויזן און איז געבליבן זיצן אין אַ וואַרטנדיקער פּאָזע. ווידער האָט זיך אָנגערופן דער פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע:

— אייער נאַטשאַלסטווע האָט אונדז פיל גוטס דערציילט וועגן אייך, האָבן מיר חשק באַקומען זיך מיט אייך אַ ביסל נעענטער צו באַקענען.

— ביטע, מען קען זיך באַקענען, פאַר וואָס נישט? איך האָב גאָרנישט קעגן דעם.

— זאָגט אונדז, חבר גאָרדאָן, איר האָט דאָך דאָ אין לאַגער פאַרבראַכט עטלעכע יאָר, נישט אמת?

— נישט עטלעכע, נאָר גאַנצע ניין יאָר.

— נישט ווייניק, נישט ווייניק, מען האָט אייך געגעבן, זעט אויס, מיט דער פולער האַנט... און נאָכן באַפרייט ווערן זענט איר אַוועקגעפאָרן אַהיים, נישט אמת?... איר זענט דאָך פון —

— פון קיעוו.

— אַ־האַ! קראַסאַוויצאַ קיעוו... נאָר מן הסתם האָט איר אין קיעוו קיינעם פון אייערע נאָענטע נישט געטראָפן... אויף דער אוקראַינע איז דאָך טאַקע געווען דאָס גלאַוונע פייער —

— ניין, גראָד האָט איר אַ טעות... מ ײ נ ע קרובים האָבן זיך, גאָט צו דאַנקען, אַלע עוואַקואירט אין די ווייטע ווינקלען פונעם פאַרבאַנד און דערנאָך, פון די ערשטע, זיך צוריקגעקערט אויף דער ראָדינע... אַלע ביז איינעם... אַזוי אַז איך האָב אין קיעוו פיל קרובים און אויף דער אוקראַינע בכלל געצומען — אַ גאַנצע משפחה! און דעריבער האָב איך אין מיין ביטע, וואָס איך האָב אָנגעגעבן, אַז מען זאָל מיך אויפנעמען דאָ אויף אַ פּאָסטן, לכתחילה אויסגע־

נומען, אַז איך פאַרזיכער פאַר זיך די רעכט זיך אָראָפּצונעמען פון דער אַרבעט, ווען אי ך װעל דאָס פאַרלאַנגען —

אין קאַבינעט איז פאָרגעקומען אַ לייכטע צעמישונג. עפּעס האָט דאָ נישט געשטימט. דער קאָמיסיע־פאָרזיצער האָט אַ דער־שטוינטער זיך אָנגערופן:

— חבר גאָרדאָן, אייער נאַטשאַלניק, סערגיי איוואַנאָוויטש, האָט אונדז אַנדערש איבערגעגעבן װעגן דער לאַגע —

— זעלבסטפאַרשטענדלעך... ער האָט אייך מן הסתם איבער־געגעבן דאָס, וואָס איך האָב אי ם דערציילט... אי ם האָב איך נישט געקענט אָנגעבן די ריכטיקע סיבה, וואָס האָט מיך באַוואויגן זיך אומצוקערן אַהער...

— פאַר וואָס האָט איר נישט געקענט?

— ווייל... ווייל... ער וואָלט מיר אפשר גאָר נישט געגלייבט אויך...

— אָבער אונדז וועט איר יאָ אויסזאָגן אייער סוד?

— אַז איר ווילט דווקא אַזוי, וועל איך אייך אויסזאָגן... פאַר אייך וואָג איך נישט צו האָבן סודות —

פאָנאָמאַרענקאָ איז געווען רואיק, אָבער בלייך ווי די וואַנט. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך לייכט צוגעבויגן צו גאָרדאָנס בענקל און גאָרדאָן, מיט זייער אַן ערנסט פּנים, האָט פאַרהיקענדיק זיך אויף יעדער שטעלע, אַרויסגעשטאַמלט:

— איך האָב אין פיל פיל ערטער געאַרבעט אין מיין לעבן, פריער אַלס פרייער מענטש און דערנאָך פאַר דער צייט פון מיין אַרעסט און האָב אין ערגעץ נישט אָנגעטראָפן אַזאַ זעלטענעם מענטשן, ווי אָט דער פאָנאָמאַרענקאָ אייערער. איך האָב ביי קיינעם נישט געזען אַזאַ איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט און אַזאַ אויפ־ריכטיקייט צו מענטשן, ווי איך האָב געזען ביי אים... און דאָס האָט מיך באַוועגט אַוועקצוואַרפן אַלע נאָענטע; זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע

גוטע פּאָסטנס, וועלכע מען האָט מיר פֿאַרגעלייגט אין מיין אַלטער היים און זיך אומקערן אַרבעטן אַהער, אונטער זיין אָנפירונג... און אָט די אמתע סיבה האָב איך פּשוט זיך געשעמט אים צו זאָגן... האָב איך ספּעציעל פֿאַר אים צוגעקלערט אַן אַנדערע...

אין צימער האָט געהערשט אַ פּייערלעכע שטילקייט. אַלע האָבן אינסטינקטיוו זיך אומגעקוקט אויף פּאָנאָמאַרענקאָ'ן, און יענער איז פֿון אָט דעם דורכדרינגלעכן קוקעניש געוועזן רויט ביז איבער די אויערן, ווי אַ יונג מיידעלע. אַ מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע האָט זיך שמייכלענדיק געווענדעט צו גאָרדאָנען:

— איז ביי אייך גאָר, הייסט עס, אַ גאַנצער ראָמאַן מיט סערגיי איוואַנאָוויטשן... אַ פּלאַטאָנישע ליבע, קומט אויס... איך גיב דיר אָפּ אַלץ און אַליין מאָן איך דערפֿאַר גאָרנישט... אינ־טע־רע־סאַנט... זייער אינטערעסאַנט... יאָ, דערלויבט מיר אייך צו שטעלן אַזאַ מאָדנע פֿראַגע: ווי אַזוי איז אייך געלונגען זיך אומצוקערן פֿון קיעוו קיין סוליקאַמסק? ווו האָט איר געקריגן אַ פּראָפּוסק?

גאָרדאָן האָט זיך כביכול געמינעט אין פּנים, ווי איינער וואָס מען האָט אים געפּאַקט ביי דער האַנט מיט אַ גניבה, און האָט גע־שוויגן. אַלע זענען פֿאַראינטריגירט געוואָרן מיט זיין שווייגן. פּאָנאָמאַרענקאָ איז צוריק בלאַס געוואָרן. דער זעלבער קאָמיסיע־מיטגליד האָט יוספֿן געמינטערט:

— וואָס זשע שווייגט איר? זאָגט אונדז שוין אויס אויך דעם סוד: ווי אַזוי האָט איר זיך דערקליבן צוריק אַהער?

יוסף האָט פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן:

— ס'איז אַ בזיון אויסצוזאָגן... איך בין דעם גאַנצן וועג געפֿאָרן ווי אַ האָז... אָן אַ פּראָפּוסק און אפֿילו אָן אַ בילעט...

— קומט דאָך גאָר פֿון אייך שטראָף, יונגערמאַן!

אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט און גאָרדאָן אויך

בתוכם. אַ צווייטער מיטגליד פון דער קאָמיסיע גייט צו צו גאָר־דאָנען און פרעגט אים מיט אַ ליבלעכן בייזער:

— ס'איז אמת, אַז איר צעטרענצלט אויף די אַרבעטער אייער גאַנצן געהאַלט?

— דאַמאָלסט ווען איך זע, אַז דאָס איז אַ מיטל אויפצוהייבן די אויספילונג פון פלאַן, טו איך דאָס —

— וואָס זשע פאַר אַן אינטערעס האָט איר אין אייער אַרבעט, אויב איר צעטיילט אַלץ וואָס איר פאַרדינט, אַזוי ווי יעזוס האָט אַ מאָל געפּרעדיקט?

— מיין ערשטער און גרעסטער אינטערעס איז, אַז די ווירט־שאַפט פונעם לאַגער זאָל זיין אויף דער געהעריקער הייך און דער צעך, וועלכן מען האָט מיר אָנפאַרטרויט, זאָל אַרבעטן אויף אַלע שרויפן, אַז מיין נאַטשאַלניק, חבר פּאָנאָמאַרענקאָ, זאָל צו מיר קיין טענות נישט קענען האָבן.

דער קאָמיסיע־פאָרזיצער האָט אַרויפגעלייגט גאָרדאָנען די האַנט אויפן אַקסל:

— איר זענט אַ בראַוּוער יאַט, חבר גאָרדאָן. איר געפעלט מיר זייער. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, — כאָטש איר זענט געווען אַ פּאָ־ליטישער — וועט מען אייך, האָף איך, קענען רעקאָמענדירן אין דער פּאַרטיי —

— איך האָף אויך אַזוי...

— און וויסן זאָלט איר, אַז עס וועט מיך אפילו קיין קאַפּעטש־קעלע נישט חידושן, אויב איר וועט נאָך אַ מאָל ווערן אַ נאַרקאָם —

— אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אַזוי פיל צוטרוי... פון אייער מויל אין דעם סאָוונאַרקאָמס אויערן —

— איר קענט גיין, חבר גאָרדאָן, מיר וואַגן נישט אייך מער צו פאַרהאַלטן. זייט געזונט.

אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, איינער נאָכן אַנדערן, האָבן וואַרעם געדריקט גאָרדאָנען די האַנט און זיך געזעגנט.

אין באַפעל, וואָס די ספּעציעלע נאַרקאָמאַטסקע רעוויזיע־קאָ־מיסיע האָט איבערגעלאָזט פאַר איר אַוועקפאָרן איז געשטאַנען, אַז די קאָמיסיע האָט געפונען דעם צושטאַנד פון די אַרעסטאַנטן, פון דעם לאַגער־פּערסאָנאַל און פון די אַרבעטס־פּונקטן אין דער בעס־טער אָרדענונג; אַז די אויספילונג פונעם פּלאַן, די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע און דער קולטורעלער ניוואָ פון די אַרעסטאַנטן איז אויף דער געהעריקער הייך. און צום סוף: אַז די ספּעציעלע קאָמיסיע דריקט אויס איר באַלשעוויסטישע אַנערקענונג דעם העלד פון ראַטנפאַרבאַנד, דעם נאַטשאַלניק פון דעם לאַגער, און לאָזט איבער אין לאַגער, פון דעם נאַרקאָמס ספּעציעלן פאָנד, דריי פּרע־מיעס: דעם נאַטשאַלניק — 30,000 רובל; זיין פאַרטרעטער — 20,000 רובל און דעם פאַרוואַלטער מיט דערווירטשאַפט און נאַ־טשאַלניק פון בעטן־צעך, גאָרדאָן יאָסיף זאַלמאָנאָוויטש, — 10,000 רובל.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט פּאָנאָמאַרענקאָ זיך געטראָפן מיט גאָרדאָנען לעבן דער לאַגער־וועשעריי און האָט אים אָפּגעשטעלט:

— יאָסיף! דיין האַלטן זיך אויפן פאַרהער און בכלל אַלץ, וואָס דו האָסט דאָרטן גערעדט, וועל איך דיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן... דו וועסט זיך אַ מאָל איבערצייגן, אַז קאַפּיטאַן סערגיי קען באַלוינען אַ גוטן פריינד, גיי!

עס זענען פאַריבער נאָך עטלעכע וואָכן און נאָך עטלעכע וואָכן. די גאַנצע קאָנטאָר האָט איבערגעלעבט שטורמישע טעג. יעדע אָפּטיילונג האָט אויף איר טעטיקייטס־געביט געגרייט דעם נאַ־טשאַלניק אין גורלדיקן וועג אַריין. דער צוזאַמענפאָר איז געווען באַ־שטימט אויפן 27סטן דעצעמבער און האָט זיך געדאַרפט פאַרציען מינ־דערסטנס צען טעג. גאָרדאָן איז נישט געשלאָפן דורך די נעכט. דעם נאַטשאַלניקס נסיעה האָט אים נישט געלאָזט צוטון מיט קיין אויג.

גאַנצע טעג ביי דער אַרבעט און גאַנצע נעכט אויפן געלעגער האָט ער גאָר געהאַלטן אין איין איינחזרן מיט זיך אַליין, וואָס אַזוינס ער זאָל בעטן ביי פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן און ווי אַזוי זאָל ער אים עצה׳ן זיך נוהג צו זיין אין אַזאַ פאַל און ווי אַזוי אין אַ פאַרקערטן פאַל... דער מח האָט אין אים שיעור נישט געפּלאַצט פון די הונדערטער גלייכע איינפאַלן מיט די עצות־טובות, וואָס האָבן דאָרטן געווימלט, גע־וואַקסן איינס אויפן אַנדערן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. ליגנדיק אויפן געלעגער האָט ער אויסגעפּלאַנירט אין געדאַנק אַלע מינים איינפאַלן, ווי אַזוי פּאָנאָמאַרענקאָ זאָל אויספּועלן ביי יענעם פּאַרלויפיק־אומבאַקאַנטן נאַטשאַלניק וואָס מער הנחות פאַר טאַניושען. קודם כל — אַ בריוו. יענער מוז גלייך אַריבערשיקן אירן אַ בריוו צו אים, צו פּאָנאָמאַרענקאָן, דאַן מוז פּאָנאָמאַרענקאָ גלייך איבערשיקן צו יענעם נאַטשאַלניק וויפל ס׳איז געלט פאַר אירעט וועגן; דאַן מוז מען געוווּיר ווערן, וואָס איז די סיבה, וואָס מען האָט זי דאָרט פאַר־האַלטן? אפשר קען מען זיך ערגעץ ווענדן, ערגעץ אָנקלאַפּן, בעטן רחמים... אין מח מישט זיך ביי אים אַלץ מיט אַן אַנדער און ער פילט, אַז מיט אַזעלכע כאַאָטישע פּלענער קען ער צו פּאָנאָמאַ־רענקאָ׳ן זיך נישט ווייזן. ער מוז פריער מסדר זיין זיינע „היכי דמי׳ס" מיט די „היכי תמצא׳ס" על הסדר: „אויב דו קענסט נישט דאָס, טאָ טו פאַר מיר יענץ; אויב דו קענסט נישט יענץ, טאָ טו פאַר מיר דאָס"... אַזעלכע זאַכן מוזן גיין מיט אַן אָרדענונג — על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון... קודם כל מוז ער אפשר פון דאָס ניי ביי זיך אויפשרייבן קלאָר און דייטלעך: „פייגנבוים טאַניא אַבראַמאָווו־נאַ". אמת, פון דעם ערשטן טאָג, וואָס עס האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צו דעם נאַטשאַלניקס נסיעה, טראָגט ער אַרום ביי זיך אַ צעטעלע, — ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ מין קמיע אַזאַ אָדער אַ רבי׳ס אַ „שמירה" — אויף וועלכער ס׳איז אויפגעשריבן איר נאָמען, נאָך מער — ער האָט עס שוין אפשר פינף מאָל איבערגע־

שריבן. יעדעס מאָל ווען ער האָט אויף דעם אַ קוק געטון — און געקוקט דערויף האָט ער מער פון הונדערט מאָל אין טאָג, גלייך ווי אין אָט דעם פּאַפּירל זאָל שטעקן עפּעס אַ מורא׳דיקער סוד — האָט ער אין דעם געפונען אַן אַנדערן פּסול: דאָ האָט זיך דער בלייפעדער געקרישלט, זענען די אותיות אַרויס אַזוי ווי מיט אָפּגעשאָסענע פליגלען; דאָ האָט ביי אים די האַנט געציטערט, זעען אויס די אותיות ווי קינזשאַלן, חרבות וכידונים; דאָ האָט דאַכט זיך דער שווייס דורכגענעצט די בוזעמקעשענע און די אותיות זעען אויס כמו ווי רעליעף, אָדער ווי שפּיגל־כתב; אַזוי, צי אַנדערש, נאָר ביי יעדן מינדסטן חשד האָט ער פון דאָס ניי איבערגעשריבן איר נאָמען, און איצט קלערט ער, אַז מען דאַרף אפשר פון דאָס ניי אים איבערשרייבן, ווייל דאָס צעטעלע ליגט דאָך אין דער גימנאַסטיאָרקע, און ער איז דאָך יענע וואָך געווען אין שוויצבאָד, איז פון דער פּאַרע קען אַ מאָל טרעפן, אַז די אותיות ווערן צעשוווּמען...

און ווידער, — וואָס נאָך קען ער דען פאַר אירעט וועגן אויפטון?

ווען דער אויטאָ, וואָס האָט געדאַרפט אָפּפירן פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן צום וואָקזאַל איז שוין געשטאַנען פאַר דער קאָנטאָר, האָט דער נאַטשאַלניק געשיקט רופן גאָרדאָנען. גאָרדאָן האָט געשטעלט פיס, ווי געטריבן פון אַ גאַנצער מחנה שדים, אין מח האָט אים אומאויפהערלעך געקלאַפּט אַ האַמער:

— פאַרגעס נישט אים אַרויסלייגן ד ע ם פּלאַן און יענעם איינפאַל און דעם ערשט נעכטיקן אויפטו און גיב אים מיט און זאָג אים אָן און פאַרגעס נישט אים אָנבעטן —

פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן האָט ער געטראָפן אָנגעטון אין זיין פּאַראַדנע מונדיר מיט דעם גרויסן גאָלדענעם שטערן — העלד פון ראַטנפאַרבאַנד! — אויף דער לינקער ברוסט און פון ביידע זייטן און אונטער אים אַלע איבעריקע אָרדענס: דער לענין־אָרדען, — וועלכן מען באַקומט גלייכצייטיק מיטן נאָמען: „העלד פון ראַטנ־

פאַרבאַנד״, — דער אָרדען ״פאָטערלאַנד־קריג״, וועלכן ער האָט באַקומען פאַר טאָרפּעדירן און אַראָפּלאָזן צום דנאָ אַ פיינטלעכן אַוויאָנען־טרעגער און נאָך פאַרשידענע אָרדענס און מעדאַלן. דער גאָלדענער שטערן צווישן די איבעריקע אָרדענס האָט אויסגעזען אין יוסף׳ס אויגן, ווי אַ גוטער־ייִד, אָנגעטאָן אין סאַמעט און אין פליוש מכף רגל ועד ראש, איז אַרומגעזעצט מימינו ומשמאלו מיט ״איניקלעך״ און ״חצי־איניקלעך״ און דאַן איז ער באַלעגערט פון אַ היפּש גייס פון זיינע חסידים און מקורבים: טעלער־לעקערס, קבצנים, דלפנים... גאָרדאָן האָט ערשט איצט באַמערקט, וואָס פאַר אַ יונגער און שיינער בחור אָט דער פאָנאָמאַרענקאָ איז. אַן אמת׳ער העלד! פון דער מאַמעס בויך אַ העלד!

דערזען גאָרדאָנען אויף דער שוועל, האָט ער אים מיט אַ ווינק געהייסן פעסט צומאַכן הינטער זיך די טיר און האָט אים כמעט אָפיציעל, כמעט שטרענג געזאָגט:

— יאָסיף זאַלמאַנאָוויטש, גיט מיר מיט אייער כלה׳ס נאָמען, בעסער שרייבט אים מיר אויף, אַזוי איז זיכערער.

יוסף האָט אָן ווערטער אים אויסגעשטרעקט דאָס צוגעגרייטע צעטעלע, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויפגעשריבן טאַניס נאָמען.

— נו און עפּעס אַ לעצט וואָרט ווילסטו דאָך מן הסתם אויך זאָגן, צי ניין?

יוסף האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ כאַפּ געטון פאַר דעם זכרון, ווו ער האָט געהאַלטן זיין בינטל פלענער מיט איינפאַלן מיט גלייכע געדאַנקען, אָבער דאָרט איז איצט געווען פוסט ווי אין אַ נעסט, וואָס די פייגעלעך האָבן זי פאַרלאָזט... אַ פאַרלוירענער האָט ער זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען און האָט אידיאָטיש געשמייכלט, ווי אַ דאָרפסמאַן, וואָס האָט זיך געפּאַקט אין די הענט אַריין צו דער ״רעכטער חברה״ און זיי האָבן אים אויסגעטון אדם־נאַקעט און האָבן אים אַזוי אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס...

דער נאַטשאַלניק האָט אים אָנגעוויזן אויפן פענצטער, דורך וועלכן מען האָט געזען דעם וואַרטנדיקן אויטאָ, וואָס האָט זיך אַזש געטרייסלט פון אומגעדולד:

— נו, אויב דו האָסט עפּעס צו זאָגן אַ גלייך וואָרט, טאָ זאָג! זעסט דאָך אַליין, אַז מען וואַרט אויף מיר —

גאָרדאָן האָט שוין עפּעס געוואָלט ענטפערן, נאָר פּלוצלינג האָט פון זיינע אינגעווייד, פון די טיפסטע טיפענישן, זיך אויפגעהויבן אַ זודיקע כוואַליע, ווי אַ גייזער, זי האָט ווי אַ קנויל זיך אים געשטעלט אין האַלדז און ער האָט אויסגעבראָכן מיט אַ ביטער געוויין...

וויינענדיק האָט יוסף פון דעסט וועגן נישט פאַרגעסן, ווו ער געפינט זיך און מיט וועמען ער רעדט דאָ און אַז יעדע מינוט איז אַ שאָד, ער האָט אָבער נישט געקענט אויפהערן, דאָס געוויין האָט אים ספּאַזמאַטיש צונויפגעקלעמט דעם האַלדז מיטן האַרץ מיטן מח מיט אַלע חושים. פּאָנאָמאַרענקאָ האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, ער האָט אים געפּרוווט איינשטילן אי מיט גוטן, אי מיט בייזן:

— נו הער שוין אויף, יאָסיף... נו גענוג זאָל זיין, אַן עק! דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר, צי ניט? וואָס האָסטו זיך צערע־וועט, ווי אַן אָקס פאַרן שעכטהויז?

גאָרדאָן האָט אָבער נישט געקענט ענטפערן. יעדער טראָפּן חיות, וואָס ער האָט נאָך אין זיך פאַרמאָגט, האָט געוויינט און געיאָמערט. פּאָנאָמאַרענקאָ האָט נערוועז געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, דערנאָך זעענדיק, אַז ס׳איז אוממעגלעך אים איינצושטילן, ווי ס׳איז אוממעגלעך צו צוימען אַן ערב־פּסח׳דיק געוויסער, נאָך דעם ווי ס׳האָט אַראָפּגעטראָגן די דאַמבע, איז ער אַרויס אויפן הויף, אַריין אין אויטאָ און האָט באַפוילן דעם שאָפער:

— דאַוואַי! *

דער אויטאָ איז נישט אָפּגעפּאָרן ביזן צווייטן קאָרפּוס, ווי דעם נאַטשאַלניקס האַנט האָט אָנגערירט דעם שאָפערס אַקסל:

— דערזשי! **

און ער איז אַרויסגעפלויגן פון דער קאַבינע ווי אַ באָמבע און איז אַוועקגעלאָפן צוריק אין קאַבינעט אַריין. גאָרדאָן איז שוין נישט געשטאַנען, — ער איז האַלב געלעגן אויף אַ בענקל און דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט געיושעט מיט טרערן. פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן האָט זיך געוויין אַזוי אָנגענומען ביים האַרצן, אַז ער האָט זיך אַליין אויך שיעור נישט צעוויינט. ער האָט צערטלעך אָפּגעשאַרט גאָרדאָנס פּייכטע האָר פון זיין שטערן און האָט, אָנבייגנדיק זיך צו זיין פונעם וויינען אָנגעשוואָלענעם פּנים, ווייך געזאָגט:

— גאָרדאָן, ווי אַזוי איז דיר נאָר קיין בזיון נישט? וואָס ביסטו, אַ באַבע? דו ווילסט דאָך מסתמא זאָגן עפּעס אַ וואָרט —

גאָרדאָן האָט קוים אויפגעריסן אַ פּאָר רויטע, פאַרוויינטע אויגן. ער האָט נעבעכדיק צענעמען די הענט:

— וואָס פאַר אַ וואָרט קען איך האָבן? וואָס האָב איך צו זאָגן? דאָס צעטעלע... דאָס צעטעלע... אין דעם איז אַלץ...

— גוט, דאָס צעטעלע האָב איך גוט באַהאַלטן... איך וועל טון, וואָס איך וועל קענען... בלייב געזונט —

— פאָרט געזונט —

— מער גאָרנישט?

גאָרדאָנס קול האָט געקלונגען, ווי דער לעצטער קרעכץ פון אַ גוסס:

— וואָס נאָך? מער גאָרנישט —

---

* כמו: געפאָרן זאָל ווערן!

** האַלט!

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

און עס האָבן זיך פאַר גאָרדאָנען אַוועקגעצויגן וואָכעדיקע, מאָנאָטאָנע טעג; טעג פון טיפער אַנטוישונג און אומגעדולד; טעג אין וועלכע אַלץ צו וואָס ער האָט זיך נישט גענומען, איז עס אים ממש געפאַלן פון די הענט. עולם כמנהגו נוהג: אחרי הרעש והאש — קול דממה דקה... דער אָנגעשטרענגטער באַרג־אַרויף אינעם בעטן־צעך האָט זיך בהדרגהדיק אומגעדרייט אין אַ באַרג־אַראָפּ. נאָך צוויי וואָכן פאַר דעם אָנקומען פון דער קאָמיסיע האָט מען געמוזט אָפּשאַפן דאָס „לעקעכל", וואָס מען האָט צייטווייליק צוגעוואָרפן פאַר איניקע הונדערט לאַגערניקעס, — דעם אַכט־שעהדיקן אַר־בעטסטאָג, — אנוס על פי הדיבור! דאָס האָט נישט געטאָרט דער־גיין צו די אויערן פון די „משגיחים אויף כשרות", — הס מלהזכיר! די אַרבעטער פונעם בעטן־צעך האָבן שוין גלייך ווי אַלע איבע־ריקע געאַרבעט קאַטאָרזשנע פערצן שעה אין מעת־לעת און האָבן גלייך מיט אַלע לאַגערניקעס אויסגעזען, ווי שוין־לאַנג־נישט־קיין־באַבוימלטע מעכאַניזמען; ווי שוין־לאַנג־נישט־קיין־באַרעגנטע ביי־מער, — ווי אמת'ע ווילנלאָזע ראָבאָטן! גאָרדאָנס סימבאָלישע און פּרימיטיווע פּרעמיעס האָבן שוין אויך אויפגעהערט — דער גרויסער אַוואַנס, וועלכן ער האָט באַקומען גלייך ביים צוטרעטן צו דער אַרבעט, איז שוין געווען אויסגענוצט ביין לעצטן גראָשן און אפילו זייך ערשט־נישט־לאַנג־באַקומענע פּרעמיע פון דער רעוויזיע־קאָמי־סיע איז אויך בשלמות פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם גרויסן שלונג פון די קליינע פּרעמיעס, — כל פרוטה ופרוטה מצטרפת לחשבון גדול — און ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ פּרוטה אין טאַש און האָט געלעבט פונעם מאָגערן פּאַיאָק גלייך מיט אַלע אַרעסטאַנטן. דער־מאָנענדיק זיך אין די אימפּעטפולע טעג און חדשים, ווען מען האָט זיך פיבערדיק געגרייט צום קומען פון דער שטרענגער רעוויזיע־

קאָמיסיע, האָט יענע תקופה אויסגעזען ווי אַ מעשה׳לע פון פאַר־צייטן; אַ לעגענדע פון ערגעץ־לאַנד... פון אומעטום האָט איצט געטראָגן מיט שימעל, מיט געדיכט־באַגרינטן שטייענדיקן וואַסער, מיט דער טויטלעכער מנוחה פון אַ פאַרוואָרלאָזט בית הקברות... דער ווינטער האָט זיך געשטעלט אַ פוילער, אַ נאַסער. אין בעטן־צעך האָט שטאַרק אַריינגערעגנט, מען האָט געמוזט איבערדעקן דעם דאַך פון גאַנצע קוואַרטאַלן. וואָס פאַר אַ טעם קען שוין האָבן די אַרבעט, ווען דער קאָפּ ליגט דיר ביי אין ווונטש: „רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו״. דער פאַרטרעטער פונעם נאַטשאַלניק האָט דאָס אָבער נישט געוואָלט מאַכן אויף זיין אייגענער האַנט. ער האָט שוין ליבערשט געוואָלט צוואַרטן אויפן נאַטשאַלניק. אויך אָט דאָס רינעניש אויפן קאָפּ האָט שרעקלעך געווירקט אויף דער שטי־מונג. דאָס האָט צום איבעריקן דערשלאָגן דאָס געמיט, אָנגעיאָגט אַן אַפּאַטיע צו אַלץ און צו אַלעמען, אַריינגעטריבן יעדן איינעם אין אַ יאוש שאין לו תרופה...

דערווייל זענען פאַריבער די אָנגעזאָגטע צען טעג פונעם היסטאָרישן צוזאַמענפאָר און נאָך דריי און נאָך דעם נאַ־טשאַלניק האָט מען נישט געזען און נישט געהערט. יוסף, אַ צעפּרע־סענער פון ביטערע ספקות און נאָך ביטערערע חששות, האָט דאָס אפילו נישט געוואָלט טון, אָבער ער האָט שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן די קברדיקע שטילקייט, וואָס האָט געפּרעסט אויף זיין מוח ווי פעלזן גאַנצע, און ער איז אַוועק צום פאַרטרעטער — אַ קירגיז, אַן עלטערער מענטש, אַ געוועזענער שלאָסער אין פּוטי־לאָווס געווער־זאַוואָד אין פּיטער,* — עפּעס געוואויר צו ווערן פון „דאָרטן״, מאחורי הפרגוד.

גאַזאָנאָוו, פּאָנאָמאַרענקאָ׳ס פאַרטרעטער, איז גראָד געווען פריי און האָט אים זייער העפלעך געבעטן זיצן.

---

* דער פאַרקירצטער נאָמען פון פּעטראָגראַד, אין די יאָרן פון דער רעוואָ־לוציע.

— נו, חבר גאָרדאָן, וואָס דערציילט איר גוטס ?

— קיינע באַזונדערע נייעס... דער צעך קריכט ווי אַ פּוילעשקאַפּע באַרג־אַרויף —

— ווי אַזוי גייט איר היינטיקע וואָך ?

— מען וואַקלט זיך צווישן 90% און 85% —

— זענט איר דאָך אַ מאָלאָדיעץ אויב אַזוי ! יענע וואָך האָט איר דאָך מער נישט געהאַט ווי 72 פּראָצענט פונעם פּלאַן.

יוסף האָט אַן אַנטוישטער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט :

— וואָס פאַר אַ מאָלאָדיעץ בין איך ? עס טויג נישט גיין אונטערן גראַפיק... קוים הייבט מען שוין אָן צו געבן אויסגאָב פון דער קיילעכדיקער מטבע,* איז שוין אַ בראָך צו די יאָרן. קוים וויל מען אויסזען מיט לייטן צו גלייך און זיך נישט שעמען צו קוקן דער וועלט גלייך אין די אויגן אַריין, דאַרף מען געדענקען, אַז מען אַרבעט מיט מענטשן, וואָס האָבן אַלץ פאַרלוירן אין זייער לעבן ; מיט אויסגעברענטע ליכט ; מיט לעבעדיקע מתים... אַזעלכע „שאָטנס” איז בכלל שווער צו צעוואַרעמען... ווער שמועסט נאָך — מיט ליידיקע הענט... איך האָב שטענדיק געזאָגט, אַז דער לאַגער־ניק — ווי אַ געזעץ ! — וועט פאַר אַ מענטשלעכן אַרבעטסטאָג פון אַכט שעה, געבן פיל מער נוצן ווי פאַר סקאַרבאָווע פערצן שעה —

— יאָסיף זאַלמאַנאָוויטש ! מען טאָר דאָך אָבער נישט גיין קעגן דעם „אוסטאַוו” ! ** אַז נאַטשאַלסטוואָ הייסט אַרבעטן פערצן שעה, קען מען קיין אייגענע פּאָריאַדקעס נישט איינפירן, אַנדערש וועט דאָס הייסן : נישט אַז מיר בויען אַ קאָמוניסטישע געזעלשאַפט, נאָר אַז מיר פלאַנצן איין אַנאַרכיזם —

לויטן אויסדרוק פון זיין פּנים האָט גאָרדאָן בשום אופן נישט געקענט תופס זיין : ער מיינט דאָס ערנסט, דער אַלטער, מיט זיין

---

* געמיינט : פונעם גאַנצן רובל, וועלכער באַשטייט פון הונדערט קאָפּיקעס. דאָ די כוונה : פון די הונדערט פּראָצענט.

** כמעט היינו הך וואָס : געזעץ.

„קאָמוניסטישער געזעלשאַפט”, צי דאָס איראָניזירט ער... אַזוי צי אַזוי האָט ער געהאַלטן פאַר געזונטער, יוסף, צו געבן דעם שמועס אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט אַ געשמאַקן געגעץ געטון אין קולאַק אַריין:

— איר ווייסט נישט, וואָס זאַמט ער זיך דאָרטן אַזוי, אונדזער נאַטשאַלניק? עס זענען שוין דאַכט זיך פאַריבער צען טעג, צי נאָך נישט, האַ?

— עס זענען שוין דווקא פאַריבער זיבעצן טעג, נישט קיין צען, און עס וועלן נאָך מן הסתם פאַריבער נאָך זיבעצן ביז ער וועט זיך אומקערן... און דאָס איז גערעדט געוואָרן, אויב ער וועט זיך נאָך בכלל אומקערן —

יוספן איז מיט אַ מאָל געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים, אָבער אויפן פנים איז ביי אים געווען אויסגעשפּרייט אַ קלעפּיקע שלע־פעריקייט און אַן אויסגעשטאַנענע גלייכגילטיקייט צו אַלץ וואָס דאָ זאָל נישט געזאָגט ווערן. זיינע איבערגעטרוקנטע ליפּן האָבן שוואַך אַרויסגעשטאַמלט:

— אַזוי גאָר?

— יאָ, בראַטיעץ, אַזוי גאָר! כ'האָב ערשט נעכטן אין אָוונט באַקומען אַ בריוו פון אים. ער שרייבט מיר, אַז דער צוזאַמענפאָר וועט זיך זיכער פאַרציען נישט קיין צען טעג, נאָר צוואַנציק! און אַז די אַרבעטן פונעם צוזאַמענפאָר וועלן שוין זיין פאַרענדיקט, וועט דער פּרעזידיום פונעם צוזאַמענפאָר צוזאַמען מיט דער אָרגאַניזאַציע־ביוראָ און מיט דער קאַדרען־אָפּטיילונג פונעם נאַר־קאָמאַט בלייבן אַרבעטן אויף די מסקנות, וואָס מען דאַרף מאַכן פון דער גאַנצער אַרבעט און די דעלעגאַטן וועט מען דערווייל אַרומפירן אין פאַרשידענע ערטער צו ווייזן זיי דאָס לאַנד. עס וועלן זיי צוגעשטעלט ווערן ספּעציעלע אַוויאָנען אויף צו מאַכן אויספלוגן קיין קאַווקאַז, צו דער וואָלגע, און אפילו קיין אַלטאַי, און אפילו אין דעם וויטן מיטל־אַזיע... בקיצור — מיט לעבן

אַ גוטן טאָג זענען זיי דאָרטן אויסגעזאָרגט, פיל בעסער ווי איך מיט אייך דאָ, יאָסיף זאַלמאַנאָוויטש. און ערשט ווען זיי וועלן זיך אַלע צוריק צונויפזאַמלען אין דעם „קאָלאָנע זאַל״ פון דעם „דאָם סאָוויעטאָוו״, וועט מען מודיע זיין די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט פון דער דרייפאַכיקער קאָמיסיע. בכלל, שרייבט ער, פילט זיך אין דער אַרבעט, אַז די אָנפירונג פונעם נאַרקאָמאַט האָט אַ טענ־דענץ אַריבערצופלאַנצן די לאַגער־נאַטשאַלניקעס פון איין לאַגער אין צווייטן. „מאַכן אַ טראַנספּוזיע״, רופן זיי עס דאָרטן, די וואָס שטייען ביים רודער. אייניקע, שרייבט ער, זענען זייער צופרידן מיט דער פּערספּעקטיוו און אַנדערע ווידער — די וואָס האָבן די בעסטע פּלעצער — האָבן מיט אַ שטילן פּאַריבל אַראָפּגעלאָזט די נעזער, בלאָזן זיך אויף די באַלעבאַטים דאָרטן... אַזוי, אַזוי... אַ פיש זוכט וואָס טיפער, אַ מענטש — וואָס בעסער...

גאָרדאָנען, איז קענטיק, גייען אָן אָט די אַלע מעשיות פונקט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי, נאָר פון דעסט וועגן, כדי שלא לבייש, פרעגט ער אויף יוצא צו זיין משום כבוד־הבריות:

— וואָס זשע האָט איר עפּעס אַ זאָג געטאָן: „אויב ער וועט זיך בכלל אומקערן״? לויט אייערע רייד קומט דאָך אויס, אַז מען ווייסט נאָך גאָרנישט —

— דאָס איז אמת, אַז אויף זיכער ווייסט מען נאָך גאָרנישט. עס קען זייער גוט געמאָלט זיין — איך, למשל, קען מיט אייך גיין אין געוועט אויף וויפל איר ווילט אַליין, אַז נאָר אַזוי וועט עס בלייבן! — אַז מען זאָל פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן איבערלאָזן אויפן אַלטן פּלאַץ, ווייל ער איז נאָך אַ „נאָוויטשאָק״* אין דער אַרבעט, נאָך גאָר, גאָר אַ גרין אוגערקעלע... אַז אַ לאַגערניק האָט זיך פאַרקרימט, איז דאָס נאָך ביי אים אַ גאַנצער פּראָבלעם... אָבער לויט ווי ער אַליין שרייבט — ווייסט זיי דער רוח דאָרטן! ער

* אַ נייער, אַ גרינער. געמיינט: אַן דערפאַרונג.

שרייבט, אַז ער האָט זייער שוואַכע שאַנסן, אַז מען זאָל אים איבערלאָזן אויף ד ע ר אַרבעט... אין נאַרקאָמאַט, שרייבט ער, פעלט נישט אויס קיין אַרבעט... מיר פערזענלעך איז זייער אַ שאָד, אויב מען וועט אים פון דאַנען צונעמען... און אייך, יאָסיף זאַלמאַ־נאָוויטש, איז נישט קיין שאָד?

— מיר? וואָס איז מיר דער אונטערשיד? וועט מען אים איבערלאָזן, איז גוט! ניין? וועט מען אַרבעטן מיט דעם, וואָס מען וועט צושיקן... וואָס מיר דער און וואָס מיר יענער, איך טו מיר מיינס און המותר גייט מיך נישט אָן —

— איר רעדט ווי אַ מאָלאָדיעץ, יוסף זאַלמאָנאָוויטש, דער נאַטשאַלניק צו אַן אַנדערער, — אַזוי צי אַזוי, נישט די לאַגער־נאַטשאַלניקעס קאָווען אויס די געשטאַלט פון דעם לאַגער, נאָר די צעך־נאַטשאַלניקעס און די צעך־מייסטערס, די אַזוי גערופענע „ניזשני טשינעס" * — אָבער מירביידע, האַנט ביי האַנט, וועלן קענען האַלטן דעם לאַגער אויף דער געהעריקער הייך, נישט אַזוי?

— איך האָף אויך אַזוי —

— ס'איז ביי מיר בלתי ספק, אַז דער ניי־באַשטימטער נאַטשאַלניק — אויב עס וועט טאַקע זיין אַ ניי־באַשטימטער, — וועט די ערשטע צייט אונדז קוקן אין מויל אַריין און מיר, איך מיט אייך, וועלן זיין די פאַקטישע באַלעבאַטים אין לאַגער, המ?

— מהמ...

— א י ר וועט דאָך אונדז נישט אַוועקוואַרפן, אמת? דער נאַטשאַלניק צו יענער נאַטשאַלניק, — אייער געהאַלט איז שטענ־דיק געזיכערט... וואָס שוויגט איר? היינט וואַרפט מען זיך נישט מיט אַזעלכע פאָסטנס, נישט אַזוי?

— גאָט באַהיט! ווער רעדט עס פון אַוועקוואַרפן? עפעס

---

* כמו: קלענערע פיגורן.

סתם אַזוי פון דער העלער הויט נעמט מען און מען וואַרפט אַוועק? נאַר... כ׳זאָג, נאַר בכלל בין איך זייער נישט קיין סטאַ־בילער מענטש! איך האָב פון אייביק אָן אַ כאַנדראַ אַזאַ, — אַ משוגענע בין זיצט כסדר ביי מיר אין מח, — עס קען מיך געבן אַ טראַג־אונטער און איך זאָל קיין שעה מער נישט קענען פאַר־בלייבן אויף דעם זעלבן פלאַץ... טאַקע אויף אַזאַ פאַל האָב איך זיך פון אָנהייב אָן באַוואָרנט די רעכט צו פאַרלאָזן די אַרבעט, ווען דאָס וועט זיך מ י ר פאַרגלוסטן —

— הערט שוין אויף צו רעדן נאַרישקייטן! ווער האָט עס אפילו אויף איין מינוט גענומען ערנסט אייער באַוואָרעניש און ווער וועט עס אָפּלאָזן אַזאַ איבערגעגעבענעם מענטשן, ווי איר זענט? דאָס וואָלט דאָך געווען געגליכן צו אַ דיווערסיע אין לאַגער, צו שעדיקעריי פון ערגסטן סאָרט —

— באַרואיקט זיך, חבר גאַזאַנאָוו, דערווייל האָלט עס נאָך נישט דערביי, אָבער אַז עס וועט קומען דערצו, זייט זיכער, וועט מען מוזן אָפּלאָזן! גערעדט, איז גערעדט! ביי מיר קען טרעפן, אַז פון אַ שלעכטן חלום —

— וואָס, א י ר גלייבט אין חלומות?

— אין פּרינציפּ נישט, אָבער אַמאָל־אַמאָל — יאָ!

— אין לעבן וואָלט איך נישט געגלייבט, אַז א י ר, אַזאַ קול־טורעלער מענטש, אַזאַ —

יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין קאַבינעט שטאַרק דער־שלאָגן. כאָטש קיינע קאָנקרעטע ידיעות האָט אים גאַזאַנאָוו נישט אַנטפּלעקט, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער פאַרלירט דעם באָדן פון אונטער די פיס. ער האָט זיך נאָך קיין מאָל — אפילו נישט ביי מיכאַילאָוון, אונטער זיינע סאָלדאַטסקע שטיוול, — נישט געפילט אַזוי באַשפיגן און אַזוי באַכראַקעט ווי איצט. אַזוי אַזוי... סיי „שלמהס" עצה־טובה אין פושטשער נוסגביימער־אַלייע; סיי זיין משוגענערוויז

יאָגן זיך אַהער צו; סיי זיין אַריינזעצן זיך אַליין אין קאָנצלאַגער, אָנשטאָט לעבן צווישן יידן, צווישן מענטשן און זיין מיט לייטן צו גלייך; סיי זיין קריכן דאָ פון דער הויט, אַז דער לאַגער זאָל אַרויסגעבן צוויי מאָל אַזוי פיל בעטן, ווי געווינלעך — אַלץ! אַלץ!! אַלץ!!! זיין גאַנצע התנהגות פון נאָך דער באַפרייאונג אָן איז געווען איין גרויס משוגעת! ער האָט זיך געפירט ווי אַ וויסער־חברהניק! ווי אַ פּרא־אדם!! ווי אַ שוטה שבכל השוטים שבעולם!!! ווען ער זאָל זיין אַ מענטש מיט אַ געשטעלטער דעה, אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער, וואָלט ער אפילו נישט געדאַרפט וואַרטן אויף דעם צוריקקער פון פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן — צו וואָס? צו ווען? נעם אַליין אַ חשבון, פּעטאַך איינער! איצט, ווען מען פירט זיי דאָרט אַרום איבער די קוראָרטן און איבער די זעלטענע ווינקעלעך פונעם לאַנד, איז ווען פּאָנאָמאַרענקאָ זאָל שוין אפילו געדענקען און אפילו שטאַרק וועלן דיר אַ טובה טון — וואָס ס׳איז נאָך אַ גרויסער ספק, ווען מען געפינט זיך צווישן אַזאַ לעבעדיקער חבריא, און נאָך בשעת חדווה! — קען ער דאָך נישט! האָט ער דאָך נישט צו וועמען צו רעדן! ווייל דער נעכטי־קער נאַטשאַלניק וועט דאָך נישט זיין אויך דער מאָרגנדיקער נאַטשאַלניק! עס וועט דאָך זיין ביי זיי: חדשים לבקרים! און ווער ס׳איז דער מאָרגנדיקער ווייסט נאָך קיינער נישט! דאָס איז נאָך לעת־עתה אַ דבר שלא בא לעולם און אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם! און ווען מען וועט שוין סוף סוף געוווּיר ווערן פון די נייע באַשטימונגען, וועט זיך שוין נישט טרעפן קיין געלעגנהייט ביי יענעם צו בעטן אַ טובה... די דאָזיקע נאַטשאַלניקעס, פון אַלע עקן לאַנד, ממזרח וממערב מצפון ומים, זענען דאָך איינער דעם צווייטן ווילד פרעמדע מענטשן! מען קען דאָך נישט צוגיין צו יענעם מיט אַזאַ בקשה סתם אַזוי, אַזוי צו זאָגן — אויפן ניכטערן האַרצן... אַזאַ זאַך דאַרף מען פריער גוט־גוט צוגרייטן און צופירן

און צושפּיצן — הכנה מילתא היא! און דאָ — ווען? ווען וועט ער עס שוין באַווייזן? ווי נאָר מען וועט זיי דאָרט אָפּזאָגן דעם לעצטן פּסוק: „מי ינוח, מי ינוע, מיט יישלוו ומי ייטרף“, וועט זיך דאָרט אויפהייבן אַזאַ שטורעמווינט, אַזאַ האַסטיקער שידער־געלויף, ווי, להבֿ־דיל, צווישן עולם מתפּללים, נאָך קידוש־לבֿנה, במוצאי־יום־הכּיפּורים... ווערמען וועט שוין דאַן ליגן אין קאָפּ צו טון מענטשן טובֿות? יעדער וועט זיין פּאַרטון מיט זיך און נאָר מיט זיך. ס'איז זיכער, ווי אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, אַז אַלע זיינע בנינים זענען געוועזן געבויט אויף זאַמד, אַלע זיינע חלומות זענען אַוועק מיטן רויך, ס'איז ברור כּשמש, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, ער וועט זיכער קומען מיט ליידיקע הענט! ער קען דערויף שווערן בנקיטת־חפץ! און ווי באַלד אַזוי — וואָס זשע האָט ער נאָך דאָ צו טון? וואָס איז דאָס וואַלגערן זיך אויף אָט דעם לעבעדיקן בית־עולם, וועלכער איז אַלע שעה און אַלע מינוט מטמא את הגוף והורג את הנפש? מה לך פה ומי לך פה כּי חצבת לך פּה קבֿר? ווי מעג ער גאָר ריזיקירן און זיך דערוואַרטן ביז עס וועט קומען אַ נייער „אדון בפקדך“, אַ נייער פּאַני, און זיכער אַן ערגערער, — „ויקם מלך חדש... אשר לא ידע את יוסף“... און וועט אים נאָך צושמידן בשלשלאות של ברזל צו אָט דעם נמאסן לאַגער... וואָס דען, אולי איפּכא מסתברא, זאָל ער זיך אַליין אָפּנאַרן מיט אַ פאַלשער האָפענונג, אַז פּאַנאַמאַרענקאָ האָט אין זיך געהאַט גענוג יושר צו פרעגן ביים אַלטן קאַראַגאַנ־דאַ'ער נאַטשאַלניק צי אַזאַ פרוי ווי טאַניאַ פייגנבוים געפינט זיך דאָרט ביי אים? צי זי לעבט כאָטש? איז דאָס זייער אַ שוואַכע האָפענונג... פאַר וואָס? איבער צוויי טעמים... ערשטנס, פון וואַנען איז געדרונגען, אַז יענער נאַטשאַלניק, קען אַלע איינגעשפּאַרטע ביי די נעמען? אין אַ לאַגער פון אַזוי פיל טויזנטער קעפּ — ווער קען געדענקען אַזאַ זאַך? און פּאַנאַמאַרענקאָ בכבודו ובעצמו געדענקט יאָ די נעמען פון זיינע אַרעסטאַנטן? און אפילו ער

אַליין, יוסף, וואָס וואַלגערט זיך שוין דאָ אַרום קרוב צו צען יאָר — געדענקט ער דען יאָ די נעמען פון אַלע אַרעסטאַנטן? עס הייבט זיך אפילו נישט אָן! היינט, לא כל שכן — אַ נאַטשאַלניק! והשנית, ווי באַלד, אַז קיין נוצן פון דעם אַלטן קאַראַגאַנדאַער נאַטשאַלניק קען מען שוין נישט האָבן, וואָס דען, אַ ספק־ספקא בנו של ספק־ספקא אויף אַ טרוקענעם גרוס, ווער זשע ווייסט, צי פּאָנאָמאַ־רענקאָ וועט געפינען פאַר נייטיק צוליב אַזאַ מינדערוויכטיקער זאַך אויפצועפענען זיינע קאָרטן פאַר אַ פרעמדן מענטשן, אַז אָט אינטערעסירט ער זיך, — ער, דער באַזונגענער העלד פון ראַטנ־פאַרבאַנד, — מיט אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנטקע... דאָ דערוואַכן שוין ביי יענעם פאַרשידענע חשדים: דאָס און יענץ און אפשר איז זי גאָר אַ געוועזענע כלה זיינע... לייגט זיך יאָ אַזאַ זאַך אויפן שכל? און ער אַליין, יוסף, ווי אַזוי וואָלט געטון אין אַזאַ פאַל? דאָס נאָכפרעגן זיך אויף אַ פּאָליטישן אַרעסטאַנט איז דאָך ממש מיט פייער! ניין, ניין — ער האָט זיך שוין אויפגעכאַפּט, ער שלאָפט שוין נישט מער און חלומט שוין נישט מער. חלמא טבא חזאי... חלמא טבא חזאי... אָט דער גאַנצער פלאָנטער: פּאָנאָמאַרענקאָ, צוזאַמענפאָר, זעעניש, רעדעניש, דאָס אַלץ איז געווען נישט מער ווי אַ פאַר־פירעניש, אַ מיראַזש... אמת, החלום בא ברוב ענין, אָבער דאָס איז אַ כלל גדול: החלומות שוא ידברון...

אָט אַזוי, אַ צעביסענער און אַ צעפּרעסענער פון ביטערע ספקות און פון פילן זיין אומבאַהאָלפנקייט עפּעס צו ענדערן, האָט ער פאַרבראַכט זיינע טעג אין רינענדיקן צעך און זיינע נעכט אויפן האַרטן וואַטענעם מאַטראַץ.

דאָס איז געווען אין אַ שפּעטער נאָכמיטאָגדיקער שעה. דורך די ברייטע, שיטער־פאַרגראַטעוועטע צעך־פענצטער האָט מען געזען, ווי דער שטאַרקער צפון־ווינט יאָגט די כמאַרעס אויף

דרום. זיי האָבן זיך געטראָגן איינע אויף דער אַנדערער, איינע איבער דער אַנדערער, ווי סטאַדעס איבערגעשראָקענע שאָף, און ס'איז נאָך שווער געווען פאָרויסצוזאָגן מיט וואָס אָט דאָס יאָגע־ניש וועט זיך פאַרענדיקן: מיט כולו זון, אָדער מיט כולו כמאַרע.

ביי די סטאַנקעס האָט פלוצלינג זיך דורכגעטראָגן אַ „זאָג“, אַ רחש־לחש, ווי אַ לייכט ווינטעלע אין פרייען פעלד:

— ער איז שוין דאָ... ער איז שוין געקומען... ער איז ערשט אַרויפגעפאָרן אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער...

גאָרדאָן, אין זיין שטיינערנעם זעקל וואָס איז זייער ענלעך אויף אַ קינע, וועלכעס האָט אים געדינט פאַר אַ ביוראָ, האָט אָט דעם שטילן כרוז נישט געהערט, נאָר אויף די פּנימער פון די אַרבעטער האָט ער מאָמענטאַל איבערגעלייענט, אַז מען סודעט זיך דאָרט וועגן עפּעס. ער האָט מיט אַ קלונג אין גלעקל צוגערופן דעם צעטרעגער, וועלכער שמייעט אומאויפהערלעך אַרום איבערן צעך און האָט אים געפרעגט:

— וועגן וואָס רעדט מען עס ביי די סטאַנקעס?

— גאָרנישט! דער נאַטשאַלניק איז נאָר וואָס געקומען צו פאָרן —

גאָרדאָן האָט מיט אַ מאָל פאַרלוירן דאָס גאַנצע בלוט פונעם פּנים. מיט אַ פאַרענדערט קול האָט ער קוים אַרויסגעבראַכט:

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? וווּ האָסטו אים געזען?

— איך האָב געטראָגן אַ קעסטל קליינע שרייפלעך פונעם 82סטן קעלער, האָב איך געזען ווי ער איז אַריינגעפאָרן אין הויף אַריין. אַלע זענען זיי גלייך אַוועק צו אים אין קאַבינעט: דער פּאַרטרעטער, דער קאָמענדאַנט, דער קאַראַול־נאַטשאַלניק, דער הויפּט־בוכהאַלטער, דער —

אויף דער שוועל, הינטער דעם צעטרעגער, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ וועכטער:

— גאָרדאָן, צום נאַטשאַלניק! נאָר שנעל!

דער צעטרעגער האָט נישט טויט, נישט לעבעדיק זיך אַרויס־געגליטשט פון דער ביוראָ. „ווער ווייסט — האָט ער געפּלאָטערט, — צי ער האָט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַן איבעריק וואָרט"... גאָרדאָן, — ציטערנדיק מיט אַלע אברים, ווי בעת מען האָט דאָס פּאַלעניש, — האָט נישט זעענדיק גאָרנישט פאַר די אויגן אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם אַרבעטס־פּאַרטעך און האָט זיך מיט אונ־טערגעהאַקטע פיס און מיט אַ פאַרשטאָרבן האַרץ געלאָזט גיין אין קאָנטאָר אַריין.

ביים נאַטשאַלניק אין קאַבינעט איז געווען פול און פול מיט מענטשן, יעדער מיט זיין „בויך מיט צרות". אָבער ווען גאָרדאָן האָט זיך נאָר באַוויזן אין דעם טיר־חלל, האָט פּאָנאָמאַרענקאָ זיך צו זיי אָנגערופן קאַלט און טרוקן:

— חברים, אַנטשולדיקט מיר אויף אַ פּאָר מינוט —

און מיטן ווינק האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף דער טיר. ווען דער צימער איז ליידיק געוואָרן, האָט גאָרדאָן קוים פאַרמאַכט הינטער זיך די מאַסיווע טיר און איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל בלאַס, ווי אַ מת.

דער נאַטשאַלניק, וועלכער איז געשטאַנען אויף יענער זייט טיש, האָט אים אָן ווערטער און אָן אַ „שלום עליכם" אויסגע־שטרעקט אַ פּאַפּירל. יוסף האָט עס מיט די לעצטע כוחות צעעפנט און האָט דערזען, אַז דאָס איז טאַקע זיין אייגן צעטעלע מיט טאָניס נאָמען, וואָס ער האָט אים מיטגעגעבן. איבער זיין לייב זענען זיך צעקראָכן מוראַשקעס: דאָס איז שוין דער גוטער סימן... האָב איך, הייסט עס, אָנגעוווירן מיט מיין הילף... זי האָט ניט געוואָלט צוואַרטן אַ ביסל... ער האָט קאָנוווּלסיוו פאַרקוועטשט דאָס פּאַפּירל צווישן די וועקסענע פינגער און איז שטיין געבליבן אַ שווייגנדי־קער.

דער נאַטשאַלניק האָט מיט אַ ווייכער שטימע זיך אָנגערופן:

— נו, וואָס שווייגסטו? זאָג עפּעס —

— איר האָט גערעדט מיטן נאַטשאַלניק?

— ניין. ס'איז מיר נישט אויסגעקומען צו רעדן מיט אים — גאָרדאָנס ליפּן זענען געווען בלאָ ווי ביי אַ בר־מינן:

— פאַר וואָס איז אייך נישט אויסגעקומען?

— אַז איך זאָג, אַז איך האָב נישט געקענט, קענסטו מיר הייליק גליבן... און ס'האָט אויך קיין זינען נישט געהאַט... מיטן אַלטן נאַטשאַלניק איז דאָך נישט שייך געווען צו רעדן — וואָס קען ער שוין העלפן?

— און מיטן ניי־באַשטימטן?

— און מיטן ניי־באַשטימטן האָב איך אויך נישט געקענט רעדן —

יוסף, מיט טיפן ווייטיק:

— פאַר וואָס?

— פאַר וואָס? פאַר וואָס? ווו האָסטו געזען, אַז אַ מענטש זאָל רעדן צו זיך אַליין?

גאָרדאָנס קערפּער, אַן אָנגעצויגענער ווי אַ בויגן, האָט פּלוצלינג קאָנווולסיוו זיך אַ בייג געטון צום טיש צו ווי אַ דינע ווערבע, וואָס האָט געכאַפּט אַ שטורך פון אַ שטאַרקן ווינט. דער דופק פון דער וועלט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער גאַנצער באַשאַף האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אפשר אַ גאַנצע מינוט האָט געדויערט ביז זיין אויסגעמוטשעטער מח האָט רעכט צעקייעט דעם יאָדער פון די נאָר וואָס אַרויסגעזאָגטע ווערטער. דאַן האָט ער מיט אַ מאָל אָנגעהויבן כאַפּן די לופט מיט די זשמעניעס; די ליפּן האָבן עפּעס געוואָלט אַרויסברענגען; די הענט האָבן עפּעס געוואָלט אַרומכאַפּן, נאָר ער האָט דאָס אַלץ נישט באַוויזן צו טון. ער איז ווי פון אַ מעכטיקן שטויס אונטערן האַרצן אומגעפאַלן אויפן פּאָל ווי אַ שווערער קלימעק און איז שוין אַזוי געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך —

# צווייטער טייל

# קאפּיטל V

דער צוג האָט אכזריותדיק געשניטן די פּאַרשנייטע וויסטע אין איין ריכטונג, דער געפרוירענער שטורעמווינט האָט זי אומבאַרעמ־האַרציק געשניטן פּונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. פון אָט דער קעגנזייטיקער שניידעניש איז אין מטושטש׳ן חלל־העולם אַנטשטאַנען אַזאַ געברום און אַזאַ געוואַי, גלייך ווי הונדערטער סטאַדעס הונגעריקע וועלף וואָלטן דאָ אָנגעפאַלן איינע אויף דער אַנדערער און יעדער וואָלף וואָלט אַריין דעם צווייטן וואָלף מיט די נעגל אין האַלדז אַריין, ותבקע הארץ בקולם, — ילל ישימון! און די שממה אַליין האָט נישט געפילט: נישט דאָס שניידן פונעם פּילאָויגיקן שנעלצוג, נישט דאָס „רייסן די ערד" פון דעם צעוויל־דעוועטן „שניי־סאַמום", פּונקט ווי דער בר־מינן, וואָס ליגט אין אַנאַטאָמישן טעאַטער, פילט נישט וואָס די „שניידערס" מאַכן פון אים. די אַרומיקע לאַנדשאַפט, עד שהעין מגעת, איז דאָ געווען אַזוי וויסט און מדבר׳דיק, אַזוי בראשית׳דיק און תוהו ובוהו׳דיק, אַז אין מח אַריין זענען נישט ווילנדיק געקראָכן אַזוינע אומעטיקע נעמען, ווי: „בית הקברות", „טהרה־שטיבל", „קרשים", — אַלץ אַזעלכע מינים „כלי־זמרים", וואָס דערמאָנען אין אַלצדינג אויף דער וועלט, נאָר נישט אין קיין רוישיקע חתונות...

אויף דער אוקראַינע — טראַכט יוסף — איז כמעט נישט שכיח, אַז מען זאָל אָפּפאָרן אפילו איין שעה און מען זאָל נישט זען פאַר די אויגן וועלכן ס׳איז ישוב. און אפילו אין אַזאַ אומקו־מעניש זעט מען אויף אַרויס די אייבערשטע האַלבע ווענט פון די דאָרפישע כאַטעס, מיט אייזיקן שניי אָנגעבעטע דעכער, זיך

רויכערנדיקע קוימענס אויסגעפוצטע אין הויכע ווייסע צילינ־דערס, מיט איין וואָרט — מען זעט כאָטש עפּעס! כאָטש אַ רמז דרמיזא, אַז די וועלט גייט נאָך נישט אונטער! און דאָ — באַהיט זאָל מען ווערן! ותרגז הארץ ותהי לחרדת אלקים, ממש מהפכת סדום ועמורה!

יוסף האָט זיך שוין אָפּגעקוועטשט די זייטן פון דעם ליגן אויף זיין אייבערשטער פּאָליצע, וועלכע ס׳האָט אים אָפּגעגליקט צו קריגן מיט זיין פּלאַצקאַרטע.*

אפשר צום הונדערטסטן מאָל אין דעם טאָג קערט ער זיך איבער אויפן בויך, שפּאַרט זיך אונטער אויף די עלנבויגנס, לייגט אַריין דעם קאָפּ אין די דלאָניעס און פּרווט צו געפינען אַ וועלכן ס׳איז אינטערעס אין דעם קוקן אין פענצטער. דער „קוואַדראַט דרויסן", וואָס קוקט אויף אים פון דאָרטן, איז אָבער אַזוי מאָנאָטאָן, אַזוי שרעקלעך איינפּאַרביק און אַזוי קיין טראָפּן נישט צעשטרייענדיק, אַז ער פּאַרדעקט גלייך די אויגן מיט די דלאָניעס און טענה׳ט צו זיך אַליין:

— וואָס דען זאָל ער טון? מען קען דאָך אַזוי פונעם זינען אַראָפּ! ער וואָלט איצט, דאַכט זיך, איבערגעלייענט דעם אוקינוס מיט ביכער! איז אָבער ווי אויף צו להכעיס פּאָרט נישט אין זיין וואַגאָן קיין איין לייענער. דעם פּאַרעלטערטן „אָגאָניאָק", וואָס ער האָט פּאַרן זעצן זיך אין צוג געפונען אין וואָקזאַל אויף אַ באַנק, האָט ער שוין איבערגעלייענט פונעם שער־בלאַט ביז נאָך די אַנאָנסן, ישר והפוך. רובו ככולו איז ער אָנגעשטאָפּט מיט ביליקער אַגיטקע און מיט פּריקרע־זיסלעכע פאָלקס־מענטשן אָדער מיט משונה־טרוקענע בחורים וגם בתולות. אָבער ער האָט נישט גע־דרייט מיט דער נאָז, ער האָט אַלץ געלייענט, אפילו דאָרט, ווו

* אַ נומערירט אָרט אין וואַגאָן.

ס׳האָט אים געשלאָגן צו דער גאַל, האָט ער אויך געליינט — אַן אַנדער ברירה האָט ער? אָבער וויפל מאָל קען מען לייענען איינעם און דעם זעלבן זשורנאַל? ער קען אים שוין באַלד אויף אויסנ־וויניק! דעם „יום״ תהילים האָט ער שוין אויך אָפּגעזאָגט. חזרן תהילים אויף אויסנווייניק איז אודאי זייער אַ גלייכע זאַך און אַ נוצלעכע, צו דעם דאַרף מען אָבער האָבן אַ שטימונג, און ער האָט זי גראָד נישט אין אַזאַ מאָס... ניין, מען קען טאַקע באמת משוגע ווערן... ווידער שלאָפן? וויפל קען עס אַ מענטש שלאָפן? ער האָט זיך שוין אויסגעשלאָפן פאַר אַלע נישט דערשלאָפענע יאָרן... אָבער פאָרט, צו וואָס דען זאָל ער זיך נעמען?

גאָרדאָן, אַ פאַרביטערטער, צערוקט אַ ביסל די פינגער־שטאַכעט־לעך פונעם פנים: מען פאָרט שווער, אויקענדיק און וויקענדיק. דער צוג גייט זיגזאַגיש. ער האַקט איצט דורך די אוראַלער בערג, די קייט בערג ציט זיך און ציט זיך און לויפט איבער דעם פאַרשנייטן האָריזאָנט. פון די דאָזיקע בערג וויעט מיט פוגאַטשאָוו׳ס הפקר׳־דיקער גבורה; דאָ ליגט ערגעץ פיל גאָלד, פיל אייזנהאַרץ, קופּער און אַנדערע טייערע מעטאַלן און מינעראַלן, אָבער מער ווי אַלץ ליגן דאָ כסדר און אומעטום געפאַלענע אַרעסטאַנטן: פון קעלט, פון הונגער, פון אומדערטרעגלעכער קאַטאָרזשנע אַרבעט, פון אומגעהער־טער אכזריות... דאָס אַלץ איז איצט צוגעדעקט און פאַרווישט, שיינ־טשיק, פיינטשיק, ווי אין אַן אַפּטייקל; אַקוראַט ווי דאָרט, אין צווייטן עק וועלט, דער הייליקער באַבי־יאַר, וועלכער איז באַפּרוכפּערט געוואָרן פון יידיש בלוט און פון יידישע געהירן, און איצט מאַכט ער זיך כלא ידע. און דער הימל, אָט דער אַזוי סבלנות׳דיקער הימל, האָט אים, דעם דאָזיקן נייעם „גיא בן הינום״, איינגעדעקט מיט אַ ווייסן ליילעך, סדין של בוץ, מעשה־כוהן־גדול, און — שאַ! כך עלתה במחשבה לפני!! אם אשמע קול אחר, אהפוך את העולם לתוהו ובוהו!!! און די דריי־מעלה פאָלגן און מאַכן מיט

אַ שווייג, און די דרי־מטה... די דרי־מטה האָבן שוין באַלד פאַרגעסן דעם נעכטן... גזירה על המת שיישכח מן הלב! און די וואָס געדענקען נאָך יאָ, מוזן האַלטן אַ שלאָס אויפן מויל, הס כל בשר — טמיר ונעלם!

איצט דאָ שיפט מען זיך נאָך אַלץ בלי ראשית ובלי תכלית אין דעם ים הגדול פון שניי און פאַר זיינע אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָס זעלבע בילד, וואָס ער זעט שוין בלי־הפסק עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד, אַלץ דאָס זעלבע — אַ האָר נישט געמינערט! דאָס זעלבע אומרואיקע שניי־פאָרהענגל, וואָס וויגט זיך פאַרן פענצ־טער פון קוויבישעוו אָן; דאָס זעלבע פונעם משוגענעם ווינט שניידנדיקע פייפעריי, פון וועלכן עס גייט אים דורך אַ גרויל איבערן לייב, וואָס באַגלייט זיי פון מאַגניטאָגאָרסק אָן; און אַלץ דאָס זעלבע... און אַלץ דאָס זעלבע... און טאַקע מער גאָרנישט! ניין, אַזוי טויג נישט! וואָס זשע טוט מען פאָרט?

יוסף גיט זיך אַ דריי אום און טוט צוריק אַ פּראַל אויף זיין אויסגעשפּרייטן וואַטניק. זיינע אויגן מאַכן זיך צו פון זיך אַליין און ווידער שוועבן אַרויס פון דער טונקלקייט די אויפטרייסלענ־דיקע איבערלעבענישן, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן פאַר דער לעצטער וואָך... ער לאָזט נישט פאַרלוירן גיין פון זיין זכרון קיין איין עפּיזאָד, קיין איין וואָרט, קיין איין עפּעס־זאָגנדיקן בליק — כבקרת רועה עדרו... כן יעביר ויספור וימנה ויפקוד...

...ער געדענקט בלויז, ווי ער איז באימה ופחד געגאַנגען צו דעם נאָר וואָס צוריקגעקומענעם פאָנאָמאַרענקאָ'ן, דאַן געדענקט ער נאָך, אַז יענער האָט אים אומגעקערט דאָס אומצאָליקע־מאָל־איבערגעשריבענע צעטעלע און האָט אים דערביי איבערגעגעבן, אַז פון אַלע הבטחות האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך... מיט איינעם האָט ער נישט גערעדט איבער אַזאַ טעם און אַזאַ סיבה; מיטן צווייטן האָט ער נישט גערעדט איבער אַן אַנדער טעם און אַן אַנדער

סיבה. עיקר הדבר — ס׳איז תוהו ובוהו וחושך על פני תהום! און פּלוצלינג האָט עפּעס אַ בליץ געטון פון דעם נאַטשאַלניקס מויל און ווי מיט אַ גסה־חלף בלענדנדיק אַ שנייד געטון די לופט און... און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אויפן דריטן טאָג ליגנדיק אין לאַזאַרעט מיט אַ טאָרבעלע אייז אויפן שטערן...

די קראַנקן־שוועסטער, וועלכע ער האָט געקענט שוין פון לאַנגע יאָרן, האָט אים דערציילט, אַז באַלד ווי דער נאַטשאַלניק איז געקומען אין לאַגער אַריין פון דעם צוזאַמענפאָר, איז ער, גאָרדאָן, גלייך מיט אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטער, געגאַנגען אים אָפּגעבן דעם ראַפּאָרט פאַר דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט. געגאַנגען איז ער טאַקע אַזוי ווי אַלע איבעריקע האָבן עס געטון, אָבער דאָרט איז ער פּלוצלינג געפאַלן חלשות... מען האָט גלייך אָנגעהויבן שטרענג צו פאָרשן די סיבה פון זיין אַוועקפאַלן, — אַלע אין לאַגער קענען אים דאָך גוט, אַז ער איז עפּעס נישט קיין באַלד־עפּעס־חלשנדיקער אַריסטאָקראַט — אַז מען זוכט גוט, געפינט מען, האָט מען טאַקע געפונען דעם שולדיקן: דער קוילן־סקלאַד האָט דעם טאָג צוגעשיקט אויף צו באַהייצן דעם בעטן־צעך עטלעכע זעקלעך קוילן, וועלכע עס איז פאַרווערט אַרויסצוגעבן ווי הייצונג אין באַוווינטע צימערן, מחמת זיי געבן פון זיך אַרויס שעדלעכע גאַזן. איוואַנטשוק, דער נאַטשאַלניק פון דער קוילן־באַזע, האָט באַלד אויפן אָרט באַקומען אַ שטרענגן פאָרוואורף. און אים, גאָרדאָנען, אַז מען האָט אים שוין יאָ אָפּגעמונטערט, האָט ער גלייך באַקומען אַזאַ הויכע טעמ־פעראַטור, אַז דער לאַגער־נאַטשאַלניק האָט אים שוין — ווי אַ פרייען מענטשן — געוואָלט אַריבערפירן אין שטאָט־האָספּיטאַל, נאָר דאָ האָט די היץ אָנגעהויבן צו פאַלן, צו פאַלן, האָט מען אים שוין איבערגעלאָזט אויף אירע הענט... אָבער איצט איז ער שוין, גאָט זיי דאַנק, אויף אַ דרך... נאָך עטלעכע טעג, העכסטנס אַ וואָך —

אים, גאָרדאָנען, איז אָט די גאַנצע מעשה מיט די שעדלעכע גאַזן פאָרגעקומען אַזוי נאַטירלעך, — וואָס זשע, ער קען נישט איוואַנטשוקן, וואָס פאַר אַ קעצענעם מוח יענער האָט, ס'איז ביי אים ערשט אַ נייעס? — אַז ער האָט זיך אפילו נישט געגומען גריב־לען אין זכרון און זוכן אַנדערע סיבות פון זיין ליגן דאָ מיט אייז אויפן קאָפּ. ער האָט זי גאָר, סתם אַזוי, אַבי עפּעס צו זאָגן, אַ פרעג געטון:

— אַננאַ וואַסיליעוונאַ, וואָס הערט זיך עפּעס גוטס אין לאַ־גער? עס זענען פאַר די פאָר טעג אָנגעקומען פרישע טראַנס־פאָרטן מיט „ניעוואָלניקעס”? *

— ניין, קיינער איז נישט אָנגעקומען... אָבער ס'איז אָן דעם אויך געגוג טומלדיק —

— וואָס זשע איז דער טומל? אַלץ מיט דעם איבערדעקן די לעכערדיקע דעכער?

— וועלכע דעכער? וואָס פאַר אַ דעכער חלומען זיך אייך? ווער זשע קריכן איצט אין קאָפּ אַריין דעכער? דער נאַטשאַלניק פאָרט דאָך פון אונדז אַוועק —

— ווּהין איז שוין ווידער דאָס פאָרן? ער איז דאָך ערשט געקומען —

— האַ! איר ווייסט נאָך פון גאָרנישט? מען האָט אויפן צוזאַמענפאָר באַשטימט פּאָנאָמאַרענקאָ'ן פאַר נאַטשאַלניק אין אַ צווייטן לאַגער...

ווי אַ שטראָם ברענענדיקער מעטאַל האָט זיך מיט אַ מאָל אַריינגעריסן אין זיין זכרון די גאַנצע סצענע ביים נאַטשאַלניק אין קאַבינעט און זיינע לעצטע ווערטער: „ווו האָסטו געזען, אַז אַ מענטש זאָל רעדן צו זיך אַליין?”... ער איז אַראָפּגעשפּרונגען

---

* דאָס זעלבע וואָס: אַרעסטאַנטן.

פונעם בעט אין די קאַזיאָנע תחתונים און האָט אַרומגעכאַפּט אַננאַ וואַסיליעוונען... יענע, אַן עלטערע קאָזאַטשקע, איז פון אַזאַ אומ־גערירכטן אָנפּאַל געוואָרן טויט־דערשראָקן און ער, יוסף, האָט זיך דערנאָך אויך געשעמט פאַר זיך אַליין:

— אַז ע ר זאָל טון אַזאַ זאַך... ווײ, ווײ, וואָס האָט זי געקענט אויף אים טראַכטן?

ער האָט גלייך אָנגעקלונגען פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן, אַז נאָך היינט פאַרלאָזט ער דעם לאַזאַרעט, נאָר דאָ האָט די קראַנקען־שוועסטער אויסגעריסן ביי אים דאָס טרייבל פון דער האַנט און האָט אָנגעג־רעדט דעם נאַטשאַלניק „פּערציק פּעסלעך אַרעסטאַנטן" וועגן זיין היץ און וועגן זיין קאָפּווייטיק און וועגן זיין אָפּגעשוואַכטקייט... דער סוף איז געווען — פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אים פאַרווערט אין דעם זעלבן טאָג אַרויסצושטעלן אַ פוס פון דער פּאַלאַטע... עס האָט אים, גאָרדאָנען, בשעת־מעשה אָנגעכאַפּט אַזאַ ווילדער כעס אויף אָט דער צעפּיעשטשעטער אַננאַ וואַסיליעוונען, אַז ער האָט איר, געדענקט ער, אַזש געדראָט מיטן קולאַק...

דעם צווייטן אינדערפרי איז ער אַרויסגעשפּרונגען פונעם לאַזאַרעט, ווי פון אַ שוויצבאָד. ס׳איז אים אוממעגלעך געווען צו דערקענען. ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. ער האָט געהאַט אפשר 42° היץ — פון פרייד, פון גליק: ער האָט זיך דערקליבן צו זיין טאַניושען! ער האָט איינגענומען קאַראַגאַנדאַ! בחרבו ובקשתו! ניין, דויד המלך זאָגט: כי לא בקשתי אבטח וחרבי לא תושיעני... ניין, ניין, לא בחרבו ולא בקשתו — בדורון ובתפילה האָט ער עס איינגענומען... שערי דמעות לא ננעלו... און אַצינד — ווער, וועלכער קראָנפּרינץ איז איצט גלייך צו אים?

צוויי טעג נאָך אַנאַנד האָט מען נישט געזען פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער. געווען אַזעלכער און דו גיי זוך אים. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין ענדגילטיקן אויסוואָרצלען

זיך פון סוליקאַמסק, האָט ער געהאַט אָן אַ שיעור ענינים צו ברענגען אין אָרדענונג און איך מאָל פאַר אַלע מאָל אַלץ צו ליק־ווידירן. ער, גאָרדאָן, האָט פאַר די צוויי טעג ממש איבערגעקערט דעם לאַגער מיט די פיס אַרויף. די אַרבעט האָט געברענט אונטער זיינע הענט, ווי פלאַקס קעגן פלאַם. סיי די לאַגערניקעס, סיי דער באַדינונגס־פערסאָנאַל, סיי די נאַטשאַלסטווע — אַלע האָבן זיי אָנגעקוקט דעם נעכטיקן חולה מיט גרויס פאַרווונדערונג. ס׳איז גאָר געווען נישט דער זעלבער גאָרדאָן, וואָס אַלע מאָל: דאָס קול, דער בליק, די „פּאָכאָדקע״,* אפילו דער טאָן, די מינע, די תנועה — אַן אמתער קאָמאַנדיר! צום ערשטן מאָל זינט ער האָט זיך אומגעקערט פון קיעוו האָט מען אין אים דערפילט דעם פרייען מענטשן; דעם אומאָפּהענגיקן, דעם עקשן און דעם אויס־פירער פון דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אויספירן...

אויפן דריטן טאָג, שפּעט נאָך מיטאָג, איז פּאָנאָמאַרענקאָ אַריינגעפלויגן אין לאַגער אַריין ווי אַ דונער. וויפל יוסף האָט זיך נישט באַמיט זיך אים צו וויזן פאַר די אויגן — איין מאָל ניין! אַלע פאַרוואַלטערס פון די אָפּטיילונגען זענען געשטאַנען הינטער זיין טיר, יעדער מיט זיין ראַפּאָרט און מיט זיין פּעקל דאָקומענטן אויף אונטערצושרייבן. יוסף האָט שוין אפילו פאַרלוירן די האָפע־נונג, אין יענעם טאָג אים צו זען, ווען שפּעט אין אָוונט האָט אים אַ וועכטער אויפגעזוכט אין 53סטן סקלאַד:

— גאָרדאָן, צום נאַטשאַלניק! נאָר שנעל, ער וואַרט אויף דיר אין אויטאָביים טויער —

אינסטינקטיוו האָט יוסף אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דעם מאַנטל און איז אָן אַן אָטעם אַוועקגעלאָפן צו דער קאָנטראָלקע. דער פראָסט האָט געברענט און געסמאַליעט דאָס פּנים מיט סכנות־

---

* כמו: דאָס גענגעלע, דער געשטעל.

נפשות. פֿאָנאָמאַרענקאָ האָט נאָר עטוואָס אָפּגעטוליעט דאָס לעפּל פּונעם קאָבינע־פּענצטערל:

— יאָסיף זאַלמאַנאָוויטש! קריכט אַריין ביטע צו מיר אין קאָבינע. גייט אַריבער אויף יענער זייט —

און טראַגנדיק זיך ווי אַ וויכער איבער דער גלאַטיק־פּאַרווייע־טער אַספּאַלטירטער מאַגיסטראַל, פֿרעגט ער אים מיט אַ ליבלעכן בייזער:

— איצט שווייגסטו אויך, גאָרדאָן?

— איך האָב נישט קיין ווערטער, חבר נאַטשאַלניק —

— סעריאָזשאַ הייס איך, און אַזוי זאָלסטו מיך רופֿן! דאָ זענען דאָך נישטאָ קיין פֿרעמדע מענטשן, וואָס מען דאַרף פֿאַר זיי זיך „אירצן" און זיך „באַטקעווען"* —

יוסף האָט אים צערטלעך פֿאַרקוקט אין די אויגן:

— איך ווייס נישט פֿון וואָס אָנצוהייבן, סערגיי איוואַנאָ־וויטש... כ'מיין סעריאָזשאַ...

— דו ווייסט גאָר נישט, ווי אַזוי דו האָסט מיך איבערגע־שראָקן מיט דיין חלשות־פֿאַלן... ווער האָט זיך געקענט ריכטן דערויף, אַז דו, אַזאַ אַלטער קאַטאָרזשאַן ווי דו, געדענקסט נאָך אָט די נגידישע תנועה'לעך?

— סעריאָזשאַ, סערגיי איוואַנאָוויטש, וואָס רעדט איר? אייערע ווערטער האָבן מיך דאָך געטראָפֿן ווי אַ באָמבע... ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג... ס'איז ביי אייך דען אַ נייעס, אַז גאַנץ אָפֿט ווערט דער מענטש איינגעבראָכן פֿון צו פֿיל גוטס, פֿיל שנעלער ווי פֿון צו פֿיל שלעכטס... אַ מענטש ריכט זיך גיכער אויף אַ כוואַליע צרות, איידער אויף אַ כוואַליע פֿון גליק... א י ך

* רופֿן אויפֿן פֿאָטערס נאָמען, ווי מען איז זיך נוהג אין רוסלאַנד.

האָב זיך געוווּנטשן איבערצושיקן אַ בריוו, אַ פּאָר רובל, און דאָ גאָר אַזאַ ישועה! יעי באָגו,* ווען איך האָב חלילה אַ קראַנק האַרץ, וואָלט שוין דאָס מאָל דווקא נישט געווען וועמען צו מינטערן...

— גאָרדאָן, דו ווייסט דען, וואָס איך האָב פון דיינעט וועגן געטון?

— ווייסן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווייס איך נאָך פּאָרלויפיק גאָרנישט, אָבער מיר דאַכט זיך... איך האָב דאָס געפיל... אַז איך ווייס אַלץ...

— ניין, דו ווייסט גאָרנישט! ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט מיטן אַוויאָן פון קרים, האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער באַזונדערער אָפּטיילונג — דער צווייטער פאַרטרעטער פונעם נאַרקאָם אַליין איז אויך געווען דערביי — זיי האָבן מיר דערציילט, אַז די ספּעציעלע רעוויזיאָנע־קאָמיסיע האָט זייער געלויבט מיין אַרבעט און דעריבער געבן זיי מיר די ברירה זיך אויסצוקלייבן: אין וועלכן פון די פינף אָנגערופענע לאַגערן מיר געפעלט בעסער צו גיין אַרבעטן... און מען האָט מיר אָנגערופן: מאַרינסק, און מען האָט מיר אָנגערופן: טשיטאַ, און דאַן: אירקוטסק, און דאַן: סעמיפּאַלאַטינסק, און... און קאַראַגאַנדאַ... זאָג מיר, דו ווייסט כאָטש, דו האָסט דען אַ השגה, וואָס עס הייסט אַזוינס: מ אַ ־ ר י נ ס ק? דאָס איז דער גרעסטער, אָדער כמעט דער גרעסטער לאַגער אין לאַנד! אַ לאַגער־דעפּאָ! דער גרעסטער קנופּ־פּונקט, דער גרעסטער פּרשת־דרכים פון אונדזער נעץ! אַ לאַגער וואָס אָפּעריירט מיט פיל פיל צענער — און אפשר גאָר הונדערטער — טויזנטער קעפּ אין יאָר! אַ לאַגער, וואָס גאַנץ אָפּט קומט אַהין דער נאַרקאָם אַליין! ווייטער: אירקוטסק! דו האָסט דען אַ השגה, ווי אַנטוויקלט, ווי מאָדערנע־איינגעאָרדנט אָט דער אירקוטסקער

---

* ביי גאָט.

לאַגער איז? צי למשל: טשיטאַ! היינט צו טאָג רעכנט זיך דער טשיטינסקי לאַגער, דער „קאָנטינענטאַל" פון די סיבירער לאַגערן. דער נאַטשאַלניק פון יענעם ריזיקן און מעכטיקן אינדוסטריעלן קאָנ־צערן, פון יענעם קאָמפּאַקטן מענטשן־מאַסיוו, גייט אַרום אויף גאָטס וועלטל ווי אַ גענעראַל... ווי אַ גענעראַליסימוס... און לעבט אָפּ זיינע יאָרן און טעג ווי אַ פּערסישער פּרינץ, ווי אַ מאָנאַרך! און איצט שטעל אַוועק קעגן אָט די נ.ק.וו.ד.־אימפּעריעס דאָס מאָגע־רע, דאָס דאַרע און קוואַרע לאַגער'ל, וואָס וואַלגערט זיך אין יענעם וויסטן עק, וואָס מען רופט אים: קאַראַגאַנדאַ... דער ערגס־טער, דער אָפּגעשטאַנענסטער, דער פאַרוואָרפנסטער לאַגער, איז דער לאַגער פון קאַראַגאַנדאַ... ווען איך האָב געדאַרפט זאָגן מיין וואָגיק וואָרט, צו וועלכן פון די אָנגערופענע לאַגערן איך שטרעק אויס מיין אַזוי גערופענעם „שרביט המלכות", האָט זיך מיר אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן דאָס בילד, ווי דו שטייסט ביי מיר אין קאַבינעט און וויינסט ווי אַ קליין קינד... און קענסט נישט אַרויסברענגען פון עם מויל קיין איין וואָרט... און כאָטש ס'איז מיר באמת געווען אַ בזיון פאַר דער העכערער נאַטשאַלסטווע זיך צו ווייזן פאַר זיי אין אַזאַ שלימזלדיקן ליכט, דאָך האָב איך זיי גע־ענטפערט: קאַראַגאַנדאַ! וואָס זאָל איך דיר זאָגן, יאָסיף? זיי האָבן אויף מיר אויסגעשטעלט מויל און אויערן! זיי האָבן מיך אָנגע־קוקט ווי אַ מענטשן, וואָס האָט זיך גערירט פון עם זינען... פאַר־שטייסט אַ כאַפּ אַ ביסל: מאַרינסק—קאַראַגאַנדאַ... אויב מיר'ן פּרווון זאָגן, אַז דאָס איז ווי אַ דאָרפישע כאַלופּע קעגן דעם ווינטער־פּאַלאַץ פון דעם געוועזענעם צאַר־באַטיושקאַ, איז דאָס כלל נישט קיין גוזמא. און דערפאַר האָבן זיי אַלע געמיינט, אַז ביי מיר אין מוח איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. אויף זייערע שטוינענדיקע בליקן, וואָס זענען געווען פול מיט אומפאַרשטאַנד און מיט שטילן חוזק, האָב איך זיי ווי ווייט מעגלעך רואיק געגעבן צו פאַרשטיין מיין שטאַנדפּונקט:

— וואָס פאַר אַן אינטערעס איז פאַר מיר צו קומען קאָמאַנ־דעווען אין אַ לאַגער אויף אַלעם גרייטן? איך בין נאָך אַ יונגער מענטש און וויל אַליין עפּעס אויפטאָן. עפּעס אויפשטעלן מיט די אייגענע צען פינגער. און אין דעם אָפּגעשטאַנענעם קאַראַגאַנדאַ איז דאָ אַ ברייט פעלד ווּ אַרויסצווייזן ענערגיע... איניציאַטיוו און מוט...

זיי האָבן אַלע אפילו געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי פאַרשטייען מיך און זענען נתפּעל פון מיין דראַנג צו אַרבעט, אָבער אין זייערע אויגן האָב איך גוט געזען, ווי זיי באַדויערן מיך, ווי זיי זאָגן אין האַרצן אַ „פּאַניכידע״* נאָך מיר, נאָר מילא, וואָס האָב איך גע־קענט העלפן? איך האָב זיי דאָך נישט געקענט דערציילן, אַז הינטער מיר שטייט אַ גאָרדאָן, וואָס קען וויינען ווי אַ באַבע און קען חלשן ווי אַ וועלמאָזשנע פּאַני... בקיצור — מען האָט שטאַרק־שטאַרק באַדויערנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ, אָבער מען האָט אויפן אָרט, אָן קיינע טענות ומענות, אַקצעפּטירט מיין אויסוואַל... און דו מיינסט, אַז —

— גאָרנישט מיין איך נישט, טייערער סערגיי איוואַנאָוויטש... איך בין נאָר זיכער, — מער ווי זיכער! אַז גאָט, אָט דער יידישער גאָט, איבער וועלכן איך בין געזעסן אָפּגעשפּאַרט פון דער ליכ־טיקער וועלט גאַנצע צען יאָר, האָט אייך צוגעשיקט אויף מיין וועג... זייט וויסן, אַז איך וועל קיין מאָל, קיין מאָל נישט אימשטאַנד זיין אייך צו באַצאָלן פאַר אָט דער טובה —

— קיינער וואַרט נישט אויף דיין באַצאָלטס, שוטה איינער... צוליב דיין באַצאָלטס האָב איך זיך פאַרשטעקט אין יענעם מדבר אויף לאַנגע יאָרן? איך האָב דאָס געטון... איך האָב דאָס געטון... צוליב... איך ווייס צוליב וואָס איך האָב עס געטון? גלייב מיר, איך

---

* אַ הספּד, אַ תּפילת־אשכבה.

ווייס אַליין אויך נישט צוליב וואָס איך האָב עס געטון... באמת, כ׳ווייס נישט! דו קענסט עס דיר אָנרופן אַ מינוטלעכע שוואַכקייט... וועסטו זיין נישט ווייט פונעם אמת... דו מיינסט, אַז נאָר דו איינער ביסט אַ ביסל אַ משוגע׳וואַטע בחור? לעבסט אין טעות! א י ך בין אויך נישט בעסער פון דיר... אפשר האָב איך זיך אָנגעשטעקט פון דיר... אָבער זאָג אַליין, ווי אַזוי האָב איך געקענט אַנדערש האַנדלען? אַז דו האָסט פאַרט אַזוי גערעוועט... וואָס בין איך פון אייזן? צי איך האָב נישט פאַרלוירן קיין כלה? אַן עק! זאָל שוין זיין גענוג סענטי־מענטן! אַ מענטש דאַרף אין זיין לעבן אַלץ אויספּרוּוון, ווען מיר ביי לית־ברירה פאַרזוכן דעם טעם פון קאַראַגאַנדאַ אויך... איצט הער מיך אויס! מיין מיטנעמען דיך מיט זיך איז ביי מיר נישט געקומען עקספּראָמטאָם. קיין אַנדער צייט פאַר דיר, ווען דיר צו דערלאַנגען מיין ראַפּאָרט, האָב איך נישט געקענט צוקלערן. אין לאַגער, ווייסטו דאָך אַליין גוט, צערייסט מען מיך אויף לעבעדיקע שטיקער. און דאָס וואָס איך דאַרף נאָך מיט דיר איבערשמועסן, קען נישט געמאַכט ווערן ספּאָנטאַן, נאָר לאַנגזאַם און באַישובֿט. יעדער שריט מוז זיין אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן, פּונקט אַזוי ווי אין אַן אונטערוואַסער־שיף, ווען אויף דיין „סטעליע״ טאָפּטשען זיך דעם שונא׳ס טאָרפּעדע־קאַטיער׳ן מיט פולע בייכער אויפרייס־שטאָף... אויף קורץ, ווו האַלטן מיר? דו נעכטיקסט היינט ביי מיר! ווו וועל איך דיר אַצינד נעמען אַן אויטאָ אויף צוריק? האָב קיין מורא נישט, עס וועט זיין פּלאַץ גענוג. איך האָב נאָך ביי טאָג אָנ־געקלונגען צו מיין ווייבל וועגן דעם. און וועטשערע וועסטו אויך עסן מיט אונדז! און זאָלסט מיר נישט פּרוּוון דערציילן דיינע אַלטע מעשׂות: דאָס מעג איך און דאָס טאָר איך נישט, — דאָס איז אַ באַפעל! אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל אַוועקפאָרן אי־בערנעמען דעם לאַגער און דיך, דעם גלאַוונע מחותן אויף דער חתונה, איבערלאָזן דאָ, געהערט צי ניין?

— גוט, גוט, מיר וועלן שוין ווי עס איז דורכקומען —

— קיין שום דורכקומען זאָל נישט זיין! מיט ווען רעדסטו עס, זאָג מיר? אַזוי רעדט מען צו אַ נאַטשאַלניק? איצט ווייטער: מאָרגן שרייבסטו אָן צו מיר אַ ראַפּאָרט — אָדער גלייכער איז נאָך היינט אויף דער נאַכט — אַז דו בעטסט מען זאָל דיך באַ־פרייען פון דיין פּאָסטן אויפן סמך, וואָס דו האָסט זיך באַוואָרנט די דאָזיקע רעכט איידער דו האָסט נאָך אָנגעהויבן צו אַרבעטן... מער גאָרנישט! און אויפן צווייטן טאָג זאָלסטו מיר שוין נישט זיין אין סוליקאַמסק, ווייל אַ ליאַדע טאָג דאַרף אָנקומען דער ניי־באַ־שטימטער נאַטשאַלניק און איך מוז אים איבערגעבן דעם לאַגער מיטן גאַנצן באַוועגלעכן און אומבאַוועגלעכן אינווענטאַר, — דו פאַרשטייסט מיך? טאָמער טרעפט ער דיך נאָך דאָ, קענען פאָרקומען נישט קיין געוווּנטשענע רייד... עס קען זיך ביי עמעצן פון די, וואָס ווילן דיך האָבן דאָ, למשל, ביי גאַזאָנאָוון, — דערוועקן אַ חשד, אַז איך עקספּעדיר דיך פונעם לאַגער, און דאָס טאָר נישט פאָרקומען! דאָס קען נאָך, ביים „גוטן ווילן", דערגיין אין די הויכע פענצטער און וואַרפן אַ שאָטן אויף מיין אומבאַפלעקטן נאָמען. בנוגע דעם פּראָפּוסק — ווייל קיינער דאַרף נישט וויסן, וווּהין דו פאָרסט — וועל איך הייסן, מען זאָל דיר אים צוגרייטן און אויספילן אַלץ ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר דער נאָמען פון דער שטאָט, — אַזוי ווי דו האָסט נאָך אַלץ נישט באַשלאָסן, וווּהין דו ווילסט זיך אַוועקלאָזן, — וועל איך שוין אַליין צושטעלן... דו וועסט אַוועקפאָרן קיין קאַראַגאַנדאַ — די פּראַגע פון געלט וועלן מיר באַזונדער אַרומרעדן בשעת דעם עסן — און דאָרטן וועסטו וואַרטן אויף מיין בריוו, אַז דו זאָלסט קומען אין לאַגער אַריין. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ בריוו וועל איך דיר שיקן נישט פריער, ווי איך וועל האָבן איבערגענומען דעם לאַגער און אַרויס־באַגלייט דעם פריערדיקן נאַטשאַלניק אין וועג אַריין... איר ביידע

טאָרט זיך בשום אופן נישט באַגעגענען ווי צוויי פּאַראַלעל־שוועבנ־דיקע קאָמעטעס... אַזוי איז מען זיכערער פון אַ צוזאַמענשטויס...

— וווהין וועט איר מיר שרייבן? אויף וועלכן אַדרעס?

— וואָס זשע, דו ווייסט גאָרנישט וווהין מען שרייבט, ווען מען ווייסט נאָך נישט יענעמס אַדרעס? — אויף דער הויפּט־פּאָסט צום פּאָדערן! און דו וועסט יעדן טאָג גיין פרעגן.

— סערגיי איוואַנאָוויטש, — אַ לעבנסוויכטיקע בקשה!

— וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ נייעס?

— אַז איר וועט קומען אין לאַגער אַריין און... און... — איך האָף דאָך נאָך אַלץ, אַז טאַני פייגנבוים לעבט! — און איר וועט איר נאָמען געפינען אין די ליסטעס פון די לעבעדיקע, בעט איך אייך, ווי אַן אייגענעם ברודער, איר זאָלט ווי ווייט עס וועט זיין מעגלעך זי צוגרייטן צו מיין קומען... אָט אַזוי: מיט האַלבע ווערטער, מיט אַ ווינק, מיט אַ לייכטער אָנצוהערעניש... ווייל מיט איר געקלעפּט הערצל, טאָמער דערלאַנגט מען איר פלוצלינג אַזאַ פּאָרציע איבעראַשונג, ווי איר האָט מיר נישט ווילנדיק דערלאַנגט, איז אַרויסגעוואָרפן אונדזער גאַנצע טרחה —

— גוט, גוט... איך וועל זיך באַמיען... איך, מיין נאַטאַליאַ... מירן עס שוין זען מאַכן, ווי צום בעסטן —

— און איצט, דערלויבט מיר, חבר נאַטשאַלניק, נאָך איין פראַגע —

— דער חבר נאַטשאַלניק דערלויבט אייך אים שטעלן נאָך איין פראַגע —

— פאַר וואָס, סעריאָזשאַ, ביסטו אַריינגעקראָכן אין אָט דעם פאַרבלוטיקטן העמדל? אַז מען איז אַ קוימענקערער מוז מען פאַרסאַזשעט ווערן, אַז מען שטייט אין יאַטקע ביים קלאָץ... אוי אַ שאָד, אוי אַ שאָד, אַזאַ גאָלדענע נשמה, ווי דו האָסט... דו וועסט זיך נאָך איינריכטן...

— שוויג דו, וויעלמאָזשנע שליאַכעטקע! אַ מענטש — בלייבט אומעטום אַ מענטש! אַז מען האָט אַ גוטע ראיה, קען מען גיין אויך צווישן גריבער און נישט אַריינפאַלן —

— גערעכט! סדאַיוס!* דו האָסט דאָס ערשט באַוויזן הלכה למעשה... דיין גיין מיטן יונגן ווייבל פּראַווען גלות אין דעם פאַר־וואָרפענעם קאַראַגאַנדאַ אָנשטאָט צו ווערן דער אַלמעכטיקער מאָנאַרך פון מאַרינסקער גיגאַנטישן לאַגער־מאַסיוו, און דאָס אַלץ צוליב מציל זיין אַ מענטשלעך לעבן, דערמאָנט מיר אַ חומש־מעשה... ווען ביי אונדזער הייליקן פאָטער יעקב איז געשטאָרבן זיין באַליבטסטע פרוי, די מוטער רחל, האָבן זיי זיך גראָד געפו־נען אין דעם וויסטן מדבר. יעקב־אבינו מיט זיך אייגענער גוואַר־דיע האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך אָן שוועריקייטן זי געקענט מיטנעמען מיט זיך און זי ברענגען צו קבורה אין אַ ישוב, אין אַ בכבודיק אָרט, ווי זי האָט ביי אים און ביי אירע קינדער פאַר־דינט, אָבער ער האָט אַזוי נישט געטאָן! זייענדיק ברוח קדשו, אַז שפּעטער מיט פיל פיל הונדערטער יאָרן וועט מען דאָס פאָלק־ישראל אַרויסטרייבן פון זייער לאַנד אין גלות אַריין, האָט ער זי מקבר געווען אין מיטן דער מדבר, אויפן וועג ווו די גולים מוזן פאַרבייגיין, כדי זיי זאָלן קענען זיך געזעגענען מיט איר און האָבן אין אַזאַ שווערער מינוט פאַר וועמען אויסצוגיסן דאָס בלוטנדיקע האַרץ... אַ ביסל צו לינדערן דעם ביטערן יאוש... אָט דאָס זאָג איך: אַ שטייגער, וואָס וואָלט פון מיר און פון טאַניין געוואָרן, ווען נישט דו טרעפּסט זיך אונדז אויפן וועג, סעריאָזשאַ?

און אויף צו מאָרגנס איז אין קאָנטאָר געווען חושך — אַז גאַזאָנאָוו, דעם נאַטשאַלניקס פאַרטרעטער, — וועלכער

---

* כ׳גיב זיך אונטער, כ׳רעזיגניר!

איז אַזוי אויך אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעבלאָזענער ווי אַ בער, ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט — האָט נאָך „געכאַפּט אַ צונג“, אַז גאָרדאָן נעמט זיך פּלוצלינג אַראָפּ פון דער אַרבעט, האָט ער זיך אַריינגעריסן צו פּאָנאָמאַרענקאָ׳ן אין קאַבינעט אַריין מיט אַ געשריי, אַז ער וועט אויך אַוועקוואַרפן די אַרבעט; אַז ער וועט פאָרן אין נאַרקאָמאַט אַריין מיט אַ פּראָטעסט... בקיצור: ער וועט און ער וועט און ער וועט... דער נאַטשאַלניק האָט אים גאָר נישט געקענט איינשטילן, ביז יוסף איז אַליין געקומען צו גיין פונעם צעך און האָט אים געלאַסן מסביר געווען, אַז ער יוסף, האָט יענע נאַכט געהאַט אַ שלעכטן חלום, און ער מוז צופאָרן אַהיים, כדי צו זען מיט די אייגענע אויגן, אַז ס׳איז נישט ווי מען האָט אים געוויזן אין חלום. נאָר דאַן, ווען ער וועט טרעפן אַלע זייניקע לעבעדיק, וועט ער זיך איבערצייגן, אַז — החלומות שוא ידברון, און דעריבער איז אומזיסט דאָס שרייען מיטן פילדערן — אפילו קיין איין איבעריקן טאָג וועט ער דאָ נישט פאַרבלייבן, ווען ער זאָל אפילו וויסן, אַז מען וועט אים דערפאַר שוין קיין מאָל מער אַהער נישט אַריינלאָזן...

דער סוף איז געווען, אַז פון זיינע, יוסף׳ס, קלוגע און געלאַסענע רייד איז גאַזאָנאָוו ערשט אַריין אין דער רעכטער רציחה און האָט זיך מיט אים טאַקע נישט געוואָלט געזעגענען. דערפאַר אָבער האָבן אַלע לאַגערניקעס אים וואַרעם און ברידערלעך געזעגנט; זיי האָבן זיך אָפנהאַרציק מודה געווען פאַר אים, אַז זיי האָבן לכתחילה באַטראַכט פאַר אַ משוגעת פאַר אַ מענטשן, וועלכער איז געווען אָפּגעשפּאַרט פון דער גאַנצער וועלט קיילעכדיקע צען יאָר, אַז ער זאָל קומען צוריק אין לעבעדיקן קבר אַריין צוליב אַ שטעלע; צוליב אַ שטיקל ברויט... ס׳איז, דאַכט זיך, בעסער צו בעטלען ביי די קאָלכאָזניצעס אַ ברויזן קאַרטאָפל־שאָלעכץ, — אַבי אויף דער פריי, איידער זיך באָדן אין האָניק און אין פּוטער — נאָר אין לאַגער!

אַלע אָן אויסנאַם האָבן אים אַרויסבאַגלייט ווי אַן אייגענעם און איבערגעגעבענעם ברודער; אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן בענקען נאָך אים ווי נאָך אַן אייגענעם פאָטער, ווי נאָך אַ מוטער, און אים נישט פאַרגעסן ביז... אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן נאָך זיין אין לאַגער —

יוסף דרייט זיך אויס אויף דער צווייטער זייט און שפּרינגט פּלוצלינג אויף ווי אַ פרוזשינע: ס'איז שוין שפּעט מנחה צו דאַווענען! ער קריכט אַראָפּ פון דער זיך צוגעגעסענער פּאָליצע, וואַשט זיך די הענט און גייט אַרויס אין קליינעם קאָרידאָרל — דאָרט האָט ער נישט קיין שכנים, דאָרטן דאַוונט ער וויפל זיין האַרץ גלוסט... אמת, צווישן זיינע וואַגאָן־שכנים זעט ער נישט אַזעלכע, פאַר וועמען מען דאַרף זיך היטן, און ער וואָלט פריי געקענט דאַווענען זיצנדיק אויף זיין „הסבה־בעט", אָבער... פון דעסט וועגן למיחש מיבעי! ווער ווייסט זיי, אָט די קאָזאַקן? אפשר קען עמעצן פון זיי נישט געפעלן ווערן זיין שעפּטשען דאָרט, איבער זייערע קעפּ, — זיי קענען דאָס נאָך אָננעמען פאַר כישוף, צי דער רוח ווייסט וואָס נאָך — און אויפהייבן אַ גוואַלד... און דערצו איז ער אַ „געוועזענער"... און טאַקע געזעסן אויך פאַר רעליגיעזע מעשים־טובים... דאָס קען ווערן אַ סמיכות־הפרשה... אַז ער איז ממשיך צו אַגיטירן די פשוטע פאָלקס־מענטשן... מער פעלט אים איצט נישט! ניין־ניין, נאָך אַזאַ אצבע־אלקים, ווי מען האָט אים באַוויזן דורך פאַנאָמאַרענקאָ'ן, טאָר ער נישט ריזיקירן אפילו אויף קיין האָר... ער דאַרף איצט זיין נזהר פון אַ פגע־רע נאָך הונדערט מאָל מערער ווי אַ שוואַנגערנדיקע פרוי אין די הויכע חדשים... אין זיין ספּעציפישער לאַגע, — כל הדרכים בחזקת סכנה הם... נאָר דעם פאָרזיכטיקן היט גאָט... ניין, ניין, ער טאָר נישט קאַליע מאַכן דעם בנין פון דער השגחה־פּרטית איבער אַ שטות...

אין דרויסן איז דער ווינט שטילער געוואָרן און דער שניי

געדיכטער. עס פאַלט צו אַן אומעטיקער, יגון־עולמים׳דיקער בין השמשות. זיין אויפגערוימטע שטימונג פון דעם, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַזוי פיל גוטע פריינד אין סוליקאַמסקער לאַגער; דערפון, וואָס ער וועט אין גיכן אַריינטרעטן מיטן רעכטן פוס, מעשה־בעל־הבית, אין דעם נישט צוטריטלעכן קאַראַגאַנדאַ׳ער לאַגער, ווערט ביסלעכווייז אָפּגעקילט, אויסגעלאָשן, ביז זי צעריינט אין גאַנצן און פאַרשווינדט צווישן די בערג מיט ספקות און חששות, וואָס פילן מיט זיך אָן זיין אויסגעמאַטערטן מוח:

— וווהין פאָרט ער און צו וועמען פאָרט ער? ס׳איז שוין צוואַנציק חדשים, אַז זי האָט געדאַרפט זיך אומקערן אַהיים... און נאָך ביי איר שוואַך האַרץ... ווער ווייסט, צי ער וועט אפילו גע־ווויר ווערן, ווו איר געביין איז אַהינגעקומען?

פּלוצלינג גיט אים אַ בליץ אויף אַ רעיון:

— און אפשר גאָר פאַרקערט די מעשה? אפשר פאַר די עטלעכע חדשים, וואָס דו ביסט אין סוליקאַמסק געקראָכן פון דער הויט צו מאַכן גוט דער מלוכה, האָט מען זי דערווייל באַפרייט און זי איז אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו אויף די קברים, אָדער קיין מיטל־אַזיע אויפזוכן זעליקס ווייב, אָדער כ׳ווייס ווו נאָך ערגעץ אַנדערש?

יוספס ליידנדיק האַרץ ווערט דווקא שטאַרק צונויפגעפּרעסט פון דעם געדאַנק, אַז אפשר יאָגט ער זיך דאָ נאָך דעם נעכטיקן טאָג; אַז אפשר וועט ער דאָס מאָל אויך אָננעמען פולע זשמעניעס מיט ווינט, אָבער פון דעסט וועגן געפינט ער נאָך אין זיך גענוג מוט צו ענטפערן זיך אַליין:

— וואָס? פאַר וואָס קלערסטו איבער? טאָמער האָט מען זי באַפרייט און זי איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן? — פאָטער אין הימל, הלוואי וואָלט דאָס אמת געווען! זי וועט דאָך נישט נעמען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט, ביז זי וועט באַזוכן קיעוו, ביז זי וועט

ווידער זען פּאַר די אויגן די ד׳ אמות, ווו איר קינדער־וויגעלע איז געשטאַנען; ביז זי וועט באַזוכן זייער הויז, וואָס איז אַזוי פיל יאָרן אַליין פּאַר זיך געוועזן אַן עיר ואם בישראל. און זיכער וועט זי אויפזוכן די רביצין ביאַליק, — זי איז דאָך נישט אַזאַ שלימזל־ניצע ווי איך, וואָס זי, די רביצין, איז מיר אין גאַנצן אַרויס־געפלויגן פונעם קאָפּ, — און די רביצין וועט איר דאָך זיכער זאָגן, אַז איך זוך זי אַרום איבערן לאַנד, ווי אַנדערש? וועט זי אויך נעמען מיך אַרומזוכן, — דאָס איז בלתי ספק! מי מחזר אחרי מי? בעל־האבידה מחזר אחרי אבידתו! איצט איז יעדער פון אונדזביידע דער בעל־האבידה... חלק כחלק! מיר זענען דאָך נאָר אין צווייען געבליבן אין דעם גרויסן רוסלאַנד פון אונדזער אונטערגעגאַנגענער שיף... וועט מען זיך איינס דאָס אַנדערע אַזוי לאַנג אַרומזוכן ביז מען וועט זיך סוף־כל־סוף טרעפן... די וועלט איז קיילעכדיק, — כ ד ו ר העולם — מען טרעפט זיך ווען עס איז... אין אַזאַ אופן — הלואי טרעף איך זי דאָרט נישט! הלואי איך זאָל האָבן פאַרשפּעטיקט!

— רבונו של עולם, איך שווער דיר, אַז איך נעם דאָס אָן באהבה —

*

די שטאָט קאַראַגאַנדאַ — אַ גרויס צעוואָרפן דאָרף. וווהין דער פּריש־אָנגעקומענער וואַרפט נישט קיין בליק, דאַכט זיך אים אויס, אַז ער זעט אַ שטעמפּל פון מענטשלעכער אכזריות און מענטשלעכע ליידן, דאָס איז בולט ווי קין׳ס צייכן אויפן שטערן. די עטלעכע גרויסשטאָטישע מויערן, וואָס שטייען דאָ אַרויס־געשטעלט ווי אויף אַ בייזוווּנדער, געבן צו דעם דאָזיקן אומהיימ־לעכן דאָרף אַן אויסזען, ווי אַ דאָרפסגוי וואָלט פלוצלינג אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך די סוויטקע מיט די קאָרענע טשאָבאָטעס און

וואָלט אויף זיך אָנגעמיצלט אַן אַטלאַסענע זשיפּיצע און אַ שטריימל מיט כמה וכמה שפּיצן. די שטאָט האָט נישט קיין פּאַרקן, קיין הינטערשטאָטישע וועלדלעך, קיין גאַרטל פון פעלזן, קיין בערג און בערגלעך, זי האָט נישט קיין געביידעס־מאַסיוון און נישט קיין אַנדערע שוצוועגט, שטייט זי טאַקע, די שטאָט, אַן אָפענע, אַ צע־כראַסטעטע, אַזוי די שטאָט און אַזוי די איינוווינער פון דער שטאָט, — פּרזים היושבים בערי הפּרזות — הפקר פאַר אַלע ווינטן, מצויות ואינן מצויות, מארבע פּנות־העולם...

אינעם ערשטן האָטעל, וואָס יוסף — אַ מידער און אַ צעטריי־סלטער פון אַזאַ לאַנגער און אומעטיקער נסיעה — איז אַריינגעקומען זוכן אַ פּלאַץ ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ, האָט ער גלייך געכאַפּט אַן אָפּשניט פונעם פּאַרוואַלטער:

— דאָ איז אייך נישט פּאַריז און הערט אויף צו זוכן פּרייזע האָטעלן, זוכט שוין בעסער דעם ווינט אין פעלד —

— און אַז נישט פּאַריז, דאַרף מען נעכטיקן אויף דער גאַס?

— דאַרפן וואָלט מען אפשר נישט געדאַרפט, אָבער פאַר־לויפיק קומט אויס גאַנץ אָפּט —

גאָרדאָן האָט אויסגעמאָסטן אפשר אַ האַלבע שטאָט, ער איז שוין פשוט געפאַלן פון די פיס און קיין אויסזיכט אויף אַ מקום ללון האָט ער נאָך אַלץ נישט געהאַט. אַ דערשעפּטער פון אַלע כוחות האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט פון איין עק שטאָט אין דעם צווייטן און האָט אַ פאַרביטערטער געטראַכט:

— נישטאָ קיין פּלעצער! גערעכט, דאָ איז נישט פּאַריז און נישט לאָנדאָן און נישט ניו־יאָרק. דאָ איז בסך־הכל קאַ—ראַ—גאַנ—דאַ... אין שכנות מיט אַ קאָנצלאַגער זענען אַלע פּלעצער באַזעצט. ווי די רצחנישע רויבפייגל אויף אַ שלאַכטפעלד, אַזוי פליען זיי זיך צונויף די וואַמפּירן, די רויטע בלוטדאָרשטיקע זשאַנדאַרמען... וירד העיט על הפגרים... ויכס את עין הארץ...

ערשט העט־העט אין דער נאַכט, ווען ער איז שוין געגאַנגען איבער די זעלבע האָטעלן מיט דער צווייטער הקפה, נמושי בתר נמושי, האָט אַ מיידל פון איין האָטעל־פאַרוואַלטער — אַ פּנים, שוין נישט געקענט פאַרליידן דאָס רחמנות אויף דעם פרעמדן יונגנמאַן — עפּעס איינגערוימט איר פּאָטער אויפן אויער. יוסף, וועלכער האָט זיך אין אפּיסת־הכוחות שוין געשלעפּט איבערן הויף אין גאַס אַריין, איז צוריק אַריינגערופן געוואָרן.

דער פאַרוואַלטער האָט זיך אַ קראַץ געטון אין דער פּאַטי־ליצע מיט דעם טעמפּן עק פונעם בלייפעדער:

— הערט אויס, חבר, מיין טייער טעכטערל, וועלכע האָט גראָד גרויס מיטלייד מיט אייך, איז איינגעפאַלן אַ שטיקל אידייע מכוח אַ געלעגער פאַר אייך, אָבער איך אַליין זאָג אייך, אַז דאָס איז פאַר־בונדן מיט גרויסע אומבאַקוועמלעכקייטן פאַר אייך... טאָמער האָט איר ערגעץ אַנדערש —

— ווען איך האָב ערגעץ אַנדערש, וואָלט איך דאָך נישט געקומען צו אייך צום צווייטן מאָל... איר האַלט אפשר, אַז איך שלעפּ מיך אַרום איבער דער שטאָט לשם פאַרגעניגן?

— איז אָט וואָס: איך אַליין וווין אויפן צווייטן שטאָק, אָבער מיין פרוי איז נעבעך שטאַרק קראַנק... איר פרעגט, וואָס איז איר, פרעגט איר? ווייס איך, פון אַלצדינג צו ביסלעך... אַ ביסל דאָס האַרץ, אַ ביסל די לונגען און אַ ביסל אַנדערע זאַכן... ליגט זי ביי מיר אין אַ צימער אויפן דריטן שטאָק... זי גייט בכלל נישט אַראָפּ... שוין יאָרן לאַנג... אָפּגעצוימט מיט אַ דיקטן ווענטל פון איר צימער געפינט זיך אַ שמאָל צימערל אָן אַ פענצטער, אין קאָרידאָר אַריין איז אָפן אַ שויב, גייט פון דאָרטן אַריין לופט. ביז פריער מיט עטלעכע טעג פלעגט דאָרטן שלאָפן די געדונ־גענע קראַנקן־שוועסטער, וואָס זיצט שטענדיק לעבן מיין פרוי, לעצטנס איז מיין פרוי פלוצלינג ערגער געוואָרן, האָט מען דאָס

בעטל פון דער זיצערין אַריבערגענומען אין צימער פון דעם חולה, כדי זי זאָל קענען שטענדיק זיך געפינען לעבן איר, קענט איר פאַרנעמען אָט דאָס שטיקל ווינקל, אָבער איר פאַרשטייט מסתמא אַליין, אַז —

— אַ מאַטראַץ מיט אַ קישעלע איז דאָרטן דאָ?

— אודאי איז דאָ, ווי דען? אָבער דאָס צימערל איז אַ פינצ־טערס... עטלעכע מאָל אין טאָג קומט צו מיין פרוי דער דאָקטער, ער מאַכט איר דאָרט פאַרשידענע איינשפּריצונגען און אַנדערע מאַניפּולאַציעס, הייבן זיך דאָרטן קולות ביזן הימל, איר פאַר־שטייט? דעריבער זאָג איך אייך —

יוסף האָט קוים אַרויסגעקרעכצט:

— אָבער איך בין שלעפעריק און קען זיך מער נישט אַרומ־שלעפּן, איר ווייסט וואָס דאָס הייסט?

— ווי איר פאַרשטייט... מאַשאַ! שרייב איין דעם חברס נאָמען אין בוך פון די אורחים און ווייז אים דעם וועג צו יענעם צימערל —

די שמאָלע, גליטשיקע טרעפּ האָבן ווייטער נישט געפירט ווי אויפן דריטן שטאָק. אין טיפן ווינקל פונעם קאָרידאָר זענען לינקס געווען צוויי דיקטענע טירלעך: דאָס ערשטע האָט געפירט צום חולה אין צימער אַריין און דאָס צווייטע אינעם טונקעלן צימערל אַריין. גאָרדאָן, דערזעענדיק דאָס אייזערנע בעטל מיטן געלבלעכן קישעלע פון שטרוי, האָט ער זיך מיט דעם אַזוי משונה דערפרייט, אַז ער האָט כלל וכלל פאַרגעסן, אַז ער וועט שטענדיק מוזן זיצן ביי דער עלעקטרישער שיין; אַז ער האָט דאָ אַ קאַפּ־ריזנעם חולה כמעט ביי זיך אין צימער; אַז ער האָט דאָ נישט: נישט קיין טישל, נישט קיין בענקל. סיי דאַוונען, סיי עסן וועט ער מוזן זיצנדיק אויפן בעטל — אין אַלץ, אין אַלץ האָט ער בשעת־מעשה פאַרגעסן! — תתאה גבר! — ער האָט פיבערנדיק

מיט אַלע אברים פאַרוואָרפן דאָס קיטל אויף דער טיר, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שיך און אָט אַזוי, אין אָנטון, האָט ער זיך אַ וואַלגער געטון אויף דער „זיצער־ינס" בעטל און איז תיכף ומיד אַראָפּגעזונקען אין אַ טויטן שלאָף —

— — — — — — — — — — — —

...אין באַבי־יאַר איז געווען ששון ושמחה, קינד און קייט זענען געקומען אויף דער חתונה. יוסף מאַכט זיך אַ וועג מיט די עלנבויגנס, — וואָס פאַר אַ מחותן איז ער, קוים ווייסט ער נאָך אפילו נישט, ווער עס זענען די חתן כלה? ער שטופּט זיך און שטופּט זיך און קען אַלץ צו דער חופּה נישט צוקומען. עפּעס אַ וואַנט, אַן אויפגעבלאָזענע וואַנט, ווי פון דיקט וואָס האָט זיך צעקלעפּט פון טיפער עלטער און פון אַ צו הייסער טעמפּעראַטור, שטייט ממש ווי אַן אייזערנע מחיצה צווישן אים און דער חופּה.

און קלאַדניצקי רעדט אים אַלץ אויס דאָס האַרץ:

— כאַפּט זי דער רוח, די וואַנט! דו וועסט זי נישט בייקומען... מיר האָבן שוין אַלע געפּרוווט — אַרויסגעוואָרפן די טרחה... דו קוק בעסער, וואָס פאַר אַ שיינעם אתרוג שלמה האַלט... אַן אתרוג פאַר זיין געהאַנגענעם זיידן...

און יוסף גיט זיך אַ ריס צו שלמהן:

— חושם וואָס דו ביסט, אַ מת איז דאָך פּטור פון מצוות! „במתים חפשי — דרש'ענען די חז"ל — חפשי מן המצוות". דו גיב אים בעסער מיר, וועל איך אים ברענגען אַ מתנה טאַנין, זי איז דאָך נאָך נישט קיין מת, זי איז דאָך נאָך יאָ מחויב...

נאָר גאַזאָנאָוו לאַכט אים אין פּנים אַריין מיט זיין שמאָל קירגיזיש שמייכעלע:

— אַ מת, צי דומה למת, להלכה איז דאָס נישט קיין גרויסע נפקא־מינה... גברא קטילא קא קטיל... און מיט וואָס, זאָג מיר, ביסטו אַזוי זיכער, אַז טאַני איז נאָך נישט קיין מת? זיי נישט אַזוי

פּעסט ביי זיך. זעסט דאָך, אַז צום טערמין האָט זי זיך נישט אומ־געקערט... דאָס איז שוין פון די גוטע סימנים...

יוסף וויל אים עפּעס ענטפערן, נאָר מיכאַילאָוו האַלט אים צו דאָס מויל:

— עקשן־משומד דו! אַז מען זאָגט דיר: אַ מת — זאָלסטו גלייבן! אינו דומה ווען מען וואָלט דיר געזאָגט, אַז זי לעבט, דאַן איז אַן אַנדער זאַך... דאָס איז שוין אַ מילתא דלא שכיחא... פּתי יאמין לכל דבר... אָבער אַז מען זאָגט: געשטאָרבן, — גלייב! זי איז, זאָגט מען דיר, אַ מת לכל פּרטיו ודקדוקיו, אפילו למהדרין מן המהדרין...

יוסף רייסט זיך פון זיינע הענט מיט אַלע זיינע אָפּגעשוואַכטע כוחות, נאָר דאָ ווערט אַ רעש, אַ געפילדער: פּנו דרך, פּנו דרך! צערוקט זיך, עולם, צערוקט זיך, זאָגט מען אייך! דער עולם מאַכט אַ וואַרע — מען פירט חתן־כלה פון דער חופה! יוסף קוקט זיך איין אין דער כלה און דערקענט אין איר זיין טאַנין. ער גיט זיך ראַש אַ דריי־אויס צו מיכאַילאָוון:

— אָט איז זי דאָך! זי לעבט! זי איז נישט קיין מת —

— ביסט אַ שוטה, גאָרדאָנטשיקל! אַזאַ לעבן איז ערגער ווי געשטאָרבן... קוק, ווער איר חתן איז!

יוסף קוקט מיטביידע אויגן, ער שטרענגט אָן זיין אָפּגע־שוואַכטן זכרון און קען פאָרט נישט דערקענען.

— נו —

— איך דערקען נישט, כאָטש צערייס זיך...

— קוק נאָך אַ מאָל! קוק זיך גוט צו!

יוסף גיט זיך ווייטיקלעך אַ שטויס אין דער פאַרשאָלטענער וואַנט אַריין:

— ראַטעוועט! דאָס איז דאָך פּאָלישטשוק! שטייט, מחותנים, איר פירט זי צו דער שחיטה —

מיכאַילאָוו רייבט זיך אַזש די הענט פאַר גרויס הנאה און רייצט זיך מיט יוספן טריאומפירנדיק:

— זעסט כאָטש, יאָלד איינער: נישט דערקענט, נישט דער־קענט, ביז דו האָסט אים טאַקע יאָ דערקענט... בין איך שוין גע־רעכט, צי ניין? איז זי שוין יאָ אַ מת, צי נאָך אַלץ נישט?

יוסף רייסט זיך ענדלעך אויס פון זיינע זיך אין אים קלאַ־מערנדיקע הענט און יאָגט אָן די כלה. ער פאַרשטעלט איר דעם וועג:

— טאַניושאַ, אמת, אַז דו לעבסט?

— יאָסקע נאַר, ווער לעבט? אין באַבי־יאַר לעבט עמעצער? אין ד ע ם מקום איז: כולנו מתים...

— אָבער דו ביסט דאָך גאָר אין קאַראַגאַנדאַ, נישט אין באַבי־יאַר...

— און דו מיינסט טאַקע, חכם פון דער „מה נשתנה", אַז דאָס איז נישט איינס און דאָס זעלבע?

— וואָס הייסט דו נעמט פאָלישטשוק'ן פאַר אַ חתן? דאָס איז דאָך אַ חתן־דמים...

— שאַ, מאַך נישט קיין גוואַלדן, נישט איך האָב אים גענומען, נאָר ער האָט מ י ך גענומען!

— ס'איז נישט אמת... דו טראָגסט נישט קיין פינגערל, דו ביסט נאָך פריי —

— האָסט אַ טעות, יאָסעלע, ער האָט מיך מקדש געווען מיט זיין אָווטשאַרקע...* אָט טראָג איך זי אויפן האַלדז כביכול ווי אַ שאַרף... ווי אַ שלייף פון דעם תליה־שטריק... שלאָג דיר אַרויס פונעם קאָפּ, אַז מיר וועלן זיך נאָך אַ מאָל באַגעגענען —

יוסף'ן גייט דורך אַ שוידער איבערן לייב. ער וויל רופן צו הילף, נאָר עמעצער וואַרגט אים... דאָס איז דער חתן אַליין! עס לויפט אָן פאָנאָמאַרענקאָ מיט אַ שטאַנג פון אַ בעט, נאָר מיכאַי־לאָוו כאַפּט אים אָן פון הינטן און זעצט אים מיטן קולאַק אין קאָפּ

---

* אַן אויסשפּיר־הונט.

אַריין און זעצט און זעצט ווי אין אַ פּויק, ווי אין דעם שטיק רעלס פון דעם גאַנג...

— — — — — — — — — — — —

יוסף זעצט זיך אויף אויפן בעטל. בשרו עליו יכאב. ער ווייסט נאָך כלל נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. „בהקיץ" און „בחלום" משמשים בו בערבוביא. די גאַנצע הלבשה וואָס אויף אים איז איינגעטונקען אין שוויס. אַרום איז שטאָק־פינצטער, נאָר אַנטקעגן אים הענגט אַ געלבלעכע שמאַטע און עמעצער זעצט טאַקע באמת אין דער טיר. מען זעצט מיט סכנות־נפשות, ווי מען זאָל רופן אויף אַ שריפה. ער זיצט אַ שלעפעריקער און אַ מידער און רייבט זיך די אויגן און איז זיכער, אַז דאָס זעצן אין דער טיר איז אַ המשך פונעם חלום. נאָר פּלוצלינג דערהערט ער, אַז מען רעדט הינטער דער טיר און ווידער נעמט מען זעצן מיט די קולאַקעס. ער שפּרינגט אַראָפּ פונעם בעט מיט אַן אימ־פּעט, — ניין, דאָס איז שוין נישט אין חלום! ער זוכט קוים אָפּ אין דער פינצטער דאָס קייטל און וואַרפט עס אָפּ. אַ פרעמדע האַנט האָט מאָמענטאַל אויפגעמאַכט דאָס ליכט און ער דערזעט פּלוצלינג פאַר זיך אַ גאַנצן עולם. מיט שרעק שפּרינגט ער אָפּ אויף צוריק, לאָזט זיך אַ מידער אַראָפּ אויפן בעט, און לייגט שלאַבעריק אַריין דעם קאָפּ אין די דלאָניעס. אַך, ווי דער קאָפּ שמערצט אים. ער איז ווי אָנגעגאָסן מיט בליי, מיט קופּער. בנוגע דעם זעצניש אין דער טיר און די פרעמדע סילועטן אין צימער איז ער שוין מער נישט באַאומרואיקט. איצט איז ער שוין זיכער, אַז דאָס ציט זיך ווייטער דער חלום. אלא נישט — ווער זענען אָט די מענטשן? ווער קען אים דאָ, ווער ווייסט אים דאָ? נאָר פּלוצ־לינג דערפילט ער, אַז עמעצער האַלט אים ביים דופק. ער נעמט צו די הענט פון די אויגן און וויל עפּעס זאָגן, נאָר דער וואָס פּרוווט אים דעם דופק, ווייזט אים מיטן פינגער ביים מויל:

— שטיל זאָל זיין!

איצט איז גאָרדאָן שוין וואַך מיט אַלע אברים. ער קוקט אַ דערשטוינטער אויף זיינע אומגעבעטענע געסט. ער דערקענט דעם האָטעל־פּאַרוואַלטער, זיין מיידל, אַ בחורל פון אַ יאָר זעכצן — אַ פּנים, אַ ברודערל אירס, — אַ פרוי פון אַ יאָר זעכציק אין אַ ווייסן כאַלאַט, — אַ פּנים, די זיצערין, — און דער, וואָס האַלט אים ביים דופק און קוקט אים גלייך אין די אויגן אַריין — אַ פּנים, דער דאָקטער אַליין, בכבודו ובעצמו...

יוסף קען שוין מער נישט פאַרטראָגן דאָס משונה׳דיקע שווייגעניש און ער רופט זיך אָן צום באַלעבאָס פונעם האָטעל:

— איר קענט מיר אפשר זאָגן, וואָס עס באַטייט אָט די גאַנצע קאָמעדיע?

יענער גייט נאָך אַריין אין כעס:

— אַ קאָמעדיע, זאָגט איר? ס׳איז אַ שיינע קאָמעדיע, וואָס טויג מיר? איר האָט זיך געלייגט שלאָפן נעכטן ניין אין אָוונט און איצט איז שוין ווידער צען אין אָוונט... געשלאָפן בלי הפסק העכער אַ מעת־לעת און רופט עס נאָך אָן: קאָ—מע—דיע...

יוסף שפּרינגט אויף ווי אָנגעביסן פון אַ שלאַנג, און זיינע ליפן קרעכצן שטיל אַרויס:

— אוי וויי, דורכגעלאָזט אַ מאָל תפילין לייגן! קרקפתא דלא מנח תפילין! אוך, פאַרשאָלטענער שלאָף מיינער...

ער האָט נישט געקענט באַמערקן, ווי פון אָט די עטלעכע ווערטער זענען ביים דאָקטער גרויס געוואָרן די אויגן, וויל דער באַלעבאָס האָט דערוויל וויטער גערעדט:

— פון ביי טאָג אָן, אַז עס לאָזט מיך נישט רוען — וויפל שלאָפט עס אַ מענטש? איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אויפרייסן די טיר, אָדער רופן מיליץ, נאָר דאָ איז פונקט אָנגעקומען דער

דאָקטער און מיר האָבן באַשלאָסן נאָך איין מאָל: „פּרווון מיט גוטן". נו־נו, אַ שלאָף, זינט איך לעב, — אַן אמתער בער!

יוסף איז געשטאַנען אין מיטן צימערל אַ פאַרשעמטער. ער האָט באַדאַנקט דעם גאַנצן עולם פאַר זייער באמת מענטשלעכער זאָרג פאַר אַ ווילד־פרעמדן מענטשן, פאַר זייער אַלעמענס אַזוי שטאַרק באַאומרואיקן זיך וועגן אים, ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט, וויפל ס'איז איצט דער זייגער, און איז ווידער איבערגעבליבן איינער אַליין אין צימער.

די גאַנצע נאַכט האָט ער נישט געקענט צוטון מיט קיין אויג: שומו שמים, זיין אויף דער פריי און פאַרפעלן תפילין־לייגן! זיך געפינען אין איין שטאָט מיט טאַנין און פאַרפעלן תפילין לייגן — שומו שמים!

אפשר צען מאָל פאַר דער נאַכט איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם בעט און איז געלאָפן קוקן אין קאָרידאָר־פענצטער, צי ס'איז נאָך נישט טאָג; צי מען קען נאָך נישט דערקענען „בין תכלת ללבן"; צי מען טאָר נאָך נישט זאָגן „להניח תפילין"...

אין אדם עומד על דברי־תורה אלא אם כן נכשל בהן —

*

ס'איז פאַריבער אַ טאָג און צוויי און דריי. די הויפּט־פּאָסט האָט פאַר גאָרדאָנען פאָרלויפיק געוווּסט נאָר איין וואָרט — גאָרנישט נישטאָ!

ער האָט שוין אויסגעמאָסטן די שטאָט לארכה ולרחבה, ער האָט זיך שוין אָנגעקוקט צו דער זעט אין זייערע ריזיקע קוילן־גרובנס און מעש־גרובנס; קליידער און שיך־פאַבריקן; צוקער און בוימל־זאַוואָדן; געזען זייערע תבואה־פעלדער און פאַרשי־דענע מינים פלאַנטאַציעס פון עקספּערימענטאַלע קולטורן; — און אויפן שפּור פונעם אַזוי ווייט טרויעריק־באַרימטן קאָנצלאַגער,

אַלץ נישט געקענט פאַלן! אַז ערגעץ דאָ נישט ווייט געפינט זיך אַ „קאַטאַקאָמבע“ פון לעבעדיקע „הויט און ביינער“, דאָס האָט מען זיך לייכט געקענט אָנשטויסן פון די הונדערטער „בלויע פעטליצעס“, וואָס האָבן אַרומגעשמאַיעט איבער דער שטאָט, ווי די שדים; פון דער איינגעבוירענער מרה־שחורה, וואָס האָט געהויערט אויף די געזיכטער פון די היגע איינוווינער; פונקט אַזוי — האָט יוסף געטראַכט — לייגט זיך אַוועק, כמעט אומבאַ־מערקט, אַ טרויעריקער חותם אויף מענטשן, וואָס וווינען לעבן אַ שפּיטאָל פאַר שווער־קראַנקע. דאָס קומט דערפון, וואָס זייערע אויגן און זייערע אויערן זאַפּן אין זיך איין פיל פּיין און ליידן... סיי פון די וואָס ווערן געבראַכט אין די „קאַרעטעס“ און סיי פון די וואָס ווערן אין די גאָר פריע אָדער אין די גאָר שפּעטע שעה'ן, דורך אַ זייטיקער טיר, אַרויסגעפירט אין די פאַרטשוועקעוועטע קעסטלעך... דעסט גלייכן — טראַכט ער ווייטער — קען מען אָט דעם כמעט אומזעבאַרן חותם באַמערקן אויף די פּנימער פון די גאָר נאָענטע שכנים מיט אַ בית־הקברות, די וואָס זעען זיך אָן מיט פיל לוויות און הערן זיך אָן מיט פיל, פיל האַרצרייסנדיקע געוויינען. ביי אָט די גאָר נאָענטע שכנים פון אָט די „פריילעכע“ ערטעלעך, איז די „פּאָכאָדקע“ גאָר אַן אַנדערע, דער שמייכל גאָר אַן אַנדערער און אפילו דאָס קול, דאַכט זיך אים, איז אויך עפּעס נישט אַזאַ ווי ביי אַ טאָג־טעגלעכן „אדם מן השוק“...

און ביי די תושבים פון קאַראַגאַנדאַ, פונקט ווי ביי די איינ־וווינער פון סוליקאַמסק, זעט מען דייטלעך אָט דעם פינצטערן חותם פון פיל מאָל געזעענעם שפיכת־דם און טויט; פון אייביקע קייטן און אויסגעשניטענע צונגען... אָבער ווו סאַמע דער לאַגער ליגט דאָ ערגעץ, דאָס ווייסט ער טאַקע נאָך אַלץ נישט! פרעגן אויף אים, — „איה מקום כבודו“? — האָט ער מורא! ער „היט זיך דעם כבוד“! ער האָט מורא איבער אַ נאַרעשער פראַגע

חרוב צו מאַכן זיין גאַנצן בנין. דעסט גלייכן וואָלט ער אפשר געקענט נאָכקוקן אין וועלכער ריכטונג עס גייען און פאָרן אָט די „בלויען היטלען", און אַזוי אַרום פאַלן אויף אַ שפּור, אָבער דאָ איז אויך די אייגענע מעשה: ער, מיט זיין „משוגענער הצלחה", וואָס די השגחה־עליונה האָט אים צוגעשיקט, מעג דען ריזיקירן און אַרויסווייזן נישט־נייטיקע נייגעריקייט און זיך אי־בעריקס וואַרפן אין די אויגן? ער טאָר נישט פאַרגעסן, אַז לעת־עתה איז ער נאָך אַלץ אַ „בעזפּאַספּאָרטנע גראַזשדאַנין" — ער האָט נאָך נישט געהאַט ווען און ווו איבערצובייטן זיין לאַגערנע באַפּרייאונגס־ספּראַווקע אויף אַ רעגולערן פּאַספּאָרט — און אַזעלכער דאַרף זיך באַמיען צו זיין אַ רואה ואינו נראה; וואָס וויניקער מען וועט ביי אים בודק זיין די ציצית, וועט פאַר אים אַלץ זיין געזונטער... גייט ער טאַקע נישט קיין איבעריקס און קוקט נישט קיין איבעריקס און ווער שמועסט פון גיין פרעגן עפּעס — הס מלהזכיר!

ער האָט זיך פונעם ערשטן טאָג אָן געמאַכט אַ סדר־היום: ער האָט לאַנג געדאַוונט. זינט ער האָט זיך אין קיעוו איינגע־שאַפט תפילין, אַ סידור'ל, אַ תהילים'ל, איז ווען ער פלעגט זיך נאָר צורירן צו אָט די תשמישי־קדושה, פלעגט אים אָנכאַפּן אַ הונגער, אַ דאָרשט, ממש: „מי שאחזו בולמוס"; ממש: „כאייל תערוג על אפיקי מים". פונקט ווי אַ מענטש, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געטרונקען, קען נישט זיין גלייכגילטיק צו קיין וואַ־סער... ער פלעגט טאָג טעגלעך אָפּזאָגן גאַנץ תהילים. צו קיין צייַ־טונגען האָט ער קיין גרויסן חשק נישט געהאַט. ער פלעגט נאָר לייענען די קורצע פּאָליטישע ידיעות און יוצא! פון די אַלע איבעריקע נייעסן און געדיכט־אָנגעזעצטע זייטן וועגן די יאָגע־נישן און איבעריאָגענישן אויף די זאַוואָדן און פאַבריקן; וועגן די איבערגעזאָלצענע פאַטריאָטישע אויפטוען און זעלבסטפאַר־

פליכטונגען האָט אים ממש געעקלט, ווייל ווער נאָך ווי ער האָט געוווּסט דעם אמתן פּרצוף פון אָט די אַלע אולטראַ־באָלשעוויסטישע הוראַ־שרייערס...

שפּעטער פלעגט ער אַ ביסל שפּאַצירן איבער די גאַסן — כדי ער זאָל זיך ווידער נישט אָפּגעוווינען פון מאַכן מיט די פיס. ער פלעגט גיין און טראַכטן:

— רבונו דעלמא כולא! ווען עמעצער זאָל מיר אַ מאָל געוועזן זאָגן, אַז עס וועט קומען אַזאַ טאָג, ווען דו, יוסף, וועסט גולה זיין אין אַ האַלב־ווילדער שטאָט, ערגעץ הינטער די הרי־חושך, און אין דער זעלבער שטאָט וועט וווינען טאַניאַ פייגנבוים און דאָך וועט איר ביידע זיין עלנט און פאַריתומט... וואָס וואָלט ער יענעם געוועזן געענטפערט אויף אַזאַ נאַרעשער נבואה? און איצט איז אַזאַ אַבסורד געוואָרן אַ ווירקלעכקייט... טאַני געפינט זיך דאָ ערגעץ אין שכנות מיט אים, אָבער איינער זעט נישט דעם צווייטן און איינער ווייסט אפילו נישט פונעם צווייטן...

מיד געוואָרן פון זיך אַרומשליאַיען איבער די גאַסן שלינג און שלאַנג, פלעגט ער — אויף צו האָבן אַ ריינעם געוויסן — נאָך אַ מאָל אַריינגיין אין פּאָסט אַריין נאָך דעם „גאָרנישט נישטאָ״ און זיך אומקערן צוריק אין זיין פינצטער קברל. די עלעקטריע פלעגט ער אפילו נישט אָנצינדן — צו וואָס? ליגן ליגט זיך רואיקער אין דער פינצטער און טראַכטן טראַכט זיך אויך בעסער אין דער פינצטער...

ליגט ער און וויל אַ ביסל טראַכטן, אָבער מען קען דען באַנעמען אַ רעיון, אַז מען קרעכצט ביי דיר הינטער דער זייט אויף אַזאַ געפערלעכן אופן? נעכטן און היינט איז מיט דער קראַנקער באַלעבאָסטע זייער נישט פריילעך... אירע געשרייען שפּאַלטן ממש אַלע הימלען... דער דאָקטער קומט צו איר עטלעכע מאָל אין טאָג, נעכטן איז ער ביי איר געוועזן ביז שפּעט ביי נאַכט און היינט — בראָך טאָג.

און גאָרדאָנס געדאַנקען ווערן מיט אַ מאָל קאָנצענטרירט אויף אָט דעם מאָדנעם דאָקטער, וואָס האָט אים אויף צו מאָרגנס נאָך זיין קומען אַהער געטאַפּט ביים דופק. ער מעג שווערן ביי וואָס אים הייליק איז, אַז אָט דער דאָקטער איז אַ ייד, כאָטש ווי ליגט זיך דאָס אויפן שכל — אין קאַראַגאַנדאַ אַ דאָקטער אַ ייד?! אָבער צו וואָס טויג אים: שכל — שמייכל, אַז יענער איז פאָרט אַ ייד! ער הערט עטלעכע מאָל אין טאָג פון הינטערן ווענטל זיין שטימע, זיין אינטאָנאַציע; ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל באַ־גענגט מיט אים אויף די טרעפּ, וואָס פירן צום חולה אויפן דריטן שטאָק און אים געטראָפן אפילו אויף דער גאַס אויך, און יעדעס מאָל ווען ער באַגעגנט זיך מיט זיינע שטרענגע אויגן, אָדער ווען ער דערהערט זיין קול הינטערן ווענטל, דערפילט ער מיט אַלע חושים — איינער מאחינו בני ישראל! זאת הפעם: עצם מעצמי ובשר מבשרי —

אַז מען וויל שוין גאָר, האָט ער נאָך אַ סימן, אַז אָט דער דאָקטער איז טאַקע באמת ווי עס שטייט דאָרטן: „עצם מעצמי ובשר מבשרי". וואָס איז דער סימן? — זיין קוקן! דער אופן פון זיין קוקן! ווען נאָר יענער דערזעט אים, לעכערט ער אים ממש דורך מיט זיינע אויגן. היינט, אויב יענער איז נישט קיין ייד, וואָס איז דאָס קוקן אַזוי, וואָס? ער האָט קיין מענטשן נישט געזען?

יוסף הערט זיך איין, פון די טרעפּ דערטראָגן זיך טריט. יאָ, באַקאַנטע טריט. דאָס גייט דער דאָקטער און מיט אים... און מיט אים אַ פּנים דעם פּאַרוואַלטערס טעכטערל, וועלכער ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין נישט שלאָפן אויף דער גאַס ווי אַ הונט. זיי גייען אַריין צום חולה און עס הייבן זיך אָן די קרעכצן, וואָס לעכערן די אויערן ווי אָנגעגליטע נאָדלען... שפּעטער, בשעת דעם שטעכן, וועלן גיין קולות עד לב השמים... דער דאָקטער, אַ פּנים, גרייט זיך ערשט צו צו דער אַרבעט, ווייל מען הערט נאָך אַ וואָרט. ער זאָגט דעם שיקסל:

— מאַשאַ, דער נייער שכן איז איצט דאָ ביי זיך?

— באַלד כאַפּ איך אַ קוק, יאַקאָוו ביניאַמינאָוויטש —

— אַ ייד! — האָט יוסף אַזש אויפגעציטערט פון פרייד — דער דאָקטער איז אַ ייד! אַ היגער ייד! מען מוז זיך מיט אים נעענטער באַקענען. ער וועט מיר עפענען די אויגן אויף פיל זאַכן...

מאַשאַ האָט זיך אומגעקערט צום חולה אין צימער:

— ניין, ס'איז ביי אים פינצטער אין צימער —

— דו ווייסט נישט פון וואַנען ער איז?

— ניין, ווען איך האָב אים רעגיסטרירט, האָב איך נישט נותן־לב געווען צו זיין געבורט־שטאָט... און צו וואָס מוז איך דאָס וויסן? וואָס גייט עס מיך אָן? אָבער דער טאַטע האָט דאָך מיט אים אויך גערעדט, זאָל איך גיין אים אַ פרעג טון, אפשר ווייסט ער?

— ניין, מען דאַרף נישט. ס'איז נישט אַזוי וויכטיק. ער סטאָלאָוועט* זיך ביי אייך?

— ניין, ער עסט נאָר טרוקנס. בכלל פירט ער זיך אויף ווי אַן עכטער ביריוק:** אויפן בעט עסט ער, אויפן בעט זינגט ער —

— ער זינגט גאָר?

— יאָ, אַזאַ מאָדנע געוואוינהייט האָט ער: אַלע אינדערפרי זיצט ער דאָרט ביי דער עלעקטרישער שיך און זינגט עפּעס אַזאַ מאָנאָטאָנע געזאַנג... יעי באָגו, ווי די פּאַרצייטישע קאַזאַכן אויף אַ חתונה... כ'האָב אַנומלטן — ווען די מאַמע איז נאָך נישט געווען אַזוי געפערלעך קראַנק — געזען אַ פילם אַזאַ... זייער מאָדנע!

---

* באַשטעלט זיינע סעודות.

** אַ מענטש וואָס האַלט זיך באַזונדער פון אַלעמען.

און אַזוי אויך דער נייער אײנוווינער אונדזערער, אַ האָר נישט געמינערט! זיצט זיך אין דער פינצטער, ווי אַ פלעדערמויז, און זינגט זיך אונטער... לאַנג זינגט ער אַזוי... עס ווערט אים גאָר נישט נמאס... בכלל איז ער עפּעס אַ מאָדנע מענטש... ער בעט נישט גאָרנישט, ער רעדט נישט גאָרנישט — אַן אמתער בירויק!

— נו גוט, גוט... האַלט דאָס טעצעלע, נאָר קער נישט איבער דאָס פלעשל, און, איר חברטע, דרייט אויס דעם חולה אויף דער לינקער זייט, מער! נאָך מערער! היי, באַלעבאָסטינקע, האָט צייט צו שרייען. דאַכט זיך, אַז פּאָרלויפּיק טו איך אייך נאָך גאָרנישט...

יוסף האָט זיך אַזש פאַרשטעקט די אויערן. דער שאַרפער קוויטש האָט ממש געריסן שטיקער פון דער נשמה. ער האָט שטיל, אויף נישט אויסצוגעבן זיין יאָ געפינען זיך אין צימערל, זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט אָנגעהויבן צו זוכן פּלענער, ווי אַזוי ער זאָל זיך אַ ביסל דערנעענטערן מיט אָט דעם ר׳ יעקב ב״ר בנימין, זיכער אַ תינוק ישראל שנשבה לבין הגויים. זאָל ער אים איצט נאָכגיין און גלייך צוטרעטן צום עצם העניין: „מאין יהודי בא? הראיני את מראיך השמיעני את קולך”... וועט נאָך יענער זיך בייז פאַר דעם זיך אונטערהערן צום שמועס מיטן מיידל און זיך נישט אָנרופן מיט קיין איין וואָרט... ווי אַזוי דען מאַכט מען עס?

מיט אַ מאָל האָט זיך פונעם שכנישן צימער דערטראָגן אַ פאַרצווייפלטער געשריי פון פיל מיילער — די עלעקטריע האָט זיך פּלוצלינג אויסגעלאָשן און דער דאָקטער קען גאָרנישט טון פאַר דעם מאָגערן שטיקל טאָגשיין, וואָס פאַלט אַריין אין יענעם קויטיקן פענצטער. מאַשאַ איז אַראָפּגעלאָפן אין ביוראָ אַריין צו ברענגען פון דאָרטן ליכט. יוסף האָט אויפן אָרט זיך געכאַפּט, אַז ווי נאָר מאַשאַ וועט צוריק אַרויפלויפן מיט די ליכט, וועט ער אין דער בהלה זיך קענען אומבאַמערקט אַרויסגליטשן פונעם

פינצטערן קאָרידאָרל. און כך הווה: נאָך איידער מאַשאַ מיטן פעקל ליכט אין דער האַנט האָט צוגעמאַכט הינטער זיך דאָס טירל, איז שוין יוסף געווען אויף די טרעפּ און גלייך אין פּאַדערהויז און — שוין אויף דער גאַס! ערשט דאָ האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט. דאַן האָט ער זיך פּאַרטייעט הינטער אַ צעוואַלגערטער שטאַל און האָט געדולדיק גענומען וואַרטן אויף דעם באַווייזן זיך פונעם דאָקטער. דערווייל, וואַרטנדיק, האָט ער אין געדאַנק זיך אויס־געשטעלט: ווי אַזוי צוצוגיין צו אים, וואָס און ווי אַזוי צו זאָגן און וואָס אַליין צו ענטפערן... יענער וועט דאָך מן הסתם אויך עפּעס פרעגן, דאַרף מען אים קענען אַזוי ענטפערן, אַז ס׳זאָל זיין: הן ולאו ורפיא בידיה, אַז פונעם גאַנצן געזאָגטן זאָל יענער אַרויס נישט וויסנדיק —

ווען צוויי פרויען און איין מאַן זענען מיט אַן אימפּעט אַריין אין זיין האָטעל, איז אים אפילו אויף קיין איין מינוט נישט איינ־געפאַלן, אַז דאָ קען אים עפּעס שאַטן. ערשט ווען ער האָט דערזען, ווי אָט די שטאַרק צערודערטע „טראָיקע" האָט ממש אונטער די הענט אַוועקגעטראָגן מיט זיך דעם דאָקטער, האָט ער מיט וויי־טיק פאַרשטאַנען, אַז אויף היינט איז שוין זיין פאַנג אַרויס פון זיינע הענט. אַן אַנטוישטער ביז גאָר האָט ער זיך שלאַבעריק געלאָזט גיין צוריק אין זיין רו אַריין.

פאַרבייגייענדיק די „קאָנטאָרקע" האָט אים דער באַלעבאָס אָפּגעשטעלט:

— שכן, נאַט איך צוויי ליכט. די עלעקטריע איז ביי אונדז נאָר וואָס קאַליע געוואָרן. ביז די עלעקטראָ־סטאַנציע וועט זיך אויסקראַצן צו שיקן אירע מאָנטערן, קען געדויערן אַ שפּאָר ביסל טעג. איך בעט איך, צינדט נישט אָןביידע ליכט מיט איין מאָל, איך האָב נישט מער אין זאַפּאַס... איך גיי אייך נישט העכערן דעם פּרייז, אָבער זייט וויסן, אַז דאָס איז ביי מיר לחלוטין אַ נישט פאָרויסגעזעענע הוצאה —

# קאַפּיטל VI

יוסף איז געשטאַנען אין די תפילין מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ פאַרן רבונו־של־עולם. דאָס עיפּושנדיקע חלב׳נע ליכטל האָט פון זיך אָפּגעוואָרפן אַ קרומלעכע שיין, וואָס האָט זיך צעלייגט אויפן ברודיקן דיקטענעם ווענטל, ווי אַ צעפּלאָסענע „שלשלת״, אָדער ווי אַ העל־הויטיק שלענגל. יוסף, אַזוי ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָכן ערשטן שלאָף אַרום האַלבער נאַכט, אַזוי האָט ער שוין מורא געהאַט ווידער איינצושלאָפן. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז אָט דאָס גערדיכטע חשכות, — ממש חושך מצרים, — וואָס האָט פאַרשלונגען די שטוב זינט די עלעקטריע איז קאַליע געוואָרן, וועט אים אַזוי פאַרוויגן און פאַרשלעפערן, אַז ער וועט ווידער עובר זיין דעם זמן תפילה. האָט ער זיך די צווייטע האַלבע נאַכט געפּייניקט, אַז ער זאָל נישט אַנטשלאָפן ווערן: אַ ביסל איז ער געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס; אַ ביסל איז ער געשטאַנען אין קאָרידאָר ביים פענצטער און געקוקט אין דער סאַזשע־שוואַרצער נאַכט אַריין. איצט איז שוין אפשר אַ שעה אויפן טאָג, ער ענדיקט שוין באַלד דאָס דאַווענען און נעמט זיך פאַרן תהילים׳ל. פּלוצלינג האָט ער דערפילט, אַז ער איז נישט אַליין אין צימער. מיט שרעק האָט ער אַ הייב־אויף געטאָן די אויגן און איז דערציטערט געוואָרן! פון גיין אַהין־און־צוריק צום קאָרידאָר־פענצטער, אַלץ טאַפּן ביים דופק דעם „עלות השחר״ מיט דעם „הנץ החמה״, האָט ער אַ פּנים פאַרגעסן צו פאַרוואַרפן דאָס קייטל אויף דער טיר און אויף דער שוועל פון זיין „צימערל״ איז איצט געשטאַנען דער דאָקטער. ווי שטיל דער דאָקטער האָט זיך נישט אַריינגעשלייכט, פון דעסט

וועגן האָט זיך דאָס עלנטע פלעמעלע צעהוידעט אַהער און אַהין ביז אפיסת־הכוחות, אויסרייסנדיק פונעם חשכות ברוכוואַרג פון פאַרשידענע בילדלעך: מיט אָכרע * אָפּגעשמירטע ברעטלעך פונעם דיקטענעם וועגטל; שטיקער ברודיקע קאַלדרע; אַ גלאַנ־ציקן שטיק פון אַ ריזיקן של־ראש און אויגן מיט נעזער פון בלאַסע צוויי ידישע פּנימער. אומענדלעך לאַנג זענען די דאָזיקע צוויי משונה׳דיקע מענטשן געשטאַנען אויף זייערע ערטער און זיך קעגנזייטיק שטום באַטראַכט. פון הינטערן וועגטל האָט זיך דערטראָגן אַ קרעכץ פונעם חולה. דער דאָזיקער שוואַכער קלאַנג האָט זיי בײדע מאָמענטאַל אַרויסגעצויגן פון דעם פאַרגליווערטן צושטאַנד.

דער דאָקטער האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין איצט נישט געקומען צו אייך. אין אַלע עקן שטאָט וואַרטן אויף מיר מיינע פּאַציענטן. נאַט אייך, דאָ האָט איר מיין אַדרעס. קומט צו גיין היינט דריי נאָך מיטאָג, איך וועל אויף אייך וואַרטן.

אָפּגעזאָגט, איז ער אַרויסגעגאַנגען אויפן קאָרידאָר און האָט פונקט אַזוי שטיל ווי פריער צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. אָבער תוך כדי דיבור האָט ער זי צוריק אויפגעעפנט און האָט בייז אַריינגעוואָרפן:

— איך האָב שרעקלעך פיינט אומפינקטלעכע מענטשן, גע־דענקט דאָס —

יוסף האָט די גאַנצע צייט פון דעם דאָקטערס געפינען זיך „בצל קורתו״, נישט אַרויסגעבראַכט פונעם מויל קיין איין וואָרט. אויך נאָך זיין אַוועקגיין איז ער געווען אַזוי איבערראַשט פון אָט דעם אומגעבעטענעם וויזיט, אַז ער האָט שוין נישט געוווסט קיין

* אַ ביליקע געלע פאַרב.

איין וואָרט פון דעם וואָס ער האָט געדאַוונט. און כאָטש ער האָט פאַר קיין פאַל נישט פאַרשטאַנען צו וואָס יענער קען אים דאַרפן האָבן און האָט אויך נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי מען דער־וועגט זיך אַריינצוגיין צו אַ פרעמדן מענטשן אָן רשות און נאָך רעדן צו יענעם מיט אַ ירגזון און מיט אַ בייזער און כמעט מיט אַ באַפעלערישן טאָן... אָבער דער משקל־ראשון זיינער איז גע־ווען: מען דאַרף גיין! אמת, מען דאַרף זיך היטן פאַר אים מיט אַ וואָרט ווי פאַר פייער און מען דאַרף אים קודם כל אַ ביסל אונטערהאַקן די פליגעלעך, ער זאָל אַ ביסל אַראָפּלאָזן פון זיין פרעכן טאָן, אָבער גיין דאַרף מען! ער, יוסף, מוז אומבאַדינגט געוווּיר ווערן: וואָס שטעקט אין אָט דעם פאַרשוינדל; ווער איז ער, פון וואַנען איז ער און וואָס האַלט אים אַזוינס אין אָט דער היגער וויסטע? ס׳איז דאָך פשוט אומגלויבלעך, אַז אַ נאָרמאַלער מענטש, אַן אדם מן הישוב, זאָל ברצונו הטוב זיך פאַרשטעקן אין אָט דעם פינצטערן לאָך... אין אָט דעם גיהנום התחתון... ניין, ניין, דברים בגו... אין הכתוב אומר אלא דרשני...

קוים איז יענער געווען אַ בעלן זיך ספּעציעל אומקערן און מודיע זיין, אַז ער האָט „שרעקלעך פיינט”, אַז מען איז נישט פּינקטלעך, האָט שוין יוסף מוסיף געווען אַ נופך משלו, ער האָט זיך מיט אים נוהג געווען לפנים משורת־הדין און האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר פופצן מינוט פאַרן אָנגעזאָגטן טערמין. עס האָט זיך דערהערט אַן אומצופרידענער בורטשע:

— אַריין.

און נאָך איידער יוסף האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך, מיט דעם זעלבן וואָרטשנדיקן טאָן:

— איך האָב אָבער איבערגעלייענט אויף דיין נאָז, אַז אָדער דו וועסט קומען אַ קאַפּעטשקעלע פריער, אָדער אַ קאַפּעטשקעלע שפּעטער, — זיך צושטעלן פונקט צום זמן טויג עפּעס נישט, האַ?

יוסף, אַ פאַרלוירענער דערפון וואָס אַ לחלוטין אומבאַקאַנ־טער מענטש איז אַזוי לייכט און אָן קיינע צערעמאָניעס אַריבער מיט אים אויף „דו“:

— און איך האָב געמיינט פאַרקערט די מעשה —

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דו האָסט געמיינט פאַרקערט די מעשה... וואָס דען, גלייך וועסטו מיינען? מילא, כאָטש אַן אומ־דערוואַרטער גאַסט איז ערגער פון אַ טאָטער, נאָר אַז דו ביסט שוין דאָ, זעץ זיך שוין דאָרט אַוועק אין ווינקל אויפן טאַבורעט און וואַרט צו ביז איך וועל פאַרטיק ווערן... דו קוקסט וואָס איך טו? איך פיל דערווייל אויס זייער אַ וויכטיקע פליכט. קין איז נישט הבל...* און ס'זאָל דיר נישט איינפאַלן ביני וביני מיט מיר צו פאַרפירן אַ שמועסעלע... „קאָגדאַ יאַ יעם, יאַ גלוך אי ניעם“.** אַלץ אויף זיין אָרט און אין זיין צייט... דו קענסט דערווייל באַטראַכטן די דעקאָראַציע, וועסטו שפּעטער, ביי זיך אין דער היים ערגעץ, קענען פאָרשטעלן פאַר דיין סביבה אונדזער ערשטע באַגעגעניש אויפן פאַן פון דער דאָזיקער בערלאָגע *** מיט אַלע אירע אָריגי־נעלע פאַרבן —

יוסף האָט דאָס מאָל נישט געוואַרט, אַז מען זאָל אים דער־מאָנען, ער האָט עס שוין ממילא געטון —

דאָס צימער, ווו יוסף איז געזעסן אין אַ ווייטן ווינקל אויף אַ טאַבורעט, איז געווען שמאָל און לאַנג. אַ ברייטע ברעט מיט אַ סך הענג־פלעקלעך, וועלכע איז געווען אויף אַ פרימיטיוון אופן

---

* אַ ווערטערשפּיל. קין און הבל זענען געווען די ערשטע ברידער אויף דער וועלט. בדרך הלצה געמיינט: קייען (עסן) איז נישט הבל (קיין נאַרעשקייט).

** ווען איך האַלט אין מיטן עסן, דאַן בין איך טויב און שטום. אַ רוסיש פאָלקסווערטל.

*** דאָס זעלבע וואָס בערנלאָך.

צוגעקלאַפּט צו דער וואַנט, איז געווען פאַרהאַנגען מיט אַן אַלטן ליילעך, וועלכער איז שוין אַ פּנים פון לאַנגע יאָרן געווען אָנגע־טאָן אויף אַ דראָט, און האָט געדינט פאַר אַ קליידערשאַפע. אַ ביסל ווייטער האָט אין דער וואַנט געטאָרטשעט אַ קויטיקער קראַן און אונטער אים איז אויף אַן איבערגעקערט קעסטל געשטאַנען אַ שיסל פון צינקאָווע בלעך. מען האָט כלל נישט געדאַרפט האָבן קיין געניט אויג כדי תופס צו זיין, אַז אָט די שיסל איז שוין לאַנג „נישט געווען אין די הענט״. אין קעגנאיבערדיקן ווינקל איז גע־שטאַנען אַ קליין טישל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף הינערשע פיסלעך, און לעבן דעם אַ בענקל מיט אַ געפלאָכטענעם דנאָ. לעבן קראַן איז אויף אַ שמאָלן בענזין־פעסל געשטאַנען אַ פּרימוס און אויפן פאָל דערנעבן זענען געשטאַנען איינס אויפן אַנדערן עטלעכע בלעכענע טעפלעך. דער דאָקטער אַליין, אין אַן אָפּגע־קראָכענער און צעקנייטשטער געל־גרינער קעפּי, וועלכע איז ביי אים געלעגן אויפן קאָפּ ווי אַ מצה, איז געזעסן ביים זיך וואַק־לענדיקן טישל, מיט ביידע קניעס האָט ער אונטערגעהאַלטן דאָס „שיכור׳ע״ פּיסל און בשעת־מעשה בדחילו ורחימו עפּעס געגעסן פון אַ קויל־שוואַרצער סקאָווערדע. אויסגעטונקען מיט ברויט דאָס פאַרדעכטיקע מין פעטקייט, וואָס איז געווען צעשמאָלצן אויף דער סקאָווערדע און האָט מיט עפּעס דערמאָנט אין ריצין־אויל אָדער אין סקיפּידאַר אָדער אין אַ מין צינק־שמירעכטס, האָט ער אַרומגעווישט דאָס מויל מיטן גרוילעכן נאָזטיכעלע און האָט אַ קוק געטון אויפן האַנטזייגער. ס׳איז געווען דריי מינוט צו דריי. ער האָט כמו ווי אַ שמייכל געטון צו זיין גאַסט:

— אָט רוים איך נאָר אָפּ דאָס קלאָפּערגעצייג פונעם טיש, גייען מיר גלייך אַריבער צו מיר אין קאַבינעט אַריין.

פאַרשטייט דאָך שוין יוסף, אַז ערגעץ האָט ער דאָ אַ קאַבי־נעט באַזונדער. זיצט ער אַ דערשלאָגענער פון אָט דער וויסטער

„דעקאָראַציע” און באַטראַכט זיין אייזערן בעטל מיט די אַרויס־געשאָסענע אָדערן, וואָס דערמאָנט שטאַרק אין אַ לולב נאָך הושענא־רבא; ער באַטראַכט די פאַר׳חושכ׳טע ווענט, דאָס פאַר־רויכערטע פענצטער מיט די פאַרגעלטע שויבן; ער כאַפּט בגניבה אַ קוק אויפן אומפריינדלעכן בעל־הבית: אַ הויכער, אַ מאָגערער מיט אַן אַסקעטיש פּנים, — אַ מענטש וואָס האָט שוין אַלץ הינטער זיך, וועלכן ס׳איז זייער שווער מיט עפּעס וואָס צו איבערראַשן; די האָר — מילכוויס, די הענט און פיס — ביי־נערדיקע, רירעוודיקע; דער שאַרפער בליק — אַן אָפּשטויסנ־דיקער, אַן אָפּשרעקנדיקער און וואָס ערגער פון אַלץ — מיט אַ ביטערן ביטול צו אַלץ און צו אַלעמען... און טרעפט מען אַן אויף זיך זיין מעפיסטאָפליש־חוזקדיקן בליק, ווערט מיט אַ מאָל פינצטער די זון, שוואַרץ דאָס גראָז און נמאס דאָס גאַנצע לעבן אויף דער וועלט...

דער דאָקטער דערווייל האָט אַרונטערגערוקט די שמאַלציקע סקאָווערדע אונטערן איבערגעקערטן קעסטל, וואָס שטייט אונטערן קראַן; פון אַן אַלטן זשורנאַל האָט ער אויסגעריסן אַ הויפן בלע־טער און האָט מיט זיי אָפּגעווישט דעם טיש. דעם זעלבן, וועלכער האָט אים נאָר וואָס געדינט ווי אַ „שולחן־ערוך”. דאַן האָט ער גענו־מען פונעם בעט אַ שטיקל געבלימטע צעראַטע, האָט עס אויס־געשפּרייט אויפן טישל און האָט מיט אַ ברייטן זשעסט, מעשה־קאַוואַליער, איינגעלאַדן יוספן אַ ביסל נעענטער צו דער בינע:

— ביטע אין מיין קאַבינעט אַריין... נעמט מיט זיך מיט דעם טאַבורעט אויף וועלכן איר זיצט, אַנדערש וועט אייך אויסקומען צו שטיין —

און אַליין האָט ער זיך האַלב־צעלייגט אויפן אַלטמאָדישן בענקל מיטן געפלאָכטענעם דנאָ און האָט ווייט אויסגעצויגן די פיס פאַר זיך. ווען יוסף, מיטן טאַבורעט אין דער האַנט, האָט

פּאַרזיכטיק אויסגעמיטן די שטעקלדיקע פּיס און איז שוין געזעסן קעגן דעם בעל־הבית, פּנים אל פּנים, האָט יענער, קענטיק מיט גרויס הנאה, אַראָפּגענומען דאָס זייגערל פון דער האַנט און עס אונטערגעטראָגן יוספן ביז צו די אויגן —

— נאַ, קוק!

ס׳איז געווען פּונקט דריי!

— אָט אַזוי האָב איך ליב! אָט אַזוי האָב איך אַ לעבן לאַנג אָפּגעלעבט —

יוסף האָט זיך אָנגענומען מיט מוט:

— אייגנטלעך זענען מיר דאָך איינער פאַרן אַנדערן לחלוטין אומבאַקאַנטע מענטשן —

— אָט דאָס הייסט ביי דיר — אומבאַקאַנטע? דו האָסט שוין, האָב איך געזען, איבערגעטאַפּט מיט די אויגן דאָס גאַנצע באַלע־באַטישקייט מיינס; האָסט דורכגעפּירט אַן אמתע אינספּעקציע; איך, ווידער, האָב דיך שוין געזען מיטן „כליל תפארת בראשו" און נאָך אַלץ הייסט דאָס ביי דיר: אומבאַקאַנטע? וואָס זשע, ס׳איז עפּעס אַ גרויסע נפקא־מינה, צי מיר הייסן בערל צי שמואליק צי טאָד־רעס צי חיים־עליע —

— אָבער דאָך —

— דאָך, דאָך, קוש אַ בער אין לאָך! וואָס דאָך? די אַנקעטע וועט זיין אויסגעפּילט נישט ווי ביי לייטן פּירט זיך? נו, נאַ, נאַ, נאַ־דיר דאָס דאָקטערסקע הענטל, מיך רופט מען: נעמיראָווסקי, יאַקאָוו ביניאַמינאָוויטש —

יוסף, אויסשטרעקנדיק אים די האַנט:

— און מיך: גאָרדאָן, יוסף זאַלמאָנאָוויטש —

— אָבער רופן זאָלסטו מיך פּשוט: דאָקטאָר!

— און איר מיך: יוסף! און רעדן וועלן מיר מאַמע־לשון, יידיש —

— זאָל זיין יידיש, אַ דאגה מיר —

די הענט האָבן זיך אָפּגעלאָזט און אין „קאַבינעט" איז געוואָרן טויט־שטיל. דער דאָקטער האָט ווידער אויסגעצויגן די פיס פאַר זיך אין זייער גאַנצער לענג און האָט מיט אַ חוזקל אין טאָן זיך אָנגערופן:

— נו, וואָס שווייגסטו? דערצייל —

— וואָס ווילט איר זאָל איך אייך דערציילן?

— כדי דו זאָלסט דערנאָך זיך נישט דאַרפן איבערחזרן, דערצייל אַלץ על הסדר: פון וואַנען דו ביסט, ווער דו ביסט און וואָס דו טוסט דאָ...

— און אויב נישט, „וועט די אַנקעטע זיין אויסגעפילט נישט ווי ביי לייטן פירט זיך"?

דער דאָקטער האָט זיך צעלאַכט:

— ביסטו אויך, הייסט עס, אַ שלעקל? אַזוי גאָר?

— פאַר וואָס עפּעס — אויך?

ביידע האָבן זיך גוטמוטיק צעשמייכלט. דער דאָקטער האָט זיך אַריבערגעבויגן צו יוספן און אים פריינדלעך אַ קלאַפּ געטון אין דער קני:

— דערצייל, דערצייל עפּעס... דערצייל, וואָס דו ווילסט אַליין... מיר שיינט, אַז דו האָסט פיל פּיקאַנטע זאַכן צו דערציילן — אָפּגעזאָגט, האָט ער זיך ווידער האַלב־צעלייגט אויף זיין בענקל, אויסציענדיק די פיס ווייט פאַר זיך. יוסף האָט זיך אָנגערופן:

— אַנטשולדיקט מיר מיין געוואַגטקייט, נאָר, זאָגט מיר, על־פּי דאָקטאָריע איז געזונט צו האַלטן די פיס אַ מייל פאַר זיך, וואָס איר —

— ניין, אַראָפּגעלאָזט און אויסגעצויגן ווי איך האַלט זיי, איז דווקא נישט געזונט... נישט באַקוועם און נישט געזונט —

— פאַר וואָס זשע —

— פון מיר איז קיין ראיה נישט... אויף מיר האָסטו נישט וואָס צו קוקן.

— פאַר וואָס ?

— ווייל מיר... דאָס הייסט איך און נאָך אַנדערע אַזעלכע ווי איך זענען אַזוי לאַנג געזעסן אין קאַרצער מיט די פיס אונטער זיך ווי אַ מאַלאַי, אַז ביזן טויט אַריין וועט אונדז נישט נמאס ווערן צו זיצן מיט אויסגעצויגענע פיס —

אין דעם קבר׳דיקן צימערל האָט אַ ווייע געטון מיט אינק־וויזיציע און מיט הײַדאַמאַקעס.

יוסף, מיט גרויס אָפּשיי :

— זענט איר, הייסט עס, אַ געזעסענער ?

— וואָס דען בין איך — אַ געשטאַנענער ? מען איז געשטאַנען אויך, ווען מען האָט געמוזט... אין קאַרצער, ווען מען האָט דערפילט, אַז די פיס הייבן אָן געליימט צו ווערן, איז מען שוין בעסער געשטאַנען... ווי שטייט דאָרטן ערגעץ אין די קליינע אותיות : כל ישיבה שאין עמה סמיכה, עמידה נוחה הימנה —

יוסף, שטיל, ווי ער זאָל מורא האָבן אויפצוּוועקן אַ חולה :

— לאַנג זענט איר... געזעסן און געשטאַנען ?

— אַ קורץ שטיקל צייט... בסך־הכל דרייצן יאָר...

— הייסט עס, נישט פיל מער פון מיר...

— אַזוי ? דהיינו, וויפל הייסט ביי דיר „נישט פיל מער״ ?

— איך בין אָפּגעזעסן — אויך אַ ביסל „געשטאַנען״ — קאַלענדאַרנע צען יאָר... און דערנאָך נאָך זעקס חדשים...

דער דאָקטער האָט זיך ראַש אויפגעשטעלט פון דעם היפּש־לעך־אַראָפּגעזעצטן געפלאָכטענעם דנאָ :

—אויב אַזוי טאָ נאַ זשע דיר ערשט איצט דעם אמתן שלום־עליכם... זענען מיר דאָך גאָר, קומט אויס, קאָלעגן לויטן פאַך —

— לויטן אויפגעצוווּנגענעם פּאַך —

— איצט איז דאָס שוין אַלץ איינס... אַ קאַטאַרזשאַן פון אַזוי פיל יאָרן, מיט אַזאַ בכבודיקן סטאַזש, פרעגט שוין קיינער נישט: על מה ולמה? ער איז שוין אליבא דכולא עלמא אַ קאַטאָרזשאַן פון באַרוף... גיי ריכט זיך, גיי ריכט זיך... אַזוי אַ קוק טון אויף דיר קען מען גאָרנישט דערקענען... איך בין נאָך פונעם ערשטן „פרי־זיוו" און דו, קומט אויס, — פונעם לעצטן? ביסטו דאָך גאָר אַ געריבענער יאַט! דאַרף מען דאָך גאָר שטיין פאַר דיר ווי פאַרן קיסר —

און זיין אומגליקלעכע פיגור איז נאָך קאָמישער געוואָרן, ווען ער האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע און האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט „פּאָ שוואָם".* דאַן האָט ער אַליין געמאַכט אַ סוף צו דער קאָמעדיע:

— אַן עק, גענוג קאָמעדיאַנטישע שטיק, וויפל איז דער שיעור זיך נאַרעש צו מאַכן? נו, לייג אַרויס אַלץ וואָס דו האָסט דאָרט... אפילו פון אונטערן לעפעלע...

— א י ר זענט עלטער —

— נו טאַקע ווייל איך בין עלטער פון דיר, הייס איך דיר דערציילן!

— קיין איך וואָרט וועט איר פון מיר נישט הערן, ביז איך וועל נישט וויסן: ווער איר זענט און פאַר וואָס איר זענט גע־זעסן...

— האַ! דו האָסט דאַכט זיך מורא? ביטע שיין, איך קען דיר אין דריי ווערטער דערציילן —

— וועל איך עס מאַכן אין צ װ י י ווערטער —

---

* אויף די נאָטן. ווי זעלנער טוען פאַר אַ העכערן טשין.

— אָ! דו ביסט אַ שפּילקע! נאָך דאַכט זיך מער שפּילקע פון מיר —

— אָ! איר זענט אַ גרויסער עניו...

נעמיראָווסקי האָט אַ שמייכל געטון און האָט צענומען די הענט אין דער ברייט:

— וואָס זשע ווילסטו זאָל איך דיר דערציילן? עס איז דאָ אַזוי פיל און אַזוי ווייניק... מילא! זאָל זיין ווי דו ווילסט... וויפל אַ שטייגער מיינסטו בין איך אַלט? נאָר דעם אמת!

— ס׳איז זייער שווער זיך משער צו זיין... אייער געזיכט...

— ...איז עפּעס אַ מאָדנע געזיכט, ווילסטו זאָגן? איך ווייס, איך ווייס... פיל מענטשן זאָגן מיר דאָס... איך בין פונעם 1899סטן יאָר —

— אָ! איר זעט נישט אויס עלטער פון אייערע יאָרן, אדרבה — נאָך פיל יינגער...

— אויך דאָס ווייס איך... דאָס איז אַ דאַנק מיין כאַראַקטער! איך האַלט זיך שטאָל און אייזן... אָבער דו ווייסט? איך פאַרלייד נישט, ווען מען שלאָגט מיר איבער אין מיטן רעדן!

— איר קענט שוין זיין זיכער —

— אָט אַזוי! בין איך, הייסט עס, געבוירן אין 1899 אין יעקאַ־טיערינאָסלאַוו, היינט — דניעפּראָפּעטראָווסק, ביי אינטעליגענטע עלטערן. דער פאָטער איז געווען אַן אַדוואָקאַט און די מוטער — אַ פרויען־דאָקטער, אַ גינעקאָלאָג. זיי זענען געווען זייער נישט קיין גלייך פּאָרפאָלק. איקס שמיקס דריקס, מין בשאינו מינו. ער — אַ געוועזענער ישיבה־בחור, געלערנט אין וויטעבסק, דערנאָך אין וואָלאָזשין, געהאַט אַ פאָטער אַ גרויסן רב, אַ שטיק גאון, — א י ך האָב אים נישט געקענט, ער איז יונג אַוועק פון דער וועלט — און די מוטער מיינע איז געווען פון אַ כמעט אין גאַנצן אַסימילירטער שטוב. ביי אייך וואָלט עס שוין מסתם געהייסן:

גויים גמורים, מומרים להכעיס. זי האָט נישט געוווּסט און האָט נישט געוואָלט וויסן, פאַר וואָס זי מוז זיך פילן אַנדערש, ווי דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק... זי האָט פשוט בשום אופן נישט געקענט תופס זיין דעם שכל דערפון; זי האָט באַטראַכט די אַלע אָפּגרעד־נעצונגען און די אָפּגעזונדערטקייט, ווי עפּעס אַ מין אַסקעטיציזם אָדער גאָר זעלבסטמערדעריי... געווען זענען מיר בסך־הכל צוויי קינדער: איך און אַ שוועסטער, אַננאַ. ווי זיי וואָלטן צווישן זיך געקומען צו אַ הסכם וועגן דעם, האָבן זיך מיינע עלטערן איינ־געטיילט מיט די קינדער — חצי שלי וחצי שלך! אין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלוא נימא. דער פאָטער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער דערציאונג פון זיין בין יחיד און די מוטער מיט איר בת־יחידה — חלק כחלק! ולא קרב זה אל זה כל הלילה. און מערקווירדיק, פונקט ווי עס איז נישט געווען קיין שום געמיינזאַמס צווישן מייך פאָטער און מיין מוטער, אַזוי איז אויך נישט געווען קיין שום געמיינזאַמס צווישן מיר און מייך שוועסטער. אמת, מיר האָבן געלעבט אונטער איין דאַך, אָבער ווי צוויי פיינטלעכע לאַגערן; אין איינעם: דער טאַטע מיטן זון — אַזוי צו זאָגן: אותו ואת בנו — און אין צווייטן: די מאַמע מיט איר טעכטערל... כאמה כבתה... נאָך איידער איך בין אַריין אין גימנאַזיע האָב איך גע־רעדט עברית בעברית נישט ערגער ווי רוסיש, כ׳האָב זיך גע־קענט מיט פיל העברעאישע שרייבערס און — אַ דאַנק דעם, וואָס מיין פאָטער איז געווען זיינער אַ גרויסער פריינד, אַ חבר פון וואָלאָזשינער ישיבה — אויך מיט חיים־נחמן ביאַליק. די שוועס־טער מיינע דאַקעגן האָט די מוטער אַריינגעגעבן אין אַ קריסטלעכן פּאַנסיאָן, — האָב נישט קיין מורא, לא להינם הלך זרזיר אצל עורב, — ווו זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גאַנצן סם־המוות קעגן יידן גלייך מיט אַלע שיקסלעך דאָרטן... דערווייל בין איך מיט דערפאָלג אַריינגעטראָטן אין אָדעסער אוניווערסיטעט אויפן מע־

דיצינישן פאַקולטעט. אונדזער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געציילט פיל הונדערטער מיטגלידער, בחורים און מיידלעך, — ממש ווי עס שטייט דאָרט: בחורים וגם בתולות, זקנים עם נערים — עס זענען געווען מער אַקטיווע און אויך ווייניקער אַקטיווע... הכל לפי מה שהוא אדם... א י ך בין געווען צווישן די אָנפירנדיקע... קיינעם פון אונדז איז דאַן נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס רוב פון די פלאַמענדיקסטע אַקטיוויסטן זענען גאָר פּאַרקויפטע נשמות... שפת חלקות, בלב ולב ידברו... זיי האָבן גלייכצייטיק געדינט אין טשע־קאַ * און האָבן שפּעטער אָנגעפירט מיט די הונדערטער אַרעסטן... ווען מיר וואָלטן דערפון געוווּסט געוואָרן ביי צייטנס, וואָלטן מיר, בשעה שלא יום ולא לילה, זיי געווען דערשטיקט ווי די הינדלעך און אָפּגעשיקט אין שוואַרצן ים אַריין מיט אַ שטיין אויפן האַלדז האָדעווען די פיש... ליידער זענען מיר דאַן אַלע געווען בלינד ווי די פלעדערמייז... און דאָ איז נאָך אונטערגע־קומען אַזאַ גרויסער טאָג, ווי דער טאָג פון חיים־נחמן ביאַליקס אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל... און מיט אים צוזאַמען, דאַכט זיך, אויך בן־עמי, רבניצקי, דוד פרישמאַן און נאָך אַנדערע, איך גע־דענק שוין נישט זייערע נעמען... ס'איז שוין פון דאַן אַ שיין ביסל יאָרן אַוועק, נישט קיין רבותא וואָס מען פאַרגעסט... יענער טאָג איז, געדענק איך, אין אָדעס אָנגערופן געוואָרן: „יומו של ביאליק"... די שטאָט האָט זיך ממש געוויגט מיט זיין אַוועקפאָרן...

— וואָס האָבן זיך ביי דיר אָנגעצונדן די אויגן ווי ביי אַן אינדוס, ווילדער דו? בלויז אייניקע עפּיזאָדן פון יענער געשיכטע האָבן געהאָט אַזוי צו זאָגן: „זילבערנע ראַנדן", טאַקע בלויז אייניקע פראַגמענטן, והמותר, ברודערקע, איז געווען: תוהו ובוהו וחושך...

---

* דער געהיים־דינסט באַלד נאָך דער רעוואָלוציע. די שפּעטערדיקע: ג.פּ.או. און נ.ק.וו.ד.

צרה ויגון ואנחה... „אָוטשינקאַ ניע סטאָאילאַ ווידיעלקי...* אָבער וואָס געווען איז געווען... זאָג איך: גאַנץ אָדעס איז געגאַנגען אויף רעדער... ים ישים כמרקחה... ותרגז הארץ ותהי לחרדת אלקים... מען האָט אים געטראָגן צו דער שיף אויף די קעפּ... וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט אויף מיר דיינע קוקערס? נישט אויף די הענט, נישט אויף די הענט, נאָר ממש אויף די קעפּ... און ווען ער מיט זיינע קאָלעגן האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּאַלובע, האָט מען אין אַלע עקן פונעם פּאָרט גלייכצייטיק אַרויסגעוואָרפן ווייס־בלויע פענער און טאַקע מיט „יחי״ און מיט „הידד״ און מיט „תחזקנה״ און אַז די עלעגאַנטע שיף האָט אָנגעהויבן, בקידות והשתחוויות, העפלעך זיך אָפּצושאָקלען פונעם ברעג, ווי דער חזן פונעם עמוד ביי „עושה שלום״ — איז דער גאַנצער עולם יונגוואַרג אַרויס מיט „עוד לא אבדה״, ווי מען וואָלט שוין אויף אַן אמת געווען אין ארץ־ישראל, נישט ביי די „באָלשאַקעס״ ** אויף דער דלאָניע... ווּ זיי זעען אונדז פון אַלע זייטן, אויף דורך און דורך... ווי זאָגט ער, ירמיהו הנביא, דער מקונן: נישא לבבנו אֶל כפיים, אֶל אֵל בשמים. פאַר וואָס עפּעס — אֶל כפיים? ווייל ווען אַ זאַך ליגט ביי דיר אויף דער דלאָניע זעט מען זי פון אַלע זייטן... און מיר האָבן גוט גוט גע־ווּסט, אַז מיר אַנטהילן זיך פאַר אונדזערע ערגסטע שונאים, פאַר די פלישתים, אָבער, — אל תשאל את חברך בשעת נדרו ואל תשתדל לר־אותו בשעת קלקלתו! ווען אַ מענטש גייט אַריין אין אַזאַרט, פרעגט מען אים דאַן נישט אויף קיין לאָגיק, דאַן איז — לתבונתו אין חקר! דו ווייסט נישט? מעשה־נערות! אַלץ וואָס מען האָט פריער געזען ביי די רויטע, האָט מען נאָכגעטון... אות באות... איי, יענע זענען אויפן פערד און מיר ליגן ניך איילן טיף אין דער אדמה? דערויף האָט

---

* דאָס פעלעכל האָט נישט די ווערט געהאַט די אויסאַרבעטונג, דאָס מלאכה־געלט.

** אין יענע יאָרן אַ זילזולדיקער קיצור פון: באָלשעוויקעס.

מען נישט געקוקט! איי, די עלטערן האָב אויף זיך געריסן די האָר: קינדער, איר קריכט אַליין צום לייב אין פּיסק אַריין, — דערויף האָט מען אויך נישט געקוקט! אין משגיחין בבת־קול! וואָס דען? ראַוונאָפּראַוויע!* זיי: „כאַי זשיווע״?** — מיר: „יחי״! זיי: „הורראַ״? — מיר: „הידד״! מיט איין וואָרט — הכל כמנהג המדינה! און... און גאָרנישט! ס׳איז פאַריבער שאַ־שטיל... ולכל בני־ישראל לא יחרץ כלב לשונו... אַז מען האָט אָנגעהויבן צו „נעמען דעם עולם אין חדר אַריין״, לקחת מוסר־השכל, צדק ומשפט ומשרים, אויף אַ ספּעציעלן שיעור פון „חשבון־הנפש״, בין איך שוין לאַנג געווען אַ חתונה־געהאַטער, שוין געהאַט דריי קינדערלעך... איך האָב שוין דאַן געוווינט אין מאָסקווע, געאַרבעט אין אינפעק־ציאָנע שפּיטאָל אין נאָוואָ־אָסטאַנקינאָ און מיין טייער ווייבעלע — אַ קראַסאַוויצע געווען און ממש אַ הייליקע יידישע טאָכטער — איז געווען אין דעם זעלבן שפּיטאָל אַ לאַבאָראַנטקע. מיין שיין ווייבעלע, דאַרפסטו וויסן, האָב איך ממש פאַרגעטערט. בדרך כלל האָב איך פיינט הויך־קלינגענדיקע ווערטער בתכלית־השנאה. אָרגאַניש קען איך זיי נישט פאַרדייען. און האָב קיין מאָל נישט פאַרגעסן מיין טאַטנס אַ וואָרט: „דו זאָלסט קיין מאָל קיין שום מענטשן נישט פאַר־אַכטן, ווייל, — וואָס דער דאָזיקער מענטש זאָל נישט זיין — איז ער פאָרט נישט ווייניקער ווי אַ מענטש; און דעסט גלייכן זאָלסטו קיין מאָל קיין שום מענטשן נישט פאַרגעטערן, ווייל... אויך מהאי טעמא... וואָס ער זאָל נישט זיין, — איז ער פאָרט נישט מער ווי אַ מענטש... און דאָס איז טאַקע די טיפע כוונה פון די ווערטער: לא ידון רוחי באדם לעולם... בשגם הוא בשר״... אַזוי האָט ער מיך געלערנט זיין לעבנס־חכמה, אָבער נישט אַלע מאָל קען מען זיך צוהערן צו דעם,

---

* גלייכהייט.

** „זאָל לעבן״. אויף אוקראַייניש.

וואָס דער טאַטע לערנט דיך, — איך האָב מיין אויסדערוויילטע י אָ פאַרגעטערט... זי איז געווען צווישן אויסנאָמען אַן אויסנאַם... אחת מני אלף... רבות בנות עשו חיל, ו א ת עלית על כולנה... און די זון האָט צו אונדז אַריינגעשיינט דורך אַלע פענצטער און דורך אַלע שפּאַלטן... ס'איז אונדז שטאַרק געגאַנגען מיט דער האַנט... צו די קינ־דערלעך האָבן מיר געהאַלטן אַ דינסט, וואָס האָט געקענט אונטער־שפּאַרן די סטעליע. וואָס האָסטו צו קלערן? מען האָט שוין דווקא געלעבט ווי גאָט אין אָדעס, נישט ווי אין מאָסקווע... בקיצור — מען האָט מיך פאַרנומען... נו, לייקענען, אַז דו האָסט געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז נישט שייך געווען... ביי יעדן פּרווו עפּעס „נישט צו געדענקען" האָט מען דיר גלייך אַריינגעפּירט איינעם פון די „פאַרקויפטע נשמות" און יענער טיטשעט דיר מיטן פינגער אין פנים:

— ווען וועמען ווילסטו עס דולן דעם קאָפּ, דו אַזעלכער און אַזעלכער? מיר? הלא עמנו הייתם! אין החי מכחיש את החי —

וואָס האָט מען געקענט ענטפערן אָט די מערזאַווצעס? מען האָט געקריצט מיט די ציין און... און מען האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן... שתיקה כהודאה דמיא... איינער אַן אונדזעריקער, אַ ווי־ניצער איז ער געווען, ירחמיאל בעלאָצערקאָווסקי האָט ער גע־הייסן, בשעת אַזאַ קאָנפראָנטאַציע — ווען יענער, דער מסור, האָט אים אויסגעוויזן באותות ובמופתים, אַז ער האָט געטראָגן דאָס ווייס־בלויע פענדל אונטערן מאַנטל — האָט אַ כאַפּ געטון פונעם אויספאָרשערס טיש דעם שווערן קלעקער און האָט דעם פאַררע־טער אַרויסגעלאָזט די געהירן אויפן אָרט... דעם זעלבן טאָג האָט מען אים דערשאָסן אָן אַ געריכט... אין די קאַמערס האָט מען אַלץ געוווסט... נאָר ווייס איך, וואָס זיך איך און דערצייל דיר שרעקלעכע פּאַסירונגען? מן הסתם ווייסט דו נאָך עפּעס שע־נערס... דו ביסט דאָך געווען פון יעזשאָווס שחיטה? ווער איז ביי דיר געגאַנגען מיט קוואַטערשאַפט? נישט יעזשאָוו?

יוסף האָט שווייגנדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ פון אויבן אַראָפּ.

— נו אָט! בין איך דאָך קעגן דיר אַ שנעק! אַ מלופּם־יינגל! מיט איין וואָרט, וואָס וועל איך דיר מאריך זיין? דער פּאָליטי־שער רעוואָלוציאָנער־אָרגאַניזאַטאָר איז מיר על פּי דין געקר־מען פיל פיל מער, אָבער קיין גרעסערע ציפער ווי צען, האָט נאָך דאַן, אין יענע „פּרימיטיווע" יאָרן, נישט עקזיסטירט... האָסט באַקומען אַ צענערל? זאָג אַ גוטע נאַכט און גיי שלאָפן! און פאַרגעס לעולם ועד, אַז ס'איז דאָ אַ ווייסע וועלט, — עורבא פרח! היינט, רעכן איך, וואָלט עס אויסגעזען אַ ביסל אַנדערש, האַ? אַלע שווערע קאַנאָנען פון דער סאָוויעטישער אימפּעריע וואָלטן ניט געקלעקט אויף מיך איינעם צו צעשיסן, נישט אַזוי? קורץ דערפון: מען האָט מיך מיט נאָך פיל חברים פאַרשיקט אַהער, קיין קאַראַגאַנדאַ. כאָטש זיך דורכשרייבן מיט דער אויסערלעכער וועלט איז אונדז געווען פאַרווערט, אָבער ס'איז אונדז געלונגען אונטערצוקויפן אַ וועכטער און ער האָט אָפּגעשיקט אונדזערע בריוו פון אַן אַנדער שטאָט... איך האָב אויך צו וויסן געגעבן מיין פרוי, ווו איך געפין זיך... בעסער וואָלט איך דאָס נישט געווען געטון —

דער דאָקטער האָט מתוך כובד־ראש אַרויסגענומען פון בו־זעמטאַש אַן אַליין־פאַרדרייטן־פּאַפּיראָס, אים לאַנג גע־קנייטשט צווישן די פינגער און צום סוף — טאַקע נישט פאַר־רויכערט.

— יאָ... הלואי וואָלט איך איר נ י ש ט געווען מודיע געווען, ווו איך געפין זיך... דאַן וואָלט איך איצט מן הסתם אַ ביסל אַנדערש אויסגעזען... זי איז געווען צו שטאַרק צוגעבונדן צו מיר... זי האָט מיך צו שטאַרק ליב געהאַט... אין איין שיינעם

פרימאָרגן, איך קום אַריין אין פּאַלאַטע אַריין — איך האָב דיר אפשר פאַרגעסן צו דערציילן, אַז איך האָב דאָ אויך געאַרבעט אַלס דאָקטער — גייען מיר אַקעגן, ווי געוויינלעך, צוויי קראַנקן־שוועסטער: איינע איז געווען אַן אַלטע אַרבעטאָרערין און איינע עפּעס אַ נייע. איך לייג נישט קיין אַכט אויף זיי, כנהוג. ערשט ווען די נייע שוועסטער האָט אויפגעעפנט איר מויל, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרומלויפן מוראַשקעס איבערן גאַנצן לייב. איך הייב פאַרזיכטיק אויף די אויגן — יאָ, ווי גאָט איז אמת, ס׳איז זי! מיין גאָלדן חנה׳לע! יונג און שיין און ליכטיק און געטריי... דאָס גאַנצע געטריישאַפט — אין די אויגן! ס׳איז מיר פּלוצלינג געוואָרן אי הייס, אי קאַלט, איביידע זאַכן צוזאַמען... איך בין שיעור פונעם זינען נישט אַראָפּ:

— וואָס האָט אין דער היים געקענט פּאַסירן? וואָס טוט זי דאָ? ווו זענען די קינדערלעך?

איך בין דאָך פאָרט עפּעס געווען דאָקטער אין לאַזאַרעט, האָב איך שוין ערגעץ אַוועקגעשיקט די צווייטע שוועסטער און וואַרף זיך דורך מיט איר מיט אַ פּאָר ווערטער:

— חנה׳לע, ווי קומסטו אַהער?

— כ׳וויל זיין לעבן דיר...

— וואָס הייסט? וואָס זענען דאָס פאַר אַ דיבורים?

— אָט דאָס הייסט!... כ׳בין געקומען... באַוויזן מיינע דאָקומענטן, אַז איך בין אַ געניטע קראַנקן־שוועסטער און זעסט דאָך! כ׳איז מיר ברוך־השם געלונגען און אָט זע איך דיך מיט מיינע אייגענע אויגן...

— אָבער —

— אָן אַן אָבער! אַזוי בלייבט עס! נישט זעענדיק דיך קען איך נישט לעבן אויף דער וועלט...

— און ווו האָסטו איבערגעלאָזט די קינדערלעך?

— איך האָב זיי מיט זיך... זאָרג נישט פאַר זיי... זיי זענען שוין נישט קיין פּיצעלעך... דער עיקר איז, וואָס מיר זעען זיך ווידער...

און ס׳איז אַוועק אַ גאַנג... חדשים און חדשים... דאַמאָלסט איז דער אינערלעכער רעזשים נאָך נישט געווען אַזוי שטרענג ווי היינט... איך פלעג שוין פאַלן אויף פאַרשידענע המצאות, אַז די שוועסטער בלומענטאַל — זי איז ביי מיר געבליבן אויף איר מיידלשן פאַמיליע־נאָמען, אַזאַ מאָדע איז דאַמאָלסט געווען אין לאַנד — זאָל זיך וואָס מער געפינען אין מיין מחיצה. איך פלעג די „גרינע" שוועסטער — אַזוי האָב איך זי אומיסטן גערופן, משום מראית־עין, כדי צו פאַרענטפערן דאָס, וואָס איך שאַף זיך מיט איר מער ווי מיט עמעצן אַנדערש — „עקספּלואַטירן" אויף רעכטס און אויף לינקס און אַ דאַנק דעם כמעט שטענדיק זי האָבן לעבן זיך, דאָס מיינט צו זאָגן: אין מיין רשות... זעלטן, זעלטן פלעגט אונדז אפילו געלינגען זיך אָנקושן און אָנהאַלדזן, אָבער דאָס האָט געקענט טרעפן אַ מאָל אין אַ יובל, מען האָט זיך גע־דאַרפט היטן די ביינער, דאָס האָט געשמעקט מיט קאַרצער פאַר מיר און פאַר איר — מיט דורכטרייבן, און דאָס וואָלט פאַר איר געווען נאָך ערגער פון צען מאָל קאַרצער... דער דאָזיקער לאַגער, דאַרפסטו וויסן זיין, איז איינער פון די גרעסטע אין לאַנד, דער לאַזאַרעט, דער איזאָליאַטאָר, דער האָספּיטאַל פאַר דעם באַדינונגס־פּערסאָנאַל און פאַר דער וואַך, מיט איין וואָרט — קיין אַרבעט האָט נישט געפעלט! מען פלעגט מיך שיעור נישט צערייסן אויף שטיקלעך: טאָ אַהער, טאָ אַהין! און אָן דער שוועסטער בלומענ־טאַל האָב איך זיך נישט גערירט פון דאַנען אַהין. זי איז מיר שטענדיק נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן... און אָט אַזוי האָבן מיר אייגנאַרטיק געלעבט ווו־יל ווי די וועלט... וואָלט דאָך אַלץ גוט

געוועז, — ממש ווי רש״י זאָגט אויף „וישב״: אמר יעקב לישב בשלווה, קפץ עליו רוגזו של יוסף, — האָט אויף אונדז גאָט אָנ־געשיקט אַ שרעקלעכע חיה־רעה אין דער געשטאַלט פון דעם הויפּט־דאָקטער פונעם האָספּיטאַל. דאָס איז געווען אַ ניזשנע־נאָווגאָראָדער קאַצאַפּ, אַ גראָבער מוזשיק, אַ כאַם, אַ מגושמ׳דיקע זאַך. מיין חנה׳לע, האָב איך דיר שוין דאָך דערציילט, איז נישט קוקנדיק אויף אַלע איבערגעטראָגענע צרות, געווען אַ יפת־תואר — ממש אין דער צורה נישט צו קוקן, איז זי אים געפעלן געוואָרן... און נישט סתם אַזוי געזאָגט: געפעלן, נאָר ער האָט טעראָריזירט אָט די איידעלע נשמה מיט דער גאַנצער רציחה פון עשיו־הרשע... לכתחילה האָט זי געמיינט, אַז ער מאַכט אַ שפּאַס; יעדער מינדסט נאַטשאַלניקל האַלט פאַר זיין חוב זיך אַ באַלעווע צו טון מיט די יונגע ווייבעלעך, וואָס שטייען צו זיך באַפעל. ניי ער איז טאַקע פון דער נאַטור אַזאַ דאָן־זשואַן, צי דאָס גאַנצע „אוכאַזשעוועז״ * פּעלט אים אויס ווי אויגנווייטיק, אַלץ איינס וועט ער נישט דערלאָזן, אַז די יונגע קאַטשקעס זאָלן אויף אים קוקן, ווי אויף אַ בחור וואָס אין זיינע אָדערן ריזלט פיש־בלוט, ער מוז ביי זיי גילטן פאַר אַ לעבע־יונג, אַ ברען. זיי זאָלן דערנאָך זיך סוד׳ען וועגן אים, אַז פון זיינע אייזערנע קלעמערס און פון זיינע שרפ׳ענדיקע אויגאַנעס איז גאָר קיין ראַטונאָק ** נישטאָ. האָט זי געמיינט, אַז דאָ האָט זי פאַר זיך אַ טיפּיש „האָנעכל״, וואָס דרייט מיטן קעמעלע און פאַררייסט דאָס ווײדעלע און... און מער גאָרנישט! אין תוך געגומען איז ער אומשעדלעך כתינוק בן יומו, ער פאָכעט נאָר מיט די פליגעלעך און וועט נישט טשעפּען קיין פליג אויף דער וואַנט. דערנאָך, דער־זעענדיק נאָך זיינע ווילדע אויגן, וואָס פאַר אַ וואַמפּיר דאָס איז,

* אָרומפּאָראַדקעווען.

** די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, אַן אָרט וווּהין צו מאַכן די פּליטה.

האָט זי אים איין מאָל, בשעת אַ גערײַנגל, געוואָרפן אין פּנים אַרײַן, אַז אין דער היים האָט זי אַ מאַן, אָבער ער האָט אפילו הערן נישט געוואָלט... קודם גלייבט ער איר נישט, עפּעס לייגט זיך עס נישט אויפן שכל, און ווידער, דאָס איז ביי אים גאָר אַ מעלה נישט קיין חסרון, דאָס אימפּאָנירט נאָך מער זיין מענערישער אַמביציע און אייגנליבע. וואָס גייט אים אָן, האָט ער גע׳טענה׳ט, וואָס זי האָט ערגעץ אַ מאַן; דערפון איז זי אין זיינע אויגן כלל נישט פּסול געוואָרן און קוים אַרט דאָס אים נישט, דאַרף דאָס זי אויך נישט אַרן... ס׳איז נישט געווען דער טאָג, אַז ער זאָל זי ערגעץ נישט פאַרשיקן און דאָרט צושטיין צו איר מיט זיינע אומווירדיקע פאָר־שלאָגן... און איך האָב טאָג טעגלעך געוווסט, וואָס זי האָט פון אים אויסצושטיין און דאָס בלוט האָט זיך פון מיר געצאַפּט ריטש־קעסווייז... העלפן האָב איך מיט גאָרנישט נישט געקענט, אַז יע־נער איז דער פרייער מענטש, איז יענער דער „האוחז ביד", האָט יענער אַ דין־קדימה קעגן אַן אַרעסטאַנט־אַ־שקלאַף, כנהוג. ס׳איז ביי אונדז געווען: זה עומד בזווית זו וזו עומדת בזווית זו, — איך האָב געוויינט אין איין ווינקל און זי האָט געיאָמערט אין צווייטן ווינקל... וויפל איך האָב זיך נישט געבעטן ביי איר:

— חנה׳לע, האָב רחמנות אויף אונדזביידע און וואַרף אַוועק אָט די אַרבעט... אָט דער המן וועט אונדז ביידע פאַרטרייבן אין דער ערד אַרײַן...

אָבער זי האָט אפילו נישט געוואָלט הערן פון פאַרלאָזן די אַרבעט:

— ער וועט סוף כל סוף אָפּשטיין פון מיר... עס וועט אים דאָך אַ מאָל נמאס ווערן... נישט זעענדיק דיך איז מיר נישט ליב דאָס לעבן אויף דער וועלט...

— דו רעדסט שטותים, מיין טייערס. גיב אַ קוק אין זיינע פּעט־ליורעווסקע אויגן, אויף זיין בעסטיאַלישער צורה, וועסטו זען, אַז דאָס

איז נישט דער טיף, וואָס ווערט מיד און רעזיגנירט... און די תאווה זיינע איז אויך נישט פון דעם מין, וואָס מען לעשט זי מיט יושר און מיט לאָגיק און מיט „נמאס ווערן״, געדענק מיינע רייד...

— יאַנקעלע, ס׳איז אַ שאָד די רייד. דאָ איז מיין פּלאַץ און אין ערגעץ גיי איך נישט פון דאַנען —

און אַזוי אַלע מאָל דאָס זעלבע... ביז... ביז אָט דער צורר־היהודים, זעענדיק, אַז ער קען אָט די בלומענטאַל נישט בייקומען, האָט ער אָנגעדונגען די צווייטע קראַנקן־שוועסטער, אַז זי זאָל ביי מיין פרוי אויסטאַפּן, וואָס אַזוינס האָט זי, אַזאַ יונגע, אַזאַ שיינע, געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל זיך באַגראָבן אין אַ קאָנצלאַ־גער... דו געדענקסט נאָך פון רש״י, ווי אַזוי די מצריים האָבן אויסגעשפּירט די יידישע קינדערלעך, כדי זיי צו וואַרפן אין נילוס אַריין? זיי זענען געקומען אין די יידישע הייזער מיט זייערע אייגענע ממזרים, און איין קינד דערשנאַפּט שוין דאָס צווייטע. די דאָזיקע בעסטיאַלישע חכמה איז עד היום אַ חכמה... אַ פרוי פון אַ פרוי קען זיך נישט אויסבאַהאַלטן... און ווער אויף איר אָרט וואָלט יאָ אויסגעהאַלטן אַזאַ נסיון... והאורב יושב בחדר... און כך הווה: יענע האָט טאַקע דערשמעקט, אַז מיר זענען מאַן און ווייב... צי זי האָט אונטערגעהערט, אַז מיר זענען צווישן זיך אויף „דו״, צי זי האָט אונטערגעקוקט, אַז מיר האָבן זיך אַ קוש געטון, דער עיקר — דער געפערלעכסטער שונא אונדזערער איז סוף־כל־סוף געוווּיר געוואָרן פון אונדזער שרעקלעכן סוד...

פון דאַמאָלסט אָן האָט מיין חנה׳לע אָנגעהויבן צו באַקומען פון אים די טשאַכאָטקע... ער האָט זי אָנגעהויבן אָנצוגרייפן מיט זיין גאַנצער „איוואָנישער״ קראַפט און ווען זי האָט זיך ווי געוועג־לעך געוועהרט, האָט ער איר געדראָט, אַז טאָמער ווערט זי נישט „קלוגער״ ביי צייטנס, וועט ער מודיע זיין דער העכערער נאַ־טשאַלסטווע, וואָס פאַר אַן אידיליע מיר האָבן זיך איינגעפירט אין

לאַגער. „דאַמאָלסט — האָט ער איר אַלץ געדראָט — וועט דיין נעמיראָווסקי באַקומען פאַר דעם שטיקל אַרבעט נאָך צען יאָר; דיך וועט מען איינשפּאַרן און דיינע קינדער וועלן דאָרט פאַר־פוילט ווערן אָן דיר״... זי פלעגט אויסהערן זיינע דראָונגען, ווערן געל ווי וואַקס און ווידער שטעלן אַ ווידערשטאַנד... ווען איך פלעג זי דערזען נאָך אַזאַ „שלאַכט״ מיט יענעם צורר, פלעג איך וויינען פאַר איר בדמעות־שליש:

— חנה, איך וועל זיך איבער דיר דאָס לעבן נעמען... איך בעט דיך, נעם די קינדער און פאָר דיר צוריק קיין מאָסקווע... אַז מען קען נישט אַריבער מוז מען אַרונטער... מען קען נישט נעמען דעם אָקס פאַר די הערנער... אַז עס וועט קומען די צייט וועל איך נאָכקומען... וואָס האָסטו צו זיך און צו מיר?

— ניין — פלעגט זי שוין דאַן ענטפערן — מיט מיין אַוועק־פאָרן וועל איך שוין איצט גאָרנישט פאַרריכטן... דער צורר וועט פון נקמה־דאָרשט דיך מסרן... אָנשטאָט דיר העלפן, הייסט עס, וועל איך גאָר האָבן דיך אומגליקלעך געמאַכט...

— און אַז דו ביסט דאָ, וואָס העלפט עס?

— זעסט דאָך, אַז לעת־עתה האָט ער נאָך נישט געמסרט... אפשר וועט אים דערווייל אָפּנעמען דאָס לשון...

— אָבער דו טרוקנסט דאָך איין, שונאי־ציון, פון טאָג צו טאָג... דו זעסט שוין אויס — אויף אַלע יידישע שונאים געזאָגט געוואָרן —

— ווייס איך, יאַנקעלע, ס׳וועט מיר גאָרנישט זיין... אַז דו וועסט אַרויסגיין פון דאַנען און צוריק ווערן אַ פרייער מענטש, וועל איך מיך צוריק פּאָפּראַווען... הלואי האַלט עס שוין נאָר דערביי...

און יענער שאַקאַל האָט נישט נאָכגעלאָזט אפילו קיין איין טאָג. דער משוגע׳נער וואָלף האָט זיך הערמעטיש אָפּגעשלאָסן פון

אַלע נאָכדענקונגען. ער האָט פאַר זיך געשטעלט איך און איינציקן ציל, — ער מוז צעקייען דעם מאַרכביין און שוין! איין מאָל — דאָס געדענק איך אַזוי ווי היינט, אַזוי ווי ערשט זאָל דאָס האָבן געשען — שטיי איך מיר אין אָפּעראַציאָנע־זאַל און קוק איבער די כירורגישע מכשירים, קומט ער אַריין, דער הויפּט־דאָקטער, — אושאַקאָוו האָט ער געהייסן, היינט איז ער שוין דאָרט נישטאָ, היטלער האָט אים אַוועק־געלייגט, — קומט ער אַריין, שטעלט זיך אַוועק און קוקט אויף מיר און קוקט מיט זיינע ברודיקע, לײדנשאַפטלעכע אויגן, אויגן פון אַ געפּער־לעכער אָווטשאַרקע, איך מאַך זיך, כלא ידע, כלומרשט באַמערק איך אים אפילו נישט און טו זיך מיינס געלאָסן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, דער הונט, אַז מיין פּרוי דערציילט מיר אַלץ און אַז איך ווייס שוין, אַז ער ווייסט, ווער זי איז, קוקט ער אַזוי און קוקט און רופט זיך אָן צו מיר:

— דו הערסט, נעמיראָווסקי, אַז מען האָט אַזאַ שיין ווייבל ווי דו, טאָר מען זי נישט ברענגען אין קיין לאַגער... דו האָסט בעסער געדאַרפט צולייגן די עטלעכע יאָר... און אויב דאָס הער־צעלע האָט דיר איבערגעחלשט און דו האָסט זי שוין יאָ גע־בראַכט, זאָל זי פון זיך נישט פּראָווען קיין נאָנע, דו הערסט וואָס איך רעד צו דיר? רעד מיט איר איבער נאָך ה י י נ ט, אויב דו ווילסט נישט, אַז א י ך זאָל איבעררעדן ווו מען דאַרף, וואָס איר געהערט זיך אָן איינס דעם צווייטן —

האָב איך אויפגעהויבן דאָס גרעסטע כירורגישע מעסער פונעם טעצל מיט מכשירים און האָב אים געזאָגט:

— הער אויס, אושאַקאָוו, טאָמער שטייסטו צו צו איר נאָך איין מאָל, זאָלסטו וויסן זיין, אַז איך וועל גיין „פּאָד ראַזסטריעל", * נאָר פריער וועל איך דיר מיט אָט דעם מעסער איבערקוילען דעם האַלדז ווי אַ חזיר —

* דערשאָסן צו ווערן.

ער איז מיט אַ מאָל בלייך געוואָרן, האָט אַ שפּיי געטון אין מיין זייט און איז אַרויס פון דער אָפּעראַציאָנע...

אַזוי האָט זיך עס נאָך געצויגן עטלעכע וואָכן, ביז איין מאָל, ווען ער האָט זיך מיט איר שטאַרק געאַמפּערט און זי האָט אים שיעור נישט אָפּגעביסן אַן אויער, — דאַן איז סוף־סוף אַרויס די אַל פונעם זאַק, דאַן איז דאָס געוואָרן אויס סוד... מיד האָט מען תיכף אַרעסטירט, געמאַכט איין דאָפּראָס און דעם צווייטן און פאַר אָט דער שרעקלעכער „דיווערסיע" אין אַ סאָוויעטישן לאַגער ווי ברענגען צו זיך דאָס ווייב, מיר אַריינגעהאַקט נאָך דריי יאָר. צען און דריי איז דרייצן! אַ שלימזלדיקע ציפער! זי האָט מען אָפּגע־האַלטן אויף דער מיליץ קאַרגע צוויי וואָכן און צוליב די קליינע קינדער האָט מען זי אַרויסגעלאָזט. דאָס אַלץ בין איך געוווּיר געוואָרן דערנאָך, ווען איך בין נאָך דרייצן יאָר אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף יענער זייט טויער. געקומען צו איר אַהיים — איר אַדרעס אין שטאָט האָב איך גוט געוווּסט — האָט מען מיר דער־ציילט, אַז נאָך דעם, ווי מען האָט זי אָפּגעהאַלטן אַ צוויי וואָכן אויף דער מיליץ, האָט זי זיך נאָך אַרומגעשלעפּט אויף די פיס אַ מין חודש צייט, דערנאָך איז זי אַוועקגעפאַלן און אויפן פערטן טאָג האָט זי אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה. אַלע דריי יינגעלעך האָט דער שטאָטראַט אָפּגעגעבן אין אַן אינטערנאַט. כ'בין געקו־מען אין אינטערנאַט: ווו זענען מיינע קינדער? לאָזט זיך אויס, אַז דער עלטערער זון איז שוין פון עטלעכע יאָר אין אַ מיליטער־שול פונעם ים־פלאָט; דער מיטלסטער איז ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק אָפּגעשיקט געוואָרן מיט אַ גרופּע קינדער, וואָס האָבן נישט קיין עלטערן, קיין מאַגניטאָגאָרסק אין אַ טעכניקום, און דעם קלענערן האָב איך אָפּגענומען. אַ יינגל פון פערצן יאָר. ער קען מיך נישט, איך קען אים נישט, אָבער דו ווייסט נישט: געפילן, סענטימענטן. ער האָט אויף מיר רחמנות געקריגן, אויף

מיין וויסטן עלנט, און איז מיר נאָכגעגאַנגען אָן אַ „ווהין", אָן אַ „צו וועמען" — אל הארץ אשר אראך! אַזוי ווי רות, בימים ההם, איז נאָכגעגאַנגען דער שוויגער אירער... דעם קבר פון דער מוטער זיינער האָט ער גוט געדענקט, זענען מיר געגאַנגען זיך מיט איר געזעגענען... קיין יידישער בית־עלמין איז דאָרטן נישטאָ, — אַז עס זענען נישטאָ קיין לעבעדיקע יידן, פון וואַנען זשע זאָלן זיך אַהין נעמען טויטע? — ווו דען? אויפן צווינטער... און וואָס זעט מען דאָרט? — אַ בערגל גלייך מיט אַלע בערגלעך... נישט מער — אַ ברעטל מיט געציילטע עטלעכע ווערטער: „אַננאַ נאַומאָוונאַ בלומענטאַל, געבוירן אין באַלטע"... איך האָב גענומען מיין גאַנץ פאַרמעגן — דעם איינציקן זון, ביי וועלכן איך בין פאַרבליבן, וועלכער האָט מיך אַנערקענט פאַר אַ פאָטער — און מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, צו זיך אויף דער „ראָדינע". געקומען אַהין — וואָס ווילסטו, נאָך דרייצן יאָר! — פרעמד... עלנט... קיינער קען מיך נישט און קיינער ווייסט מיך נישט און קיינער וויל זיך אפילו נישט דערמאָנען, ווער איך בין... האָב איך זיך מיישב געווען: ערגעץ האָב איך דאָך עלטערן! מי לנו גדול ומי לנו קרוב? האָבן מיר זיך ביידע אויפגעהויבן און מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, — היינט דניעפּראָפּעטראָווסק. דאָרט האָב איך געטראָפן נאָך אַ גרעסערן חורבן, ווי אין מאָסקווע: מיין טאַטע איז געשטאָרבן אין דעם זעלבן יאָר, וואָס מען האָט מיך צוגענומען. הנה'לע האָט עס פון מיר אויסבאַהאַלטן, נישט געוואָלט מיך מצער זיין. דאָס האָט ער זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן פון מיין אַרעסט. איך בין דאָך, ווי געזאָגט, געווען ביי אים דאָס איינציקע קינד, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ. צו זיין אַננאַ'ן האָט ער קיין שום שייכות און קיין שום שליטה נישט געהאַט. די מוטער האָט אַ קליין שטיקל צייט נאָך זיך טויט חתונה געהאַט פאַר אַ פאַרוואַלטער פון אַ באַנק... אַ קריסט... און דאָס טעכטערל

האָט שפּעטער געגומען טאַקע זיין זונדל... איך האָב געהערט, אַז זיי וווינען אין זאַפּאָראָזשיע, — אַ קאַצנשפּרונג פון דניעפּראָ־פּעטראָווסק, — אָבער איך בין אפילו נישט צוגעפאָרן זיך זען מיט זיי... וואָס געהערן זיי מיר אָן און צו וואָס דאַרף איך זיי? זיי מיך וואָלטן מן הסתם אויך נישט געוואָלט דערקענען... אפילו פאַרן אַרעסט זענען מיר מיט זיי אויך געווען קליינע שמעלקעס, גאָר גאָר קליינע, לא־כל־שכן איצט. נאָך אַזאַ לאַנג זיצעניש... פון אַלע אַמאָליקע פריינד איז אויך כמעט קיינער נישט געבליבן: פיל האָבן אויסגעוואַנדערט אין פאַרשידענע עקן פונעם לאַנד און די וועלכע זענען נאָך יאָ איבערגעבליבן, האָבן זיך סתם אַזוי געפרעמדעט... זיך עפּעס אי יאָ דערמאָנט אַזאַ נאָמען ווי נעמי־ראָווסקי, אי נישט דערמאָנט... האָב איך ווידער גענומען דאָס שטעקל מיטן פּעקל און דאָס קינד פאַרן הענטל און מיר זענען אַוועק אין מיין געליבטער שטאָט, ווו איך האָב פאַרבראַכט די גליקלעכע סטודענטישע יאָרן; ווו איך האָב זיך באַקענט מיט מיין חנה׳לע בלומענטאַל — קיין אָדעס! און דאָ האָט זיך אויך איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע מעשה — די וועלט שטייט נישט אויף איין אָרט, זי דרייט זיך... ווי שטייט דאָרטן ביי אונדז? גלגל הוא החוזר בעולם, אמת? און דאָ האָט זי, די שטאָט, הייסט עס, זיך גראָד איבערדרייט מיטן דאַשעק צום „זיי מיר מוחל״... די שטאָט איז שוין נישט די זעלבע שטאָט, די מענטשן — נישט די זעלבע מענטשן, און וועלכע פון זיי עס זענען נאָך יאָ די זעלבע, האָט די צייט פון זיי אַראָפּגעשינדן די הויט מיט די ביינער, אַז זיי האָבן פאַרלוירן דעם צלם אלקים... ויפן כה וכה וירא כי אין איש, — האָב איך אַ קוק געטון אַרום זיך: ניין! דאָ איז אויך פאַר מיר קיין פּלאַץ נישט! קול מעיר, קול מהיכל: כלי גולה עשה לך! מען דאַרף נעמען דעם מקלי ותרמילי און ווייטער וואַנדערן! דערצו האָט זיך יעזשאָוו ימח שמו דאַמאָלסט אָנגעהויבן צו צעפירן די הענט

און איך בין דאָך עפּעס אַ „געוועזענער"... קופה של שרצים תלויה לי מאחורי... דו ווייסט נישט, אויף אַ מכה זעצן זיך אַלע מינים שקצים ורמשים... בקיצור, איך האָב שוין געזוכט אויף דער לאַנדס־קאַרטע אַ פרישן מקום־מקלט ווו אַוועקצולייגן מיין אומ־רואיקן קאָפּ, ווען פּלוצלינג, — דאָס איז געווען אין אַ שפּעטער אָוונט־שעה, מיר זענען זאַלבעצווייט ערשט געהאַט אַריינגעקומען פון דער ביליקער סטאָלאָווע, ווו מיר האָבן כמו ווי אָפּגעגעסן וועטשערע, טויט־מידע פון אַרומשליאַיען זיך פּוסט און פּאָס זענען מיר געזעסן אויף די ראַנדן פון די בעטן און האָבן זיך אויסגעטון — ווענדעט זיך צו מיר מיין פּיצעלע יינגעלע, וואָס איז נאָר אין מיינע אויגן געווען אַ פּיצעלע יינגעלע און אין דער אמתן אַ בחור „פיד סטעליע,* און ווי אַזוי מיינסטו רעדט ער? בעינים רמות ובעזות מצח? ניין, לא היו דברים מעולם! ער רעדט בתפילה ובתחנונים, ווי עס פּאַסט פאַר חנה׳לע בלומענטאַל׳ס אַ זון:

— טאַטע... איך האָב היינט געזען, אַז דו קלייבסט זיך שוין ווידער אין וועג אַריין... וויל איך דיך פרעגן איין זאַך... זאָג אַליין: מה פשעי ומה חטאתי כי דלקת אחרי? גיב זיך אַליין אָפּ אַ חשבון: וואָס וועט זיין דער תכלית פון מיר, אַז איך וועל אַרומ־וואַנדערן מיט דיר? דו זוכסט מנוחה, דו זוכסט אַ היים, — דו הערסט ווערטער פון אַ קינד, פרעג איך דיך, צי דו הערסט נישט? — אָבער דו ווייסט זי שוין נישט געפינען... דו וועסט נאָך וואַנדערן און נאָך וואַנדערן — אַן אַלטער קאָפּ אויף אים, זאָג איך דיר — דו וועסט שוין וואַנדערן, זאָגט ער מיר, אַ לעבן־לאַנג און אין ערגעץ וועט דיר נישט געפעלן ווערן, ווייל ד אָ ס לעבן, וואָס דו זוכסט, איז שוין לאַנג נישטאָ, די וועלט האָט זיך איבערגעאַנדערשט... אָבער א י ך בין נאָך אַ יונגער מענטש, וואָס

---

* וואָס קען אונטערשפּאַרן די סטעליע.

האָסטו צו מיר? פאַר וואָס, זאָגט ער, זאָלסטו מיר צעברעכן מיינע בעסטע יאָרן? אַלע, אַלע מיינע קאַראַגאַנדאַ׳ער חברים קערן שוין מן הסתם לערנען אין די ראַבפאַקן, צי אין די טעכניקומס, נאָר איך איינער שלעפּ זיך אַרום איבער דער מדינה מיט דיין ציגיינער־בידל, נישט אַזוי?

האָב איך טאַקע אויפן אָרט, אָט אַזוי זיצנדיק מיט איך פלידער אין דער האַנט און מיטן צווייטן אויף דעם פּוס, אַ קלער געטון:

— באמת טאַקע, וואָס האָב איך צום קינד נעבעך? מיט וואָס האָט ער עס געזינדיקט, וואָס איך האָב אים צוגעשפּאַנט צו מיין פערד־און־וואָגן און שלעפּ אים אַרום מיט זיך איבער דער גאָרער וועלט?

איך בין אַראָפּ פונעם בעט, ער איז אַראָפּ פונעם בעט, מיר זענען זיך בײדע געפאַלן אויפן האַלדז און געוויינט, געוויינט... מיר האָט זיך בשעת־מעשה געדאַכט, אַז איך וויין אויף חנה׳לעס האַלדז און אים... איך וויס, וואָס ער האָט אַזוי געוויינט? אפשר פון דעם פאָרגעפיל, אַז דאָס זעען מיר זיך היינט צום לעצטן מאָל... און אפשר כלל נישט פון דעם, מסתם נישט פון דעם... מן הסתם פון רחמנות אויף מיר... אַן איידל האַרץ... חנה׳לעס האַרץ...

די דאָזיקע נאַכט האָט שוין קיינער פון אונדז מיט קיין אויג נישט צוגעטון, ליל־שימורים הוא: אַ קליינינקייט, אַ פאָטער מיט אַ זון צעשיידן זיך אפשר אויף אייביק... ס׳איז ביי אונדז געבליבן, אַז מאָרגן נאָך געב איך אים אַריין אין אַ ראַבפאַק און אַליין קער איך זיך אום אויף צוריק קיין קאַראַגאַנדאַ...

— פאַרשטייסטו מיך, זונעניו — האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין דעם טעם פון מיין אומקערן זיך קיין קאַראַגאַנדאַ, און גלייכצייטיק טאַקע אויך זיך אַליין, — אייך אַלע האָב איך שוין ברוך השם באַשטאַטן... מאָרגן אין דער צייט וועסטו שוין מיט

גאָטס הילף אויף האָבן דיין אייגן בעטל און דייך אייגן שטיקל טישל... וואָס דען — איך! איך איינער וואַלגער זיך אַרום אויף די פרשת־דרכים׳ס און פּלאָנטער זיך דער וועלט צווישן די פיס, אמת? איז פרעגט זיך טאַקע: וועמענס בין איך דאָ און ווער איז דאָ מיינער? דאָרטן אָבער, אין מיין טייערן און ליבן קאַראַגאַנדאַ — הער, הער אַן אויסשפּראַך, מיט די ווערטער טאַקע האָב איך אים געזאָגט: טייערן און ליבן קאַראַגאַנדאַ — האָב איך די מאַמע דיינע... פאַר דער גאַנצער וועלט איז זי אפשר געשטאָרבן, אָבער פאַר מיר לעבט זי... פאַר מיר איז זי אומשטערבלעך... אַ סימן האָסטו, אַז ווען איך דערמאָן זי, זאָג איך אפילו נישט „לשלום“... אַהין וועל איך פאָרן און מיט איר וועל איך זיך אויסלעבן די יאָרן מיינע און דערנאָך, אַז עס וועט קומען די צייט און מען וועט אַ רוף טון אַהין, פון וואַנען קיין צוריק איז שוין נישטאָ, — וועל איך זי בעטן, מיין חנה׳לען, זיך אַ ביסל אַ רוק טאָן, איך וועל מיך אַוועקלייגן אין שכנות מיט איר און אַ ביסל אויסציען די מידע ביינער מיינע... יאָ, אַזוי בלייבט עס, נאָר צו איר, זונדעלע מיינס, דאַרף איך פאָרן! אייך האָב איך שוין מער ווייניקער גע־בראַכט צו אַ תכלית... איצט, אַז זי האָט זיך מפקיר געווען פאַר מיר, דאַרף איך איר באַצאָלן מיט דער זעלבער מטבע, דאַרף איך לכל הפחות שטענדיק זיך געפינען לעבן איר. וואָס? אפשר נישט אַזוי?

אויף צו מאָרגנס האָב איך מיין איינציק־געבליבענעם זון אָפּגעגעבן אין אַ ראַבפאַק. מיר האָבן ביידע ביטער געוויינט, ווי נאָענטע מענטשן וואָס פילן, אַז זיי צעשיידן זיך אויף אייביק, וואָרעם — אויף זיך אַליין נישט אָפּצונאַרן — ווי קום איך שוין צו אים און ווי קומט ער שוין צו מיר? ווער ווייסט, אפשר איז ער גאָר חלילה געפאַלן אין דער קריג... אפשר זענען זיי אַלע דריי געפאַלן? ס׳איז דאָך דאָרט געווען אַזאַ גרויס פאַלעניש, איז

אפשר: אחד מהם לא נותר, און אפשר, פֿאַרקערט, לעבן זיי אַלע? ווער ווייסט עס און ווער ווייסט עס שוין אַ מאָל וויסן? דעם זעלבן פֿאַרנאַכט האָב איך פֿאַרלאָזט אָדעס... אָפּגעיאַרידעוועט און פֿאַר מיר שוין פֿונעם יאַריד... מיין מיזיניקל, מיין טייער יינגעלע, האָט מיך נאָך באַגלייט צום צוג און שוין! אָט דאָס איז דאָס! פֿון דאַמאָלסט אָן איז שוין פֿאַריבער נאָך אַ מאָל דרייצן יאָר... — ויברח יעקב שדה ארם, ויעבוד ישראל באשה ובאשה שמר — דרייצן באונס און דרייצן ברצון... תחילתו באונס וסופו ברצון... כאשר אבדתי אבדתי... און אָט אַזוי לעב איך דאָ ווי דו זעסט... ווי אַ בער אין זיין נאָרע... ווי אַ שטשור, ווי אַ טכויר... דו מיינסט, אַז איך פֿאַרמאָג נישט זיך שענער און באַקוועמער איינ־צואָרדענען? אפֿילו פֿינף צימערן פֿאַרמאָג איך זיך צו קויפֿן, אָבער... צוליב וואָס? צוליב וועמען? מיין דירה איז דאָרט, לעבן איר בערגל, אין שכנות מיט די שוכני בתי חומר... דיר אפשר קלינגט דאָס אַלץ ווי אַ נאַרעשקייט, האַ? אָבער זאָג מיר, גוטער ברודער, נו און דאָס גאַנצע לעבן איז דען נישט קיין איין גרויס נאַרעשקייט? גלייב מיר, איך דערצייל דיר נישט קיין באָבע־מעשות און נישט קיין פּזמונות, נאָר אַז איך קום אויף איר קבר ווער איך גאָר, גאָר אַן אַנדער מענטש! איך וואַרף אַראָפּ פֿון זיך אַ העלפֿט פֿון מיינע יאָרן, ממש ווי עס שטייט דאָרט ערגעץ: תתחדש כנשר נעוריכי... איך רעד דאָרט אַנדערע רייד, איך קוק אויף זאַכן מיט אַנדערע אויגן און זע אַליין אויך אויס אַנדערש! דו קענסט דיר, פֿאַרשטייט זיך, טראַכטן, אַז דאָס איז אַן אילוזיע, אַן אויטאָפּיע אָדער גאָר האַלוצינאַציעס... שאַ, ווייסטו וואָס? טוב מראה עינים ממשמע אזנים, אויב דו ווילסט וועל איך דיך אַ מאָל מיטנעמען אויף איר קבר, וועסטו אַליין זען, ווי איך ווער דאָרט אַן אַנדער מענטש, בפֿועל ממש: פּושט צורה ולובש צורה, — ממש איבערגעביטן! גוט? וועסט גיין?

דער דאָקטער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף היפּשע עטלעכע מינוט. אין פֿענצטער האָט אַריינגעקוקט אַן אומהיימלעכע, קבר׳דיק־

פינצטערע נאַכט. מיט אַ מאָל האָט ער אַ שמייכל געטון מיט זיין ספּעציפיש־חוזקדיק שמייכעלע און האָט זיך אָנגערופן:

— נו, איך האָב דיר שוין אַרויסגעלייגט אַלץ, וואָס ס׳איז ביי מיר נאָר געווען אונטערן האַרצן, און דו האָסט נאָך וועגן זיך קיין איין וואָרט נישט דערציילט! זאָג, אויף וועמען וואַרטסטו דאָ אין קאַראַגאַנדאַ?

יוסף האָט אַ ציטער געטון מיטן גאַנצן קערפּער: אכן נודע הדבר? ער האָט אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ פּאָר גרויסע אויגן:

— ווער זאָגט אייך, אַז איך וואַרט דאָ אויף עמעצן?

— א י ך זאָג דיר, אַז דו וואַרטסט דאָ אויף עמעצן! אפילו אַ בלינדער קען דאָס איבערלייענען אויף דיין פּנים —

יוסף איז געווען דערשיטערט און דערשלאָגן פון דער „מגילת איכה״, וואָס מען האָט דאָ ערשט צעוויקלט פאַר אים. ער האָט אַריינגעלייגט דאָס פּנים אין די דלאָניעס און האָט זיך אַליין אין האַרצן געפרעגט:

— פאַר וואָס זאָל איך אָט דעם מענטשן נישט דערציילן אַלץ פון „אלף״ ביז „תיו״? אַ מענטש מוז זיך דאָך ווען עס איז פאַר עמעצן אַראָפּרעדן פונעם האַרצן... כתוב הדר הוא: דאגה בלב איש ישיחנה... שלמה בשעתו, זיצנדיק אין טורמע, האָט אויך אַלץ דער־ציילט דעם גלח וואָס איז דאָרט געזעסן אין זיין קאַמער... פרעגט זיך: מיט וואָס איז אָט דער אומגליקלעכער ייד ערגער פון יענעם גלח? מיט וואָס?

אומר ועושה! ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און ער האָט אים דערציילט אַלץ, אַלץ, אַלץ, פונעם אָנהייב ביז סוף —

עס האָבן שוין לאַנג געקרייעט הענער, ווען יוסף האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין בענקל און גענומען זיך פאַרקנעפּלען דעם מאַנטל. דער דאָקטער איז געווען אומגעוויינלעך פאַרוויטלט, צערודערט, צעחושט, און בכלל שטאַרק אויפגערוימט, אָבער ער האָט געשוויגן. די גאַנצע צייט וואָס יוסף האָט גערעדט, האָט ער

נישט אַרויסגעלאָזט פונעם מויל קיין איין וואָרט. אַז יוסף האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט ער זיך אויך אויפגעשטעלט און אויך ווייטער פייערלעך געשוויגן. ער האָט אַ פּנים געהאַלטן, אַז מיט זיך שווייגן איז ער ממשיך דעם איינדרוק פון יוספס דערציי־לונג און חלילה ווען ער רעדט אויס אפילו איין און איינציק וואָרט, אַזוי וואָלט דער גאַנצער עפעקט פון דעם ערשט־דאָ־דערציילטן גלייך צעפלאָסן געוואָרן און געגאַנגען לאיבוד.

גאָרדאָן האָט שוין געהאַלטן אין דער האַנט די קליאַמקע פון דער טיר, אָבער ער האָט זיך ראַש צוריק אומגעקערט צום טיש:

— איך האָב צו אייך אַ בקשה, יאַקאָוו ביניאַמינאָוויטש —

— ...חבר דאָקטאָר, האָבן מיר דאַכט זיך אָפּגערעדט —

— זאָל זיין אַזוי... האָב איך צו אייך אַ בקשה...

— עד חצי המלכות —

— איך וויל אייך בעטן, אַז איר זאָלט מיר ווייזן דעם לאַגער... ביז עפּעס וואָס וויל איך אים כאָטש זען פון דער ווייטנס.

— יונגערמאַן, איר מיינט מסתם, אַז ס׳איז די צווייטע שטוב פון דאַנען? פון דאַנען צום לאַגער איז דאָ אַ קיימא לן פון גוטע אַכט קילאָמעטער —

— נו, איז וואָס? מיר׳ן דאָך גיין אָן אַן עטאַפּ —

— גוט, קום אַ מאָל צו גיין, וועל איך מיט דיר זיך דורכגיין.

— אַ מאָל גאָר?

— ווען דען האָסטו געוואָלט גיין?

— היינט!

— היינט נאָך? אין עטלעכע שעה אַרום, הייסט עס?

— נו, און אַז אין עטלעכע שעה אַרום, איז וואָס? אַזוי שטאַרק פאַרנומען זענט איר דען?

— אויף מיין פאַרנומענקייט שפּיי איך! איך בין צו קיינעם נישט פאַרקויפט. איך אַליין בין דער איינציקער באַלעבאָס אויף זיך. נישטאָ ביי מיר קיין שתי רשויות. גוט, קום צו גיין היינט —

# קאפיטל VII

פונעם פרימאָרגן אָן האָט זיך אין יענעם טאָג אַוועקגע־שטעלט אַ שיין, געזונט, פּראָסטיק וועטער. גאָרדאָן און דער דאָקטער האָבן ענערגיש געשפּאַנט ביי דער זייט פונעם אויסגעשליפענעם שליטוועגס. דער לייכט־פאַרנעפּלטער הימל האָט געדיכט באַשאָסן דעם שנייאיקן מרחב מיט מילי־מיליאַסן שטראַלן־פיילן און די ערד, אַן אָנגעטונענע פון קאָפּ ביז די פיס אין איר שעמערירנדיק־ווייסן, גראַניטענעם פּאַנצער, האָט אָט דעם גאַנצן האָגל מיט פיילן צוריקגעשאָסן אין הימל אַריין נאָך מיט אַ היפשן סרח העודף. די איינציקעביימער, וואָס האָבן זיך ווו נישט ווו באַוויזן אויפן וועג פון קאַראַגאַנדאַ ביז צום לאַגער, האָבן געהאַט דעם אויסזען פון פאַרחלשטע משולחים, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וויטן וועג אַריין בצוותא חדא מיט אַ גאַנצער שיירא וואַנדערער אָבער שפּעטער, ברבות הימים, פון גרויס טרחה און הרפּתקאות דעדו עליהו, זענען זיי נעבעך אָפּגעשטאַנען פון דער חבריא און זענען דורך אומריינע כוחות צוגעשמידט געוואָרן צו דעם אָרט, ווו זיי זענען שטיין געבליבן. דער צווייגן־געפּלאָנטער פון אָט די איינ־זאַמע ביימער איז געווען געדיכט באַזעצט פון אימה׳דיקע גרויע קראָען. גיט זיך איין קראָ אַ גליטש־אַראָפּ פון איר צווייגל, מיינען די איבעריקע, אַז זי איז אודאי עוקר פון דאַנען, איז דאָך דאָס אַ סימן, אַז דאָ איז עפּעס נישט זיכער, און ווי באַלד אַזוי איז דאָך טאַקע גלייכער וואָס פריער זיך אָפּצוטראָגן פון דאַנען... דער פּחד ריזלט דאָ אין בלוט פון אַלע בעלי־חיים. די בהלה כאַפּט מאָמענטאַל אַרום דעם גאַנצן אַרומיקן שטח און כהרף עין הייבט

זיך אויף דאָס גאַנצע געזינדל און אויף זיי קוקנדיק אַלע היפּשע געזינדלעך פון אַלע מצבות־ביימער, וואָס זענען צעוואָרפן איבער דעם ערב לאַגערדיקן פעלד און תוך כדי דיבור בלייבט נישט אין גאַנצן אַרום קיין זכר פון די בעלי־כנף און די אַנטבלויזטע ביימער זעען אויס, ווי מען וואָלט פון זיי ערשט אַראָפּגעשונדן די פעל זייערע.

די צוויי געוועזענע לאַגערניקעס שטעלן פּאָרזיכטיק זייערע טריט אויף די גליטשיקע צדי־הדרכים און קוקן צו מיט אַ טיפן טרויער, ווי די שיירות פייגל לייגן זיך ווי אַ טונקעלער פלעק אַלע מאָל אויף אַן אַנדער אָרט. זיי קוקן זיך איבער און אין זייערע מוחות פאַראַנקערט איינער און דער זעלבער געדאַנק: שינוי מעשה בראשית! ס'איז צו באַוווּנדערן, ווי אַזוי אָט דאָס שוואַכע באַשעפענישל וואָס מען רופט עס אָן: מענטש, קען ענדערן די נאַטור מן הקצה אל הקצה, מאַכן פון אַ יפה־נוף אַ פּני־הישימון. אומעטום זענען פייגל דער סימבאָל פון פרייד און פרייהייט, אָבער נישט דאָ! דאָ ברענגען זיי מיט זיך אומעט, האַרצנאָגעניש און אומהיילבאַרן יאוש.

די צוויי אומגליקלעכע אחים לצרה טראַכטן שווער:

— וויי־ווי, וויפל מאָל זיי פלעגן מיט קנאה־בליקן באַגלייטן אָט די פרייע באַשעפענישן, וועלכע ווייסן נישט, וואָס עס הייסט אַזוינס: גראַטע, נאַרע, וועכטער, קאַרצער, עטאַפּ, שטראָף־קאַמער, קאָנוואָי...

נעמיראָווסקי האָט אָנגעיאָגט גאָרדאָנען און אים אָנגעכאַפּט ביי דער פּאַטקע פונעם מאַנטל:

— היי, דו, כאָכאָל, וואָס לויפסטו ווי אַ לאָשעק אויף דער פּאַשע? דו האָסט גאָר אַ פּנים פאַרגעסן, אַז דו האָסט דאָ מיט זיך נאָך עמעצן —

יוסף, מיט אַ שולדיק פּנים:

— גאָט באַוואָר! וואָס הייסט עפּעס, איך האָב פאַרגעסן? ס'איז מיר נאָר אַ גרויס חידוש, וואָס וויפל מיר גייען און מיר גייען און מען זעט אים נאָך נישט אַרויס, דעם —

— ...דעם בית־עולם... דעם בית־הקברות... זאָג, זאָג, שעם זיך נישט...

— פאַר מיר איז דאָס נישט קיין בית־עולם... איך האָב דאָרט אַ כלה... זי מוז לעבן און זיין געזונט, ווייל חוץ איר איינער האָב איך קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט —

— הלוואי, הלואי... אויב דו גלייבסט נאָר אויף אַן אמת, אַז דו האָסט זי נאָך — זאָל דיר גאָט העלפן...

אַ שטיק צייט זענען זיי געגאַנגען זאַלבענאַנד שווייגנדיק, דאַן האָט זיך דער דאָקטער אָנגערופן, ווי רעדנדיק צו זיך אַליין:

— איך קען גאָר נישט פאַרגעסן דעם לעצטן אַקט פון דיין נעכטיקער געשיכטע... ס'איז דאָך ממש אומגלויבלעך, אַז היינט אָדער מאָרגן וועלן זיך פאַר דיר ברייט צעעפענען די טויערן פון דעם היגן שרעקלעכן לאַגער... איך גלייב דאָך דיר אַלץ באמונה שלמה, שייך צו זאָגן, אָבער ס'איז פאָרט נישט משיג צו זיין, ווי אַזוי אַזאַ זאַך קען פאַסירן, נישט אַנדערש נאָר גאָט, אָט דער אַלטער, אַלטער, מעכטיקער יידישער גאָט, וואָס איז זיך אין אונדז אַזוי שטאַרק נוקם פאַר דעם כבוד, וואָס מען האָט אים אַ מאָל אָנגעריירט, טוט נאָך פון דעסט וועגן יאָ אַ מאָל אַ גוטן קוק אויף זיינע גלייביקע, האַ?

יוסף, טראַכטנדיק בשעת־מעשה פון עפּעס אַנדערש:

— האַ, איר זאָגט עפּעס? נו, יאָ, אַזוי קומט אויס...

ווידער האָבן זיי געשפּאַנט נישט אויסרעדנדיק צווישן זיך אפילו קיין איין און איינציק וואָרט.

צווישן די זילבער־ווייסע שניי־סאָפּקעס * האָבן מיט זייער

---

* פלאַכע בערגלעך.

גאַנצער העסלעכקייט און מאָנסטעריעזן שוידער און גרויל פּאַמע־לעך אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן שפּיציקע טורעמלעך, הויכע גע־מויערטע ווענט, וואָס זענען זאָרגעוודיק באַצויגן מיט אַ געדיכטער נעץ פון שוואַרצן שטעכלדראָט. פון הינטער די דאָזיקע טויב־שטומע פּעסטונגען האָט מען געקענט זען פיל גרויע פּילשטאָקיקע קאַרפּוסן, וואָס האָבן פון דער ווייטנס אויסגעזען, ווי לאַנגע יאַרוסן פון זעקלעך מיט צעמענט. אין הינטערגרונט האָבן אַרויסגעשטעקט עטלעכע משונה־לאַנגע רויטע פינגער.

— דער ברייטער קוימען, דער וואָס אויף לינקס — האָט נעמיראָווסקי שטיל אונטערגעזאָגט — איז פונעם לעדער־זאַוואָד. בלויז פון דעם לעדער, וואָס ווערט דאָרט אויסגעאַרבעט, קען מען פריי אָנשוכן די גאַנצע באַפעלקערונג פון אַזאַ אויטאָנאָמישן געביט ווי למשל: קאַבאַרדינאָ־באַלקאַריע, אָדער אָסעטיע. דער צווייטער קוימען, דער שמאָלער און לאַנגער, איז פון דער ריזיקער לאַגער־וועשעריי. ריינקייט ווערט דאָרט אין לאַגער שטאַרק אָפּגעהיט — דאָס פרעג מיך! זאָלסט דאָרט אפילו וועלן געבן אַ מיליאָן פאַר אַ לויז, וועסטו זי נישט קריגן! נישקשה, דאָס אַכ־טונג געבן אויף דעם היגיענישן צושטאַנד אין לאַגער צאָלט זיך זיי אויס אַריבער און אַריבער. כלל גדול הוא: אַז דער אַרבעטער איז פאַרברודיקט, איז ער נערוועז, קראַצט ער זיך אָפּט, און אַזוי אַרבעט ער אָפּ זיין „פּאַנשטשינע״ שלאַבעריק און אָן ענערגיע, ווי אַ ראָבאָט, ווי אַ מעכאַניזם. זיי זיכער, אַז די חכמי התלמוד זאָגן: כל מה שתקנו, לא תקנו אלא לצורך עצמן, קען מען זיך אויף זיי פולקאָם פאַרלאָזן. דבֿרם ניצב בשמים. די דאָזיקע באָסע־קאָמאַנדע מיינט נישט קיינעמס טובה, חוץ זייער אייגענער. אָט יענץ קליינע קוימענדל, וואָס פאַרלירט זיך כמעט צווישן די גרויע מויערן — דו זעסט עס? משוגענער, טייטל נישט מיטן פינגער, זאָגט מען דיר! דו ווילסט זיך אָנפרעגן אַ מפטיר! — יענץ איז

פון דעם ברויט־זאַוואָד. דער דאָזיקער זאַוואָד אַרבעט פון דער רעוואָלוציע אָן אָן אָפּשטעל. וחוזר חלילה וחוזר חלילה, יומם ולילה לא ישבותו, זומער און ווינטער, צענדליקער יאָרן אָן איין אתנחתא, אָן איין אָטעמצוג, ווי דער גלגל החוזר בעולם, ווי דער כף־הקלע. אַ ווערטעלע — אָנצוהאָדעווען אַזאַ מחנה? אָבער ברויט געבן זיי אַרויס וואָלט איך נאָר אַזוינס אַ בעלן געווען צו דערלאַנגען אין קרעמל אויף אַ באַנקעט! וואָס דו ווילסט יאָ און וואָס דו ווילסט נישט טרעפסטו אין דעם: מילא שטרוי און פּאָלאָווע — דאָס איז דאָך אַ נאַטירלעכע דערשיינונג! וווהין דען זאָלן אַזעלכע פּראָדוקטן אַהינקומען, אויב נישט אין ברויט אַריין? אָבער: פליגן און ווערעם און פּאָסליד * פון הינער און שטיינדלעך און כל הפורעניות שבעולם — דאָס איז שוין אַ טראָפּעלע איבערגעכאַפּט די מאָס. און דו מיינסט, אַז די נאַטשאַלסטווע איז אין דעם שול־דיק? דווקא נישט! די היימישע כלבים, די כאַמעס, די זשלאָבעס... אָט די אַלע פּאַראַזיטן, וואָס פרעסן אויף און זויפן אויף די הויט מיט די ביינער פונעם אַרעסטאַנט — זיי דערגייען עס אונדז די יאָרן צום איבעריקן... אָבער צו וואָס דערצייל איך דיר אָט דאָס אַלץ? דו ווייסט עס דען נישט אַזוי גוט, ווי איך אַליין?

יוסף פּאָרט אים אַריין אין מיטן די רייד מיט אַ שאלה לחלוטין שלא מן הענין:

— זאָגט מיר ביטע, פאַר וואָס גייען מיר מיט אַזאַ ווייטן וועג? מיר האָבן דאָך געמאַכט אַזאַ היפשן בויגן. — מאַמעניו! מיר וואָלטן דאָך געקענט גיין מיטן גראַדן וועג, וואָלטן מיר בעסער געקענט זען —

— אַזאַ חכם ביסטו! ווען דו גייסט מיט יענעם וועג, וואָס דו ווייזסט אָן, וואָלט מען דיך נייגעריקייט שנעל געשטילט! מען

---

* די צואה.

וואָלט דיך גלייך אַריינגעבעטן אינעווייניק, אָבער... אָבער נישט דורך דעם טויער, דורך וועלכן דו ווילסט אַהין אָנקומען...

— אַזוי שטרענג איז דאָ? מען טאָר גאָר נישט דורכגיין נאָענט?

— וואָס פרעגסטו? ס׳איז ביי דיר אַ נייעס, אַז מען היט דעם גרענעץ צווישן די צוויי וועלטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג?

— אויב אַזוי איז טאַקע נישט כדאי צו ריזיקירן... נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, וועל איך אויפגענומען ווערן אין לאַגער ווי אַ נאַטשאַלניק.

— דו פילסט אפילו נישט, ווי לעגענדאַר דיינע ווערטער קלינגען ביי מיר אין די אויערן...

— איך פיל טאַקע נישט. אמת, אַזאַ הצלחה טרעפט נישט אָפט, אָבער אַלץ קומט דאָ דאַכט זיך פאָר בדרך־הטבע... אָן ניסים ונפלאות... וואָס, אפשר נישט אַזוי?

דער דאָקטער האָט נאָר סקעפּטיש געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער ער האָט גאָרנישט געענטפערט.

ווידער זענען זיי געגאַנגען פאָרויס שטילע און דערדריקטע אין אָנבליק פון די מאַסיווע ווענט, פאַרשלייערטע אין אַ פינצ־טערער נעץ פון שטעכלדראָט. און די ווענט האָבן זיך ווי ריזיקע שוואַרצע אַרבל געצויגן און געצויגן און דאָס אויג האָט נישט געזען קיין ברעג. געפינענדיק זיך אויף עפּעס אַ מין בערגל, האָט יוסף דערזען הינטער די פאַרפאַנצערטע ווענט עטלעכע איינ־שטאָקיקע מויערלעך, אפילו מיט גערטנדלעך ביי די פענצטער. אַ פאַרוווּנדערטער האָט ער זיך אַ קער געטון צום דאָקטער:

— וואָס טוט זיך דאָ? אפילו ווילעס האָט איר דאָרט אויך געהאַט? ווער ווױנט דאָרט?

און פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט מערדעריש

אַריינגעשטעקט אַלע אויבערשטע ציין אין דער אונטערשטער ליפּ. דער דאָקטער, דערזעענדיק די מויערלעך, אויף וועלכע יוסף האָט געפּרעגט, איז געוואָרן ווייס, ווי דער שניי וואָס איז געלעגן אַרום אים. יוסף האָט אים שוין געוואָלט פֿאַררעדן די ציין מיט עפּעס אַנדערש, ווען דער דאָקטער האָט זייער שטיל און זייער דייטלעך געענטפֿערט:

— דאָס איז דער שפּיטאָל... אין אָט די מויערלעך האָט מיין חנה׳לע באַקומען די טשאַכאָטקע... ווען איך קען, וואָלט איך זיי אונטערגעצונדן... זאָלן זיי בעסער פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַש! נישט מיר, נישט דיר!

גאָרדאָן האָט שוין געוואָלט אָפּווענדן דעם שמועס אויף אַן אַנדער ענין, ווען יענער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אַרבל:

— קוק אַהער! ווהין קוקסטו? אָט יענע דריי קאָרפּוסן, וואָס שטייען פּאַראַלעל מיט די שפּיטאָל־קאַמערן, — דו ווייסט וועלכע איך מיין, צי ניין? יאָ, יאָ, יענע! יענע! — דאָס זענען די פֿרויען־קאָרפּוסן... די עזרת־נשים... אויב דיין טאַני לעבט נאָר, דאַרף זי זיך געפֿינען דאָרטן —

גאָרדאָן איז שטיין געבליבן ווי איינגעגראָבן. זיינע אויגן, ווי שאַרפֿע פּיילן, האָבן געוואָלט לעכערן די ווענט און אַריינקוקן אין יענע שרעקלעכע לעבעדיקע קברים. ער, יוסף, וואָלט כאָטש נאָר געוואָלט דאָס איינע געוווּיר ווערן, דאָס וואָס נעמיראָווסקי האָט ערשט אַזוי נאַקעט אָנגערופֿן מיט פּשוטע ווערטער: צי לעבט זי כאָטש, זיין טייערע טאַניטשקע? צי וואַרט זי נאָך אויף אים? צי געדענקט זי אים נאָך — זיין ליבע, זיין איינציקע, זיין גאַנץ לעבן... צי זאָגט איר נישט אונטער, איר נבואה־קטנה, אַז ער, יוסף, איר יוסף, דער איינציקער גואל וואָס איר איז איבערגעבליבן נאָכן מבול, שטייט הינטער איר טיר, — משגיח מן החלונות, מציץ מן החרכים, — און וואַרט נאָר אויף אַ צייכן: עֲלֵה רֵש!

ער פרעגט זיין דערשלאָגענעם באַגלייטער מיט אַן איינגע־פאַלן האַרץ:

— יאַקאָוו ביניאַמינאָוויטש, פאַר וואָס, קלערט איר, האָט מען זי דאָרט פאַרהאַלטן נאָכן טערמין, האַ?

דער דאָקטער האָט מיט די מאָגערע פּוישטן שווער געקנעטן דעם שנייַ און האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. גאָרדאָן איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען פון אים:

— איר האָט געהערט, וואָס איך האָב אייך געפרעגט, דאָק־טאָר? וואָס קען זיין די סיבה, וואָס מען האָט זי נישט אָפּגעלאָזט צום זמן?

— איך האָב געהערט, איך האָב געהערט, איך בין נאָך נישט טויב —

— וואָס זשע זאָגט איר?

— איך ווייס דיר גאָרנישט, וואָס צו זאָגן... דו ווייסט דאָך: אין אַ שטוב פון אַ געהאַנגענעם טאָר מען פון קיין שטריק נישט רעדן —

— כ׳מיין אָן גלייכווערטלעך, וואָס זענט איר חושד?

— דו זאָגסט, אַז זי איז געווען אַ יונגע, אַ שיינע?

— אין מיינע אויגן, — די שענסטע בת־מלכה!

— און מן הסתם נישט פון די לייכטזיניקע, כ׳מיין נישט פון די נאָכגיביקע?

גאָרדאָנס פּנים האָט זיך דראָענדיק אָנגעכמורעט:

— פון וועמען רעדט איר עס מיט אַזאַ לייכטן טאָן?

— נו וואָס זשע איז דיר נאָך קשה? הרי שלך לפניך! נישט אַנדערש, נאָר עמעצער פון די „קנעפּלעך", די וואָס מעגן אַלץ, די וואָס זעען אינעם לאַגערניק נישט קיין מענטשן, נאָר אַן אַלטע ראָגאָזשע אויף אָפּצווווישן זיך די שטיוול — האָט אויף איר גע־וואָרפן אַן אויג און זי, פונקט ווי מיין חנה׳לע, האָט מן הסתם זיך

נישט געלאָזט... זיך געוועדט מיט אַלע כוחות... אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז ער האָט איר שוין צוגעשטעלט אַ בענקעלע, — אויף וועמען נאָך איז אַזוי באַקוועם צו מאַכן אַ בלבול, ווי אויף אַן אַרעסטאַנט? וואָס מען זאָל אויף אים נישט אויסטראַכטן, איז מען באַגלייבט... ס׳איז דאָך פון אייביק אָן אַזוי: נפל תורא — שחוז סכינא! — האָט מן הסתם אָט דער צערייצטער און נישט פאַרגיטיקטער חתן דנן פאַרוואָרפן אַ וואָרט וועגן איר ווו מען דאַרף, אין די הויכע פענצטער, און מען האָט איר פאַרטאָפּלט דעם טערמין... אַז זי זאָל האָבן געגנוג צייט קלוגער צו ווערן און נישט פאַרשטעלן זיך ווי אַ מאַנאַשקע... זי מוז זיך אַליין געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָרט ווו די נשמה פונעם מענטשן איז הפקר, איז דער גוף זיינער אויך הפקר. איז דער גוף אויך אין פאַרשקלאַפונג... בתר רישא גופא אזיל... הנשמה לך והגוף שלך... אַזוי זעט עס מיר אויס און כ׳מוז זיך פאַר דיר מודה זיין — איך זע דאָ נישט קיין שום אויסערגעוויינלעכן פאַל, פאַרקערט — אין אַ קאַטאָר־זשאַנסקע רעזשים הייסט דאָס: פולקאָם נאָרמאַל —

גאָרדאָן, מיט אַ פינצטער פנים, אָבער איינגעהאַלטן:

— גייט שוין, גייט... איר זעט שוין אַלץ דורך אייערע אייגענע ברילן... אושאַקאָוו, זאָגט איר דאָך, האָט שוין לאַנג אָנגעלייגט מיטן קאָפּ —

דער דאָקטער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ טרוקענעם געלעכ־טער, ווי עמעצער זאָל שיטן אַרבעס אויפן דאַך:

— איז וואָס אויב אושאַקאָוון האָט דער רוח צוגענומען, האָסטו אפשר מורא, אַז ס׳איז דאָרט אַ מאַנגל אין זכרים? ס׳איז דאָרט פול־און־פול מיט צעוואַרעמטע זשערעבצעס,* ממש ווי אין אַ פערד־זאַוואָד...

---

* לאָשעקעס, רייפע זכרים.

— הערט שוין אויף אַזוי צו רעדן, כ׳בעט אייך —

— דו ווילסט, אַז כ׳זאָל אויפהערן, הער איך אויף —

אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— הערסטו, ברודערקע, ווי אַזוי זאָגט זיך דאָרטן ביי אונדז אין די תפילות? אַזוי דאַכט זיך: אילו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גליו און אַזוי ווייטער און ווייטער און ווייטער... גלייב מיר, ווען אָט די וועגט וואָס דו זעסט אָט דאָ, וואָלטן געהאַט מיילער און דער עיקר — ווען זיי וואָלטן געמעגט עפּענען די מיילער — אָ! זיי וואָלטן געהאַט זייער פיל צו דערציילן פון יידישן צער און בכלל פון מענטשלעכן צער... וויפל פון מיינע פריינד האָבן זיך דאָ געהאַנגען? וויפל פון זיי האָט מען פונעם קאַרצער אָפּגעפירט גלייך אין מתים־שטיבל? גאַנצע פאָלקן! עטלעכע זענען דאָ פאַר מיין צייט געווען גרויסע באַרימהייטן, פענאָמענאַלע טאַלאַנטן. איינער פון זיי, — טאַקע אַ דאָקטער, אויך אַ ייד, לינעצקי האָט ער געהייסן, היינט וווינט ער דאָ נישט זייער ווייט, — איז היינט דירעקטאָר פון עטלעכע שפּיטאָלן; האָט אפילו, דערציילט מען, אַן אָרדען באַקומען... און דאַמאָלסט איז ער געשלאָפן לעבן מיר, אַ נאַרע קעגן אַ נאַרע... ווייטער איז דאָ געווען אַ הויכער מיליטערמאַן, דאַכט זיך, אַ קאָמקאָר...* די נאַטשאַלסטווע האָט זיך אויף אים שרעקלעך איזדיקעוועט. דו ווייסט דאָך, אַז די מילטאָנעס** האָבן שרעקלעך פיינט מיליטער־לייט... און פאַרקערט אויך דאָס זעלבע... דאָס איז אַ קעגנזייטיקע „סימפּאַטיע״. האָט איין מאָל דער קאָמקאָר — באַקומענדיק פונעם קאָמענדאַנט־געהילף אַ באַפעל צו גיין רייניקן דעם קלאָזעט — אַרויסגעריסן אַ שטאַכעט פונעם פאַרקן און האָט דעם געהילף דערלאַנגט אין קאָפּ אַריין... דער לאַגער־טריבונאַל האָט אים פאַראורטיילט צום שיסן,

---

* אַ קיצור פון: קאָמאַנדיר פון אַ קאָרפּוס.

** אַ פראַנצויזישער צונאָמען פאַר: מיליציאָנערן, פּאָליציאַנטן.

נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט אים מאָסקווע אַרויסגערופן צו זיך... וואָס מיט אים איז געוואָרן, דאָס ווייס איך נישט... אויב מען האָט אים נאָר נישט געמאַכט קורצער מיט אַ קאָפּ, איז ער מן הסתם אַ גענעראַל...

ווידער זענען זיי געגאַנגען אַ שטיק וועג נישט אויסרעדנדיק צווישן זיך קיין איין וואָרט. די אין שטעכלדראָט אָנגעטונענע לאַגער־וואַנט האָט זיך דאָ געדרייט ווי אַ שלאַנג — באַרג־אַרויף און טאָל־אַראָפּ. מערסטנטייל איז די נעץ פונעם שטעכלדראָט געלעגן האַרט אויף דער ריזיקער וואַנט, אָבער ווו די וואַנט איז געווען אַ ביסעלע נידעריקער, האָט דער דראָט־פּאַרהאַנג, — אַ הענגענדיקער אויף אייזערנע שטאַבעס, ווי אַ פּאַראַנדזשאַ אויפן פּנים פון אַן אוזבעטשקע, — משלים געווען די הייך, אַזוי אַז די אומענדלעך־לאַנגע וואַנט האָבן פון אַלע זייטן און פון אַלע ווינקלען געהאַט דעם נייטיקן שיעור־קומה. פון די בערג וואָס הינטער די וואַנט האָבן אַראָפּגעקוקט, און פון די טאָלן וואָס געפונען זיך דאָרטן האָבן געהיימניספול אַרויסגעקוקט, אָן אַ שיעור ווינ־געביידעס און צעכן און נאָך אַ מאָל קאָרפּוסן און ווידער פאַבריקלעך — אַ שטאָט! אַ פאָלנע שטאָט! כמו שנאמר: מעיר מתים ינאקו ונפש חללים תשווע —

דער דאָקטאָר האָט געזען דאָס שווערע געמיט, וואָס הויערט אויף יוספן פון זינט זייער שמועס וועגן זיין כלה, און ער האָט געוואָלט אים אַ ביסל מאַכן־פאַרגעסן אין דעם פּיינלעכן ענין. ער האָט אים אָנגעיאָגט און אים נעמענדיק אונטערן אָרעם אַ זאָג געטון:

— איך האַלט, אַז מיר מעגן שוין פאַרקערעווען אויף צוריק... וואָס ס'איז געווען צו זען, האָסטו שוין געזען, קיין נייע אַמעריקעס וועסטו שוין דאָ נישט אַנטדעקן...

זיי האָבן זיך גענומען אויף צוריק און נעמיראָווסקי האָט ווייטער גערעדט:

— זאָג נאָר גאָרדאָן, דו ביסט דאָך, דערציילסטו, ערשט נישט לאַנג געווען אין קיעוו עטלעכע וואָכן, האָ?

— אומגעפּער אַזוי פּיל —

— זאָג זשע מיר, ווי אַזוי זעט אויס אַזאַ שטאָט ווי קיעוו פינף יאָר נאָך דעם ווי מען האָט זי באַפרייט? ס'איז שוין דאָרטן ווידער דאָ אַ יידיש לעבן?

— ווער? וואָס? וואָס חלומט זיך אייך אַ יידיש לעבן? פון וואַנען זאָל זיך עס נעמען? פונעם הימל?

— אָבער פון דעסט וועגן —

— וואָס פון דעסט וועגן? יידן זענען דאָ, מען איז זיך צוריק צונויפגעלאָפן פון אַלע עקן לאַנד, אָבער קיין יידיש לעבן איז נישטאָ... מען קען דאָך נישט אָננעמען פאַר אַ יידיש לעבן דאָס, וואָס עטלעכע „סטאַרצעס", פּועל־בטל'ניקעס, אָרומגעסמאַ־ליעטע האָלעוועשקעס, קומען זיך צונויף באימה וביראה כאַפּן אַ „קדושה וברכו"...

— פון דעסט וועגן קען מען ווייזט אויס אָט די „סטאַרצעס" אויך אין גאַנצן נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט... זיי האָבן זיך שוין, זעט אויס, צוריק איינגעוואָרצלט אין די אַמאָליקע היימען...

— פון וואַנען נעמט איר עס, אַז זיי האָבן זיך שוין צוריק —

— כ'ווייס? כ'זע, אַז זיי האָבן שוין ווידער סופרים און בתים־מאַכערס, איז דאָס אַ סימן מובהק, מיין איך —

יוסף, העכסט דערשטוינט:

— איך הער דאָס ערשט פון אייך... אינטערעסאַנט צו וויסן: פון וואַנען באַקומט איר עס אַזעלכע אויסטערלישע ידיעות?

— טאַקע פון דיר אַליין! איך האָב ביי דיר געזען תפילין, אמת צי ניין? פאַרשטיי איך דאָך, אַז אין לאַגער קיין תפילין האָסטו נישט געקענט האָבן; דער דייטש, וואָס האָט אין קיעוו באַלעבאַטעוועט יאָרנלאַנג, האָט אויך מן הסתם קיין תפילין נישט

איבערגעלאָזט, אמת? איז נישט אַנדערש, נאָר אַז די פריש־געקוי־מענע פאַבריצירן שוין דאָס דאָזיקע אַרטיקל, ריכטיק?

— אַך, אָט דאָס גאָר מיינט איר? ניין, ברודערקע, דאָס איז נישט קיין פרישע פּראָדוקציע. דאָס איז „ישן נושן”. שארית מן השארית. נאַ־דיר גאָר אַזאַ בלבול אויף קיעווער יידן: פאַבריצירן תפילין אויף עקספּאָרט... איך האָב זיי פשוט צוגענומען פונעם „שולחן”־שופלאָד און לאָד מיך צום „ונתנה תוקף”...

— גאָט מיינער, וואָס הייסט עס: „פשוט צוגענומען”? ווי אַזוי נעמט מען עס צו פון הקדש אַ חפץ און מען מאַכט עס נאָך צו קליינגעלט... „פשוט” —

— זעט איר דאָך! אָט אַזוי אָ... טאָג ביי טאָג בין איך געגאַנגען אין שול אַריין „קדיש” זאָגן און האָבן דאָרט געדאַווגט אין קהלישע תפילין, — פון וואַנען זיי האָבן זיך אַהין גענומען, דאָס ווייס איך נישט. און צו וואָס, זאָגט מיר, האָב איך דאָס אַזוי נייטיק געדאַרפט וויסן? אַבי ס׳איז דאָ אין שופלאָד, מער גייט מיך נישט אָן. מסתם אַן איבערבלייבעכטס פון די קיעווער קדושים אָדער קדושים פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, און אפשר גאָר פון די פוילישע יידן, וועלכע זענען ביי אונדז געפאַלן ווי די פליגן אין האַרבסט. קיצור הדבר: פון דעם צי פון יענעם, — כשרע תפילין! הייליקע תפילין! שפּעטער, אַז איך האָב באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין סוליקאַמסק, האָב איך מיר בשתיקה פון אַן אַלטן טלית אויסגעמאַכט די ציצית און האָב זיי, שוין פאָרנדיק אין צוג, זיך איינגעמאַכט אין אַ מין שטיקל טלית־קטן, וואָס איך האָב מיר אַליין צונויפגעמייסטרעוועט; דעסט גלייכן האָב איך אַריינ־געשאַרט אין קעשענע אַריין אַ פּאָר תפילין, אַ צעפליקט סידורל און אַ צעפּיצלט תהילימל. צי איך האָב געמעגט אַזוי טון צי ניין — טאַטשקאַ! אַזוי האָב איך געטון און שוין! וויפל איך האָב זיך געקענט דערלויבן, האָב איך פאַר אָט די תשמישי־קדושה

אַריינגעוואָרפן אין דער „צדקה־גדולה״ פּושקע, און אַראָפּ פונעם מאַרק!

— פון דעסט וועגן זענט איר כלל נישט קיין פיינער מענטש! צי וואָס דאַרף מען זיין ווילד, ווען מען קען זיך סטאַטעטשנע? איר האָט דאָך געקענט זיך אָנפרעגן ביי די גבאים, אָדער כאָטש ביים שמש —

— וואָס נאָך וועט איר צוקלערן? אויף אַ שאלה, זאָגט די וועלט, איז דאָ אַ תשובה און איך האָב דאַן נישט געהאַט קיין צייט אויף קיין שאלות ותשובות... הייב אָן צו פרעגן ביי אַ גבאי, וועט ער דיר זאָגן, אַז אַזאַ זאַך קען ער נישט טאָן אויף זיין אייגענער האַנט און קען נישט נעמען אויף זיינע אייגענע אחריות, עס דאַרף אין גיכן זיין אַן אסיפה, צי אַ זיצונג, וועט ער מיין ענין מציע זיין פאַר די שבעה טובי העיר... ווייסט איר אויף ווען דאָס קען אַ מאָל נולד ווערן? צי למשל: איר זאָגט: „כאָטש פרעגן ביים שמש״... איך האָב דאָך אייך, דאַכט זיך דערציילט, אַז יענער האָט מיך גאָר געוואָלט מאַכן פאַר אַ „פיד־שמש״, — פאַר אַ משנה למלך, הייסט עס, — צי גאָר אין גאַנצן פאַר אַ ממלא מקומו — וועט ער מיר גיין פאַרקויפן דברים שבקדושה, האַ? ער וועט ווערן אַן אשם־גזילות און אַן אשם־מעילות? ער וועט מיר וויזן אַ דרך, אַז מען קען זיין אַ מועל־בקדשים?

— און דו האַלטסט, יוסף, אַז גאָט נעמט אָן די תפילות, וואָס מען דאַוונט צו אים אין געגנבעטע תפילין?

— ווען עס זאָל אפילו ש ו י ן קומען דער מלאך מט״ט מיט זיין גאַנצער פמליא דאָרטן און מיר שווערן ביי זיין באָרד און פיאות, אַז מיינע תפילין זענען גנבישע, וועל איך אים אויך נישט גלייבן. בעת מען האָט אונדז אין 1937, אָנשטאָט דער גרויסאַרטיקער קופּיעטשעסקע־שול, צוגעטיילט אָט דעם פאָדוואַל, ווו ס׳איז דאָרט איצט די שול, האָב איך נישט ווייניק כוחות אַוועקגעלייגט אויף

אַרויסצוטרייבן פון יענעם פינצטערן לאָך די שעדלעכע ריחות: פון נאַפט, פון מאַכאָרקע, פון פאַרשטונקענער קרויט און פון וואָס נישט? אַזוי, אַז אַ קליין „פיסל אין טשאָלנט" האָב איך דאָרט פון קדמונים און דערצו, קוים האָב איך נאָך פאַר די פּאָר אַלטע תפילין אַראָפּגעלאָזט אין פושקע אַריין וויפל איך האָב געקענט, זענען זיי שוין כשר וישר מיינע אייגענע...

— נו־נו, אַז דו ווילסט מיר דווקא איינרעדן אויף שוואַרץ, אַז ס'איז ווייס, מילא, ביי מ י ר האָסטו געפּועלט... זאָל זיין אַזוי... איך בין אָבער נישט דער גאַנצער דעה־זאָגער... ס'איז דאָך עפּעס פאַראַן אַן: עין רואה ואוזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים... כ'ווייס? א י ך וואָלט אַזוי נישט געטון...

די נאַקעטע און פלאַכע בערגלעך האָבן שוין מיט זיך אין גאַנצן פאַרשטעלט די גרויסע לאַגער־שטאָט; די איינזאַם־צעוואָר־פענע ביימער האָבן איצט נאָכגעקוקט די צוויי געוועזענע לאַגער־ניקעס מיט אַ חשד: צי האָבן זיי מיט זיך גאָרנישט פאַרשלעפּט פון יענעם שאול־תחתית? צי וועט דער ישוב נישט איבערלייענען אויף זייערע פנימער, פון וואַנען זיי גייען דאָס?

אין שטאָט, פאַרן צעשיידן זיך, פרעגט דער דאָקטער גאָרדאָ־נען:

— נו, דו גייסט מיט מיר מאָרגן צו מיין חנהלען, כ'מיין — צו מיין חנהלעס כאַטקעלע?

— אַז מיר וועלן דערלעבן און איך וועל נישט האָבן עפּעס אַנדערש וואָס צו טון — אפשר יאָ... פשוט: אין אדם מעיז פנים בפני בעל־חובו —

— גיי, שוטה דו, נישט נאָר דערפאַר... וועסט אַליין זען, ווי אַנדערשער איך זע אויס, ווען איך קום אַריין אין אירע ד' אמות... איר ווער נשתנה, זאָג איך דיר, בתכלית השינוי —

— נו־נו...

— קומסטו, הייסט עס, מאָרגן פינקטלעך דריי אַ זייגער?

— אויב איך וועל נאָר קענען קומען, וועל איך מיט גאָטס הילף זיין פּינקטלעך —

נעמיראָווסקין איז דאָס מאָל נישט באַשערט געווען, אַז גאָרדאָן זאָל צו אים קומען פּינקטלעך, אָדער כאָטש נישט פּינקטלעך —

...אויף צו מאָרגנס פון זייער שפּאַציר הינטערן לאַגער, האָט זיך יוסף, ווי אַלע טאָג, שוין געפונען ביי דער פּאָסט אַ גוטע האַלבע שעה איידער מען האָט זי געעפנט. דאָס שיקסל, וואָס אַרבעט ביי דעם פענצטערל ווו מען פרעגט אויף בריוו צום פאָדערן, האָט אים שוין גוט געקענט און ווי נאָר מען האָט אויפ־געשלאָסן די ברייטע טיר פאַר די באַזוכער, האָט זי אים שוין פון דער ווייטנס געפאָכעט מיט אַ בריוו אין די הענט:

— ס׳איז דאָ פאַר אייך! ס׳איז דאָ פאַר אייך! היינט זענט איר שוין נישט געקומען אומזיסט!

ער האָט זיך דערנעענטערט צום פענצטערל מיט אונטערגעע־האַקטע פיס. דאָס מיידל האָט אים אפילו נישט געהייסן ווייזן דעם דאָקומענט זיינעם, זי האָט אים גלייך דערלאַנגט דעם מיסטעריעזן בריוו און האָט גאָר בשעת־מעשה געפרעגט:

— חבר גאָרדאָן, פאַר וואָס זענט איר אַזוי שרעקלעך בלאָס געוואָרן דערזעענדיק דעם בריוו? איר האָט דאָך אויף אים געוואַרט אַזוי אומגעדולדיק —

יוסף האָט ניט געהערט קיין איין וואָרט פון דעם וואָס זי רעדט צו אים. ער האָט געפרוווט אויפרייסן דעם קאָנווערט — איין מאָל: ניין! דער קאָנווערט איז כמו ווי געווען פון בלעך; דער נאָמען פאָנאָמאַרענקאָ אויף דער לינקער זייט — פון צעלאָזטן מעש; די אותיות האָבן אים ממש אויסגעברענט די אויגן; די שטראַלן פון די ברענענדיקע אותיות האָבן אים געשטאָכן אין קאָפּ און געוואָלט

פאַר׳שרפ׳ענען די איינציקע פראַגע, וואָס האָט איצט דאָרט אומ־ברחמנותדיק געבויערט:

— זי לעבט, צי אויך איך וועל דאַרפן זיך דאָס לעבן נעמען? עס וועט זיין אַ ווייסע חופה, צי אַ שוואַרצע? איך וועל נאָך האָבן זוכה געווען צו רעדן מיט איר, צי איך וועל זי שוין זען דאַמאָלסט, ווען נעמיראָווסקי וועט זען זיין חנהלען?

ער האָט לחלוטין פאַרלוירן די שליטה אויף זיינע גלידער —

...לבי סחרחר, עזבני כוחי ואור עיני גם הם אין אתי...

דאָס שוואַרצ׳חנ׳עווזדיקע מיידל אינעם אָפגעפּאָרענעם שאַלעכל האָט פון איר אָרט הינטערן פענצטערל, ווי אַ פאַרהיפּנאָטיזירטע נאָכ־געשפּירט נאָך די שלאַבעריקע באַוועגונגען פון זיינע פינגער, זי האָט געזען ווי אַזוי זיי בריה׳ן זיך און בריה׳ן זיך און קענען אַלץ נישט אויפרייסן דעם קאָנווערט, האָט זי אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון די שטאַכעטלעך:

— חבר גאָרדאָן! האַ, חבר גאָרדאָן! גיט אַהער וועל איך אייך אויפקלעפּן דעם בריוו, איך זע, אַז אייך איז שווער —

— אַ שיינעם דאַנק אייך, חברטע... ס׳איז זייער פּיין פון אייער זייט... איך ווייס נישט פון וואָס, נאָר עס ציטערן מיר די פינגער —

— לאָמיר אָננעמען, אַז איר ווייסט שוין מן הסתם יאָ פון וואָס —

גאָרדאָן האָט איר צוריק אָפּגעגעבן דעם גורלדיקן בריוו און זי האָט אים גלייך אויפגעעפנט. ער האָט איר ווידער אַ מאָל באַ־דאַנקט און איז, נישט זעענדיק קיינעם פאַר די אויגן, אָפּגעגאַנגען אין אַ ווינקל.

דאָס ערשטע פּאַפּירל, וואָס ס׳האָט זיך ביי אים אַרויסגעשלעפּט פונעם קאָנווערט, איז געווען אַן אָפיציעלער דאָקומענט פון דער קאַנצעלאַריע פון קאַראַגאַנדאַ׳ער קאָנצלאַגער: אַ פּראָפּוסק פאַר גאָרדאָן, יאָסיף זאַלמאַנאָוויטש. אויף דעם צווייטן פּאַפּירל זענען געווען אויף שנעל אָנגעוואָרפן עטלעכע שורות פון פּאַנאָמאַרענקאָן:

„יאָסיף, דייך כלה לעבט! אָבער זיי וויסן, אַז זי איז געפּערלעך, געפּערלעך קראַנק. וועסט קומען, וועסטו אַליין זען. איך בין שוין דאָ דריי טעג, אָבער דיך רופן האָב איך נישט געקענט, ביז דער געוועזענער נאַטשאַלניק איז נישט אַוועקגעפאָרן מיט האַק און פּאַק. איצט, אַזוי ווי ער פאָרט אַוועק פון דאַנען מאָרגן גלייך נאָך מיטאָג, קענסטו קומען אַהער אָרום צוויי, דריי אַ זייגער.

מוטיק זיך, מיין פריינד, דו דאַרפסט זיין גרייט אויף אַלץ — דיין איבערגעגעבענער סערגיי"

— — — — — — — — — — — —

דער וועכטער האָט באַגלייט יוספן ביז דעם נאַטשאַלניקס טיר און האָט ראַפּאָרטירט וועגן אים. באַקומענדיק די דערלויבעניש אַריינצולאָזן דעם באַזוכער, האָט ער אים דורכגעלאָזט אין קאַבינעט אַריין, צוגעמאַכט די טיר הינטער אים און האָט זיך אומגעקערט אין קאָמענדאַטור.

פאָנאָמאַרענקאָ איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען אַן ערנסטער און אַ פייערלעכער. ער האָט אים הייס און מיטפילנדיק געדריקט די האַנט:

— יוסף, זיי נישט אַזוי פאַרצווייפלט... אַ מענטש וואָס האָט אויף זיין לעבן שוין דורכגעמאַכט אַזוי פיל וויפל דו, דאַרף קענען אַלץ אויפנעמען מיט דעם געהעריקן מוט און מיט דער געהעריקער מאָס אויסגעהאַלטנקייט.

— וואָס טרייסט איר מיך, חבר נאַטשאַלניק? דערווייל לעבט זי דאָך נאָך?

— אוודאי לעבט זי... אַזוי צו זאָגן... אָבער דער היגער דאָקטער זאָגט זיך שוין אָפּ פון איר... זי איז קראַנק נישט פון נעכטן און נישט פון פאַר אַ יאָרן, זי איז שוין געווען קראַנק אויפן האַרצן פון דער לכתחילה, ווען מען האָט זי ערשט נאָר וואָס געבראַכט אַהער... נאַ, דאָ האָסטו דעם מעדיצינישן ביולעטין וועגן איר געזונט פאַר דער גאַנצער צייט פון איר געפונען זיך דאָ —

— דער לאַגער פאַרמאָגט עפּעס אַ רעכטן דאָקטער?

— כ׳ווייס, צי אַ רעכטן צי אַ לינקן? אַ דאָקטער! אַ טיפּישער לאַגערנע דאָקטער, ווי אַלע זיי, די סקאַרבאָווע לאַגערנע דאָקטוירים... דו ווייסט דאָך, אַז זיי נעמען זיך נישט שטאַרק צום האַרצן, ווען אַן אַרעסטאַנט הייבט אָן זיך אַרויסצוגליטשען פון זייערע הענט... אין זייערע אויגן איז אַ לאַגערניק נישט חשובער פון... פון... צו וואָס די משלים? און אַליין ווייסטו דאָס נישט?

— סערגיי איוואַנאָוויטש, איך האָב אין זיך גענוג מוט און גענוג אויסגעהאַלטנקייט... אמת, מיין גאַנץ לעבן איז איצט אָפּהענגיק פון איר לעבן, חוץ איר האָב איך איצט קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער קעגן גאָט קען מען נישט גיין! עס קען זייער גוט געמאָלט זיין, ווען איר וואָלט איבערגענומען דעם דאָזיקן פּאָסטן פריער מיט איין האַלב יאָר, וואָלטן מיינע שאַנסן אויף איר לעבן געווען פיל גרעסערע, אָבער דאָס זענען דאָך נאַרעשע רייד... הלמאי ווען זי וואָלט ניט געווען אַריינגעפאַלן... איך גלייב מיט אַלע מיינע כוחות־הנפש, אַז אויב ס׳איז מ י ר באַשערט צו בלייבן לעבן, וועט זי אויך מוזן בלייבן לעבן... אָבער לאָמיר נישט אַריינפאַלן אין קיין פּאַניק. איך וויל וויסן אַלץ על הסדר. קודם: ווען קען איך זי זען?

— נישט פריער ווי אין אַ שעה אַרום. אַז די ציווילע קראַנקנשוועסטער וועט פאַרענדיקן איר דיזשורסטווע.

— גוט! אַ דאַנק. איצט זאָגט מיר: ווען האָט איר זי געזען און וואָס האָט איר איר געזאָגט?

— דו דערפרעגסט מיך שוין באַלד, ווי אַן אויספאָרשער דערפרעגט זיך „קליענט״, אָבער עס מאַכט נישט, עס מאַכט נישט, איך וועל אָפּאָטעמען פריי, האָבנדיק דיר אָפּגעזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב צו זאָגן. אַלזאָ, וואָס האָסטו געפרעגט? יאָ, געקומען אין לאַגער אַריין, בין איך געוואָיר געוואָרן, אַז דער נאַטשאַלניק האָט דאָ אַ פּרעכטיקע וווינונג, וועלכע גייט אויטאָמאַטיש אַריבער צו מיר.

נאַטאַליע מיט די קינדערלעך זענען גלייך פאַרפאָרן אַהין צו. לעבן דעם נאַטשאַלניקס דירה, הינטן אין גאָרטן, שטייט אַ היפּשער ליידיקער צימער. אַ מאָל האָט דאָרטן געמוזט זיין אַ פּריוואַט בעדל, אָדער עפּעס אַ מין וועשעריי. ווען איך האָב אין די געדיכטע שפּי־טאָל־ליסטעס נאָר דערזען דעם נאָמען: פייגנבוים טאַניאַ אַבראַ־מאָוונאַ, האָט אין מיר גלייך אויפגעבליצט אַ געדאַנק, אַז מען דאַרף זי וואָס שנעלער איזאָלירן פון דער שפּיטאָל־אַטמאָספער. שפּעטער, אַז איך האָב נאָך אַנטדעקט אָט דאָס צימערל, האָב איך שוין נאָר געזוכט אַן אמתלא זי איבערצופירן אַהין. אויס פאָרזיכטיקייט האָב איך שוין גערעדט מיטן דאָקטער וועגן יעדן חולה־מסוכן באַזונדער. וועגן דער אַרעסטאַנטקע פייגנבוים האָט ער געזאָגט, „אַז איר האַרץ האַלט זיך אויף אַ האָר" און אַז אַ ליאַדע מינוט קען זיך דאָס אָפּ־רייסן, אָדער אָפּשטעלן. איך האָב אים געפרעגט: צי ווירקט צו־פעליק נישט שלעכט אויף איר געזונט, וואָס זי ליגט אין האָספּיטאַל, אין איין פּאַלאַטע מיט פיל אַנדערע חולים? האָט ער מיר גע־ענטפערט, אַז קיין פּרינצעסינס זיצן דאָ נישט און קיין סאַנאַטאָריעס פאַר זייער מאַיעסטעט האָבן זיי דאָ נישט. איך האָב — צו דער גרויסער פאַרוווּנדערונג פונעם אַלטן נאַטשאַלניק — נאָך אינעם ערשטן טאָג אויסגעדריקט מיין ווילן צו באַזוכן דעם שפּיטאָל. דאָרט האָב איך, לפנים, געגעבן עטלעכע פאַראָרדענונגען: דעמס בעטל צורוקן נעענטער צום פענצטער, אַז ער זאָל האָבן מער לופט, מער שיין; דעם אָפּרוקן פון דער טיר; דעם — פון דער נאַסער וואַנט; ווען איך האָב געפרעגט די קראַנקע פרוי פייגנבוים:

— וואָס פעלט אייך? מיט וואָס קען מען אייך אַ ביסל פאַר־לייכטערן די שווערע לאַגע?

האָט זי מיר געענטפערט מיט אַ קול, קוים צו דערהערן:

— באַאומרואיקט זיך נישט, מיר איז דאָ גוט, איך דאַרף קיין זאַך נישט.

איך האָב ביי איר מער קיין זאַך נישט געפרעגט און האָב אויפן אָרט באַפוילן צו ברענגען אין אָרדענונג יענץ צימערל און זי אַהין אַריבערגעטראָגן. דער ציווילער קראַנקן־שוועסטער האָב איך באַפוילן אַלע שעה אַריינקומען אַהין און אַ ביסל זיצן לעבן חולה. נעכטן אין דער פרי, ווען יענער נאַטשאַלניק מיט זיין פרוי זענען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין זיך דאָרט ענדגילטיק צוצו־גרייטן אין וועג אַריין, האָב איך אָפּגעוואַרט אַ מאָמענט, ווען מען האָט די ציווילע שוועסטער אַוועקגערופן זי זאָל אַסיסטירן צו אַ דרינגענדיקער אָפּעראַציע, און איך מיט נאַטאַליען זענען אַריינ־געקומען צו איר. זי איז זייער אָפּגעצערט און ס׳איז קענטיק, אַז זי האָט דאָ פיל געליטן. אין איר ביולעטין רעדט זיך עפּעס וועגן אַ שלעכטן מיקראָב, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין איר אָרגאַניזם, ווען זי האָט געאַרבעט אויף די טיי און טאַבאַק פּלאַנטאַציעס. דאָס האָב איך נאָר אויבערפלעכלעך באַמערקט, איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין פרייע מינוט, ווען גענוי דורכצולייענען וואָס וועגן איר מחלה ווערט דאָרט גערעדט. אַז זי האָט אונדז דערזען, האָט זי צו אונדז כמעט ווי אַ שמייכל געטון. איך זאָג: כמעט, ווייל איר געזיכט, אין איר איצטיקן צושטאַנד, איז פשוט נישט מסוגל צו שמייכלען; עס זענען נישטאָ אין דעם די „פרוזשינקעלעך״, וואָס זענען נייטיק צו דער דאָזיקער נאַטירלעכער גרימאַסע. קענטיק, אַז איר פּנים האָט שוין לאַנג לאַנג נישט געשמייכלט. דאָס כמוי־שמייכעלע האָט זי אונדז מן הסתם געשאָנקען פון דאַנקבאַרקייט, פאַר וואָס מען האָט זי אַרויסגענומען פון יענעם שוידערלעכן קיטעלהויז.* איך האָב נאַטאַליען איבערגעלאָזט ביים פענצטער, אַכטונג געבן, צי קיינער גייט נישט און אַליין האָב איך זיך צוגע־זעצט צו איר —

* אַן אָרט פון אַ שטענדיקן רעש, מהומה, בהלה.

קודם האָב איך זיך פּאַר איר פאַרגעשטעלט, אַז איך בין דער נייער נאַטשאַלניק און נאַטאַליאַ איז מיין פרוי; דאַן האָב איך זי פאַרזיכערט, אַז מיר זענען אירע פריינד, ווייל מיר זענען די פריינד פון אַ געוויסן קיעווער חבר אירן, וואָס איז געווען פאַרשיקט אין אַן אַנדער לאַגער... בקיצור: איך האָב איר אַזוי לאַנג מרמז געווען, מרמז געווען, ביז איך האָב איר סוף כל סוף אָנגערופן דיין נאָמען. איך האָב איר אויך געזאָגט, אַז דו געפינסט זיך אין קאַראַגאַנדאַ און דו ווערסט היינט אָדער מאָרגן אָנקומען אַהער צו אַרבעטן. איך מוז דיר אָבער זאָגן, אַז אַלע מיינע רייד האָבן ביי איר נישט אַרויסגערופן קיין גרויסע איבערראַשונג. איך זע אויף איר פּנים, אַז זי איז שטאַרק אָנגעשראָקן; אַז זי איז דאָ חושד עפּעס אַ נייע פּראָוואָקאַציע. און כאָטש פאַר זיך אַליין האָט זי שוין נישט מורא — כ'איז קענטיק פון איר בליק, אַז זי ווייסט גוט, ווו זי איז אין דער וועלט, און ווי ערנסט איר מצב איז, — אָבער זי ציטערט, אַז דאָ גראָבט מען אַ גרוב אונטער דיר... זי הערט אויס אַלץ וואָס מען זאָגט איר, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, און זאָגן זאָגט זי גאָרנישט...

און מיט אַ טרויעריק שמייכעלע האָט ער צוגעגעבן:

— מיט דיר, גלייב איך, וועט זי אפשר יאָ עפּעס רעדן... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויב זי וועט נישט חושד זיין, אַז דאָ האָט מען עמעצן פאַרגרימירט אַזוי ענלעך צו דיר... דו ווייסט דאָך, ווי עמפּפינדלעך אַרעסטאַנטן זענען, און ווער שמועסט נאָך פרויען —

— אַז מען גייט דורך די שבעה־מדורי־גיהנום, דורך פייער און וואַסער און מעשענע רערן, קען מען נישט זיין נישט עמפּפינדלעך —

— אויף דעם געביט גיי איך מיט דיר נישט אַריין אין קיין מחלוקת.

— און פאַר וואָס מען האָט זי נישט אָפּגעלאָזט צום זמן, דאָס האָט זיך איך נישט איינגעגעבן געוויר צו ווערן?

— עפּעס איז דאָ געווען אַ גאַנצע געשיכטע מיט איר... איך

בין נאָר אַזוי אויבערפלעכלעך איבערגעלאָפן דעם מאַטעריאַל, איך וועל דיר געבן איר „דיעלאָ", וועסטו זיך אַליין געניטן באַקענען מיט אַלע זייערע זאַבאָבאָנעס —

— וואָס זשע פאַרט?

— עפּעס האָט זי צעשלאָגן אַן אָנגעשטעלטן... שטאַרק צעבלו־טיקט... האָט איר דער לאַגערן־טריבונאַל געגעבן אַ פּרעמיע נאָך פינף יאָר —

— ט אַ נ י ה אָ ט צ ע ב ל ו ט י ק ט אַ ן אָ נ ג ע ש ט ע ל ט ן?

עפּעס איז דאָ מן הסתם נישט גלאַט... יענע האָט אויף איר לעבן קיינעם קיין הויך וואָרט נישט געזאָגט, קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געטשעפּעט... אַזוי, אַזוי... געלאָפן, געיאָגט, דעם הימל צו דער ערד צוגעצויגן און ערשט נאָך אַלעמען — זאָל זיין צו שפּעט?

— יאָסיף, וואָס ווייניקער היסטעריע דו וועסט אַרויסווייזן, וועט זיין געזונטער פאַר אייךביידן... דו ביסט דאָך עפּעס נישט קיין נאַרעש יינגל... טו וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן צו טון, איך געב דיר פרייע הענט, אָבער האַלט זיך שטאָל און אייזן! דו ביסט דאָך עפּעס פאָרט אַ שטיק באָלשעוויק —

— יאָ, טייערער סערגיי איוואַנאָוויטש, איך וועל זייך פון שטאָל און פון אייזן... ווען איך שעם זיך נישט, וואָלט איך אייך געפאַלן צו די פיס און געקושט די טריט אייערע, גוטער מלאך מיינער...

— גיי, איך האָב פיינט אַזעלכע רייד... נו, איצט מוז איך דיר דערציילן נאָך אַ זאַך... עס פאַרשטייט זיך אַ פיל ווייניקער וויכ־טיקע, אָבער דאָך אַ וויכטיקע. פאַרגעס נישט, אַז איך בין דאָ איינער, אַ נייער מענטש צווישן אַ גאַנצן שטאַט אַלטע אַרבעטער. קעגן וואָס זאָג איך דיר דאָס? קעגן דעם, וואָס איך דאַרף זיך היטן די ביינער, אַז עס זאָל אויף מיר קיין מינדסטער פלעק נישט פאַלן... און באַ־זונדערס באַזונדערס — די ערשטע צייט...

— נו־נו...

— קיין סך איינמאָליקע פּראָפּוסקן פּאַסט מיר נישט דיר צו געבן און דו דאַרפסט עס נישט אויך. וואָס דען? נאָך מאָרגן וועל איך צושיקן אין קאַנצעלאַריע אַ באַפעל, מען זאָל דיך אויפנעמען אַלס רעפערענט—פאַרזאָרגער פון מאַטעריאַלן פאַר די צעכן. דאָס וועט דיר געבן: ערשטנס, אַ בכבודיקן געהאַלט; צווייטנס, אַ מעגלעכקייט פריי זיך צו באַוועגן סיי אין לאַגער אַריין און סיי פונעם לאַגער. און דריי־טנס, טאָמער דאַרף מען דיר טון עפּעס אַ טובה, מוזסטו אָפיציעל פיגורירן אויף אַ פּאָסטן, דאַן הייסט עס, אַז איך שטיץ די אינטע־רעסן פון מיינעם אָן אָנגעשטעלטן, פאַרשטייסט, צי ניין?

— חבר נאַטשאַלניק, איר זענט פאַר מיר נאָך בעסער, ווי אַ מלאך... פאַר וואָס קומט עס מיר?

— שוין? די בין איז שוין ווידער אַריין אין דיר? אפשר וועסטו זיך נאָך צעוויינען אויך?

— — — — — — — — — — — —

די ציווילע שוועסטער האָט נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון דער קאָנטראָלקע, ווי יוסף איז שוין געשטאַנען לעבן דעם פאַרוואָר־לאָזטן מויערל, וואָס איז געשטאַנען אַ פאַרגעסנס הינטער דעם נאַ־טשאַלניקס וווינונג. מיט אַן אַנטפאַלן האַרץ, אָן איין טראָפּן בלוט אין פנים, — אַזוי ווי שאול המלך בשעתו, אין דער לעצטער נאַכט פון זיין טרויעריק לעבן, זאָגנדיק צו דער בעלת אוב אין עין־דור: את שמואל העלי לי, — האָט יוסף אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין טאַניס צימערל. דאָרט איז געווען שטיל, ווי אין אַ קבר. דער חולה איז אַ פנים געשלאָפן, אָדער סתם אַזוי אַריינגעפאַלן אין אַ זעלבסט־פאַרגעסונג. אויפן טישל, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר בעט, האָבן זיך כמעט קיין רפואות נישט געפונען.

— קיין ניי האַרץ, טאָכטערשע — דערמאָנט זיך יוסף, ווי זיין מוטער פלעגט זאָגן צו זיין שוועסטער, — קען קיינער נישט אַריינ־שטעלן, אפילו נישט דער גרעסטער מומחה, סיידן גאָט אַליין, אַז

מען פאַרדינט ביי אים, ער איינער איז דער בוחן־לבבות... לפניו נגלו כל תעלומות...

ער קוקט זיך איין פון דער וויטנס אין זיין טייערער טאַנין און איז מלא שוידער און מלא גרויל און מלא שטוינונג — ס׳איז די זעלבע טאַני, וואָס אין קיעוו! עס פאַרשטייט זיך, אַז נישט פונקט די זעלבע: זי האָט קיין מאָל אין איר לעבן נישט אויסגעזען אַזוי מאָגער, ממש — הויט און ביין! און אירע אַ מאָל אַזוי שיינע, ברוינע האָר זענען איצט געדיכט פאַרמעליקט, ווי ביי אַ מילנער. די האַנט אירע, וואָס ליגט אויף דער קאָלדרע, איז אויסגעטרוקנט און אויסגעגע׳דבר׳ט, אַז מען קען דאַכט זיך איבערציילן די ביינדלעך באַזונדער און די אָדערן באַזונדער. אויף די מנוחה שלמה, כביכול, וואָס רוט אויף איר ערד־קאָלירטן פנים, איז עפּעס אַ פאַרדעכטיקע מנוחה. אפילו אין איר שלאָפנדיקער פּאָזע זעט ער און פילט עפּעס אַ מין פאַרשטיינערטקייט; עפּעס אַ מין מעבר למחיצה׳דיקייט, ווי זי וואָלט געווען אַ בריאה לא מעלמא הדין, נישט מער ווי אַן אורח נטה ללון... אָבער למאי נפקא־מינה, צי זי איז פונקט די זעלבע וואָס דאַמאָלסט, צי נישט פונקט די זעלבע? זי איינע אויף דעם גאַנצן כדור־העולם איז איצט זיין אָנשפּאַר אין לעבן; זיין מקור פון חיונה; זיין „לחם ומים", אָן וועלכן ער קען קיין קיום נישט האָבן, און ווי באַלד אַזוי, — אין בודקין למזונות! יאָ די זעלבע צי נישט די זעלבע — צו וואָס טויגן אים אָט די אַלע פּוסטע חקירות ודרישות? די מציאות איז דאָך אַזאַ: יענץ מאָגערע קערפּערל, וואָס ליגט עטלעכע שריט פון אים, איז דאָך פאָרט טאַני פייגנבוים, זיין טייערע טאַניושינקאַ...

מיט קעצישע טריט, „האַלטנדיק די נשמה אין דער זשמעניע", האָט ער זיך דערנעענטערט צו איר בעטל און איז שטיך געבליבן האַרט לעבן דעם. דאַן האָט ער זיך כמו ווי צו „מודים" אָנגעבויגן איבער איר פּנימל, — היטנדיק זיך בשעת־מעשה, אַז די „קשרים

של חוליות־השדרה המתפּקקות״ זאָלן זיך נישט צעטרישטשען צו שטאַרק — און האָט זיך בעסער און נעענטער איינגעקוקט אין די ליבע געזיכטס־שטריכן, וועלכע זענען נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן אַלע עלף יאָר און באַזונדערס — פון זינט ער איז דורך זיינע עלטערן געוואָיר געוואָרן, אַז טאַני האָט געטיילט פּונקט דעם זעלבן גורל, וואָס ער...

פלוצלינג האָט יוסף אַ ציטער געטון מיט אַלע אברים: טאַניס אויגן זענען געווען אָפן און האָבן מיט שרעק געקוקט אויף דעם קאָפּ, וואָס האָט זיך אַזוי נידעריק אַראָפּגעבויגן צו איר. „עס ווייזט אויס, — האָט יוספן דורכגעבליצט אין מוח — אַז מיין שאָטן האָט זי אויפגעוועקט פונעם שלאָף״. יאָ, די אויגן זענען געווען לחלוטין די זעלבע, וואָס אין קיעוו! זיי זענען נישט מאָגערער געוואָרן, נישט פאַרמעליקט און אפילו נישט מיט אַזאַ שוידערנדיקער שלווה, ווי די וואָס הויערט אויפן שטיקל פּנים... ניין, ניין, די אויגן זענען כלל נישט רואיק, פאַרקערט, דאָס אומרואיקייט אין זיי וואַקסט מיט יעדן אויגנבליק, און מיט אַ מאָל האָט זי מיט אַ טיפער ברוסטיקער שטימע אַרויסגעפּליסטערט:

— גאָט מיינער, ווער איז דאָס?

יוסף האָט נישט געענטפערט. זייערע נשמות, אַזוי לאַנג צעריסענע און געפּייניקטע, האָבן דורך די אויגן־פענצטערלעך פאַר־זיכטיק בודק געווען איינע די אַנדערע, באַקוקט, באַטראַכט און געפּרווט זיך דערמאָנען: וועמענס אויגן זענען דאָס?

ווידער האָט דער חולה אַ צאַפּל געטון:

— מאַ—מאָטש—קאַ, וואָס שווייגט איר? ווער זענט איר?

יוסף האָט צערטלעך אַרויסגעבראַכט:

— טאַני, שוין זשע דערקענסטו מיך נישט?

זיין קול האָט איר אַ שטויס געטון אונטערן האַרצן מיט טויזנ־טער האַמערס:

— גאָט מיין גאָט, זאָל דאָס טאַקע זיין גאָרדאָן? זאָל דער נייער נאַטשאַלניק נישט האָבן געמיינט קיין שום בייז זאָגנדיק, אַז יוסף קומט אַהער? היתכן? היתכן?

ציטערנדיק מיט אַלע אברים האָט זי אַרויסגענומען די צווייטע האַנט פון אונטער דער קאָלדרע, זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן אויף די עלנבויגנס און האָט מיט ביידע הענט באַטאַפּט דאָס פּנים, די אויערן, די האָר אויפן קאָפּ, צי איז דאָ נישטאָ קיין פיקציע, קיין אחיזת־עינים, ווי זיי, די זדים ארורים, קענען מאַכן, ווען זיי ווילן נאָר. ווען זי האָט זיך איבערצייגט דערין, אַז דאָס מאָל זעט זי פּאַר זיך נישט קיין קאָפּיע, נאָר דעם עכטן סאַמאָראָדנע אָריגינאַל, איז איר קאָפּ צוריק אַנידערגעפאַלן אויפן שטרויענעם קישעלע, ווי אַ שישקע וואָס פאַלט אַראָפּ אין האַרבסט פון אַ סאָסנע־בוים:

— יאָ, ס'איז יוסף! מיין טייער יאָסעלע...

זיי האָבן זיך אפילו נישט צעקושט —

— וואָס קען שוין אַ קוש פאַרלאַטען נאָך עלף יאָר צעשיידט זיין?

יוסף, נישט געפינענדיק קיין פּאַסיקערס וואָס צו זאָגן, האָט איינשפּאַנענדיק צו דעם אַלע זיינע כוחות־הנפש, אַרויסגעבראַכט די ערשטע ווערטער וואָס זענען אים געקומען אויף דער צונג:

— טאַניושאַ, ווי אַזוי פילסטו זיך?

טאַני, נישט אַראָפּנעמענדיק איר קרענקלעך־גליענדיקן בליק פון אים:

— איך? איך פיל זיך גאַנץ גוט —

— וואָס טוט דיר וויי, לעבן מיינס?

— וויי גאָר? ווער זאָגט דיר, אַז עס טוט מיר עפּעס וויי?

— אָבער דו ביסט דאָך קראַנק —

— ניין, יוסף, דו ביסט פאַרפירט אין אַ טעות, איך בין שוין נישט קראַנק...

— וואָס דען ביסטו?

אַ שווערע שטילקייט איז געווען דער ענטפער אויף זיין לעצטער פראַגע...

שפּעטער האָט זיך טאַני אָנגערופן:

— ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער צו, יוסף?

— פּשוט! איך האָב זיך באַפרייט, בין איך געקומען דיך אויך אָפּנעמען פונעם חדר... ד י ך האָט דער רבי אַריינגעזעצט אין קינע און אַ ביסל לענגער פאַרהאַלטן —

טאַני האָט מיטביידע הענט, ווי צו ליכטבענטשן, זיך פאַרדעקט דאָס פּנים און האָט קוים מיטן אויער אויפצוכאַפּן אַרויסגעשעפּטשעט:

— טאַטע זיסער, מיט וואָס האָב איך ביי דיר פאַרדינט אַזאַ לייכטן טויט?

יוספס שאַרפער אויער האָט נישט געלאָזט פאַרלוירן גיין קיין איין זילב, וואָס איז אַראָפּ פון אירע ליפּן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט כלא ידע:

— וואָס זאָגסטו, טאַני?

— איך זאָג: דו ביסט אַ ווויל יינגל, יאָסעלע... אַז דו קומסט אַהיים פונעם חדר, פאַרגעסטו נישט אינעם יינגערן שוועסטערל... פאַרסטו אין אויסרייסעניש און ווילסט אויך זי אָפּנעמען —

— איך וויל און איך וועל! מיט גאָטס הילף...

— ניין, יוסף, רעד זיך נישט איין קיין נאַרעשקייטן... כ׳לעבן, דאָס פּאַסט גאָר נישט פאַר אַזאַ דערוואָקסענעם און דערפאַרענעם מענטשן ווי דו... אַרויסגיין וועל איך פון דאַנען, דאָס יאָ, אָבער נישט מיט דיר... איצט האָט שוין אויף מיר אַ צווייטער די חזקה...

יוסף האָט גוט פאַרשטאַנען, וועמען זי האָט בדעה מיט איר „אַ צווייטער״, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געפרעגט:

— ווער איז דער דאָזיקער צווייטער, וואָס דו פאַרבייטסט מיך אויף אים? מיט וואָס איז ער מער מיוחס פון מיר? ער האָט אפשר אַ טאַטן אַ שענערן?

אויף טאַניס האַלב־טויטן פּנים איז אַרויפגעשוווּמען אַ מינע פון פאַראיבל און אפילו פאַרדראָס:

— איי, יוסף, צו וואָס שטעלסטו מיר אַזוינע נאַאיווע פראַגן? מיר זענען דאָך שוין ביידע גענוג דערוואַקסענע מענטשן, דו זעסט דען אַליין נישט, אויף וועמען איך פאַרבייט דיך? נישט אויף קיין מענטשן פאַרבייט איך דיך... קיין וווּילערער מענטש פון דיר, איז גאָר דאַכט זיך אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ... אָבער איך פאַר־בייט דיך אויף אַ מלאך... און נישט חלילה, ווייל ער געפעלט מיר אַזוי שטאַרק...

יוסף האָט זיך געוואָרגן מיט די טרערן, ער האָט זיך אָבער געהיט, אַז טאַני זאָל אים חלילה נישט זען אַ וויינענדיקן. מיט אַ געמלאכה׳ט קול און כמו ווי אַן אויפגערוימטער האָט ער זיך צו איר אָנגערופן:

— הער וואָס איך וועל דיר זאָגן, טאַנקע, דו האָסט זיך אַריינ־גענומען אין קאָפּ אַריין אַ מרה־שחורה, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, פאָלג מיך —

— גיי שוין, גיי...

— אָט וועסטו אומיסטן זען, ווי אַזוי גאָט קען מאַכן ליכטיק... איך בין איצט אַ פרייער מענטש, אַ גרויסער חשוב ביי דעם נייעם נאַטשאַלניק... ער וועט מיר אין קיין זאַך נישט אָפּזאָגן! מיר וועלן ברענגען דאָקטוירים, מען וועט דיך געזונט מאַכן; מיר וועלן זיך באַמיען אַ ביסל אָפּקירצן די פרישע פינף יאָר, וואָס מען האָט דיר צוגעטשעפּעט; מיר וועלן צוזאַמען זיך אומקערן אין אונדזער ליבן קיעוו, דאָרט וועלן מיר חתונה האָבן כדת משה וישראל און מיר׳ן נאָך אַזוי אַ לעב טון, אַז גאָט און לייט וועלן אונדז מקנא זיין... אָט וועסטו אומיסטן זען, טאַניוק...

איבער טאַניס פּערגאַמענטענע באַקן האָט זיך געקויקלט איין טרער נאָך דער אַנדערער. ווען יוסף, שיעור נישט אַ דערוואָרגענער פונעם שטראָם טרערן, וואָס האָט זיך ביי אים אין האַלדז געריסן איבער אַלע דאַמבעס, איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אים טאַני מיט פאָרוואָרף געזאָגט:

— דו רעדסט ווי אַ קינד, יוסף... אַ חתונה וועט אוודאי זיין און אַ חופה אויך... דאָס חופה־קלייד, — אויב אַזעלכעס וועט בכלל זיין — וועט מסתם זיין אַ ווייס, אָבער די חופה אַליין — אַ שוואַרצע... נפל פור הוא הגורל...

יוסף האָט זי קראַמפּנדיק אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— שווייג, דו, שונא־ישראל׳טע! אל תפתח פה לשטן —

איר האַנט איז אָנמעכטיק אַרויסגעפאַלן פון זיינער, זי האָט מיט אַ שוואַך קול זיך אָנגערופן:

— שאַ, שריי נישט אַזוי... דעם שטן, מיינסטו, דאַרף מען ערשט עפענען דאָס מויל? ער האַלט עס שוין אָפן פון גאַנץ לאַנג! דער מלאך־המות זיצט שוין ביי מיר אויף די פּלייצעס נישט פון נעכטן און נישט פון אייערנעכטן —

יוספן האָט אַזש אַ שטאָך געטון אין קאָפּ פון אירע רייד: עס האָט זיך אים גרוילנדיק־דייטלעך דערמאָנט דער חלום מיט פּאַ־לישטשוקס אָווטשאַרקע, וואָס האָט זיך אים געחלומט אין דער ערשטער נאַכט, וואָס ער איז אָנגעקומען קיין קאַראַגאַנדאַ.

היפּשע עטלעכע מינוט איז אין צימער געווען שטיקנדיק־שטיל, דאַן האָט זיך טאַני אָנגערופן מיט איר חנעוודיק שמייכעלע:

— ווייסטו וואָס, יוסף? אַז גאָט האָט זיך שוין אויף מיר יאָ דערבאַרעמט און מיר צוגעשיקט אַ טרייסט פאַרן... פאַרן... כ׳מיין נאָך אַזוי פיל יאָרן, טאָ לאָמיר זיך אויפפירן ווי קלוגע מענטשן און נישט פאַרלירן קיין צייט אומזיסט... עס קען דערנאָך באַנג טון... און עס זאָל זיין פאַר—פאַלן... גיי זיי אַ צועק לשעבר... דו דאַרפסט

נישט זיין אַזוי איבערראַשט, פאָלג מיך... ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל, אַז די ישועה פאַרשפּעטיקט אַ קאַפּעטשקעלע... קעגן גאָט קען מען נישט גיין! בכלל, קעגן דער גרויסער שהיטה, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויף זיך איבערגעטראָגן בימי־היטלער, איז גאָר אַ בזיון צו רעדן וועגן אונדזער קליינינקער טראַגעדיע... אַ פאַרפאָלק מער צי אַ פאַרפאָלק וויניקער, — במה נחשב הוא? צוריק געשמועסט, איז דווקא דעם פרט אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, ווייל פון וואָס ווערט דען צונויפגעשטעלט דער כלל? אין בכלל אלא מה שבפרט... אודאי, אודאי, ווען דו וואָלסט געווען געקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, אָדער כאָטש מיט איין יאָר פריער, וואָלט מסתם אַלץ אַנדערש אויסגעזען, אָבער מען דאַרף דאָך גלייבן, אַז ס׳איז אַזוי באַשערט... דאַרף מען זאָגן: גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט... איך בין נישט די ערשטע און מסתם אויך נישט די לעצטע... און אַזוי לאַנג ווי מיר זענען נאָך צוזאַמען, זעץ זיך צו אויפן בעט און דערצייל... אַלץ דערצייל: ווען האָסטו זיך באַפרייט? ווו ביסטו געווען פון דאַמאָלסט אָן? וואָס ביסטו געוווּיר געוואָרן וועגן דעם נאָכמלחמה׳דיקן קיעוו? ווער איז אָט דער נאַטשאַלניק מיט זיין פּרוי? ווי קומסטו צו זיי? זיי שיינען מיר צו זיין זייער לייטישע מענטשן... קודם, זאָג מיר: די צייט וואָס דו מעגסט זיך געפינען ביי מיר איז גאָר נישט באַגרענעצט?

יוסף, אַ דערדריקטער און אַ דערשלאָגענער:

— ניין, נישט באַגרענעצט... ביז אויפדערנאַכט... בכלל ווער איך דאָ מאָרגן אויפגענומען אויף אַ סטאַבילן פּאָסטן און, — וויל יאָ, צי וויל נישט, — וועל איך זיך שטענדיק געפינען אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער... אין דיין מחיצה, הייסט עס, מיין טייערע...

טאַני, מיט אַ לעבעדיק פלעמעלע אין די אויגן:

— אַך, ווי גוט! מיט אַזאַ גליק, ווי מיך האָט געטראָפן, קען מען דאָך חלילה אין גאָט פאַרגעסן... דו וועסט מיר גלייבן? ס׳איז

נישטאָ די נאַכט, אַז איך זאָל נישט רעדן מיט דיר... נישט אין חלום — בהקיץ! אמת, אין מיין דמיון האָסטו נאָך אויסגעזען פּונקט ווי דאַמאָלסט, אין „פאַנטאָפּל"... און אפילו אין די זיבן יאָר וואָס נאָכן חורבן־פאַנטאָפּל... אין מיינע „גוטע זיבן יאָר", וואָס וועלן זיך שוין מער קיין מאָל נישט איבערחזרן. איצט ביסטו אַ טראָפּעלע געעלטערט... פאָרט עלף יאָר! וויפל מאָל עלף לעבט אַ מענטש אין גאַנצן?... זאָגסטו, הייסט עס, אַז דו איילסט זיך נישט אין ערגעץ? טאָ זיץ זשע טאַקע און דערצייל! צי אפשר ביסטו הונגעריק? דו קערסט זיין הונגעריק און איך דול דיר דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן... פאַר וואָס ענטפערסטו נישט? וואָס שוויגסטו?...

יוסף האָט שוין עפּעס געוואָלט ענטפערן, אָבער אָנשטאָט ווערטער האָט זיך פון זיין האַלדז גאָר אַרויסגעריסן אַ געוויין מיט אַ געיאָמער:

— טאַנעלע מיינס טייערס, פאַר וואָס דער׳הרג׳עסטו מיר דעם קאָפּ? פאַר וואָס רעדסטו אַזוי פיל פונעם טויט? נאָר דו איינע האָסט אַ מאָנאָפּאָל אויף אים? אַלע איבעריקע מענטשן זענען נישט קיין בני־תמותה? וואָס איז, אַז מען איז קראַנק, קען מען שוין נישט געזונט ווערן? און אַז מען איז אפילו געפערלעך קראַנק, איז דאָך דער אייבערשטער עפּעס דער גרעסטער מומחה, רופא כל בשר ומפליא לעשות... פאַר וואָס זאָלסטו זיך נישט דערמאָנען, ווי דיין טאַטע, זאָל לעבן, פלעגט שטענדיק נאָכזאָגן: וירא את המקום מ ר ח ו ק... ס׳איז נישט קיין קונץ צו דערקענען דעם באַשעפער ווען ער איז נאָענט צו דיר, אברהם האָט דערקענט דעם „מקום" — מ ר ח ו ק! ווען ער איז געווען וויט־וויט פון אים... דאָ, דער „מרחוק", מיינט: נישט וויט אין שטח, נאָר וויט פון נתקבל ווערן על הדעת. אברהם־אבינו, דער ערשטער און גרעסטער יידישער חוקר, — מאליו הכיר את בוראו, בן שלוש הכיר את בוראו, — האָט פון דעסט וועגן נישט געקענט משיג זיין, וואָס דאָ קומט פאָר. וירא את

המקום מ ר ח ו ק, — כאָטש ער אַליין, אברהם, איז געווען ווייט פון צו פאַרשטיין דעם שכל פון געבן אים אַ זון צו די הונדערט יאָר און דערנאָך אים הייסן, אַז ער זאָל אים קוילען, — דאָס הייסט עפּעס כמו ווי: הוא מותיב לה והוא מפרק לה — דאָס הייסט עפּעס כמו ווי „כביכול״ וואָלט חלילה געמאַכט פון זיין תורה אַ „פלסתר״, — אמירה לגבוה כמסירה להדיוט דמי, — אָבער: והאמין אברהם בה׳! אַן אמת׳ער מאמין פרעגט נישט ביים אייבערשטן קיין קשיות: ס׳טייטש און הלמאי און געשיקט זיך, נאָר ער נעמט אַלץ אָן פאַר ליב... מיר ביידע דאַרפן איצט זיך אויך נוהג זיין ווי דער טאַטע אברהם — והאמין! במופלא ממך אל תדרוש! נעם אַליין דעם חשבון אונדזערן: איך האָב איצט קיינעם נישט אויף דער גאַנצער וועלט חוץ דיר און אויך דו האָסט איצט קיינעם נישט צו דער האַנט חוץ מיר... מיר זענען איצט ביידע, ווי אויף אַ פאַרגעסן אינדזל... אַ ראָבינזאָן מיט אַ ראָבינזאָנשע... גלייבסטו, אַז גאָט וועט אויסגיסן אויף אונדז זיין צאָרן ביזן לעצטן טראָפּן? הכלה אתה עושה לשארית־השביה? און אפשר גאָר דאַרף מען גלייבן אין דעם היפך גמור דערפון: והוא רחום יכפר עוון ו ל א י ש ח י ת... לאָט לך לנער! דו טאָרסט אפילו נישט ברענגען פאַרן מויל דאָס מיאוס׳ע וואָרט: טויט, אַנדערש ביסטו עובר אויף „לא תרצח״... דו ווייסט דען נישט, אַז טאָמער חלילה מאַכסטו צו מיט אַן אויג, מאַך איך זיך דעם טויט מיט די אייגענע הענט לעבן דיין קבר? אָן דיר, האָב איך נישט צוליב וואָס צו לעבן אויף דער וועלט... ווער איז די וועלט און ווער בין איך? וואָס געהער איך זיך אָן מיט איר און וואָס געהער זי זיך אָן מיט מיר?

יוסף האָט לאַנג און ביטער געכליפּעט אויף איר שלאַבעריקן אַקסל און זי האָט אים מוטערלעך געגלעט די האָר און אַליין אויך געשלונגען די טרערן... איין טרער נאָך דער אַנדערער... איין טרער נאָך דער אַנדערער...

# קאפיטל VIII

די קאַליע־געוואָרענע עלעקטרישע נעץ אין דעם קוואַרטאַל, ווו ס׳האָט זיך געפונען יוספ׳ס אכסניא אין קאַראַגאַנדאַ, איז נאָך אַלץ נישט געווען פאַרריכט און פון אַלע פענצטער האָבן געבלינצלט ליכט, אָדער עס האָבן זיך גערויכערט אַלטמאָדישע קעראָסינענע לאָמפּן אָן קאָלפּאַקעס, — אָן אָט דעם שליאָפּקעלע ברענט אויס אַ צענטל נאַפט —

צו זיך אין אָפּגעצוימטן צימערל איז יוסף נישט אַריינגעגאַנגען, נאָר ממש אַריינגעפאַלן ווי אַ סנאָפּ. פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג האָט ער זיך געפילט אַזוי צעבראָכן, ווי ער וואָלט יאָרן־לאַנג אָן אַן אויפ־הער געהאַקט שטיינער. ער האָט נאָר אַראָפּגעוואָרפן די שטיוול און האָט זיך גלייך אויסגעצויגן אויפן בעטל. דער אויסלייזנדיקער שלאָף איז אָבער נישט געקומען. די געדיכטע פינצטערניש אין צימערל גופא, דאָס שטילע און אומהיימלעכע חשכות, וואָס קוקט אַריין אין קאָרידאָר־פענצטער און אפילו דאָס נישט־געוווינטע שטילקייט פון דעם שכנישן צימער, פון וואַנען מען האָט דעם חולה אַראָפּגעטראָגן אין די אונטערשטע צימערן — אָט דאָס פיל מאָל געכפלטע וויסטע חשכות און טויבע שטומעניש האָבן אויף יוספן אָנגעוואָרפן אַן אומהיימלעכקייט און אַ מורא, אין דער פינצטער האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז אין צימער איז דאָ נאָך עמעצער און אָט דער געהיימ־ניספולער עמעצער שעפּטשעט אים אומאויפהערלעך אויפן אויער:

— דו ליגסט, האַ? דו ליגסט דיר דאָ רואיק און טאַני דאָרט האָט אפשר חבלי־גסיסה... אייערע וועגן צעשיידן זיך ווי די שיפן צעגיין זיך אין מיטן ים... זי רופט דיך, זי וויל זיך מיט דיר געזע־

גענען פֿאַר אַזאַ ווייטן וועג און דו האָסט זיך דאָ צעלייגט, ווי אַ פּריץ און כאַפּסט אַ בורזשויסקע דרעמעלע, איי־איי־איי...

ווי אַ צעמישטער איז יוסף אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם בעטל, מיט ציטערנדיקע פֿינגער האָט ער אויפֿגעזוכט די שוועבעלעך און האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט. ער האָט אַריינגעשטעקט דאָס ליכט אין גאָרגל פֿון אַ מילך־פֿלאַש און האָט אָנגעהויבן אַרומצושפּאַנען איבער זיין שטייגל אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ווי אַ געפֿאַנגענער טיגער. נאָך די ערשטע עטלעכע „שפּאַצירן" האָט ער דערפֿילט, אַז די פֿיס ברעכן זיך אים ממש איבער. ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויפֿן בעטל און האָט מיט אַ שווערן יאוש אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין די הענט. דער קאָפּ האָט אים געברענט מיט אַ העליש פֿייער; פֿאַר די צוגעמאַכטע אויגן האָבן זיך אים געיאָגט הונדערטער פֿלאַמענדיקע קאַרעטעס מיט בליצנדיקע רעדער, ווי ער האָט אַ מאָל געזען אין אַ פֿאַנטאַסטישן פֿילם. אַלע אברים האָבן אים שרעקלעך וויי געטון. ער האָט געפֿילט, אַז ער זינקט אין אַן אָפּגרונט פֿון אומ־באַוווּסטזיין און האָט זיך מיט אַלע זיינע כוחות געוועהרט. ניין! ניין! נאָר נישט איצט, נאָר נישט איצט! ער זאָל אפילו וויסן, אַז זיין טויט וועט זיין, וועט ער זיך איצט נישט געבן דער קרענק אין די הענט אַריין. מיט גוואַלד האָט ער זיך אַליין געגעבן אַ שטעל־אויף פֿונעם בעטל און האָט זיך שיעור נישט אויסגעצויגן איבערן צימערל, אַזוי האָט זיך אים בשעת־מעשה פֿאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט זיך אָפּגעגאָסן דעם קאָפּ מיט קאַלט וואַסער און האָט בשעת־מעשה זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך היינט קיין מעריב נישט געדאַוונט און דאָס איז אַזאַ חוב וואָס מוז געסילוקט ווערן על אתר, שמא ישכח ויצא. געדאַוונט האָט ער שטייענדיק ביי דער אויסגעזעצטער שויב וואָס אין קאָרידאָר־פֿענצטער און דער ווינט וואָס אויף דער גאַס האָט אים אַ ביסל דערפֿרישט. מנחה — דאָס געדענקט ער אויף זיכער — האָט ער געדאַוונט ביי פּאָנאָמאַרענקאָ'ן אין שטוב. פֿאַר

וואָס גראָד דאָרטן, געדענקט ער אויך. ווייל נאַטאַליאַ האָט אים גישט אַרויסגעלאָזט פון דער שטוב, ביז ער וועט נישט אָפּעסן. יאָ, נישט סתם געזאָגט: „נישט אַרויסגעלאָזט", נאָר זי האָט זיך פשוט אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר און האָט זי צוגעהאַלטן מיטביידע הענט, כאָטש נעם און זעץ אַרויס אַ פענצטער און מאַך די פליטה. האָט ער שוין געמוזט עפּעס עסן. וואָס זשע אַזוינס האָט ער ביי איר געקענט עסן? ניין, אויף אַזוי ווייט דינט אים שוין נישט דער זכרון... כאָטש — וואַרט! ער געדענקט דאָך יאָ! ער האָט געגעסן ברויט מיט הערינג מיט קאַרטאָפל אין די מונדירן און אפילו טיי פאַרטרונקען — ממש כסעודת שלמה בשעתו! און דערי־בער האָט ער דאָרט געמוזט דאַווענען מנחה... און פאַר מנחה, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען צום נאַטשאַלניק אונטערשרייבן דעם היינטיקן פּראָפּוסק און נעמען אַ צווייטן אויף מאָרגן, האָט פּאַנאָמאַרענקאָ איבערגעדרייט דעם שליסל אין דער טיר־לאָך און האָט זיך צוגע־זעצט צו אים:

— נו, יאָסיף זאַלמאַנאָוויטש, ווי אַזוי געפינסטו זי אויס? דו אַליין גלייבסט יאָ, אַז זי וועט זיך דאָס מאָל אַרויסדרייען?

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן, סערגיי איוואַנאָוויטש? קיין דאָק־טער, ווייסט איר דאָך, בין איך נישט... אַז זי איז ערנסט קראַנק, דאָס זע איך אַליין אויך, אָבער דאָס ערגסטע ווייזט מיר אויס איז דאָס, וואָס זי אַליין האַלט זיך פאַר אַ פאַרפאַלענער... זי האָט זיך שוין אַזוי איינגעלעבט מיטן געדאַנק, אַז זי איז לאחר יאוש; אַז זי שטאַרבט; אַז „דער מלאך־המות זיצט שוין ביי איר אויפן קאַרק", אַז איך ווייס גאָר נישט, ווי אַזוי אַ חולה מיט אַזאַ איינבילדונג קען שוין אַ מאָל געזונט ווערן...

— וואָס זשע, האַלטסטו, איז די עצה דערצו?

— איך ווייס גאָר נישט פון קיין שום עצה... זי האָט מיר היינט אַזוי פריטשמעליעט דעם קאָפּ, אַז איך ווייס ממש נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך גיי אַרום...

— הער נאָר, דו! דו טאָרסט זיך נישט צוהערן צו דעם, וואָס זי זאָגט דיר, דו דאַרפסט טאָן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָר צו טאָן —

— וואָס זשע לאָזט זיך דען צו טאָן? אדרבא, זאָגט איר מיר... איך אַליין האָב אָנגעווירן אַלע חושים... אַלע מוחין...

— איך ווייס, וואָס? דאָס ערשטע, מיין איך, וואָלט מען געדאַרפט איינלאַדן צו איר אַ דאָקטער פון דער שטאָט, נישט זיך אין גאַנצן פאַרלאָזן אויף אָט דעם סקאַרבאָווע פויער...

יוסף האָט מיט קראַמפנדיקע פינגער אָנגעכאַפּט דעם נאַטשאַלניקס אַקסלען:

— אַ ציווילן דאָקטער? אין אַ קאָנצלאַגער אַריין? צו אַן אַרעסטאַנט?

— ווער צווינגט עס מיך זאָגן, אַז ער ווערט גערופן צו אַן אַרעסטאַנט? פאַר וואָס טאָר איך נישט זאָגן, אַז איך לאַד אים איין צו מיין פרוי?

— און איר וועט מיר דאָס דערלויבן, סערגיי איוואַנאָוויטש?

— נישט איך וועל דיר דערלויבן, נאָר איך באַפעל דיר מאָרגן צו ברענגען אַהער אַ דאָקטער! איצט בין איך דאָ דער גאַנצער בעל־הבית, קיינער וואַגט נישט מיר צו זאָגן אַ דעה: וואָס כ׳מעג און וואָס כ׳טאָר, און איך האָב דיר נאָך נעכטן געזאָגט, אַז איך גיב דיר פרייע הענט —

נישט וויסנדיק וואָס מיט אים טוט זיך, איז יוסף אַרויפגעפאַלן דעם נאַטשאַלניק אויפן האַלדז און האָט אים באַשאָטן דאָס גאַנצע פנים מיט קושן און מיט טרערן. יענער האָט אים קוים אָפּגעריסן פון זיך:

— וואָס ביסטו אַזאַ באַבע, יאָסיף? באַלד עפּעס קריכט ער זיך קושן... און אפשר האָב איך גאָר נישט ליב, אַז מען קושט זיך... דו פאַרשטייסט, מיר וועט זיין זייער ווייטיקלעך, אויב דיין כלה וועט נישט געזונט ווערן, ווייל בלויז צוליב איר בין איך אויף פיל

יאָרן פֿאַרקראָכן אין אָט דעם וויסטן לאָך... היינט ד י י נ ע יסורים, כאָטש דו ביסט אַ באַבע... וואָס נאָך האָב איך דיך געוואָלט פֿרעגן? אַ־האַ! האָסט זי געפֿרעגט פֿאַר וואָס זי האָט באַקומען אַזאַ היפּשע „פּריבאַווקע״ * — גאַנצע פֿינף יאָר? וואָס איז א י ר ווערסיע? ווי אַזוי דערציילט ז י די מעשה?

— גלייבט מיר, טייערער פֿריינד מיינער, דערזעענדיק איר לאַגע בין איך אַזוי דערשלאָגן געוואָרן, אַז איך האָב זי וועגן דעם אפֿילו פֿאַרגעסן צו פֿרעגן —

— מילא, עס ברענט נישט... וועסט נאָך באַווייזן... היינט באַקומסטו נאָך אַן איינמאָליקן פּראָפּוסק און מאָרגן, נאָך מיין באַפֿעל, — אַ שטענדיקן! און אַ צימער וועסטו פֿאַרנעמען טאַקע אין קאָנטאָר, דאָרטן איז פֿאַראַן אַזאַ, האָב איך אים געהייסן פֿריי מאַכן פֿאַר דיינעט וועגן... ווייטער דאַרפֿסטו דאָך האָבן געלט אויף אַ דאָקטער —

— זעט איר, גראָד אויף אַ דאָקטער דאַרף איך אפֿשר נ י ש ט האָבן קיין געלט... איך האָב דאַכט זיך אַזאַ דאָקטער, וואָס וועט ביי מיר קיין געלט נישט וועלן נעמען —

— וואָס פֿאַר אַזאַ דאָקטער האָסטו דאָ?

— איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין דעם האָטעל, וואָס איך בין דאָ איינגעשטאַנען... אַ מענטש מיט אַ פֿאַרגאַנגענהייט, אַן אומגליקלעכער נעבעך... אַן אַרומגעהאַקטער בוים פֿון אַלע זייטן... נאָך ערגער פֿון מיר... אָבער פֿון דעסט וועגן, אויב איר ווילט מיר אויסלייען אַ דריי טויזנט רובל —

— ניין, קיין גאַנצע דריי טויזנט קען איך דיר נישט אַנטלייען — צען יאָ...

און אויפֿשליסנדיק די טיר פֿון זיין קאַבינעט:

---

* צוגאָב, תוספת.

— און אַצינד קום צו מיר אין שטוב אַריין, וועל איך דיר ווייזן עפּעס אַ שיינס —

— סערגיי איוואַנאָוויטש, אפשר לייגט איר עס אָפּ אויף מאָרגן, עס ווערט שפּעט —

— ניין, מען קען עס נישט אָפּלייגן אויף מאָרגן, קום שוין! און ביי זיך אין שטוב:

— נאַטאַליאַ וואַסיליעוונאַ, אָט האָב איך אים דיר געבראַכט, האָדעווע אים אָן ווי אַ גאַנדז, ער האָט אַ גאַנצן טאָג קיין לעק וואַסער אין מויל נישט געהאַט —

און אַז יוסף האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן און טענה׳ן דאָס פאַרקערטע און מאָטיווירן און געבן צו פאַרשטיין דעם שכל פון דער זאַך, — האָט פּאָנאָמאַרענקאָ אָנגעכמורעט די ברעמען:

— אויב דו וועסט נאָך לאַנג רעדן, וואַרף איך דיך באַלד אַריין אין קאַרצער אַריין, דו הערסט צי ניין?

און נאַטאַליאַ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און האָט צוגעהאַלטן די טיר... קורץ דערפון — ער האָט טאָקע געמוזט אָפּעסן ביי זיי... וואָס מען האָט געמעגט...

גאָרדאָן האָט אַליין נישט געדענקט, ווי אַזוי ער האָט זיך פונעם קאָרידאָר־פענצטער דערשלעפּט צוריק צום בעטל און ווי אַזוי ער האָט זיך אויף דעם אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און ווי אַזוי ס׳איז אים באַפאַלן אַזאַ בלייענער שלאָף —

— — — — — — — — — — — —

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט דעם געפיל, אַז ער האָט שוין עפּעס אָנגעוווירן... וואָס אָנגעוווירן, וועמען אָנגעוווירן — דאָס האָט ער זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן, ווייל דער האַלב־שלאָפנ־דיקער מח איז געווען שווער און טעמפּ און נישט רירעוודיק, ווי עס וואָלט אויף אים געהאַנגען אַ באַרזשע פול אָנגעלאָדן מיט זאַמד, אָדער מיט שטיינער. די פיס זענען געליגן אומבאַוועגלעך, ווי די

קלעצער; די הענט האָבן זיך געוואַלגערט ביי דער זייט ווי שטיקער ליים. קוים באַוועגנדיק מיט אַן אבר האָט ער געטאַפּט אַרום זיך: געגוי אַרומגעטאַפּט דאָס דיקטענע ווענטל, דאַן די קעגנאיבערדיקע נאַסע וואַנט, וועלכע איז געווען אַזוי נאָענט, אַז ס׳איז געווען מיט דער האַנט זי צו דערלאַנגען, דאַן דאָס אייזערנע בעטל. נאָך דעם אַרומטאַפּעניש, איבערצייגנדיק זיך, אַז ער איז ביי זיך „אין דער היים", האָט ער מיט גרויס שווועריקייטן אַראָפּגעלאָזט די פיס אויפן פּאָל און האָט אַ פּאַרצווייפלטער אַריינגעשטעקט ביידע בינטלעך פינגער אין די צעשויבערטע האָר: עס האָט אים אַלץ נישט אָפּגע־לאָזט דאָס געפיל, אַז ער האָט ערשט נאָר וואָס עפּעס אָנגעוווירן... אַן אבידה שאינה חוזרת לעולם... וי אבדה נפש... וי אבדה נפש... רוח הולך ולא ישוב...

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער, טאַפּנדיק מיט די הענט אין דער פינצטער, זיך אַרויסגעשלייכט אין קאָרידאָרל און איז צוגע־גאַנגען צום פענצטער. דאָס וועטער אויף דער גאַס איז קאַליע גע־וואָרן. דער תחילת־נאַכטיקער ווינט האָט טאַקע געבראַכט צו טראָגן אַ שניי, אַ געפּרווירענעם גרייפּלדיקן שניי. דורך דעם פענצטער־קוואַדראַט, ווו עס פעלט אַ שויב, האָט אָנגעטראָגן אין קאָרידאָרל אַריין אַ גאַנץ טישטעכל פון שניי. יוסף פּילט, אַז דער קאָפּ ברענט אים מיט סכנות־נפשות — יאָ, ער האָט היינט ביינאַכט אַן אבידה! לב יודע מרת נפשו... זיין פאָרגעפיל נאַרט אים זעלטן אָפּ... וויפל ער האָט געבעטן פאַנאָמאַרענקאָ׳ן, אַז ער זאָל אים דערלויבן איבער־נעכטיקן אין לאַגער, כדי ער זאָל קענען האַלטן די וואַך ביי טאַניס בעטל — האָט ער נישט געוואָלט, איין מאָל ניין! „דאָס קען — זאָגט ער — קאַליע מאַכן אַ סך, אַ סך מער ווי פאַרריכטן"... אַ מענטש וואָס קומט פון דרויסן — מעג ער אפילו זיין דער נאַרקאָם אַליין — און האָט אין דעם זעלבן טאָג נישט פאַרלאָזט די טערי־טאָריע פונעם לאַגער, — דאָס שמעקט מיט דיווערסיע און מיט

שעדיקערייַ! עס לוינט זיך נישט צו גיין אויף אַזאַ דראַסטישן שריט! ער ווייסט, יוסף? אפשר איז פּאָנאָמאַרענקאָ געווען גערעכט... אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון: יאָ גערעכט, נישט גערעכט, — ער פילט, אַז עפּעס איז דאָרט איצט געשען... אַך, ווען ס׳איז איצט נישט ביי נאַכט! ער וואָלט געפלויגן אַהין ווי אַ שוועלבעלע, ער וואָלט אפילו געקראָכן אַהין אויף אַלע פיר, אָבער אין דער פינצטערניש טאָר מען זיך נישט דערנעענטערן צום לאַגער... לויטן „אוסטאַוו" * מעגן זיי שיסן אָן אַ וואָרענונג... און דער קאָפּ, אוי, דער קאָפּ! אַז ער פּלאַצט ביי אים נישט, איז ער שטאַרקער פון אייזן...

ער טוליעט צו דעם ברענענדיקן שטערן צו דער פאַרבלאָזע־נער שויב און אַ גרויל גייט אים אַריבער איבער דעם לייב — קאַלט! עס ווערט אים מיט אַ מאָל קאַלט אין אַלע אברים און די פּיס, פילט ער, האַלטן אים קוים אויף זיך... זאָל טאַקע טאַני האָבן איצט אויסגעהויכט איר הייליקע נשמה? טאָמער איז ער געווען נאָך וויניק פאַריתומט, איז ער שוין איצט אַ יתום נאָך איר אויך? איז ער שוין טאַקע איצט עלנט ווי אַ שטיין? כאבן על אם הדרך? כערער בערבה? ככלב־חוצות? ער גיט אַ קוק דורך דער לאָך, ווו עס פעלט די שויב — ימש חושך! חושך כפול ומכופל... עס טראָגט מיט שפּיציקע נאָדלען און מער הערט מען נישט קיין שאָרך פון ערגעץ; נישט קיין שאָרך, נישט קיין ברעקעלע שיין — שאַ! די גאַנצע וועלט שלאָפט איר בעסטן שלאָף, נאָר ער איינער דרייט זיך אַרום כער בין הישנים... ס׳מוז איצט זיין אין רעכטן מיטן פון דער נאַכט... און אויב עס זאָל אמת זיין, אַז טאַני איז שוין „אויף יענער זייט", וועט זי אפילו צו קבר־ישראל נישט קומען... חנה׳לע ליגט אויך אויף אַ צווינטער... צווישן צלמים... וועלן זיי זיין אַ פּאָר שנזדמנו לפונדק אחד, שני כתובין הבאין כאחד... טאַני, ר׳ אברהם פייגנ־בוימס טאָכטער — אויפן גויאישן צווינטער, צווישן צלמים... שאַ!

* געזעץ, איינפירונג.

נו און משה־רבינו איז נישט געווען אַזאַ שיינער ייד, ווי ר׳ טאַני? ביי אים שטייט נישט: „ויקבור אותו בגאי, בארץ מואב, מול בית־פעור״? ס׳איז עפּעס אַ נייעס, אַז צדיקים־גמורים קומען צו קבורה אין די אומווירדיקסטע ערטער, כדי ביום פקודה, זאָלן זיי מעלה זיין די אַלע אַנדערע יידישע נשמות, וואָס זענען דאָרט בשעתם איינגעזונקען געוואָרן? ניין, זאָגט אייך וואָס איר ווילט, ער קען טאַקע נישט איינשטיין אויף די פיס... אויב ער גייט זיך נישט אַוועקלייגן, אָדער זיך כאָטש אַוועקזעצן אויפן בעטל, פאַלט ער באַלד אום... און ס׳וועט נישט זיין ווער עס זאָל אים אויפהייבן...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטרויענעם מאַטראַצל ווי אַ קלימעק און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אין דער פינצטער זעט ער, ווי פון די פיס גייט אַ פּאַרע. ער האָט דעם עלנבויגן אַוועקגעלייגט אויף דער פאַרענטשע און דעם קאָפּ לייכט אָנגעשפּאַרט אין דעם דיקטענעם ווענטל. די געדאַנקען, ווי שטאַרק־פאַרפּלאָנטערטע פישער־נעצן, האָבן זיך געהוידעט און געוויגט אין קאָפּ טאָ אויף רעכטס, טאָ אויף לינקס, און קיין איין געדאַנק נישט אויסגעפירט עד גמירא, אַלץ: הן ולאו ורפיא בידיה; אַלץ: ניצוצות, שברים, שערבלעך...

... אויב עס וועט טאַקע זיין ווי פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אים צוגעזאָגט מכוח דעם פּאָסטן און דעם צימער בשכנות מיט דער קאָנטאָר, — און פאַר וואָס זאָל נ י ש ט זיין, ווי פּאָנאָמאַרענקאָ האָט צוגעזאָגט? ער איז דאָך איצט דאָרטן דער מלך עליון! ידו בכל משלה! מי יאמר לו מה תעשה? — איז ביי אים היינטיקע נאַכט די לעצטע נאַכט אין דעם דאָזיקן צימערל... אין דעם דאָזיקן לעבעדיקן קבר׳ל... דאָ האָט ער איבערגעלעבט פּחדים פאַר איר לעבן אײדער ער האָט זי דערזען, און איצט, אַז ער האָט זי שוין יאָ געזען, — איז אים דען גרינגער? ער האָט זי געפינען אויף אַ טאָג, כדי זי פון דאָס ניי צו פאַרלירן אויף אייביק... יאָ, זי זעט אויס

שלעכט... משמעות, מיט טאַני פייגנבוים איז טאַקע זייער, זייער שלעכט.. נפלה לא תוסיף קום, בתולת ישראל... דעם אמת גערעדט, האָט ער דאָס פריער געוווסט... ווו איז דאָס פאַר אַ מיידלשן כוח דורכצוגיין אַזאַ גיהנום און בלייבן לעבן? פסיק רישיה ולא ימות? ווען מען זאָל זי אפילו טאָג־טעגלעך געווען אויסשמירן מיט סלמנדרה־בלוט, וואָלט דאָס אויך נישט געווען קיין תרופה... נישטאָ קיין תרופה קעגן סאָוויעטישע קאָנצלאַגערן... אין מידיהם מציל... אין חכמה ואין עצה ואין גבורה, — כל חכמתם תתבלע... או־וואַ, ס'איז שטאַרק הייס... אין ד י מקומות זאָל אום ווינטער זיין אַזוי הייס — אין לעבן וואָלט ער עס נישט געגלייבט... יעדעס מאָל, איידער ער דאַרף אַרויפקריכן אויף אַ באַרג, רעדט אים אָן דער יצר־הרע, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען פון די פלייצעס דעם רוקזאַק און אים דאָ ערגעץ איבערלאָזן, אָבער ער וועט אים נישט נאָכגעבן, דעם מסית ומדיח! אמת, דער וואַטניק אויף אים איז שוין פיטש־נאַס אויף דורך און דורך און די סאָלדאַטסקע שטיוואָליעס רייסן אים אויך אָפּ די פיס, אָבער קיין רוקזעק וואַרפט יוסף גאָרדאָן נישט אַוועק; ערשטנס, האָט ער דאָרט זיינע תפילין! טאַקע גנבישע תפילין, — און דאָס געפעלט נישט נעמיראָווסקין, — אָבער ביז ער וועט נישט קריגן צו קויפן קיין אַנדערע, קען ער אָן זיי נישט בלייבן... ער וועט נישט גיין, אחרי ככלות הכל, ווערן פון דאָס ניי אַ קרקפתא דלא מנח תפילין... צווייטנס, האָט ער דאָרט ליגן די עמבלעם פון דער אוקראַינע והעם השוכן בקרבה... מזמרת הארץ... ער האָט בדעה דאָס הרודקעלע שוואַרצע ערד און דאָס געלבלעכע בינטל גראָז, דעם אגודת־אזוב, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען פונעם באַבי־יאַר פאַר אַ זכר לחורבן... אַ זכר פון די עלטערן, אַ זכר פון הונדערטער באַקענטע יידן און פונעם גאַנצן כלל ישראל, וואָס האָט געלעבט אין קיעוו... אַ זכר פונעם הייליקן מזבח, אויף וועלכן עס האָבן אויסגעהויכט זייערע הייליקע נשמות; אויף וועלכן עס

זענען פֿאַרברענט געוואָרן, עולה כליל, די גאַנצע עדה־קדושה פֿון דעם אַלטן אַלטן קיעוו... נאָך דעם אֵילו של יצחק איז געבליבן אַש, בעטן מיר אין די ימים־הנוראים: „ואפרו של יצחק לזרעו היום ברחמים תזכור״, אין באַבי־יאַר איז קיין אַש נישט געבליבן. ס׳איז געבליבן ערד, געוויינלעכע ערד, — לקיים מה שכתוב בתורה: מזבח־אדמה תעשה לי וזבחת עליו את עולותיך, — טראָגט ער אַרום מיט זיך ערד... אַ פּאָר ברויזנס דומם וצומח, — וואָס דערמאָנען אים אין דעם פּאַרטיליקטן — חַי ומדַבר... אַלע זעכציק טויזנט מצבות, וואָס וואָלטן דאָרטן געדאַרפט אַוועקגעשטעלט ווערן, זענען ביי אים כרוך אין אָט דעם תמ׳עוואַטע בינטעלע גראָז — אַזוי ווי ביי יעקב־אבינו: קיפּל הקב״ה כל ארץ־ישראל תחתיו — און אָט דאָס פּילזאָגנדיקע בינטעלע גראָז ליגט זיך שאַ־שטיל אין אַ פּאַפּירן בייטעלע אין אָט דעם רוקזאַק וואָס ער טראָגט אויף זיינע אַקסלען, — זאָל ער אים גאָר אַוועקוואַרפן? זיך דערשרעקן פֿאַר דער היץ? — נ־נ־ניין! יוסף גאָרדאָן איז אַן עקשן! ער וואַרפט נישט אַוועק קיין רוקזעק! וואָס עס וועט זיין מיט אים אַליין, דאָס נעמלעכע וועט זיין אויך מיט דער טאָרבע... די טאָרבע איז אַ חלק פֿון אים אַליין, עצם מעצמותיו ובשר מבשרו...

יוסף קריכט אויף די בראשית׳דיקע פֿעלזן און האָט דאָס געפֿיל, אַז דאָ איז שוין נישט קאַראַגאַנדאַ... יאָ, ס׳איז ברור כשמש, אַז ער געפֿינט זיך שוין גאַנץ ווייט פֿון יענע מקומות... קודם איז דאָרט געווען פֿאָלנע ווינטער און דאָ שרפֿ׳עט די זון מיט סכנות־נפשות; ווייטער דאָס נאַקעטקייט פֿון די האָרביקע סקאַלעס; ווייטער — די פֿייגל, זייער קלינגענדיקער צוויטשער... פֿייגל וואָס האָבן כאָטש איין מאָל אין זייער לעבן געזען אָט די שרעקלעכע מחנה, וואָס מענטשן רופֿן זי אָן „קאָנצלאַגער״, און האָבן באַמערקט די געלע פּנימער הינטער די גראַטעס מיטן אָפּשיין פֿון טויט אין די אויגן — אָט די פֿייגעלעך טראָגן שוין אַרום מיט זיך אָט דעם

שטומען טרויער אין זייערע אומשולדיקע הערצעלעך און זיי וועלן שוין קיין מאָל נישט וואַגן זיך צעגיסן מיט אַזאַ אומגעצוימטן, ווילד־פריילעכן געזאַנג... ניין, אַלע סימנים ווייזן אָן, אַז ער איז אָט אַזוי פּאַוואָליע קריכנדיק באַרג נאָך טאָל, טאָל נאָך באַרג, פאַרקראָכן ערגעץ אין צווייטן עק וועלט... איז ער, הייסט עס, אַ גר בארץ נכריה — גוט! אַרט דאָס אים כלל נישט! אָבער ער מוז דאָך פאָרט וויסן: וווהין האָבן עס אים די פיס פאַרפירט? אָט די „רגלוהי דבר נש״, אָט די אַלץ וויסערס...

וישא יוסף את עיניו, האָט יוסף אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט דערזען, אַז ער געפינט זיך אויף אַ גרויס פעלד און אויף דעם פעלד זענען צעשפּרייט אנשים נשים וטף און אַלע אַרבעטן זיי, עס הייסט: די געזונטערע אַרבעטן און די שוואַכערע העלפן זיי צו... משמעות — פויערים! שניטערס! וירא כי כן, ויאמר יוסף לקוצרים: ד׳ עמכם! ויענו לו כולם פה אחד: ברוך הבא בשם ד׳! זאָגט ער זיי: „גאָט אייך צו הילף״, כנהוג, ענטפערן זיי אים: „בא ברוך ד׳״... ווערט אים קשה׳דיק די מעשה, — פּראָסטע פויערן רעדן אויף לשון־קודש? קוקט ער זיך איין אויפמערקזאַם אין זייערע פּנימער — יידן! ער מעג שווערן ביי אַ ריינקייט,* אַז אַלע וואָס געפינען זיך דאָ זענען לויטער יידן און די פויערטעס זענען יידישע און אפילו די קליינע קינדער, וואָס לייגן צונויף די סנאָפּעס מיט אַזאַ אומגעווײנלעכער פרייד, זענען אויך יידישע... זעט ער דאָך שוין, אַז ער איז אָנגעקומען צווישן היימישע מענטשן, אַז בתוך עמו הוא יושב, איז דאָך ווי באַלד אַזוי שוין אוודאי צייט געוויר צו ווערן, ווו ער געפינט זיך. שטעלט ער אָפּ דעם דרעש־שטעקן ביי איינעם פון די אַרבעטער און פרעגט אים פּראָסט און פשוט, אָן שום איבערקעפלעך:

---

* אַ ספר־תורה.

— זאָגט מיר, פּעטער לעבן, ווו, אין וועלכער מדינה געפינן איך זיך איצט דאָ ?

קוקט אויף אים יענער אַזוי טרויעריק, אַזוי טיף־באַדויערנדיק, און ענטפערט אים נישט. און זיין שווייגן איז עלעהיי ווי געזאָגט :

— אַזאַ פּשוטע זאַך ווייסטו נישט ? אַזאַ זאַך ביסטו נישט קליין אַליין צו וויסן...

נו מילא, אַז יענער וויל נישט ענטפערן, וואָס קען ער אים טאָן ? גאָרנישט מיט גאָרנישט ! וואָס דען, פרעגט ער אַ צווייטן, אַ דריטן, אַ זיבעטן, אַ צענטן — אַלע פאַרבייסן זיי פאַרדראָסיק מיט די ליפּן און ענטפערן אים נישט —

... ואין דובר אליו דבר... כי גדל הכאב מאוד...

פאַרשטייט ער דאָך שוין, אַז אין זיין נאָכפרעגן זיך : וווּהין זיינע פיס האָבן אים געבראַכט, מוז שטעקן אַ גרויסער שטות, אַ שטות שבשטות, ווייל אַ וועלט איז דאָך נישט משוגע... הייבט ער אָן פון דאָס ניי זיך אַרומצוקוקן אויף אַלע זייטן, זעט ער, ווי פון אַלע וועגן און שטעגן קומען אָן שיירות, שיירות מיט פויערן מיט די אָקעראייזנס, מיט די זיי־קעסטלעך און מיט די דרעש־שטעקנס, וכולם פותחים את פיהם, און אַלע זינגען זיי פּה אחד :

הלך ילך ובכה
נושא משך הזרע,
בא יבוא ברנה
נושא אלו—מו—תיו...

יוסף הייבט נאָך אויף די אויגן צו די הימלען — סטייטש, אַזעלכע הימלען נישט דערקענען ? ער וואַרפט אַ שמערצלעכן בליק אויף די אַרומיקע בערג — סטייטש, אַזעלכע בערג נישט דערקע־נען ? ער דערהערט פּלוצעם איבער זיין קאָפּ אַ געזאַנג פול מיט טרייסט און מיט האָפענונג און הייבט אויף די אויגן צו דער סטייע

פייגעלעך, וואָס פאַרשווינדן שוין צווישן די הויכע פעלזן און זיין האַרץ קלעמט צונויף אַ צוואַנג פון קנאה:

... גם צפור מצאה בית... דרור קן לה...

און אַלע זיינע אברים שרייען אויס בקול אחד:

— דאָס איז דאָך ארץ־ישראל! מען האָט דאָך געדאַרפט זיין אָן אויגן און אָן אויערן, אַז מען זאָל אַזאַ זאַך נישט אויפכאַפּן —

באַרעכן נאָר, ווי טאַניס קרענק האָט אים אַראָפּגענומען דעם קאָפּ! ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער האָט נאָר פאַרלאָזט קאַראַגאַנדאַ, האָט ער זיך ביי אַלע עוברים ושבים נאָכגעפרעגט אויף דעם וועג וואָס פירט קיין ארץ־ישראל... וווהין דען האָט ער געהאַט צו גיין, אַז זיין טאַני איז ביי אַלע לעצט? אין ארץ־ישראל האָט זי די עלטערן, זאָלן זיי אים העלפן בעטן גאָט, זאָלן זיי מרעיש עולם זיין, רחל מבכה על בניה... מאנה הנחם... עפּעס אַ קליינינקייט אויסצורעדן — טאַני!

ער גייט אַריין אין שטוב צו די פייגנבוימס און טרעפט דאָס אַלטע פּאָרפאָלק זיצן אין די זאָקן אויף נידעריקע בענקעלעך. עס ווערט אים „פרחה נשמתו“, ער גיט זיך אַ וואָרף צו זיי מיטן לעצטן ביסל חיות, וואָס זיפּעט נאָך אין אים:

— נאָך וועמען איז „שבעה“?

— נאָך וועמען איז? דו ווייסט נישט נאָך וועמען איז? נאָך טאַנין —

— ווער האָט אייך געבראַכט די דאָזיקע ידיעה?

— קיין שום ידיעה האָט אונדז קיינער נישט געבראַכט, אָבער מיר האָבן דעם פאָרגעפיל, אַז זי איז שוין ענדלעך אויסגעלייזט געוואָרן פון די צרות; אַז אירעליידן זענען שוין געקומען צו אַ ברעג...

יוסף רייסט אויף זיך די האָר:

— איז בלויז פון אַ פאָרגעפיל זעצט מען זיך „שבעה“?

ווערן נאָך די עלטערן בייז:

— און דו האַלטסט, הייסט עס, אַז ס׳איז נאָך נישט צייט? זי האָט נאָך ווייניק זיך אָנגעליטן? זי דאַרף נאָךליידן און נאָך נאָך?

— אָבער שערי דמעות לא ננעלו, פאַר וואָס פּרווט איר נישט זי אויסוויינען, זי אויסקליאַנטשען ביי דעם, וואָס לעבט אייביק? עפּעס שטייט דאָך: אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם אל יתיאש מן הרחמים...

— גיי, נאַרעש קינד וואָס דו ביסט... מ י ר, עלטערן, האָסטו מורא, האָבן נישט געפּרווט? מיר האָבן אַלץ אין דער וועלט איבערגעפּרווט, אָבער ס׳איז פאַר—פאַלן! כבר יצאה בת־קול: הצדקת טאַני בת אברהם, הקדושה והטהורה, נתבקשה לישיבה של מעלה... נצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון הקודש —

יוסף כאַפּט זיך אָן פאַרן קאָפּ און אַנטלויפט פון אָט דער „שבעה־זיצנדיקער שטוב״ ווי אַ משוגענער... לא בסבא טעמא, לא בסבא טעמא... אָבער וואָס טוט מען, גוואַלד, וואָס טוט מען? אַז אייגענע עלטערן האָבן זיך שוין מיאש געווען, צו וועמען נאָך זאָל ער זיך איצט ווענדן? שוין זשע איז שוין טאַקע כלו כל הקיצין? כל השערים ננעלו?

יוסף לויפט שוין נישט מיט זיינע אייגענע פיס, נישטאָ איצט קיין צייט אויף אַזעלכע זאַכן, — ער פליט! מועף ביעף... ער קומט צו פליען קיין צפת און קיין מירון, קיין ירושלים און קיין טבריה, ער איז זיך משתטח על קברות הצדיקים, אָבער קיין טרייסט געפינט ער ביי זיי נישט, ע ר רעדט, אַז עס זעצט אַזש אַ פאַרע פון זיין מויל, און זיי שווייגן... פאַר זיי איז מן הסתם דער גאַנצער ענין: „יאָ לעבן, ציִ נישט לעבן״, — אַ חוכא ואיטלולא... אַן ערדישער, מגושמדיקער קאַפּריז... וועמען דען זאָל ער רופן צו הילף? פאַר וועמען נאָך איז דאָ טאַני טייער און ליב? וועמען וועט אָנרירן איר פינצטערער גורל בציפור נפשו?

און פלוצלינג גיט אים אַ בליץ אין זכרון: שלמה! שלמה פיאַטיגאָרסקי! שלמה איז דאָך אויך אין ארץ־ישראל... שלמה איז אַ בעלשמסקע אייניקל, שלמה איז אַ חכם, און דער עיקר — ביי שלמהן איז טאַני נישט ווייניקער ווי ביי אים אַליין: טייער, טייער, טייער...

לאָזט ער זיך לויפן אין אַלע גאַסן און שטעלט אָפּ אַלע דורכ־גייער:

— צי ווייסט איר נישט, צי האָט איר נישט געהערט, ווו עס וווינט דאָ ערגעץ: שלמה —

שמייכלען זיי אַלע מיט זייער לשון־קודש׳דיקן שמייכל:

— כמה שלמה איכא בשוקא! אין יעדער שטאָט וועסטו געפי־נען עטלעכע הונדערט שלמהס —

שרייט ער אַ שוין פאַרצווייפלטער:

— ניין! כ׳מיין מ י י ן שלמהן! דאָס איז גאָר אַ באַזונדערער שלמה!

שמייכלען זיי שוין אין דער גאַנצער ברייט פון זייערע הדרת־פנים׳דיקע דיוקנאות:

— יעדער איינער שלמה איז ביי עמעצן אַ באַזונדערער —

זעט ער דאָך שוין, אַז אַלע האָבן זיך דאָס מאָל אָנגענומען מיט אכזריות און ווילן אים נישט אויסזאָגן, ווו שלמה וווינט, ציט ער אונטער די פּאַסיקלעך פונעם רוקזאַק, וועלכער רייסט אים ממש אָפּ די זייטן, און לויפט אַרום אויף אַלע וועגן, וועמען ער באַגעגנט נאָר, שטעלט ער זיי איינע און די זעלבע פראַגע:

— מי שמע כזאת? מי ראה כאלה? שלמה — אַיֵכָּה? אַיה מקום כבודו?

— צי האָט איר געזען? צי האָט איר געהערט? סטייטש שלמה! דער באַקאַנטער שלמה —

— ניין, קיינער האָט נישט געזען און קיינער האָט נישט גע־הערט... אַלע שלמהס זענען באַקאַנטע שלמהס...

יאָגט ער זיך אַרום: פעלד איין, פעלד אויס... באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ... ווען ער זעט, פרעגט ער, און ווען ער פרעגט — ווייסט מען אים נישט וואָס צו ענטפערן... דערווייל דערזעט ער אויף אַ ווייט, ווייט שטיקל פעלד שטייט אַ פויער מיט אַ פויערטע. דער פויער גראָבט די ערד מיט אַ לאָפּעטע און די פויערטע טראָגט אים נאָך אַ קוישל מיט קערנער, דער פויער טוט אַ גראָב און אַ וואָרף אָפּ אַ שטיק ערד און די פויערטע, וועלכע גייט אים נאָך פוס־טריט, וואַרפט אַריין אין פרישן „גראָב" אַ זשמענקעלע קערנדלעך און מיט אַזאַ קאָטשערקעלע, וואָס שלעפּט זיך איר נאָך אויף אַ שטריקל, פאַרשאַרט זי צוריק דאָס „געלעגער" פון די אַריינגע־וואָרפענע קערנדלעך — כדי די פייגעלעך זאָלן דערווייל נישט אויספּיקן די איבעראַיאָריקע גערעטעניש... דער פויער, זעט יוסף, טראָגט אַ ווייס העמדל מיט קורצע אַרבל און ברייטע לייוונטענע הויזן; די פויערטע — אַ קורץ כאַלאַטל, אויפן קאָפּ — אַ ווייס טיכל און איבערן אַקסל אַ שווערן רימען, וואָס שניידט זיך איין אינעם לייב — אויף אים הענגט דאָס שווערע קוישל מיט די קערנער...

יוסף גיט אַ טראַכט:

— אפשר גראָד ווייסן זיי...

ער לויפט אונטער צו זיי מיט זיין פליענדיקן געלויף:

— פּעטערל, האָט נישט קיין פאַראיבל וואָס איך שטער אייך, נאָר אפשר האָט איר געזען, אפשר האָט איר געהערט —

דער פויער גיט זיך געלאָסן אַ דריי אום און פון יוספס ברוסט רייסט זיך פלוצעם אַרויס אַ געשריי:

— שלמה — דו?

— יאָ, איך... איז וואָס זשע איז, אַז איך?

יוסף פירט איבער זיין דערשטוינטן בליק אויף דער פויערטע מיטן קויש קערנער:

— יוכבד — איר?

— יאָ, איך... איז וואָס זשע איז, אַז איך?

יוסף, אַ דערשלאָגענער:

— אַזוי, אַזוי? ביסטו גאָר דאָ געוואָרן אַ פּראָסטער פּויער? אַ פּשוט׳ער מוזשיק אין לייוונטענע שאַראַוואַרן? * אין אַ געווענטענער סוויטקע מיט קאָרענע שטיוול? אָך־אָך־אָך, אויס קנאַקער, אויס וועלטן־איבערקערער, נאָר פּראָסט פּשוט מיט דער לאָפּאַטע און מיט דעם אַקעראייזן? לחלוטין, הייסט עס, נוסח אחרית־הימים: וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות? גיי ריכט זיך אויף אַזאַ זאַך —

— איז וואָס? שטייט אפשר נישט אָן דעם טאַטן דיינעם?

— מיין טאַטן לאָז צו רו, ינוח על משכבו בשלום... ער איז פאַר היטלערן אומגעקומען מיט אַ מות־קדושים —

— ד׳ ינקום דמו בתוך שאר המומתים שמסרו נפשם על קדושת השם... אָבער די היגע פעלדער ווערן באַאַרבעט אויך נישט פון קיין נכרים... ישראל עם קדושים הם...

— יאָ, כ׳זע שוין, כ׳זע שוין... און אָט דאָס הייסט: „איש תחת גפנו ותחת תאנתו“?

— אַ גפן מיט אַ תאנה דאַרף מען פריער פאַרפלאַנצן... מי שטרח בערב־שבת יאכל בשבת... די הבטחה: עתידה ארץ־ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת, איז געזאָגט געוואָרן לימות־המשיח און דערווייל, ביז עפּעס וואָס, איז: לפום צערא אגרא... אַ גפן מיט אַ תאנה זענען זייער חשוב׳עביימער, אָבער קיין פאַרטיקע פונעם הימל פאַלן זיי נישט אַראָפּ און קיין לאַגערנע ראָבאָטן, געלויבט איז השם יתברך, זענען דאָ אויך נישטאָ —

יוסף דערלאַנגט זיך אַליין אַ זעץ אין שטערן:

— גוט וואָס ביי דיר האָט זיך אַרויסגעכאַפּט: „לאַגערנע ראָ־באָטן“. באַרעכן! זיך פאַררעדט וועגן זייטיקע ענינים און אינעם עיקר גאָר פאַרגעסן —

---

* פּראָסטע הויזן צו דער אַרבעט. ברייטע, באַקוועמע.

שלמה האָט זיך מלכותדיק אָנגעשפּאַרט אויף דער אייזערנער לאָפּאַטע, יוכבד, אויף אים קוקנדיק, האָט אויך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד דאָס שווערע קוישל קערנער און ביידע האָבן זיי געקוקט אויף אים מיט אַ מינע, וואָס האָט כולל געווען אין זיך: אי רחמנות, אי אַ שטיקעלע ביטול, אי טיפן מיטגעפיל, אי עפּעס נאָך אַזוינס, ספּעציפישעס, ארץ־ישראלדיקס, וואָס יוסף האָט פאַר דעם, באותו מעמד, קיין נאָמען נישט געקענט צוטראַכטן...

— שלמה און יוכבד! העלפט מיר בעטן גאָט, אונדזער טאַ־ניושאַ איז ביי אַלע לעצט —

שלמה, העכסט פאַרווונדערט:

— ווער זאָגט עס דיר, אַז זי איז חלילה ביי אַלע לעצט?

— גזלן, וואָס הייסט: ווער עס זאָגט מיר? ווער דאַרף מיר ערשט זאָגן? און אַליין האָב איך קיין אויגן נישט? אירע עלטערן האָבן זיך שוין נאָך איר אפילו „שבעה" געזעצט... „כבר יצאה בת־קול, זאָגן זיי, אַז טאַני בת אברהם"... „ונשבה ארון־הקודש"...

— וואָס זשע האָט עס צו דיר, אויב ס'איז שוין געווען אַ בת־קול, און אויב זיי זיצן „שבעה"? ווייסטו דען נישט, אַז אין משגיחין בבת־קול? איי, יאָסעלע, יאָסעלע! דו ביסט, זע איך, אין לאַגער געוואָרן אַ פאָלנע „פּאַני"...*

און שלמה נעמט אָן זיין יוכבדן פאַר דער רעכטער האַנט און ביידע שמייכלען זיי צו אים אַזוי רירנדיק און אַזוי לייטזעליק, אַז זייער מיך גיט זיך אים איבער אָן ווערטער —

און ער האָט כהרף־עין פאַרשטאַנען דעם רמז —

יוספן איז מיט אַ מאָל געוואָרן ליכטיק אין די אויגן און ער האָט דערשפּירט עפּעס אַ מין לייכטקייט אינעם גאַנצן קערפּער. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטון אין די שטראַלנדיקע אויגן פון זיינע חברים און האָט מיט זיין גאַנצער לענג זיך אַ וואַלגער געטון צו זייערע פיס —

---

* אַ סאָלדאַט. דאָ געמיינט: אַ קאָפּ אָן געהירן.

— — — — — — — — — — — —

דער קלאַפּ איז געווען זייער אַ שטאַרקער. דער זעץ איז אים אויסגעקומען אַ ביסל נידעריקער פון דער פּלייצע. יוסף האָט אויפֿגעעפֿנט די אויגן און האָט גלייך דערפֿילט, אַז עמעצער האָט דאָ מיט כּוח אָפּגערוקט דאָס בעטל פון דער וואַנט און אים אַריינגעלייגט אין דער מיט. זיין בלאָנדזשענדיקער בליק האָט געזוכט שלמהן מיט יוכבדן, וועלכע האָבן ערשט נאָר וואָס צו אים אַזוי ליכטיק געשמייכלט, אָבער די אויגן האָבן אין דער געדיכטער פינצטערניש גאָרנישט געזען, נאָר די ציטערנדיקע פינגער האָבן אָנגעטאַפּט דאָס דיקטענע ווענטל פון איין זייט און דאָס אייזערנע בעטל פון דער צווייטער זייט.

ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך און האָט אויפגעהערט צו זוכן זיינע פאַרשוווּנדענע חברים, וואָס האָבן זיך צו אים אַנטפּלעקט אויף אַזאַ מאָדנעם אופן. אַ קרעכצנדיקער פונעם ווייטיק אין די דיכן און אין גאַרטל, האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם פּאָל און האָט צוריק צוגערוקט דאָס בעטל צו דער וואַנט. מיט נישט זיכערע טריט איז ער אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָרל און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער: עס האָט געבראָכן אויף טאָג. קיין שניי איז שוין נישט געגאַנגען, אָבער אין חלל־העולם איז געהאַנגען כמו ווי אַן עמוד־הענן פון אומזעבאַרן, לופטיקן שניי־פּוך, ווי אין אַ שטוב, עטלעכע שעה נאָך דעם איבערשיטן די קישנס. יוסף איז געשטאַנען אַן אָפּגעקילטער, אַן אויסגעליידיקטער פון יעדן געדאַנק און פון יעדן געפיל און האָט אַ גלייכגילטיקער און אַ קאַלטבלוטיקער זיך צוגעקוקט צו די מיקראָסקאָפּישע פעדערלעך, וואָס טראָגן זיך אין דער לופט און באַהערשן די וועלט טפח נאָך טפח.

מיט אַ מאָל האָט ער געטון אַ שפּרונג־אָפּ פונעם פענצטער, ווי פון אַן אינערלעכן שטויס, און אַ שריי־אָן אויף זיך אַליין:

— וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער באָק? גולם דו!

און אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט ער זיך דערמאָנט מיט אַלע פּרטי־פּרטים אין זיין ארץ־ישראלדיקן חלום, את החזון אשר חזה עליו שלמה, און זיין אויסטערלישן רמז —

ער האָט מיטביידע הענט זיך צונויפגעדריקט די שלייפן און מעכאַניש געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— וואָס שטיי איך? וואָס שטיי איך? אל אפתח פה לשטן: כי רגע באפו, חיים ברצונו...

כל עצמותיו תאמרנה: שמש בגבעון דום וירח בעמק איילון!

דער דרויסן, מחמת דעם געדיכטן שניי־שטויב, האָט גאָר אפילו נישט געקלערט העלער צו ווערן. ס׳איז געווען אַ ספק גדול צי מען קען שוין דערקענען בין תכלת ללבן, צי נאָך נישט. ווי אַ מענטש, וואָס האָט זיך פּלוצלינג געריבט פונעם זינען, איז יוסף אַרומגעלאָפן איבער דעם קאָרידאָרל, — זיין אייגן צימערל איז איצט געווען פאַר אים צו קורץ און צו שמאָל — ער האָט צו זיך אַליין געשעפּטשעט איינע און די זעלבע ווערטער:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שלמה? וואָס איז דאָס פאַר אַ שלמה? ער איז דאָרט און ער איז דאָ — השׂם עבים רכובו, המהלך על כנפי רוח, — ער איז אומעטום און דערגרייכט אומעטום! ידו בכל משלה! הוא בירושלים ומצודתו פרוסה בקאַראַגאַנדאַ —

ער האָט שוין איצט געדענקט געגוי דעם גאַנצן חלום און דעם חזיון אשר חזה עליו שלמה... ער וואָלט ערגעץ געדאַרפט לויפן, ער וואָלט עפּעס געדאַרפט טון, אָבער אַ נישט קיין אָפּגעדאַוונטער קען ער נישט אַרויסגיין פון דער שטוב, — אין אַ ווינטערדיקן טאָג און נאָך ביי אַזאַ מהלך רב, ווי דער וואָס ליגט פון דער שטאָט אין לאַגער אַריין, שפּילט מען נישט מיט קיין תפילין אַזוינע קאַטאָ־ וועסלעך... ער האָט האַסטיק און אומאויפהערלעך אַרומגעשפּאַנט פונעם קאָרידאָרל אין חדרל אַריין און פונעם חדרל צוריק אין קאָרידאָרל. די פינצטערע מרה־שחורה, אין וועלכער ער האָט געזונ־

קען ביז איבער דעם קאָפּ, האָט זיך פון אים לחלוטין אָפּגעטון, ווי אַ נעפּל טוט זיך אָפּ פון די פעלדער און וועלדער און פונעם גאַנצן באַשאַף, אין אָנבליק פון דער אויפגייענדיקער זון. די צוגע־לייגטע שטימונג, וואָס ער האָט געהאַט פון נעכטן אָן, האָט זיך ביי אים פּלוצלינג געענדערט מן הקצה אל הקצה. ער איז איצט געווען פייערלעך אויפגערוימט; ער האָט זיך געפילט דערהויבן און עפּעס כמו ווי געהייליקט... ווי די השגחה וואָלט אין אים מקיים געווען איר צוזאָג: וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם...

די אומדייטלעכע בלויקייט פונעם פּאַרשנייטן דרויסן האָט ביס־לעכווייז אָנגעהויבן ווייס צו ווערן — מען האָט שוין געמעגט מאַכן אַ ברכה אויף די תפילין. יוסף האָט מיט גרויס כוונה געזאָגט דעם „לשם יחוד“ און שוין האַלטנדיק דעם „של יד“ אויף דער קיבורת, כנגד הלב, האָט ער פון דאָס ניי געזאָגט צו זיך אַליין:

— אַך איז דאָס אַ שלמה! אַך איז דאָס אַ שלמה! ס'איז פאַראַן אַ צדיק און ס'איז פאַראַן אַ צדיק־הדור; ס'איז פאַראַן אַ רב און ס'איז פאַראַן דער רבן של כל בני הגולה; אַלע אונדזערע יונגעלייט האָבן — איש איש כפי השגתו ומדרגתו, הכל לפי מה שהוא אדם, — געהאַט אין זיך דאָס פּינטעלע ייד, יעדער איינער האָט בלתי ספק געהאַט אין זיך אַ שטיקל חלק ממעל, אָבער שלמה פּיאַטיגאָרסקי האָט שטענדיק געהאַט די אמתע השראה ממעל, דעם „שפּריץ פון גאָט“, וואָס ביי גויים רופט מען עס אָן: „טאַלאַנט“ און ביי יידן: רוח־הקודש... אַלע פה אחד האָבן מיר שטענדיק געבעטן ביים בורא: „ורוח קדשך אל תקח ממני“, אָבער די רבותא איז נישט דאָס בעטן, די רבותא איז טאַקע פועלן! און פועלן האָט פון דער גאַנצער חבריא נאָר איין שלמה געפועלט! ווי אין די פּסוקים שטייט: תן לחכם ויחכם עוד... שיוויתי עזר על גיבור...

*

ווען יוסף איז געקומען צו לויפן צו נעמיראָווסקין, האָט ער אים שוין געטראָפן שטיין מיט איין פוס אויף יענער זייט שוועל. יוסף האָט אים ממש מיט כוח אַריינגעטאַסקעט צוריק אין צימער אַריין. יענער האָט זיך אויף אים גע׳ברוגז׳ט נישט אויף קיין קאַטאָוועס:

— און איך האָב דיך געהאַלטן פאַר אַ וואָרטסמאַן —

— קעגן וואָס איז דאָס איצט געקומען צו רייד?

— דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט נעכטן צו גיין מיט מיר אויף חנהלעס קבר און צום סוף ביסטו אפילו נישט געקומען —

— וואָס רעדט איר צו מיר וועגן קברים? איך האָב שוין נעכטן געזען מיין כלה... עין בעין —

— אַז—זוי? לעבט זי, הייסט עס, יאָ?

— אַזוי צו זאָגן... נים ולא נים, תיר ולא תיר... זייט וויסן, אַז זי איז געפערלעך קראַנק... טאַקע ממש געפערלעך —

— אויב זי איז טאַקע אַזוי געפערלעך ווי דו זאָגסט, וואָס זשע, — וואָלט איך אַ בעלן געווען צו וויסן — ביסטו מיר עפּעס אַזוי צעפּורימט גאַנץ פרי מיט דער ראָשטשינע? זי לאָזט דיר איבער אַ רייכע ירושה, צי וואָס?

יוסף איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און ווי באַלד ער האָט געשוויגן, האָט יענער דערווייל ווייטער גערעדט:

— פאַרשטייסטו מיך, אַז דו האָסט זיך אַריינגעריסן צו מיר אין שטוב אַריין, האָסטו געהאַט אַ פּנים פון אַ דאָרפישן בעל־ברית׳־ניק, אָדער פון אַ שטאָטישן אונטערפירער —

אָבער יוסף האָט זיך שוין צוריק געפונען. ער האָט מיט האַסט איבערגעשלאָגן דעם דאָקטער אין מיטן די רייד:

— יאַקאָוו ביניאַמינאָוויטש, לאָמיר אָפּלייגן אָט דעם שמועס אויף אַן אַנדער מאָל. הערט אויס, איך האָב אַ דערלויבעניש אויף ברענגען אַ דאָקטער צו איר און איר זענט אַ דאָקטער —

נעמיראָווסקי האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע און אומגלויבנדיקע אויגן:

— אַ פּריוואַטן דאָקטער צו אַן אַרעסטאַנט? מענטש איינער, דו הערסט זיך יאָ צו, וואָס דו רעדסט? אַנו וויז נאָר אַהער דעם פּולס דיינעם, מיר שיינט, אַז דו רעדסט פון היץ —

— איך רעד נישט פון קיין היץ, דאָקטאָר! אין פּראָפּוסק וואָס איך וועל אייך אַרויסטראָגן וועט זיין אָנגעגעבן, אַז איר זענט גע־בראַכט געוואָרן צו דער פּרוי פונעם לאַגער־נאַטשאַלניק און באַ־טראַכטן וועט איר טאַני פייגנבוים —

— ע, גוטער ברודער, עפּעס הייבסטו מיר אָן צו פּראַווען בעלשמסקע מופתים...

— ברצות ד׳ דרכי איש, גם אויביו ישלים אתו... איך פּראַווע? אַזאַ בריה בין איך פלוצלינג געוואָרן? דער עיקר איז: דער טאָג שטייט נישט, לאו בכל יומא איתרחיש ניסא —

— איז ווען ווילסטו זאָל איך גיין אַהין?

— וואָס הייסט, ווען? די מינוט! תיכף ומיד!

— און מיינע שטענדיקע פּאַציענטן —

— וועט דער גוטער יאָר נישט צונעמען! וועלן זיי וואַרטן... וועלן זיי רופן אַ צווייטן דאָקטער... וועלן זיי מוזן געזונט ווערן... „איר זענט דאָך צו קיינעם נישט פאַרקויפט!" „איר זענט דאָך אַליין אויף זיך באַלעבאָס!"

— אַזוי גאָר? דו שמייסט מיך שוין מיט מיין אייגענער בייטש? ע, שוטה דו, און אָן דיין בייטשל וואָלט איך דען נישט געגאַנגען?

— מען דאַרף נישט גיין! איך נעם אַ טאַקסי! איך האָב גענוג געלט!

— וואָס פאַר אַ בריאה איז דאָס? אויף מיין לעבן! שוין ווידער בעלשמסקע ניסים? „כי בצל החכמה, בצל הכסף"?

גייענדיק צו דער איינציקער סטאַנציע פון די טאַקסי־אויטאָס,

האָט יוסף זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ באַקאַליינע קלייטל, אַ פּנים, אַז ער האָט אין דעם נישט געפונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט, איז ער אַריינגעשפּרונגען אין אַ צווייטן און אין אַ דריטן. ענדלעך האָט ער צוגערופן אַן אויטאָ און זיי זענען אַוועקגעפאָרן צום לאַגער.

אָפּגעשיקט דעם אויטאָ און אַריינגעפירט דעם דאָקטער אין קאָנטראָלקע, אַז ער זאָל נישט דאַרפן שטיין און וואַרטן אויפן פראָסט, איז יוסף אַוועקגעלאָפן צום נאַטשאַלניק.

אין קאָמענדאַטור האָט מען שוין אַ פּנים געוווּסט, אַז אָט דער גאָרדאָן ווערט אין לאַגער היינט־מאָרגן אַ היימישער מענטש און מען האָט שוין אויף זיין פּראָפּוסק אַ קוק געטון מיט איין אייגל.

צו פּאָנאָמאַרענקאָן אין קאַבינעט אַריין איז ער אַריינגעלאָפן כמעט נישט אָנקלאַפּנדיק:

— סערגיי איוואַנאָוויטש... סעריאָזשאַ, זי איז נאָך דאָ?

דער נאַטשאַלניק האָט אים אָנגעקוקט כלומרשט אַ פאַרוווּנדערטער:

— איך פאַרשטיי נישט דיין פראַגע... ווו דען זאָל זי זיין? ווער, האָסטו געמיינט, וועט זי ביי דיר אויסכאַפּן? אַ דזשיגיט* אויף אַ פייערדיק אַראַביש פערד?

— גלייבט מיר, מיין פריינד, איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן... עס האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז איך האָב זי שוין אָנגעווירן... אַז איך האָב שוין דאָ נישט צו וועמען זיך אומצוקערן —

איבער פּאָנאָמאַרענקאָס אָפּענעם פּנים האָט זיך דורכגעטראָגן אַ לייכט וואָלקנדל, אָבער געענטפערט האָט ער גאָר:

— גיי שוין, גיי... ער האָט שוין נישט... אַזאַ איינפאַל! היינטיקע נאַכט וועסטו שוין גוט שלאָפן, ווייל דו וועסט שוין זיין אַ

* אַ בחור אַ קאָזאַק, אַן אויסכאַפּער פון זיין מיידל.

היגער... קענסט גיין אָפּנעמען אַ גרוס פון איר, נאַטאַליאַ איז נעכטן פאַרן גיין שלאָפן געווען ביי איר און אויך היינט, גלייך ווי זי איז נאָר אויפגעשטאַנען פונעם בעט... גיי אַריין, גיי אַריין צו איר...

— ליבער פריינד מיינער, איך האָב מיט אייך אַן ערנסטן שמועס און... און אַ גרויסע בקשה... אָבער זאָל דאָס שוין זיין אויף נאָכן דאָקטערס באַזוך, האָ?

— פון מיינעט וועגן... ווי דו ווילסט... זאָל זיין ווי דו זאָגסט... זאָל זיין אויף נאָכן דאָקטערס באַזוך...

גאָרדאָנס שאַרף אויג האָט פונעם ערשטן בליק דערזען, אַז פּאַנאָמאַרענקאָ איז עפּעס זייער נישט אויפגעלייגט, אָבער ער האָט זיך געטרייסט, אַז דאָס כמורנעקייט איז פאַרבונדן מיט אָרגאַנישע לאַגערנע שוועריקייטן — אַ ניי אָרט, נייע מענטשן, נייע באַדינ־גונגען... איידער מען מאָסטעט זיך איין אין אַ נייעם זאָטל, נעמט אַ ביסל צייט... איצט, ווען ער שיקט אים צו נאַטאַליען אָפּנעמען אַ גרוס פון איר, דאַכט זיך אים עפּעס ווידער, אַז פּאַנאָמאַרענקאָס עצבות איז ענג פאַרבונדן מיט זיין, יוספס, גורל.

ביים נאָמען „נאַטאַליאַ" דערמאָנט זיך יוסף אינעם דאָקטער וואָס וואַרט אין קאָנטראָלקע אויף אַ פּראָפּוסק, און דערשטיקנדיק אין האַרצן די נייע ביטערע חשדים, זאָגט ער דעם נאַטשאַלניק וועגן דעם.

יענער גיט זיך אַ כאַפּ:

— האָ, דער דאָקטער? טאַקע ד י י ן דאָקטער? הער, וואָס זשע שווייגסטו? ווייז אַהער שנעל זיין דאָקומענט!

יוסף, ווערנדיק פלוצלינג ווייס ווי די וואַנט:

— סערגיי איוואַנאָוויטש, שרייבט גלייכצייטיק אויף צוויי מאָל אַריינקומען: שוין איצט און... און נאָך איין מאָל... תחילת־נאַכט...

פּאַנאָמאַרענקאָ הייבט אויף אויף אים די אויגן:

— איך קען דיר אויסשרייבן אפילו אויף זעקס מאָל אַריינקומען,

אָבער צו וואָס דאַרפסטו אים היינט נאָך אַ מאָל? אַ טאָפּלטע דאָזע „דאָקטער״ מיט איין מאָל? דער גאַנצער טאָג איז דאָך מער נישט די גרייס ווי אַ געָנעץ —

— דאָס ווייס איך... אָבער איך וועל אייך שפּעטער זאָגן צוליב וואָס —

— האַ... נו, פאַר וואָס נישט? איך וועל דיר זשאַלעווען די טעריטאָריע פונעם לאַגער? אויף וועלכער שעה ווילסטו זאָל ער דאָ זיין פאַר נאַכט? דאָס מוז אָנגעגעבן ווערן אין פּראָפּוסק...

— אויף אַכט אין אָוונט!

דער נאַטשאַלניק האָט אַ פאַרחידושטער אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען:

— אָ־אָ! אַזוי שפּעט —

מער האָט ער נישט געפרעגט קיין איין וואָרט, נאָר אָנגעוואָרפן אויף אַ פּאַפּירל עטלעכע ווערטער און זיך אָנגערופן:

— לפנים, ווייסטו דאָך, גייט דער דאָקטער צו מ י י ן פרוי, איז ביז מען וועט אויספאַרטיקן דעם פּראָפּוסק פאַר זיינעט וועגן און אים ברענגען צו פירן צו מיר אין שטוב אַריין, קענסטו דערווייל אַריינגייך צו נאַטאַליען —

גאָרדאָן האָט אים האַרציק באַדאַנקט און איז לאַנגזאַם אַרויסגע־גאַנגען פונעם קאַבינעט.

ער איז געגאַנגען נאָכן גרוס צו דער נאַטשאַלניצע און האָט שווער געטראַכט:

— וואָס טוט זיך אים אַזוי נייטיק, דעם נאַטשאַלניק, אַז איך זאָל דווקא גייך צו זיין נאַטאַליען אָפּנעמען אַ גרוס פון טאַנין? שוין זשע מיינט ער פּשוט, אַז זי זאָל מיך דערווייל ווידער אָנהאָדעווען? צו וואָס זשע אַזאַ סודות׳דיקע מינע? ניין־ניין, נישט דאָס! דאָס מאָל שטעקט דאָ גאָר עפּעס אַנדערש! איי, וואָס? דאָס וועלן מיר באַלד געוווירן ווערן!

און ער האָט האַסטיק אַוועקגעשפּאַנט צום נאַטשאַלניקס ווילע,

הינטער וועלכער ס׳האָט זיך הכנעהדיק פאַרטייעט טאַניס אינדיווי־
דועל שפּיטאָלעכל.

די נאַטשאַלניצע, האָט יוסף געזען, האָט אים באַמערקט דורכן
פענצטער. זי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען אַן אויפגערוימטע, אַ פאַר־
רויטלטע, און אַ... אַ פאַרדעכטיקע. יוסף האָט געקוקט אויף איר
און ס׳האָט זיך אים אַלץ געדאַכט, אַז עפּעס איז זי היינט פייער־
לעכער ווי שטענדיק... וואָס זאָל דאָס באַטייטן? צי איז דאָס אויך
מהאי טעמא וואָס דער נאַטשאַלניק האָט אים אַזוי עקשנותדיק
געשיקט צו איר, צי דאָס זענען צוויי באַזונדערע אָפּעריעס? ער האָט
ממש געברענט פון אומגעדולד עפּעס געוווּיר צו ווערן וועגן אָט
דער פאַרשלייערטער מיסטעריע, אָבער ער האָט באַשלאָסן אַליין
נישט צו פרעגן...

נאַטאַליע האָט אים זייער פריינדלעך אויפגענומען, דערלאַנגט
די האַנט און גלייך אויף דער שוועל אָנגעהויבן פונעם עיקר:

— איר ווייסט, חבר גאָרדאָן...

יוסף איז איר אַריינגעפּאָרן אין מיטן די רייד:

— אַנטשולדיקט מיר, איר זענט דאָך שוין היינט געווען ביי
דער בירגערין פייגנבוים —

— ביי טאָניאַ אַבראַמאָווּנען? ווי דען? איך בין נעכטן פאַרן
שלאָף אַריינגעגאַנגען צו איר און היינט — גלייך פונעם בעט!

— איר ווייסט גאָר נישט, וואָס פאַר אַ דימענט איר זענט,
נאַטאַליאַ וואַסיליעוונאַ... וואָס זשע מאַכט זי דאָרט, מיין —

— אַזוי... נישט שלעכט... עס הייסט — אָן גרויסע ענדערונ־
גען... זי איז מיר שטאַרק געפעלן, אייער כלה —

— מיר אויך —

— ... זי האָט זייער אַן איידעלע נשמה, זי איז זייער פילבאַר
און... און גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון יעדער זאַך וואָס זי רעדט און
וואָס זי טוט... זייער זייער אַ דעליקאַטער כאַראַקטער... היינט
באַגעגנט מען זעלטן אַזעלכע מענטשן...

— איך בין זייער גערירט פון אייערע ווערטער וועגן מיין כלה... איצט זאָגט מיר ביטע, וואָס האָט איר מיר געוואָלט זאָגן ווען איך בין נאָר אַריינגעקומען... דערמאָנט זיך, דערמאָנט זיך, ווייל מען וועט אונדז באַלד איבערשלאָגן —

נאַטאַליאַ טרעט איבער פון איין פוס אויפן צווייטן, מען זעט, אַז עס קומט איר אָן שווער צוצוזוכן די פּאַסיקע ווערטער צום דעם ענין, וואָס זי דאַרף דאָ באַרירן. ענדלעך נעמט זי זיך אָן מיט מוט און רופט זיך אָן אַן אַנטשלאָסענע:

— איר ווייסט, חבר גאָרדאָן... סעריאָזשאַ האָט אייך דען נישט געזאָגט? איך האָב מיט אייך איבערצורעדן וועגן זייער אַ נייטיקער זאַך, אָבער פריער, וויל איך, זאָלט איר איבערבייסן —

— איר הייבט שוין ווידער אָן די נעכטיקע אָפּערע, נאַטאַליאַ וואַסיליעוונאַ?

— איך הייב נישט אָן און איר הייבט אויך נישט אָן... מיט אייערע „ביינ׳ס"... איר ווערט דאָך שוין היינט אַ בעל־הבית פאַר זיך, סעריאָזשאַ האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט פאַר אייך שוין אויפגערוימט אַ צימערל, איז מעגט איר נאָך איין מאָל אָפּעסן ביי אונדז. האָט קיין מורא נישט, קיין גרויסע נאַשערייען האָב איך נישט צו געבן —

— הערט, נאַטאַליאַ, גראָד איצט וואָלט איך זיך מיט אייך נישט געשטעלט דינגען, אָפּעסן, איז אָפּעסן, — וואָס קען דאָ זיין? אָבער איצט עסן קען איך נישט בשום אופן —

— אפשר מעג מען וויסן, פאַר וואָס עפּעס קענט איר איצט נישט בשום אופן?

יוסף האָט איר אָנגערופן די סיבה —

די נאַטשאַלניצע, דאָס יונגע שיינע שיקסל, איז פון זיינע עט־לעכע ווערטער געוואָרן אַזוי איבערראַשט, אַז זי האָט זיך אַזש צוגעזעצט אויף אַ בענקל, וואָס איז גראָד געשטאַנען אין מיטן דער

שטוב. אויף איר אָפּענעם און ערלעכן געזיכט האָבן זיך אָן אויפהער געביטן די קאָלירן. זי האָט זיך געביסן די ליפּן ביז בלוט, אָבער זי האָט אַ פּאַרלוירענע געשוויגן. יוסף האָט דאָס מאָל אפילו קיין איין מאָל קיין קוק נישט געטון אויף איר. ער האָט געהאַלטן אַראָפּ־געלאָזט די אויגן און האָט שעמעוודיק גערעדט:

— איצט ווייסט איר שוין, פאַר וואָס איך קען נישט עסן... איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס איך גיי דאָ טון, איז נישט קיין קאַפּריז, אָדער סתם עפּעס אַן אַבערגלויבעריש מיטל, — כאָטש מיר, גלייביקע, האַלטן דאָס אויך פאַר אַ מיטל — דאָס איז אַ רעוואָלוציע אין דער גאַנצער סיסטעם פון איר געדאַנקענגאַנג! אַ שטורעם!! אַן אויסערלעכע איבערקערעניש און אַן אינערלעכער אויפברויז!!! און גראָד דאָס, האַלט איך, — און נ אָ ר דאָס איינע! — קען זי נאָך אַ ביסל אַרויסטרייסלען פון איר פינצטערער מרה־שחורה...

אַ ווײַלע האָט יוסף אָפּגעאָטעמט און אַראָפּלאָזנדיק פונעם טאָן, האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— איך האָב צו אייך אַ גרויסע, גרויסע בקשה, נאַטאַליאַ וואַ־סיליעוונאַ, אַ שרעקלעך גרויסע —

נאַטאַליאַ האָט אויף אים וואַרעם אַ קוק געטון:

— איר מעגט זאָגן, איר מעגט זאָגן... דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איר וועט איצט ביי מיר אַלץ פועלן, אָבער עפּעס גלייב איך נישט, אַז זי איז טאַקע אַזאַ גרויסע, די בקשה אייערע, ווי איר שטעלט זי פאָר —

— ניין־ניין, דאָס מאָל מיין איך עס ערנסט, נעמט עס נישט אַזוי לייכט, מיין טייערע פריינדין —

און ער האָט איר זייער נישט דרייסט און זייער שטאַמלענדיק אַרויסגעזאָגט זיין בקשה —

נאַטאַליאַ, אַנשטאָט אים צו ענטפערן, האָט אים צערטלעך אַוועקגעשאַרט די האָר פונעם שטערן:

— יאָסיף, איר ווייסט? איר זענט זייער אַ סימפּאַטישער בחור, זייער, זייער אַ סימפּאַטישער...

— וואָס זשע ענטפערט איר מיר מכוח מיין בקשה? איר פאַרשטייט, דאָ, אין אָט דער פון־גאָט־פאַרגעסענער וויסטע, קריגט מען נישט דאָס דאָזיקע מין סחורה אפילו פאַר כל הון דעלמא —

— וואָס רעדט איר דערפון אַזוי פיל, גאָט מיינער! אויך מיר אַן ענין! זאָל איך עס אייך ש ו י ן געבן?

— פאַר וואָס עפּעס ש ו י ן? ס'איז נישקשה שפּעטער אויך...

— ניין, בעסער שוין! וואָס איז מיר די נפקא מינה: איצט, צי שפּעטער?

יוסף, מיט טרערן אין די אויגן:

— זאָל איך אייך דאַנקען, נאַטאַליאַ וואַסיליעוונאַ?

— מאַכט זיך נישט נאַרעש, יאָסיף, עס גייט אייך נישט צום פּנים.

— איצט זאָגט מיר שוין, וואָס פאַר אַ נייטיקע זאַך האָט איר מיט מיר איבערצורעדן? איך שפּרינג ממש פון דער הויט, אַזוי בין איך נייגעריק צו וויסן...

— ניין, ניין... קיין שום זאַך נישט! פריער האָט זיך מיר גע־דאַכט, אַז איך האָב מיט אייך עפּעס איבערצושמועסן, אָבער איצט שוין נישט... איצט איז שוין אַלץ פון זיך אַליין אָפּגעשמועסט...

יוסף, זיך אַליין וווּנדערנדיק אויף זיין לוסטיקן טאָן:

— מילא, אָפּגעשמועסט, איז אָפּגעשמועסט... נאַטאַליאַ וואַסי־ליעוונאַ, איר זעט יענעם מענטשן אין עק פונעם הויף? יאָ, יאָ, דער וואָס אין דער גרויער קעפּי, דאָס גייט אַ דאָקטער צו טאַנין... אָפיציעל איז ער אַרויסגערופן געוואָרן צו אייך... לאַגערניקעס טאָרן דאָך נישט באַהאַנדלט ווערן פון „דרויסנדיקע" דאָקטוירים... בעט איך אייך, זאָל ער דאָ אַ ביסל צווואַרטן און איך וועל נאָר זאָגן טאַנין, ווער עס גייט צו איר... איך בעט אייך, פאַרנעמט זיך דאָ מיט אים —

די נאַטשאַלניצע האָט אָפּגעוואַרט נעמיראָווסקין אין פּאָדער־צימער. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ רויטן פּעלצענעם „פּאָלושובאָק* און דאָס ווייסע וואָלענע שאַלעכל, וועלכעס האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן רייץ, איז געווען כלאחר־יד אַרויפגעוואָרפן אויף די געדיכטע שיינע לאָקן.

— איר זענט דער חבר דאָקטער ? גאָרדאָן האָט איך געבעטן צוּוואַרטן אַ ביסל. ער איז נאָר אַריינגעלאָפן צוגרייטן דעם חולה —

— אָפיציעל זענט א י ר דער חולה, דאָס ווייסט איר ?

נאַטאַליאַ, מיט אַ זיסן שמייכל :

— נו, מיך האָט איר דאָך שוין געזען... זיצט זשע, ביטע... איך קום באַלד אַריין —

און זי איז אין איין אָטעם אַוועק צו איר סעריאָזשען... צו אַ גרויסע געהיימניס איז איר אָנפאַרטרויט געוואָרן, אַז זי אַליין, אויף אירע שוואַכינקע פּלייצעס, זאָל זי קענען פאַרטראָגן —

יוסף האָט מיט קעצישע טריט זיך אונטערגעגנבעט צו טאַניס בעט און ערשט פאַרקוקנדיק איר אין פּנים האָט ער דערזען, אַז זי שלאָפט גאָר נישט.

דער חולה האָט אַ צאַפּל געטאָן :

— ס׳איז דו, יוסף ?

— יאָ, איך... און איך האָב געמיינט, אַז דו שלאָפסט...

— פאַר וואָס עפּעס זאָל איך איצט שלאָפן ? ווער שלאָפט עס אַזוי שפּעט אויפן טאָג ?

— כ׳ווייס ? איך הער, אַז ס׳איז אַזוי שטיל, האָב איך גערעכנט —

— וואָס זשע וואָלסטו געוואָלט, אַז איך זאָל דאָ זינגען, צי גיין אַ ריקודל ?

---

* אַ האַלב רעקל.

— עוד חזון למועד! גלייב מיר, טאַניושאַ, בערב ילין בכי ולבוקר רינה... מען וועט נאָך זינגען און מען וועט נאָך גיין אַ ריקודל... נישט איין ריקודל, נאָר אַ סך ריקודימלעך, אפשר גאָר האָסטו גראָד אויסגערעדט אין אַזאַ מינוט... און די קריאה וועט מעורר זיין דעם זמן... אַז מיר'ן זוכה זיין ביי גאָט וועט נאָך אַ מאָל דאָס אויך זיין... ביי אים איז דען שייך: מעגלעכס און אוממעגלעכס?

טאַני האָט אַריינגעשטעקט די ציין אין די ליפּן און האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין זילב פונעם מויל.

יוסף האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער איר מאָגער קערפּערל, ער האָט זיך ווייטיקלעך איינגעקוקט אין איר פּנים און האָט מיט באַהאַלטענער שרעק געפרעגט:

— טאַני, עפּעס זעסטו מיר היינט אויס פיל ערגער ווי נעכטן, אמת, וואָס? ניין אפשר? זאָג מיר דעם גאַנצן אמת: וואָס איז געשען? דו דאַרפסט פון מיר גאָרנישט פאַרלייקענען אַזוי ווי פאַר גאָט...

טאַני, מיט אַ שוואַכער שטימע:

— איך קלער אפילו נישט צו פאַרלייקענען... איך פיל ווי ביס־לעכווייז פאַרלאָזן מיך די כוחות און דאָס האַרץ גייט אויף אָפּרו...

— רעד נישט אַזעלכע רייד, טאַני... אַזוי רעדן, הייסט שיעור נישט קיין אפּיקורסות... דאָס איז עכטער איבוד עצמו לדעת... זאָג מיר, דו פילסט זיך היינט שטאַרק שלעכט? פיל ערגער ווי נעכטן?

— ווער זאָגט עס דיר? איך פיל זיך נישט ערגער ווי נעכטן... נעכטן איז געווען פונקט אַזוי גוט ווי היינט און היינט איז אַזוי גוט ווי נעכטן... דאָ קענען שוין קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען נישט פאָר־קומען... און אפשר דערפון וואָס איך האָב די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגעטון, זע איך אויס מיד... מיר געפעלט ווי דו זאָגסט: „ערגער"... שוטה דו! ביי אַ זייגער איז עפּעס שייך „ערגער" און „בעסער"? אַ זייגער האָט אַ מאָל חבלי־מות? ער גייט און גייט

און גייט — דאַכט זיך אַלץ גוט און ווויל? און פּלוצלונג, קוקסט זיך אום אויף אים — ער שטייט שוין! מיין חולאת איז אַזאַ, וואָס מען פילט נישט פריער קיין ווייטיקן... עס קען דויערן איין שעה ביזן סוף און עס קען נאָך דויערן זעקס חדשים אויך... דאָס איז אַ זיכערער טויט, אָבער דו ווייסט קיין מאָל נישט וויסן פון פריער, ווען די אויסלייזנדיקע מינוט קען קומען... דאָס איז ווי די גמרא זאָגט אויפן פסוק פון ישעיהו: זכו — אחישנה, לא זכו — בעתה...

און נאָך אַן אָנגעלאָדענער הפסקה, מיט אַן אומדערוואַרטער ענערגיע און צודרינגלעכקייט:

— הער אויס, יוסף, דו איילסט זיך איצט ערגעץ וווהין?

— אַז דו רעדסט אַזעלכע רייד, וווהין זשע האָב איך זיך שוין צו איילן?

— זעץ זיך צו ביי מיר צו פוסנס... אַזוי אַז איך זאָל דיך קענען זען... אַז איך זאָל דיך די גאַנצע צייט האָבן פאַר די אויגן... אָט אַזוי! הער אויס, מיין פריינד, זיי אַ קלוג קינד און באַמי זיך מיך צו פאַרשטיין... דער נאַטשאַלניק האָט דיר גאָרנישט געזאָגט? איך האָב געבעטן זיין פרוי — זי איז דאָ געווען אַ פּאָר מאָל, זי האָט אַ גאָלדן האַרץ — אַז זי זאָל בעטן איר מאַן אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל רעדן מיט דיר... איך האָב מורא געהאַט, אַז אַליין וועל איך נישט האָבן דעם מוט... אַז זאָגן עס דיר פנים אל פנים וועט מיר זיין צו שווער... און צום סוף... ההכרח לא יגונה... קוים האָבן זיי דאָס נישט געטון, וועל איך דאָס אַליין טון... אפשר באמת איז: מצווה בו יותר מבשלוחו... מסתם אַזוי... אברהם־אבינו, ווען ער האָט געדאַרפט גיין מקריב זיין דעם בן יחיד, האָט ער אויך נישט געמאַכט קיין שליחים, נאָר ער איז אַליין געגאַנגען... בכבודו ובעצמו... פונעם גורל טאָר מען נישט וועלן אַנטלויפן... און עס וועט נישט העלפן אויך... דער זעלבער גאָט, וועלכער האָט מיר געגעבן כח ביז איצט, אויף צו דערציען עד היום הזה, וועט מיר האָפנטלעך געבן כוח אויך אויף אָט דעם לעצטן נסיון...

אין צימער איז געבליבן הענגען אַ טויטע שטילקייט. כאָטש אין טאַניס ווערטער איז דאַכט זיך קיין שום באַזונדערס נישט גע־ווען, דברים כהוויתם, פון דעסט וועגן האָבן זיי נאָך זיך איבערגעלאָזט אין חלל אַ ווייטן אָפּשיין פונעם מיסטעריעזן „אחורי הפרגוד״; אַ געררוך פון מתים, פון בית־הקברות; אַ קלאַנג פון מעבר־יבוק, פון צדוק־הדין, פון „צדק לפניו יהלך״...

די שטילקייט האָט פיינלעך געדריקט אויף די הערצער, זי האָט ממש געשמיסן די צוויי פאַרוואָלגטע נשמות מיט פייערדיקע ריטער:

— וואָס שווייגט איר, שוטים וואָס איר זענט? עס קען דאָך ווערן שפּעט און צוריקכאַפּן וועט איר נישט קענען... כי לא ישוב הצל אחורנית... את הנעשה אין להשיב... זאָגט זיך אָפּ איינער דעם אַנדערן, וואָס איר האָט דאָרט צו זאָגן: „לך לך מארצך וממולדתך... המלט על נפשך, אל תביט אחריך, פן תספה״... און מאַכט עס איינס און צוויי און גלייכער איך מינוט פריער איידער פאַרקערט, ווייל מיט „יענעם בחור״ שפּילט מען זיך נישט —

טאַני האָט זיך אָנגערופן, ווי זי זאָל האַלטן אין מיטן אַ שמועס:

— פאַרשטייסט מיך, יוסף? דו הערסט, וואָס איך רעד צו דיר?

— וואָס דען טו איך?

— פאַרשטייסטו מיך, דיין געפינען זיך דאָ אין לאַגער איז פאַר מיר ממש סם־המות... אָט דאָס האָב איך טאַקע געבעטן ביים נאַ־טשאַלניק: ער זאָל דיך אויף קיין פּאָסטן נישט איפּנעמען... אויב דו ווילסט נישט צום איבעריקן פאַרקירצן מיינע אַזוי אויך געצייל־טע טעג, דאַרפסטו אָן שהיות אַוועקפאָרן פון דאַנען...

דער חולה האָט שווער געאָטעמט, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו וואָס שלעפּט אַ שווער־געלאָדענעם עשאַלאָן באַרג־אַרויף. דאָס שוואַכע האַרץ אירס האָט נישט געקענט סובל זיין אַזעלכע רייד, עס האָט זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, ווי אַ בלאָזזאַק.

— ... מיר זענען דאָך שוין ביידע דערוואַקסענע מענטשן... דאָ גייט דאָך נישט אין קיין געגנאַרערייקעס... מען נאַרט קיינעם נישט אָפּ, נאָר זיך אַליין... דאָס הייסט: יכה יוסי את יוסי... דו וועסט מיר דאָך נישט וועלן איינרעדן, אַז נאָך אָפּזיצן צען יאָר אין אַ קאָנצלאַגער, האָסטו זיך שוין קיין אַנדער אַרבעט נישט אויסגע־זוכט, נאָר — צוריק אין קאָנצלאַגער אַריין! מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט אַריין... דאָס איז דאָך אַן אַבסורד... וואָס דען, דו האָסט זיך דאָ באַגראָבן לעבעדיקערהייט, ווייל איך בין דאָ... ווייל מיט מיין נאָמען זענען ביי דיר געווען פאַרבונדן געוויסע פּלענער... פאַנטאַזיעס... אילוזיעס... אָבער דו מוזסט פאַרשטיין, יאָסעלע, אַז אַלע יענע זיסע חלומות האָט די צייט אָפּגעווישט אויף אייביק!... אָפּגעווישט, ווי אַ לערער אין קלאַס ווישט אָפּ מיט דער שמאַטע דעם טאָוול, אויף וועלכן ער האָט פריער אַליין אָנגעמאָלט אַ מגדל הפורח באוויר... וימח את כל היקום... ווי שטייט דאָרטן אין נביא: נפלה לא תוסיף קום, בתולת ישראל... אַזוי איז דאָס, ס'איז פאַר—פאַלן, את הנעשה אין להשיב, געווען אַ טאַני און זי איז נישטאָ מער, און דיין זיצן דאָ, ביי מיר אויפן קאַרק, ביים גוסס צו קאָפּנס, וועט מיר מאַכן דעם סוף פ אַ ר דעם זמן... דו האָסט דאָ ערשט גערעדט וועגן „איבוד עצמו לדעת" און דאָס וואָס א י ך זאָג, ליבער מיינער, איז מעין רציחה... מעין נטילת־הנפש... ביי מיר האָט ער אַ פּנים, ווי דו זאָלסט דאָ זיצן און זיך אַלץ ניט קענען דערוואַרטן אויף מיין יציאת־נשמה... ממש ווי מען פלעגט זיך ביי אונדז וויצלען: שלאָף גיכער, מען דאַרף דעם קישן... נישט אַנדערש... פאָלג מיך, יאָסעלע... דו ווייסט זייער גוט, ווי טייער דו ביסט ביי מיר, אָבער איך וויל אומקערן דעם באַשעפער זיין פקדון אין אַ רואיקן צושטאַנד, און דיין אָנוועזנהייט אין מיינע ד' אמות רויבט ביי מיר צו די רו און מאַכט מיך נערוועז... איך בין מטושטש, איך בין מבולבל, און וועל נאָך איבער דיר שטאַרבן אָן ווידוי... שפּאַר זיך דאָס מאָל נישט איין...

פאַרלאָז זיך דאָס מאָל אויף מיין מבינות: ס׳איז דאָ נישט דאָס פּלאַץ אויף צו פּראַווען עקשנות! פאָר אַוועק פון דאַנען, אָרדן זיך איין אין אַ יידישן ישוב, זוך זיך אָפּ אַ מיידל, וואָס וועט דיר זיין צום האַרצן, אַ מיידל וואָס האָט דיך די ווערט, וואָס האָט די ווערט אַזאַ דימענט ווי דו ביסט, און לעב שוין אויך אַ ביסל, ווי מענטשן לעבן... און איך... און איך וועל דאָרטן זיין אַ גוטע בעטערין פאַר דיר... מיר וועט דאָרט הנאה טון, וואָס כאָטש דו האָסט נאָך אָפּגעראַטעוועט עטלעכע יאָר... פאַר דיר, לאָמיר אָט דאָ שוין טאַקע זיך געזעגענען... און זאָל דיר דאָס האַרץ נישט שטאַרק וויי טון, עלעהיי טאַני פייגנבוים איז שוין פון לאַנג געשטאָרבן —

יוסף, וועלכער איז געשטאַנען מן הצד און טאַני האָט אים נישט געזען, האָט מיט דער האַנט זיך צוגעהאַלטן דאָס מויל, ווי מען האַלט צו דעם לאָך פון אַ פּולער פאַס, פון וועלכער דער צאַפּן איז אַרויסגעשפּרונגען. ביי אירע לעצטע ווערטער, האָט ער מיט אַ מאָל אָפּגעטוליעט דאָס מויל און האָט, צו זיין אייגענער באַוווּנדערונג, זיך לוסטיק אָנגערופן:

— הער נאָר, דו, וואָס סטראַשעסטו די גענדז, וואָס? געשטאָרבן — איז געשטאָרבן! וואָס קען דאָרטן זיין? ווער זאָגט דיר דען, אַז טאַני פייגנבוים איז נ י ש ט געשטאָרבן? ווי געפעלט דיר נאָר, ווי זי פאָכעט עס מיט דעם „געשטאָרבן״, גלייך ווי נאָר זי איינע האָט דעם מאָנאָפּאָל אויף דעם טויט... גלייך ווי מיר אַלע זענען פאַראורטיילט דאָ זיך צו וואַלגערן, אויף דעם דאָזיקן פאַרשיווע יאַרידל, לעולמי עד ולנצח נצחים... — לא היו דברים מעולם! אַלע געבוירענע האָבן די דאָזיקע פּריווילעגיע, — רבי אלעזר הקפר אומר: הילודים למות והמתים לחיות, — אַלע וועלן מיר שטאַרבן, ווען עס וועט קומען אונדזער צייט און טאַני פייגנבוים אפשר פריער אַ ביסל... נו, דאַרף מען דערפון מאַכן אַזאַ רעש, ווי דו מאַכסט?

און נאָך מונטערער און נאָך לוסטיקער:

— קורץ דערפון, אַט דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט געהאַט צו זאָגן? מער גאָרנישט? איצט גרייט זיך צו, לעת־עתה גייט באַלד צו דיר אַריין אַ דאָקטער —

— אוי, שלימזל, וואָס האָסטו זיך אויסגעריסן אויף מיין קאָפּ? ווער בעט דיך אים שלעפּן אַהער צו? ער האָט מיך שוין געזען אפשר הונדערט מאָל... ער פאַרשטייט נישט מער, ווי אַ האָן אין בני־אדם...

— רעד אַ ביסל שטילער, דו, דו טאָרסט זיך נישט אויפרעגן. ס'איז נישט ד ע ר דאָקטער, וואָס האָט דיך געזען אפשר הונדערט מאָל, דאָס איז אַ שטאָט־דאָקטער, אַ ייד... מאַך זיך גרייט —

— משוגענער! צו אַ פּאַרטיקן בר־מינן ברענגט מען אַ דאָקטער?

— שווייג, דו! שטן מקטרג דו! איך וועל דיר געבן אַ בר־מינן, וועסטו מיך האָבן צו געדענקען — דו הערסט, צי ניין?

און ער איז אַרויסגעלאָפן פונעם צימערל, שיעור נישט ברעכנדיק האַלדז און נאַקן —

נישט ווייט פון דעם טירל, וואָס פירט אין טאַניס חדר־מיוחד, איז געשטאַנען אַן אָפּגעברענטער סטויפּ. ס'איז געווען קענטיק, אַז אויף אים איז אַ מאָל געהאַנגען אַ גאָנג. יוסף איז צוגעפאַלן צו דעם סטויפּ, ווי ער וואָלט דאָ געפאַלן דער מוטער זיינער אויפן האַלדז, און דאָס לאַנג־איינגעהאַלטענע געוויין האָט זיך פון אים אַ ריס געטון אויף דער פריי, וואַרפנדיק מיט זיין קערפּער, ווי די שוואַרצע קרענק מיט אַ חולה־נופל. פון דעסט וועגן, ווי זיין מוח איז נישט געווען פאַרטומלט פון דעם שלאַקס־געוויין, האָט ער זיך אָבער גלייך דערמאָנט, אַז נעמיראָווסקי האָט שוין באַלד אַ האַלבן טאָג געפּטרט איבער אים. ער האָט זיך מיט גוואַלד אָפּגעריסן פונעם סטויפּ און נישט זעענדיק דעם וועג פאַר די אויגן זיך געלאָזט גיין צום נאַטשאַלניק אין שטוב אַריין. נאַטאַליאַ, זעענדיק דורכן פענצטער:

אי זיין משונה׳דיק אַרויסלויפן פון דער כלה; אי זיין שטיין אַרומ־גענומען מיטן אָפּגעסמאַליעטן סטויפּ; אי זיין גיין אין שטוב אַריין מיט זיך וואַקלענדיקע טריט ווי אַ שיכור, האָט אים אויפגעעפנט די טיר, אָבער ער האָט זי אַזוי ווי נישט באַמערקט, זיינע אָנגעשוואָלענע אויגן האָבן דערטאַפּט דעם דאָקטער, וועלכער איז אַ בלאַסער געשטאַנען לעבן זיין בענקל. ער איז מיט אומזיכערע טריט צוגע־גאַנגען האַרט צו אים, אים אָנגענומען ביי ביידע אַקסלען און נישט קענענדיק נאָך באַקעמפן דאָס כליפּעריי אים האַרציק געזאָגט:

— יאַקאָוו ביניאַמינאָוויטש, גאָלובטשיק*... זייט אַ גוטער מענטש... גייט אַריין צו איר... דאָרט אַקעגן אין דעם מויערל מיט די אָפּגעקאַלופּעטע ווענט... זי איז דאָרט איינע אַליין... און... און... און מאַכט זי מיר געזונט... גיט זי מיר אָפּ אַ לעבעדיקע, מיין פריינד, אַז נישט וועל איך פון אייך מאַכן אַ וויניקן עפּל, איר הערט?

און ער האָט אים אַרויסגעשטופּט פון דער טיר.

אַ ווײַלע איז יוסף ווי אַ פאַרשטאַרטער געשטאַנען ביים פענצ־טער און האָט נאָכגעקוקט דעם דאָקטער, דאַן איז ער אומגעפאַלן אויף אַ בענקל און האָט ערשט פון דאָס ניי אויסגעבראָכן מיט אַ גרויס געוויין, ווי מען באַוויינט אַ טויטן. ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט, ביז ער האָט דערהערט איבער זיך נאַטאַליעס קול:

— יאָסיף זאַלמאַנאָוויטש, גענוג שוין! נעמט זיך אין די הענט אַריין, איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז אייער אונטערנעמונג איז, לויט אייער גלויבן, אַ שטיקל סגולה, האַ? פאַר וואָס זשע האָט איר מיט אַ מאָל אָנגעוווירן דעם גלויבן אין אַ גוטער ענדערונג?

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פון אַ „משיחה לפּי תומה“, האָבן יוספן מאָמענטאַל אומגעקערט דעם פאַרלוירענעם גלייכגעוויכט. ער האָט אַריינגענומען נאַטאַליעס האַנט אין זיינע ביידע דלאָניעס און האָט זי פעסט אַ דריק געטון:

---

* ליבער, טייערער.

— איר זענט גערעכט, נאַטאַליאַ וואַסיליעוונאַ! מען טאָר קיין מאָל נישט פאַרלירן דעם גלויבן... וואָס אונדז ווייזט אויס אוממעגלעך, איז ביים באַשעפער אַ שפּאַס... נו, איך גיי אַריין צו סערגיי איוואַנאָ־וויטשן און אייך וויל איך בעטן: אַז דער דאָקטער וועט אַריינקומען, זאָל ער מיך אויפזוכן אין קאָנטאָר. גיכער פון אַלץ וועל איך זיין ביים נאַטשאַלניק אין קאַבינעט —

פּאָנאָמאַרענקאָ איז גראָד געווען פאַרנומען און יוסף האָט אַ היפּש שטיקל זמן זיך אַרומגעדרייט אין קאָרידאָר. ווען דער די־זשורנע וועכטער האָט אים ענדלעך אָנגערופן ביים נאָמען און אָנגע־וויזן אויף דעם נאַטשאַלניקס טיר, האָט אים שוין דער נאַטשאַלניק אַליין דערוואַרט אויף דער שוועל. ער האָט יוספן דורכגעלאָזט פאַר זיך, פעסט צוגעמאַכט הינטער אים די טיר, דאַן איז ער לאַנגזאַם און אַ קאָנצענטרירטער אַריבערגעגאַנגען אויף יענער זייט טיש, זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שטול און שווייגנדיק זיך אונטערגע־שפּאַרט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט. יוסף האָט אונטער זיין שאַרפן בליק זיך עפּעס געפילט אָפּהענטיק און ער האָט אַרויסגעשטאַמלט סתם אין דער וועלט אַריין:

— דער דאָקטער איז איצט ביי איר —

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און מער גאָרנישט געענטפערט. ווידער האָט יוסף נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן; ווידער האָט אים געשטיקט דעם נאַטשאַלניקס שווייגן. גלייך אָבער האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס ער האָט ביים נאַטשאַלניק צו בעטן און אַז יענער ווייסט נאָך ג א ר נ י ש ט פון דעם, וואָס ער, יוסף, קלייבט זיך היינט צו טון. אומגעריכט האָט ער דערפילט אין זיך אַ שטראָם פון ענערגיע, פון מוט און פון דרייסטקייט. ער האָט אָן אַנטשלאָסענער אויפגעהויבן זיינע נאָך פאַרוויינטע אויגן אויפן נאַטשאַלניק און כמעט מיט אַ פאָדערנדיקן טאָן זיך אָנגערופן:

— חבר נאַטשאַלניק... סערגיי איוואַנאָוויטש... אייערע טובות

וואָס איר טוט מיר אַלע מינוט און אַלע רגע, זענען מיר נאָך אַ פּנים וויי‌ניק... איך דאַרף איצט האָבן פון אייך אַ גרויסע, גרויסע טובה —

פאַנאָמאַרענקאָ, נישט בייטנדיק נישט דעם טאָן, נישט די פּאָזע:

— זאָג, וועלן מיר הערן —

ביי יוספן האָט עפּעס אַ קיל געטון אינעווייניק פון אָט די אָפיציעלע פיר ווערטער, אָבער ער האָט איצט נישט געטאָרט זיך איינהערן אין קיין אינטאָנאַציעס און נישט זיך איינקוקן אין קיין מינעס, ער האָט געמוזט בחרף נפש גייך זיין געפּערלעכן וועג און — יעבור עליו מה!

ער האָט אַ קוק געטון דעם נאַטשאַלניק גלייך אין די אויגן אַריין:

— איך דאַרף האָבן די ליסטע פון אַלע לאַגערניקעס! און נישט ווען עס איז, נאָר טאַקע היינט! שוין! אויב מעגלעך — תיכף ומיד!

פאַנאָמאַרענקאָ, מיט דעם זעלבן קאַלטבלוטיקן טאָן:

— הייסט עס, נישט מער, נישט ווייניקער, נאָר — די ליסטע פון אַלע לאַגערניקעס... דאָס איז נישט קיין גרויסע בקשה, אָבער אויך נישט אַזאַ קליינע ווי דו מיינסט מן הסתם... אפשר וועט מיר פון דעסט וועגן זיין דערלויבט צו וויסן, צו וואָס דאַרפסטו זי, די דאָזיקע ליסטע?

— איך דאַרף זי האָבן זייער, זייער נייטיק!

— דער דאָזיקער אַרגומענט איז אַ ביסל צו אַ שוואַכער... דו פאַרשטייסט דאָך מסתם אַליין, אַז ביז איך וועל נישט וויסן, צוליב וואָס דו דאַרפסט זי, וועסטו זי נישט קענען זען —

— אודאי וויל איך אייך פריער דערציילן, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, ווי דען אַנדערש?

און יוסף, אַן אַנטשלאָסענער און אַ קאָנצענטרירטער אין זיך, האָט וואָרט און וואָרט איבערדערציילט פאַנאָמאַרענקאָן דאָס, וואָס ער

האָט שוין פריער אַ ביסל דערציילט זיך פרוי. דער נאַטשאַלניק האָט די גאַנצע צייט פון זיין רעדן נישט אויפגעהערט צו שרייבן עפּעס מיטן פינגער אויף דעם גלעזערנעם טאָוול, וואָס איז געלעגן פאַר אים...

ווען יוסף איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער זיך שטיל אָנגערופן:

— יאָ־אָ־אָ... אָט דאָס אַלץ האָב איך פריער אַ ביסל געהערט פון נאַטאַליען —

יוסף, אַן איבערראַשטער:

— זי האָט אייך שוין באַוויזן איבערצוגעבן?

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אַ בלייכן שמייכל געטון:

— „שוין באַוויזן"... וויפל דאַרף דאָס דען דויערן, דאָס „איבער־געבן"?

— איז וואָס זשע זאָגט איר מיר וועגן מיין ביטע?

— און דאָס מוז געמאַכט ווערן נ אָ ר אויף דעם אופן, ווי דו זאָגסט?

— נישט אַנדערש, טייערער... אַזאַ זאַך קען נישט געמאַכט ווערן אויף טאַנדייט... אָדער—אָדער...

— אָבער דו ווייסט, אַז דאָ שטעקט פאַר מיר אַ שטיקל ריזיקע? דאָרט ווו עס וויסן שוין פון דעם אַזוי פיל מענטשן, קען שוין קיינער נישט שווערן, אַז די דאָזיקע געשיכטע וועט אַ מאָל נישט אַרויפ־שווימען ווי בוימל אויפן וואַסער —

— א י ך קען יאָ שווערן! איך גאַראַנטיר אייך מיט מיין קאָפּ, אַז קיין בן־אדם וועט קיין מאָל דערפון נישט געוווּיר ווערן... די מענטשן וועלן זיין באַשווירן... אויך מיט אַ תקיעת־כף... און ביי לשון פּקוח־נפש קען מען יעדן גלייבן... אין יעדער פּאַרלאָשענער נשמה, גלייב איך שטאַרק, טליעט נאָך אַ קוילעכל...

— און דו ביסט פעסט אין דיין מיינונג, אַז דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט קען עפּעס ברענגען נוצן? אַז דאָס איז נישט קיין אומזיניקע

אַוואַנטורע? ענטפער נישט גלייך! צאַפּל נישט אַזוי! גיב פריער גוט־גוט אַ קלער, צי דו מיינסט טאַקע דאָס וואָס דו זאָגסט —

— חבר נאַטשאַלניק... סערגיי איוואַנאָוויטש... און איר וואָלט אויף מיר געגלייבט, אַז אַזאַ זאַך וועל איך טאָן ספּאָנטאַן? איך האָב דערפון געקלערט אַ גאַנצע נאַכט... איך האָב, גלייבט מיר, היינטיקע נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגעטון...

— דאָס גלייב איך דיר דווקא אויף אַלע הונדערט פּראָצענט... דאָס פאַרשפּאָרסטו מיר אפילו זאָגן...

— איך האַלט אָט דעם גורלדיקן שריט פאַר דעם איין און איינציקן שאַנס אויף זי כאָטש טיילווייז אַרויסצושלעפּן פון דעם יאָוש־אָפּגרונט, אין וועלכן זי טרינקט זיך...

און איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם, מיט אַ צער־פולער שטימע:

— זי, אָט די פּרימאַדאָנע אונדזערע, איז אין דער היים אויך געווען אַ שוואַכינקע... נאָר גאָרנישט — טאַטע־מאַמע פון איין זייט; ברידער און שוועסטער פון דער צווייטער זייט; מען האָט זי אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג... דאָס געפּעסטעטע מיזינקעלע... איז דאָס ווי ס'איז געגאַנגען אַ גאַנג... האָט זי, כביכול, געהייסן אַ מענטש מיט לייטן צו גלייך... אָבער דאָ: אַכט יאָר פאַר אַזאַ געלאַטעטן מענטשן... און די שווערע אַרבעט! און דער שווערער קלימאַט! און דאָס קדחת, מיט וואָס מען האָדעוועט זיי! און די שיינע געזעלשאַפט! און די צאַרטע באַציאונג צו דער לאַגערניצע און צום סוף נאָך אָט די פּעטע „פּריבאַווקע“ — פינף יאָר!

— יאָ, אַנטשולדיק וואָס איך שלאָג דיר איבער אין מיטן די רייד, דו האָסט זיך שוין ביי איר דערפרעגט, פאַר וואָס מען האָט זי אַזוי קייזערלעך באַשאָנקען... מיט גאַנצע פינף יאָר...

— ניין... איך האָב נאָך נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך צוצורירן צו אָט דער אָנגעווייטיקטער פראַגע —

— דו ביסט אַן אייזערנער מענטש, יאָסיף... צען יאָר קאָנצלאַגער האָבן דיינע נערוון נישט צערודערט —

— פאַר וואָס ווילט איר נישט פאַרשטיין, אַז אין איר איצטיקן צושטאַנד קען מען צו איר וועגן אַזעלכע זאַכן נישט רעדן... צו וואָס זאָל איך צעראַצן אַן אַלטע וווּנד? כדי אָפּצופרישן אַלע אירע ווייטיקן און פון אַלע קוואַלן און קווועלעכלעך זאָל פון דאָס ניי אַ פּלייץ טאָן דאָס בלוט מיטן אייטער? יאָ, ווו זשע האַלט איך? יאָ! איז, זאָג איך, אָט דער גאַנצער אַרסענאַל מיט פּייניקונגען האָבן זי איינגעבראָכן אין אַזאַ ערנסטער מאָס, אַז זי איז שוין מער „דאָרטן", ווי דאָ... זי האָט זיך שוין אַזוי איינגעלעבט מיטן געדאַנק, אַז זי געהער דעם מלאך־המות, אַז קיינע רייד, קיינע איבערצייגונגען וועלן שוין אויף איר נישט ווירקן. דאָ מוז מען מיט אַ ריזיקן האַמער דערלאַנגען אַ טויט־קלאַפּ אָט דער שעדלעכער פאַרגליווערטקייט און מיר דאַכט... — נייך, איך בין זיכער! איך גלייב אין דעם מיט אַלע כוחות פון מיין נשמה! — אַז אָט דער אַזוי־גערופענער: „אַ ריס און אַ וואָרף" וועט זי מיט גאָטס הילף אומקערן צום לעבן... דאָס וועט זי פּסיכאָלאָגיש צוגרייטן צו דער מעגלעכקייט, צו דער נויטווענדיקייט; דאָס וועט איר אומקערן דעם באַגער, דעם דראַנג געזונט צו ווערן... צוליב זיך אַליין און... און נישט נאָר צוליב זיך אַליין... האַ, איר זאָגט עפּעס?

— טאָטשקאַ! איך זאָג שוין מער גאָרנישט... נאָך מיטאָג וועל איך דיך אַריינפירן אין דער געהיימער אָפּטיילונג, ווו דו וועסט האָבן די מעגלעכקייט איבערצוקוקן די ליסטעס —

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך בין נישט אינטערעסירט אין די אַרכיוון, איך דאַרף זען די לעצטע ליסטעס... פון די וואָס געפינען זיך פאַקטיש אויף דער טעריטאָריע פונעם לאַגער...

— ווי דען אַנדערש? פאַר אַזאַ נאַר האַלטסטו מיך, אַז איך וועל דיר געבן ליסטעס פון מענטשן, וואָס זענען שוין לאַנג אַריך אין

קעסטל אַרײַן? אין דײַן קענען מחיה־מתים זײַן גלייב איך נאָך נישט... עפּעס איז שוין דער מח דײַנער אַזוי אויסגעשאַרפט, אַז אָפט מאָל רעדסטו ממש נישט צו דער זאַך...

— כ׳רעד פונעם וועג... איך ווייס.... און וואָס איז דער חידוש? מײַן טײַלוויזע אומנאָרמאַלקייט, איז גראָד גאַנץ נאָרמאַל... אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט, וואָלט שוין מסתם לאַנג געווען אָפּגעגעבן אין אַ משוגעים־הויז...

עס האָט זיך דערהערט אַ לײַכטער קלאַפּ אין דער טיר און אַ וועכטער האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

— דער ציווילער דאָקטאָר, וועלכער איז געקומען צו דער פרוי פּאָנאָמאַרענקאָ, פרעגט: ווען גאָרדאָן וועט פריי ווערן — האָט ראַ־פּאָרטירט דער זעלנער.

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אים אַ ווונק געטון, ער זאָל אַ ווײַלע אויס־וואַרטן פון יענער זײַט טיר. ווען דער זעלנער האָט הינטער זיך צוגע־מאַכט די טיר, ווענדעט ער זיך צו גאָרדאָנען:

— ער איז נאָך אין לאַגער? ער איז נאָך נישט אַוועקגעגאַנגען?

— ווען האָט ער שוין געהאַט אַוועקצוגיין? ווען ער איז אַרײַנ־געגאַנגען צום חולה בין איך אַוועק צו אײַך —

— קומט אויס, אַז דו ווייסט נאָך גאָרנישט, וואָס ער זאָגט אויף איר?

יוסף, אַ בלאַסער ווי די וואַנט:

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

דער נאַטשאַלניק, מיט אַ פאַרצווייפלטער מינע:

— הייסט עס, אַלץ וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט איז הוילע שטותים, דער עיקר ליגט נאָך ביים דאָקטער אויף דער צונג, האַ?

יוסף האָט מיט אַ פאַרדומפּן קול אַרויסגעברומט:

— וואָס ער זאָל נישט זאָגן, וועט דאָס נישט בייטן מײַן באַ־שלוס —

פּאַנאָמאַרענקאָ האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַ דריק געטון אַ קנאָפּקע אונטערן טיש. דער זעלנער האָט זיך מאָמענטאַל צוריק באַוויזן אויף דער שוועל.

— בעט אַריין דעם דאָקטער אַהער צו און אַליין קענט איר גיין אויף דער קאָנטראָלקע. אַז איך וועל אייך דאַרפן וועל איך אייך רופן —

דער נאַטשאַלניק האָט דעם דאָקטער דערלאַנגט די האַנט און אים אָנגעוויזן אויף אַ בענקל. גאָרדאָן איז געשטאַנעןביים טיש אַ בלאַסער און אַ דערשלאָגענער, ווי אַ שווער־פאַרזינדיקטער פאַר דעם אויסהערן דעם אורטייל פון די שופטים. און אַז דער דאָקטער האָט זיך נישט געאיילט אַליין עפּעס צו זאָגן, האָט יוסף קוים אַרויס־געבראַכט איין און איינציקן קלאַנג:

— נו?

— נו־נו...

— איך פרעג: ווי אַזוי איז דער מצב פונעם חולה? איר זענט דער ערשטער ספּעציאַליסט וואָס האָט זי געזען —

— ווי אַזוי זאָל ער זיין? דער חולה איז אַ חולה... הלואי איז זי אין אַזאַ מאָס געזונט, ווי זי איז נישט געזונט...

דער נאַטשאַלניק האָט זיך אַריינגעמישט אין שמועס:

— זי איז זייער אַן ערנסטער חולה?

— מען קען זאָגן אָן איבערטרייבונג: אַ שווערער חולה! דער צושטאַנד — זייער אַ קריטישער און זייער אַן ערנסטער! אָבער נישט קיין האָפענונגסלאָזער... איר פולשטענדיקע רעזיגנאַציע פון אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער לעבעדיקער וועלט, ווירקט זיך זייער שלעכט אויס אויף איר געזונט־צושטאַנד... ס'איז אין איר נישט געבליבן די מינדסטע לוסט צום לעבן און דאָס איז פאַר איר שעדלעכער פון שעדלעך, דאָס הרגעט אַוועק דעם חולה פונקט אַזוי גוט, ווי פוילע לונגען, אָדער מיניגגיט —

דער נאַטשאַלניק מיט יוספן האָבן זיך שווייגנדיק באַגעגנט מיט די בליקן...

דער נאַטשאַלניק האָט ווייטער געפּרעגט:

— איר גלייבט, אַז איר וועט זי קענען היילן?

נעמיראָווסקיס פּנים האָט זיך שמערצלעך אַ רונצל געטון:

— וואָס זאָל איך אייך ענטפערן, חבר נאַטשאַלניק? מיט אַנדערע ווערטער פרעגט איר, צי איך וועל זיך אונטערנעמען זי היילן; צוריק מאַכן פון איר אַ מענטשן מיט אַלע צו גלייך? איך ווייס, צי איך וועל קענען? גלייבט מיר, אַז איך ווייס אַליין אויך נישט... ס׳איז פּונקט ווי איר זאָלט פרעגן אַ ראָטנע קאָמאַנדיר, צי ער וועט קענען קאָמאַנדעווען מיט אַ דיוויזיע... וואָס קען ער וויסן? אפשר יאָ און אפשר נישט... אַלנפאַלס — ס׳איז אַ שווערע, זייער אַ שווערע אויפ־גאַבע... בדרך כלל האָב איך פיינט זיך צו פּוצן אין פרעמדע פעדערן און זיך זעצן אין אַ פרעמדן שליטן... דאָס איז נישט מיין טבע, פון אייביק אָן... וואָס איך פאַרמאָג, דאָס פאַרקויף איך. דאָס וואָס איז נישט אין מיין רשות, זאָג איך גלייך יעדן איינעם: בלעדי! קעגן וואָס זאָג איך עס אייך? כ׳בין זיך מודה ומתוודה, אַז טאַניאַ אַבראַמאָווּנאַ איז נישט מיין סוג חולה און איך בין נישט איר סוג דאָקטער. ס׳איז נישט ד י מאַרקע און נישט ד ע ר קאַליבער... דאָ וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ גרויסן ספּעציאַליסט, אַ דאָקטער אַ בעל־שיעור־קומה, וואָס גיט זיך אָפּ פון אייביק אָן ספּעציעל מיט האַרץ־קראַנקהייטן:

— איז דען אין קאַראַגאַנדאַ פאַראַן אַזעלכער?

— ווו איז דאָ פאַראַן? קדחת אין אַ גרויסער שיסל איז דאָ פאַראַן! דאָ אין שטאָט בין איך, בכבודי ובעצמי, כמעט דער גאַנצער פלאָקנשיסער —

אין קאַבינעט איז געבליבן הענגען אַ שווערע פּאַוזע. נעמי־ראָווסקי האָט ווייטער געלאָסן גערעדט:

— עטלעכע רפואות פון ערשטער הילף האָב איך געהאַט ביי זיך, האָב איך זיי איר איבערגעלאָזט... כ׳האָב אָנגעזאָגט דער קראַנקנ־שוועסטער: ווי אַזוי, וואָס און ווען... אייער פרוי, נאַטשאַלניק, איז דאָרט אויך געווען, האָט זי אויך געהערט... ס׳איז אפילו אַ חידוש, וואָס דער לאַגערנע דאָקטער האָט זיך שוין פון איר מיאש געווען... דאָס, האַלט איך, איז אַ קרימינעלער פאַרברעכן... דאָס מוז זיין אַ דאָרפיש גויעצל, אַן אייזל מיט לאַנגע אויערן... זי איז נאָך ווייט נישט לאחר יאוש... אָבער זי צוריקשטעלן אויף די פיס — אויב דאָס איז נאָך בכלל מעגלעך — איז נישט פאַר מיינע כוחות פונקט אַזוי גוט ווי נישט פאַר זיינע...

דער נאַטשאַלניק האָט שטיל אַריינגעשטעלט אַ וואָרט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מיט דעם אויפוועקן דעם געפרעגטן:

— וואָס זשע איז די עצה? איר זאָגט דאָך אַליין, אַז נאָך נישט אַלץ איז פאַרלוירן —

— איך ווייס, וואָס איז די עצה? איך ווייס גלייך מיט אייך... איך, פון מיין זייט, וואָלט געקענט האָבן דעם רעגולערן אויפזיכט איבער איר: זי באַזוכן אַלע טאָג, פירן דעם זשורנאַל, רעגולירן די באַנוצונג פון די הייל־מיטלען, קורץ גערעדט — די אויספירנדיקע טייל, אויספילן די פונקציעס פון אַ פאַלאַטנע דאָקטער, אָבער דאָס וואָגיקע וואָרט פון אַ פוסק אחרון מוז דאָ האָבן אַ צווייטער... אַ מייסטער פון אַ פיל גרעסערן קאַליבער, ווי איך בין...

ווידער איז אין קאַבינעט אַנטשטאַנען אַן אומהיימלעכע שטיל־קייט. אויף איין הרף־עין האָבן נעמיראָווסקיס אויגן אויפגעבליצט, אויסטערליש אַ שיין געטון, אָבער גלייך זענען זיי צוריק אויסגע־לאָשן געוואָרן, ווי דאָס איינזאַמע אויג פון אַן עלנטן מאַיאַק אויף די אומענדלעכע מרחבים פונעם בייזן אָקעאַן; ווי אַ העל־באַלויכ־טענער קוריער־צוג, וואָס טראָגט זיך דורך דורך דער וויסטע ווי אַ שטורעמווינט, ווי אַ מעטעאָר און פאַרשווינדט פונעם אויג ווי אַ דמיון, ווי אַ חלום.

פּאַנאָמאַרענקאָ, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם דאָקטער, האָט טרוקן אַ פרעג געטון:

— איר האָט עפּעס געוואָלט זאָגן?

— ווייס איך... ניין! כ׳האָב גאָרנישט נישט געוואָלט זאָגן —

— אָבער פאָרט —

— ווייס איך, נאַרישקייטן... איך זאָג: ווען זי וואָלט נאָך נישט געווען קיין לאַגערניצע, מאָסטעט מען זי אפשר איין אין אַ שלאָפ־וואַגאָן און מען פירט זי ערגעץ, אָבער אַז דאָס אויך נישט —

— וווהין זשע וואָלט מען זי געקענט פירן, אינטערעסאַנט צו וויסן?

נעמיראָווסקי, כמעט מיט גאַל:

— צו וואָס איז די רייד? איר וועט דען דערלויבן זי אַרויספירן פון יענער זייט טויער?

— דאָס וועל איך נישט טון, ווייל איך האָב נישט קיין רעכט דערויף, אָבער עס שטערט נישט צו וויסן: וווהין, לויט אייער מיי־נונג, וואָלט מען געקענט פירן אַזאַ מסוכנ׳עם חולה...

— איך בין נישט זיכער, אַז מען וואָלט געקענט, איך זאָג: א פ ש ר וואָלט מען געקענט —

— וווהין זשע?

— נישט זייער ווייט פון דאַנען —

גאָרדאָן, מן הצד:

— צו לינעצקין, ווילט איר זאָגן?

נעמיראָווסקי איז אַזש אויפגעשפּרונגען פון זיין בענקל:

— יאָ, צו לינעצקין! פון וואַנען ווייסט דו — לינעצקי?

גאָרדאָן, מיט אַן אומגליקלעך שמייכעלע:

— פון וואַנען קען איך וויסן? טאַקע פון אייך... איר אַליין האָט מיר דערציילט וועגן אים...

— האַ! געדעכט. טאַקע איך האָב דערציילט —

פאַנאַמאַרענקאָ, שטיל און געלאַסן:

— איז וואָס זשע איז ער, אָט דער לינעצקי?

דער דאָקטער, מיט אַ התלהבות פון אַ חסיד:

— איר פרעגט, וואָס לינעצקי איז? איר פרעגט בעסער, וואָס איז ער נ י ש ט, לינעצקי? יענער איז אַ גאון אויף אַלע געביטן פון דער מעדיצין און באַזונדערס, באַזונדערס איז ער אומפאַרגלייכלעך אויף האַרץ־קראַנקהייטן... דאָס איז זיין „פערדל" מקדמת דנא, נאָך פון די אוניווערסיטעטסקע יאָרן... אָבער צו וואָס איז די רייד? סתם אַבי רעדן אין דער וועלט אַריין?

פאַנאַמאַרענקאָ, פויל און שלעפעריקלעך:

— פון ווען אָן קענט איר זיך מיט אים, מיט אָט דעם לינעצקין?

— אונדזער קענטשאַפט איז נישט געשלאָסן געוואָרן אין אָפּע־רע־טעאַטער צווישן איין אַקט און צווייטן און נישט אויף קיין פערד־געיעג, — צוריק מיט פיל יאָרן בין איך מיט אים צוזאַמען געזעסן אַ היפּש שטיקל צייט —

פאַנאַמאַרענקאָ האָט אויף אים שאַרף אַ קוק געטון:

— אַזוי גאָר? צוזאַמען געזעסן? געווען פאַרמישט אין איין דיעלאָ?

— מיר זיינען ביידע געזעסן פאַר דעם זעלבן חטא, אָבער נישט פון איין דיעלאָ... ווען איך בין ערשט געהאַט אָנגעקומען אין לאַגער אַריין, האָט ער נאָך אין גאַנצן געהאַט עטלעכע יאָר צו דערזיצן זיין טערמין... איך האָב דאַמאָלסט די גאַנצע צייט געאַרבעט אַלס זיין ערשטער אַסיסטענט... דער פאַראַנטוואָרטלעכער מיטהעלפער...

— ווּ איז דאָס געווען?

— טאַקע אין דעם זעלבן לאַגער, ווּ מיר געפינען זיך איצט...

— אַזוי? און וואָס איז געווען אייער חטא?

— אַ חשד אין ציוניזם.

— אין וואָס אַ חשד ?

— אין ציוניזם, זאָג איך... איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס ?

— איך קען זיך עפּעס נישט דערמאָנען, אַז איך זאָל אַ מאָל ערגעץ־ווו האָבן געהערט אַזאַ וואָרט —

יוסף מיט נעמיראָווסקין קוקן זיך איבער פילדייטיק און נעמי־ראָווסקי רופט זיך אָן :

— אויב איר זענט ערשט נישט לאַנג אין די רייען פון „גולאַג,* איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס „ציוניזם"... ווען אָט די „עפּידעמיע" איז אַרומגעגאַנגען אין לאַנד „מיט פייער און שווערד" און אָנגעמאַכט חורבונות אויף דער יידישער גאַס, האָט איר זיך נאָך מסתם געשפּילט מיט פּאַפּירענע שיפלעך...

— אָבער וואָס דאָס איז פאַר אַ מין חטא, מעגט איר דאָך זאָגן —

— ערשטנס, איז דאָס אַ בלבול, נישט קיין חטא... מיר רעדן דאָך אָפנהאַרציק ווי אייגענע מענטשן : דאָס איז אַ מין מרה־שחורה פון דער ראַטנמאַכט, אַ קרענקלעכע איינבילדונג, וואָס האָט הינטער זיך קיין שום באַזיס נישט, און דאָס יידישע פאָלק האָט פאַר אָט דער שוואַרץ־מאה׳דיקער איינרעדעניש באַצאָלט מיט צענער טויזנ־טער קעפּ... אַ באַרג מיט קעפּ... די בעסטע קעפּ... דער צוויט פון דער יוגנט... אָט דאָס איז ציוניזם —

— איר האָט מיר נאָך אָבער אַלץ נישט געזאָגט : ווי אַזוי ווערט קוואַליפיצירט דער דאָזיקער חטא ? וואָס איז דאָס אַזוינס ?

— ... און וואָס דאָס איז אַזוינס ? ווי אַזוי זאָל איך עס אייך זאָגן ? זיי, „דאָרטן", אין די הויכע פענצטער, האַלטן עס פאַר אַזאַ סאָרט נאַציאָנאַליזם אָדער טעריטאָריאַליזם, אָדער ווייסט זיי דער

* אַ ראשי־תיבות פון : די הויפּט־אָנפירונג מיט די פאַרשיקונגס־לאַגערן.

רוח פאַר וואָס נאָך דאָרטן... און דער אמתער אמת איז: יידן האָבן אַ מאָל געהאַט אַ לאַנד, אַן אייגענע ראָדינע... גיט פון צייט צו צייט אַ צי דאָס הערצל... ווילט זיך כאָטש דערמאָנען די אַמאָליקע היים, זינגען אַ לידעלע פון פאַרצייטן, ווי דאָס טוען ביי אונדז אַלע פעלקער: פון די רוסן ביז די טשוקטשן, איז דאָס ביי זיי אַ געפּער־לעכער חטא! פאַרשיקט מען פאַר אַזעלכע זאַכן אויף אייביקע יאָרן און מען איז עוקר מן השורש די גאַנצע משפחה, פיל פיל ערגער ווי די משפחה פון אַ בלוטיקן היטלעריסט! אָט דאָס איז ציוניזם! איצט וועט איר שוין וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס —

אַ היפּשע ווײַלע איז אין קאַבינעט געווען טויט־שטיל. דאַן האָט זיך פּאָנאָמאַרענקאָ אָנגערופן:

— ס׳איז שוין לאַנג, אַז איר מיט לינעצקין זענט דאָ אָפּגעקו־מען אייער שטראָף?

— אָ! שוין זייער לאַנג... ס׳איז שוין העכער צוויי צענדליק יאָר, זינט לינעצקי איז אַרויס פון דאַנען... היינט איז ער אַ באַרימטער מענטש... האָט באַקומען אַ מלוכה־אָרדען... איינעם און דעם צווייטן מיט אַן עפּנטלעכן דאַנק־בריוו פונעם „ציק"... *

— און ווי אַ שטייגער, ווען איר פאָרט זיך דורך צו אים און בעט אים, אין נאָמען פון אייער אַלטער פריינדשאַפט, אַז ער זאָל קומען אַהער זען די חברטע פייגנבוים?

יוסף, מיט פיבערנדיקע אויגן:

— וואָלט ער זיכער געקומען! וואָס טוט מען נישט פאַר אַ חבר פון דער „ניעוואָליע"? **

אָבער נעמיראָווסקי האָט אים אויפן אָרט „אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפעלע קאַלט וואַסער". ער האָט זיך אָנגערופן מיט אַ בייסיק מעפיס־טאָפעליש געלעכטערל:

---

* ראשי־תיבות פון: צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט. דער העכסטער מאַכט־אָרגאַן אין ראַטנפאַרבאַנד.

** די צייט ווען מען איז באַרויבט פון דער פרייהייט.

— מייַן טייערער שפּילפויגל, איך האָב מורא, אַז דו האָסט געמאַכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית... ע ר אַליין האָט לײַדער אויך עפּעס דאָ צו זאָגן —

און צו פּאַנאָמאַרענקאָן:

— חבר נאַטשאַלניק, אויב איר וועט אָנהייבן זיך צוהערן צו זײַנע פּזמונות, וועט איר ווייט פאַרפאָרן... לינעצקי וועט אים פאָרן הונדערטער קילאָמעטערס צו אַ חולה... געטראָפן דעם בעלן...

און מיט אַן אַליץ וואַקסנדיקן פאַרדראָס:

— ער קען לינעצקין, קען ער, און ווייסט, אַז ער וועט פאָרן... אַזאַ עגאָיסט ווי יענער איז, איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ! און אַזאַ געלט־גייציקער! און אַזאַ כבוד־ליבהאָבער! ווער שמועסט איצט, אַז מען שיקט נאָך אים סיי פון מאָסקווע, סיי פון לענינגראַד — וועט ער זיך אויפהייבן און פאָרן אַזאַ שטרעקע אַ קוק טון אויף אַ לאַגערניצע... און וואָס, מיינט איר, ווייסט מען שוין פון איין מאָל אַ קוק טון? גאָרנישט מיט גאָרנישט! אַ מענטש איז ווי אַ בוך: כדי צו באַקומען אַ מיינונג וועגן אים, מוז מען אַרײַנלייענען אין אים אַ היפּשן שטיק... איר מיינט, אַז פון איין בליק אויף אַזאַ חרובן חולה, ווי אָט די פייגנבוים איז, קען מען שוין שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז?

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון זײַן פּלאַץ, ער איז מיט דראָבנע טריטעלעך אַריבערגעגאַנגען אויף יענער זייט טיש, צוגעגאַנגען צו נעמיראָווסקין און אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל:

— הערט אויס, דאָקטאָר! גערעכט זענט איר, אָבער נישט אין גאַנצן... אויב צוגיין צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם שטרענג לאָגיש, וועט לינעצקי זיכער נישט וועלן פאָרן! און, ערנסט גערעדט, צו וואָס זאָל ער דאָס טון? דער מלכּה־שבֿא׳ס אוצרות וועט מען אים נישט געבן, — פון וואַנען וועט מען נעמען? אויף קיין גרויסן כּבֿוד,

דערפֿאַר וואָס ער האָט אויסגעהיילט אַ לאַגערניצע, קען ער אויך נישט אויסרעכענען; און קיין אָרדענס מיט קיין ציק׳עווסקע דאַנק־בריוו, וועט ער דאָס מאָל זיכער נישט באַקומען, און אויב אַזוי פֿרעגט זיך: צו וואָס זשע זאָל ער דאָס טאָן? דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן, אויב מיר גייען צו צום עניין אין גאַנצן ניכטער, רייַן פּסי־כאָלאָגיש, אָבער דאָרט, ווו גאָרדאָן שטעקט אין דער מיט, קען מען זיך שוין נישט אָנשפּאַרן אין גאַנצן בלויז אויף דער נאַקעטער לאָגיק... איר קוקט אים נאָר אָן, דעם פֿאַרשוין אונדזערן, ווי ער שטייט מיט פֿולע אויגן און קען נישט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט, אַז ער זאָל זיך נישט צעוויינען? דאַכט זיך אַ נעבעכל, אמת? און דאָך איז ער אַן אויסערגעוויינלעכער בר־מזל! מיט אַלעמען אַ בר־מזל! אין זיין גאָט גלייב איך דאָך נישט, — און אין מיין איי־גענעם אויך נישט צו פֿיל, — אָבער אַז יענער שיצט אים און העלפֿט אים אויף טריט און שריט — דאָס זע איך גוט! פֿון אָנהייב אָן אַזוי! ערשטנס: זיין אָנטרעפֿן אויף אַזאַ נאָכגיביקן נאַטשאַלניק, ווי איך בין; דאַן מיין אָנקומען אַרבעטן דווקא אין דעם לאַגער, ווו זיין כלה געפֿינט זיך; דאַן זיין טרעפֿן די כלה זיינע אַ לעבעדיקע... און אָט האָט איר זיין באַקענען זיך מיט אייך — ווען ער איז נישט אַזאַ בר־מזל, האָט ער דאָך געקענט „פּאַקן" אַ בעטל אין אַן אַנדער נאָרע, ווו איר האָט נ י ש ט קיין דריסת הרגל, און אַזוי אָרום אפֿילו אייער נאָמען קיין מאָל נישט הערן — און גראָד דאַרפֿט איר קענען אָט דעם באַרימטן לינעצקין... ווי איר זעט באַשיינפּערלעך, האָט ער נאָך צו זיין שלימזל געגנוג מזל, און עס קייטלט זיך ביי אָט דעם בחור איין נס אינעם צווייטן... איידער ער פּלאָנטערט זיך אַרויס פֿון איין נס, געשעט שוין מיט אים דער צווייטער און דער דריטער... טאָ לאָמיר שוין גלייבן, אַז לינעצקי וועט אייך אויך נישט אָפּזאָגן, ווען איר וועט אים דערציילן: אין וואָס און אין וועמען דאָ האַנדלט זיך... דערצו זאָגט איר דאָך, אַז ער איז אַ געוועזענער יידישער

פּאַטריאָט... איז אפשר, אויף אָט די יונגעליטס מזל, וועט זיך אין אים גראָד דערוועקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל... בכלל, אַ מענטש, ווי שטאַרק ער זאָל זיך נישט איבעראַנדערשן, בלייבט דאָך אין אים אויף שטענדיק אַ קערנדל פונעם אַלטן... מיט איין וואָרט, פאָלגט מיך און שפּאַרט זיך נישט איין... איר זענט דאָך, זע איך, גאָרדאָנס אַ פריינד, ראַטעוועט אים אָפּ זיין כלה, חוץ איר האָט ער קיינעם נישט... אין ערגעץ נישט...

גאָרדאָן איז געשטאַנען מיטן פּנים צום פענצטער און האָט מיט ביידע הענט זיך צוגעהאַלטן ביי דער ראַם, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז זי קען נאָך ערגעץ אַנטלויפן. דער דאָקטער אַליין איז אויך געזעסן, די אויגן באַגראָבן אין דער ערד. די לעצטע עטלעכע ווער־טער פון דעם נאַטשאַלניק האָבן אין אים אויפגערודערט אַ מחנה פאַרשלאָפענע פייגל; זיי האָבן פאַר אים מיט אַ מאָל אויפגעמישט אַלטע מגילות־איכה פון זיינע אייגענע ליידן... און דער נאַטשאַל־ניק, ווי ער זאָל דאָס אַלץ נישט באַמערקן: נישט גאָרדאָנס ציטערנ־דיקע אַקסלען, נישט דעם דאָקטערס פאַרדעכטיק־פינטלענדיקע אויגן, האָט ווייטער לאַנגזאַם און ווייך געצויגן זיינע רייד:

— טאָ פאָלגט זשע מיך, דאָקטאָר נעמיראָווסקי, און שפּאַרט זיך נישט איין... איך וועל גלייך באַפעלן מען זאָל אייך אויספּאַר־טיקן אַ קאָמאַנדיראָווקע אַהין, אין דער מטרופולין פון דעם לעגענ־דאַרן לינעצקין, און פאַר צוויי פערזאָן אויף צוריק... ווייל ס'איז ביי מיר קיין מינדסטער ספק נישט, אַז איר וועט אים ברענגען אַהער, פאַר די לאַנגע אויערן זיינע וועט איר אים ברענגען צו טאַסקען... איז דער טאָפּלטער פּראָפּוסק אויף צוריק, — דאָס איז נומער איינס. ווייטער: וויפל לינעצקי וועט נישט פאָדערן פאַר זיך טרחה, באַצאָל א י ך —

דער דאָקטער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין בענקל ווי אַן אָנ־געביסענער:

— אויף וואָס דאַרף איך איי ע ר געלט? וואָס איז, איך אַליין האָב קיין געלט נישט? איר מיינט, אַז איך בין אַן אָרעמאַן? איר אורטיילט לויט מיין הולך?

— איך אורטייל נישט גאָרנישט, אָבער אי ר זענט דאָך גאָר־דאָנעון אַ פרעמדער מענטש... פאַר וואָס זשע זאָלט איר אַרויסוואַרפן אייער שווער־פאַרהאָרעוועט געלט?

נעמיראָווּרקי, סאַרקאַסטיש:

— אי ך בין גאָרדאָנעון אַ פרעמדער מענטש... נו און איר — וואָס? אַן אייגענער ברודער?

פאַנאָמאַרענקאָ, שמייכלענדיק מיטן גאַנצן מויל:

— אויך אַ געשעפט: בין איך יאָ, בין איך נישט... אַן עק, זענט איר אויך! ווער זאָגט אייך דען, אַז איר זענט נישט? עמעצער וויל דען ביי אייך צורויבן דעם דאָזיקן זכות? אדרבא ואדרבא... בקיצור: שלאָגט מיר נישט איבער אין מיטן די רייד, איצט איז דער זייגער באַלד צוויי און אַזוי ווי אויף אַכט אין אָוונט מוזט איר דאָך דאָ ממילא ווידער זיין אויף צוריק —

— איך? אויף אַכט אַ זייגער? ווער האָט עס אייך געזאָגט?

— ווער, פרעגט איר? אַנו טרעפט אומיסטן — ווער עס האָט מיר געקענט זאָגן אַזאַ זאַך?

און ער האָט מיט איין אַקסל אָנגעוויזן אויף יוספן. יוסף האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ", ווי איינער רעדט:

— אָט אַ מאָדנער מענטש! אַז מען זאָגט דיר, אַז דו דאַרפסט דאָ זיין, זאָלסטו נישט זיין קיין סתם מקשן און נישט פרעגן קיין קלאָץ־קשיות: פאַר וואָס און פאַר ווען?

דעם דאָקטערס בליק האָט אָן ווערטער געשיפּעט:

— אוי, ברודערקע, ביסטו אַ שוויצער... אַ בונה בשמים עליותיו —

פּאָנאָמאַרענקאָ האָט אויסגענוצט די שטומע סצענע און איז ווידער געקומען צום וואָרט:

— ... איז אַזוי ווי ס'איז אייך בסך הכל געבליבן געציילטע שעה'ן ביזן אומקערן זיך אַהער צו, טוט איר אַזוי: קודם גייען מיר שוין אַלע אַריין צו מיר אָפּעסן מיטאָג; דאַן גייט איר אַריין צום סעקרעטאַר נאָך די פּראָפּוסקן, — דאָס מוז מען באַקומען אייגנ־הענטיק און זיך צעשרייבן אין אַ ספּעציעלן בוך — דערנאָך שיק איך אייך אָפּ מיט מיין אויטאָ אין שטאָט אַריין, דאָרט נעמט איר מיט אייער רענצעלע, וואָס איר דאַרפט מסתּם מיטנעמען אין וועג אַריין; איר קויפט דאָרט איך, אויב איר דאַרפט עפּעס, פאַר דער חברטע פּייגנבוים, דאַן קערט איר זיך אום אַהער. נעכטיקן, נעכ־טיקט איר ביי מיר — איר היילט דאָך עפּעס מיין ווייב, צי ניין? — און בראָך טאָג וועט אייך מיין שאָפער אָפּפירן אויפן וואָקזאַל, ווייל אַקוראַט ניין אין דער פרי האָט איר דעם צוג... דאָס גראָד ווייס איך פּינקטלעך, ווייל מיט דעם זעלבן צוג איז מיין פאַמיליע אָנגעקומען... נו, עס גייט אַזוי?

דער דאָקטער האָט זיך שטורמיש אַ ריס געטון פון זיין בענקל און אָנגעכאַפּט פּאָנאָמאַרענקאָן פאַר ביידע הענט:

— זאָגט מיר, פאַר וואָס זענט איר אַזאַ... אַזאַ... איי, גייט אייך —

יוסף איז אַרויסגעלאָפן פונעם צימער אָן אַ „זייט געזונט“ —

דער ראָמאַן „אַ שפּעטער באַגינען“ איז דער ערשטער פון אַ ציקל פון זעקס בענדער, וואָס קומען אַרויס אונטערן קעפּל:

**„שפּענדלעך פון א תיבה“**

ערשטער באַנד — אַ שפּעטער באַגינען

צווייטער באַנד — זאַנגען נאָכן שניט

דריטער באַנד — אַ גאָלדן שטייגל

פערטער באַנד — אַ „שיבה טובה“

פינפטער באַנד — פלעמעלעך אויפן האָריזאָנט

זעקסטער באַנד — אָפּגרונטן עפענען זיך